STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01459

MAYN TATNS NIGUN

Iser Tolush

Permanent preservation of this book was made possible
by Jon & Oksana Shiell
in honor of
Naomi Shiell

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



תלוש (איטר מוסעלעוויטש)

תלוש (איסר מוסעלעוויטש)

מײַן טאַטנס ניגון

ביכער פון תלוש (איסר מוסעלעוויטש)

דער ים רוישט, פאַרלאַג „קולטור״, ניו־יאָרק, 1921.

דער בונט, פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1936.

וואָגלעניש, פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, 1938

יידישע שרייבער, פאַרלאַג „דערנער״, מיאַמי ביטש, 1953.

דעם טאַטנס ניגון, פאַרלאַג „דער שפּיגל״, בוענאָס־איירעס, 1957.

תלוש (איסר מוסעלעוויטש)

מיין טאַטנס ניגון

(דערציילונגען און סקיצן)

*

פאַרלאַג „דער שפּיגל״
בוענאָס־איירעס, 1957

Copyright by
TALUSH (ISER MOUSSELEWITCH)
New York, 1957

טאַם וייא

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט
דער מיטהילף פון פיליפ דיימאָנד
און ליאַ און מערי טשערניאַק

Este libro terminó de imprimirse el 15 de Septiembre de 1957, en los Talleres Gráficos Zlotopioro Hnos., calle San Luis 3149. Buenos Aires

אינהאַלט:

דעם טאַטנס שטעקן — 7
די קליינע ליזאַ — 14
דעם דאָקטאָרס פרוי — 63
דוד און רבקה — 105
גאָטס באַשעפעניש — 138
אַ באַגעגעניש אין אַ לבנה־נאַכט — 144
דער בוים רוישט — 151
דער קוש — 157
באַנעץ — 164
דער יידישער פּאָעט — 174
דריי וועגן... — 180
צוויי ברידער — 188
מיין טאַטנס ניגון — 196
די גענעראַלשע — 202
די מוטער — 208
איזי — 213
„אליהו הנביא" — 220
צימער נומער צען — 227
דאָס מיידל מיטן הויקער — 235
פרילינג־צייט — 240
עס פאַלן שנייעלעך — 246
בענקשאַפט — 253
אין שלאָפלאָזע נעכט — 259
די צוויי פידל־שפּילער — 264
פרייד — 270
אַ רעגן — 275
אַ ווייב — 279
דער גאַסט — 285
אַ יאָרצייט — 290
אין אַ וואַלד אין ארץ־ישראל — 295

דעם טאַטנס שטעקן

1

דער קירזשנער בנימין מעקלער איז געווען אַ האַרציקער גוטער מענטש, אָבער אַ גרויסער כעסן. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע שטעטלדיקע ענינים. האָט עמעצער אומזיסט באַליידיקט אַן אָרעמאַן אָדער אַרויסגעריסן פּרנסה ביי אַ וויסטער אלמנה, פלעגט ער באַלד אויפלאַקערן ווי אַ פייער, וואַרפן די אַרבעט, אַ כאַפּ טון פון אַ ווינקל זיין פּראָסטן סוקעוואַטן שטעקן מיט דעם קרומען הענטל און זיך לאָזן לויפן זוכן גערעכטיקייט.

— וואַרט, וואַרט, ווו לויפסטו, משוגענער? — פלעגט אים אָפּשטעלן זיין פרוי. — נעמסט שוין ווידער זיך פאַרמעסטן מיט אַ נגיד? עס פעלט אונדז צרות...

נאָר מעקלער פלעגט זי נישט הערן; צוזאַמענדריקן שטאַרק דעם שטעקן אין פויסט און סטראַשען מיט אים אין דער לופטן.

— איך וועל זיי ווייזן די רוצחים! גאָר נישטאָ קיין רחמנות ביי ייִדן? וואָס! נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט?

דערביי האָט זיין הויכע דאַרע פיגור אויסגעזען נאָך העכער. פלעגט מיטאַמאָל ווי אויסוואַקסן. די שוואַרצע לעבעדיקע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פונקען, די דינע אָדערלעך אויף די שלייפן פלעגן זיך אָנגיסן מיט בלוט און זיין קליין גרוי ציגן־בערדל האָט עפּעס אַרויסגעשטאַרטשעט בייז און שפּיציק.

— וואָס? נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט?

אַליין איז ער געווען אַ גרויסער קבצן מיט אַ פולע שטוב קינדער. ער האָט פאַרמאָגט זיבן טעכטער און דריי זין. האָבן די עלטערע צוויי בחורים אים געהאָלפן אין דער אַרבעט און דער דריטער שמואל, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, איז געוואָרן אַן עקסטערן און אַליין זיך פאַרדינט זיין חיונה, געבנדיק שטונדן אין העברעיִש און רוסיש.

אַרבעט פלעגט מעקלער האָבן ווייניק. מען האָט זיך געשטיקט אין אַן ענגער

כאַטע מיט אַ שטרויענעם דאַך און קליינע פענצטער, וואָס האָבן אַריינגעלאָזט ווייניק לופט און זון.

אָבער פאַרנומען איז ער געווען שטענדיק. מען פלעגט אים שטענדיק זען ווי ער לויפט איבערן שטעטל מיטן שטעקן אין האַנט און האָט נישט קיין צייט. וואָס, ווייניק אלמנות און יתומים זענען פאַראַן ביי ייִדן, וועלכע דאַרפן אָנקומען נאָך צדקה און שטייען ביי פרעמדע טירן? מען דאַרף עפּעס טון. מען טאָר נישט שווייגן. און מעקלער דער קירזשנער קאָכט זיך און האָט נישט קיין רו.

איינמאָל אַ שבת צו־נאַכט נאָך הבדלה איז ער אַוועק אין בית־המדרש צו אַן אסיפה. דאָרט האָט מען עפּעס עמעצן אָפּגעזאָגט געבן אַ גמילות־חסד. ער האָט זיך אָנגעצונדן: מען וועט נישט העלפן אַ יורד אין אַ נויט? ער האָט שוין געהאַלטן זיין שטעקן אין דער הויך און מיט אים געסטראַשעט און געשאָטן פעך און שוועבל אויף די קעפּ פון אַ פּאָר ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט די דעה. ער וועט עס נישט דערלאָזן.

דערנאָך איז ער אַרויס פון בית־המדרש אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרקאָכטער. דער אָוונט איז געווען אַ קאַלטער, אַ ווינטיקער. ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אינדערפרי האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט אַ צעבראָכענער. דער גאַנ־צער קערפּער האָט אים וויי געטון. אויף מאָרגן האָט ער שוין נישט געקענט אויפ־שטיין. ער האָט געקראָגן לונגען־אָנצינדונג און אויפן פינפטן טאָג האָט ער דערפילט, אַז זיין סוף איז נאָענט.

ער איז געלעגן אין אַ קליינינקן חדר, אין אַן אַלטן הילצערנעם בעט, איינ־געדעקט מיט פאַרביקע וואַטאָווע קאָלדרעס, און נאָר זיין קאָפּ מיט דעם שפּיציקן בערדל האָט זיך אַרויסגעזען פון קישן, זיין פּנים איז געווען בלאַס באַלויכטן פון אַ בלעכענעם קעראָסין־לעמפּל, וואָס האָט געברענט אין אַ ווינקל אויפן קאָ־מאָד. זיין ווייב איז געשטאַנען נעבן אים אַ פאַרוויינטע און אַלע ווײַלע זיך איינבייגנדיק איבער אים, געפרעגט צי ער וויל עפּעס. אין צווייטן צימערל האָבן זיך געפּונען די קינדער, נאָענטע קרובים און אַ פּאָר ווייבער מיט ייִדן, וואָס זענען אים געקומען מבקר־חולה זיין.

דער דאָקטאָר איז נאָר־וואָס אַרויס פון כאַטע אָבער נישט געגעבן קיינע האָפענונגען.

די פרוי האָט זיך ווידער איינגעבויגן איבער אים.

— בנימין, ווילסטו אַביסל וואַרעמע מילך?

ער האָט אויף איר אַ ווײַלע געקוקט מיט זיינע שוין מוטנע, כמעט טויטע אויגן, און דערנאָך זייער שטיל אָבער דייטלעך אַרויסגערעדט:

— רוף אַריין די בחורים.

די מוטער האָט זיי אַרייַנגערופן.

די זין זענען צוגעקומען צום טאַטנס בעט מיט איינגעבויגענע קעפּ. אין טיר זענען געשטאַנען די מיידלעך און שטיל געוויינט.

— טאַטע, — האָט זיך איינגעבויגן דער יינגסטער שמואל איבער אים, — טאַטע, ווי פילסטו זיך?

דער קראַנקער האָט נישט געענטפערט.

— טאַטע, זאָג עפּעס, — האָט ווידערהאָלט דער זון, און אַלע זענען געשטאַנען און געוואַרט מיט געבויגענע קעפּ.

ביים טיר האָבן די מיידלעך שטיל געכליפּעט.

— מיין שטעקן... — האָט ענדלעך דער שטאַרבנדיקער קוים אַרויסגערעדט.

— פאַרשוועכט נישט מיין שטעקן.

די זין האָבן זיך אָנגעקוקט איינס־אַנדערע, פאַרשטאַנען, אַז ער רעדט פון היץ און זענען נישט אָפּגעטראָטן פון זיין טויטן־בעט.

2

נאָך מעקלער דעם קירזשנערס טויט איז זיין יינגסטער זון שמואל געוואָרן אַכצן יאָר און זיך געקליבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. ער האָט געירשנט זיין פאָטערס היציקן טעמפּעראַמענט, זיין כאַראַקטער, און פלעגט זיך אויך לייכט אָנצינדן און ווערן בייז פון יעדן אומרעכט, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו אים.

פאַרן אַוועקפאָרן פון דער היים האָט ער ערגעץ אין אַלקער פאַרוואָרפן אונטער אַ קופּע שמאַטעס צופעליק געפונען דעם סוקעוואַטן פראָסטן שטעקן מיט דעם קרומען הענטל. עפּעס האָט אים אַ ריס געטון ביים האַרצן. ער האָט זיך דערמאָנט דעם פאָטערס ווערטער פאַרן טויט, אַז מען זאָל נישט פאַרשוועכן זיין שטעקן און זיך פאַרטראַכט. ערשט איצט זענען אים דעם טאַטנס ווערטער מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן. פון היינט אָן וועט ער דעם שטעקן טראָגן מיט זיך זיין גאַנצן לעבן, ווו ער זאָל נישט זיין. ער וועט, פונקט ווי זיין טאַטע, פאַרטיידיקן מיט אים אָרעמע און שוואַכע, און זוכן גערעכטיקייט פאַר אונטערדריקטע.

שמואל איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים און זיך באַזעצט אין אַ גרויסער שטאָט. ער איז אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און איז געוואָרן אַ הייסער קעמפער. אַלע האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין איבערגעגעבנ־קייט און ערלעכן כאַראַקטער. מיטן שטעקן אין האַנט האָט מען אים געזען אויף

אַלע געהיימע פאַרזאַמלונגען, אין וועלדל און קעלערס פון אָרעמע גאַסן, אויף דעמאָנסטראַציעס און באַריקאַדעס; אַפילו אויף בעלער. האַלטנדיק רעוואָלוציאָנערע רעדעס אין די פאַבריקן פאַר הונדערטער אַרבעטער, פלעגט ער אַלע ווײַלע אויפהויבן דעם שטעקן אין דער הויך און סטראַשען מיט אים די קאַפּיטאַליסטן און שרײַען, עס איז נאָענט דער סוף פון אַלע בלוטזויגערס, און אמת און יושר וועלן באַלד הערשן אויף דער וועלט. ער פלעגט איבערחזרן זײַן טאַטנס רייד נאָר מיט אַן אַנדער נוסח. ענדלעך האָט מען אים אַרעסטירט, אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר וואָכן פאַרשפּאַרט און אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד. אַן מיטלען, נאָר מיטן טאַטנס שטעקן אין האַנט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן. ער האָט געלעבט אין דײַטשלאַנד, אין דער שווייץ, אין פראַנקרײַך, און אומעטום האָט מען אין די פּאָליטישע עמיגראַנטן־קאָלאָניעס אים גוט געקענט פאַר זײַן היציקן כאַראַקטער און אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט. דעם שטעקן האָבן געזען אַלע באַוווסטע רעוואָלוציאָנערן: אַ סך אָרעמע און קראַנקע עמיגראַנטן, פאַר וועמען ער פלעגט קריגן געלט און קליידער פון די רײַכע חברים. האָט ער נאָר זיך דערוווּסט, אַז עמיצער לײַדט שטאַרק פון נויט, האָט ער שוין מיטן שטעקן אָנגעקלאַפּט אין יענעמס טיר און געבראַכט הילף.

אַזוי האָט ער זיך אַרומגעטראָגן איבער די פּאָליטישע עמיגראַנטן־קאָלאָניעס און איז צום סוף פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אַמעריקע.

3

אין ניו־יאָרק האָט שמואל קיינעם נישט געהאַט אַ חוץ איין אָרעמען לאַנדסמאַן, עפּעס אַ פּאָר חברים פון אויסלאַנד, יונגע דאָקטוירים, וואָס האָבן אים גאַנץ קאַלט באַגעגנט און אַפילו נישט געפרעגט צי האָט ער ווו צו זײַן.

ער איז אַרויס פון זיי אַ בייזער און נערוועז געקלאַפּט מיטן שטעקן איבערן אַספאַלט פון די טראָטואַרן און גערעדט צו זיך:

— ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן זיי אַליין געהונגערט און איצט ווילן זיי שוין נישט וויסן פון אַ חבר, וואָס איז אין נויט. נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט.

אים איז געגאַנגען זייער שלעכט. ער איז געווען געצוווּנגען צו גיין זיך פאַרקויפן צו אַלערליי שעפער פאַר אַ ביליקן פרייז און צו אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג און אַמאָל נאָך מער. נאָר לאַנג פלעגט ער זיך נישט האַלטן אין אַ פּלאַץ.

דעם טאַטנס שטעקן האָט געשטערט, ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן קיין עוולות פֿון די באַלעבאַטים און אויפֿפּאַסער און מען פֿלעגט שמואלן אָנטזאָגן, און ער איז געווען געצווונגען אַלץ ווידער און ווידער זוכן נייע אַרבעט און אַזוי האָט ער זיך אָפּגעפּלאָגט עטלעכע יאָר, ביז זיין לאַגע האָט זיך פּלוצלינג געביטן צום גוטן.

ער האָט זיך באַקאַנט מיט נישט קיין יונג, אינטעליגענט מיידל און זיך פֿאַרליבט אין איר. זיי האָבן חתונה געהאַט. זיין פֿרוי האָט געהאַט רייכע ברידער, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אַ פּאָר שעפּער, וווּ מען פֿלעגט מאַכן שניפּסן און הענטשקעס. איינער פֿון אירע ברידער האָט אים אַריינגענומען אין זיינעם אַ שאַפּ פֿאַר אַן אָנגעשטעלטן. שמואל האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט און איז געוואָרן פֿעיִק צום געשעפֿט. ער האָט אָבער דאָך געהאַט אָפֿטע צוזאַמענשטויסן מיט זיין שוואָגער וועגן דעם, ווי מען דאַרף פֿירן ערלעך אַ ביזנעס און נישט עקספּלואַטירן די אָנגעשטעלטע. אָבער דאָס האָט זיך געצויגן נישט לאַנג. דאָס געשעפֿט האָט געפֿאָדערט מען זאָל אָפּנאַרן, זאָגן ליגנס און זען, אַז די אַרבעטער זאָלן פּראָדוצירן וואָס מער. פּאַמעלעך און ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוווינט צו דעם, און דער שוואָגער האָט אים ענדלעך אַריינגענומען פֿאַר אַ שותּף צום שאַפּ.

איצט האָט ער גענומען פֿאַרדינען גוט. ער האָט שוין געהאַט אַ פּאָר קינדער און געלעבט באַקוועם. נאָר זיין טאַטנס שטעקן האָט ער נאָך אַלץ תּמיד אַרומגעטראָגן מיט זיך. אמת, זיין פֿרוי איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל דעם שטעקן כאַטש אָפּפֿאַרבן און צומאַכן צו אים אַ זילבערנע הענטל. עס איז דאָך אַ חרפּה, אַז אַ ביזנעסמאַן זאָל זיך אַרומטראָגן מיט אַזאַ פּראָסטן סוקעוואַטן שטעקן. דאָ איז דאָך נישט רוסלאַנד און ער איז נישט קיין אָרעמער קירזשנער פֿון אַ קליין שטעטל. קיין זילבערנע הענטל האָט מעקלער צום שטעקן נישט צוגעמאַכט, אָבער ער האָט אים אָפּגעפֿאַרבט אויף ברוין און אָפּגעפּאָלירט, אַז ער האָט געבלישטשעט ווי אַ נייער.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז שמואל זיך צעגאַנגען מיט זיין שוואָגער און געעפֿנט אַן אייגענעם שאַפּ. אים איז געגאַנגען גוט. ביי אים האָבן געאַרבעט אַ דרייסיק מענטשן. ער האָט זיי עקספּלואַטירט ווי אַ סך אַנדערע באַלעבאַטים טוען עס, און פֿאַרגעסן אָן יושר און גערעכטיקייט. ער האָט אָנגעשטעלט אויפֿפּאַסער און די אַרבעטער האָבן זיך געפּלאָגט ביי אים.

איינמאָל, אינמיטן ברען פֿון סעזאָן, איז שמואל אינדערפֿרי צוגעקומען צום שאַפּ און זיך שטאַרק פֿאַרוווּנדערט, וואָס עס הערט זיך נישט קיין רויש און

קלאַפּעריי פון די מאַשינען ווי תמיד אין דער צייט. עס איז שוין געווען האַלב נאָך אַכט.

וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער אַ טראַכט געטון און איז אַריין אין שאַפּ.

אַנטקעגן איז אים געקומען דער אויפפּאַסער מיט אַן אויפגערעגטן פּנים און געזאָגט:

—אַ שטרייק. די אַרבעטער זענען אַרויס אין שטרייק.

— וועלכע אַרבעטער זענען אַרויס אין שטרייק? — האָט ער געפרעגט אַ ביסל צעטומלט, איז אַריין צו זיך אין אָפיס און אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן אין אַ ווינקל.

דער פאַכמאַן איז נאָכגעגאַנגען:

— אונדזערע אַרבעטער. זיי פאָדערן אַ הוספה און בעסערע באַדינגונגען.

— איצט אין סאַמע ברען פון סעזאָן. זיי וועלן דאָך מיך אומגליקלעך מאַכן. רוף זיי אַריין אין אָפיס, — האָט ער זיך אָנגעצונדן און גענומען נערוועז בייסן די נעגל פון די הענט. — איצט אַ שטרייק.

דער אויפפּאַסער איז אַרויס און אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך דערהערט אַ סך שטימען פון אַ צוואַנציק אַרבעטער, פרויען און מענער, וועלכע האָבן זיך אַריינגעשטופּט אין אָפיס. איינער פון זיי אַ הויכער מיט שוואַרצע בליאַסקענדיקע אויגן איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס. זיין קול איז געווען פול מיט פייער.

— אַ הוספה ווילן מיר, מענטשלעכע באַדינגונגען, מיר מאַכן נישט קיין לעבן פאַר אונדזערע פאַמיליעס. מיר וועלן נישט צוריקגיין צו דער אַרבעט!

הינטער אים האָבן געטומלט די איבעריקע:

— מיר וועלן נישט גיין צו דער אַרבעט.

שמואל האָט זיי בייז אָנגעקוקט און גענומען שרייען:

— וואָס? איר וועט נישט גיין צו דער אַרבעט? איצט אין סאַמע ברען פון סעזאָן? איר ווילט מיך אומגליקלעך מאַכן? זעצט זיך גלייך צו די מאַשינען. אַז נישט וועט איר אַלע מוזן אַוועקגיין און איך וועל קריגן אַנדערע נאָך ביליקער פון אייך, גלייך צו די מאַשינען!

— ניין, מיר וועלן זיך נישט שטעלן צו דער אַרבעט, — האָט זיך גענומען טרייסלען פון כעס דער דאַרער הויכער אַרבעטער און זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פונקען. — מיר זענען נישט קיין פאַרקויפטע שקלאַפן. גענוג געזויגן אונדזער בלוט, עקספּלואַטאַטאָר!

— אַרויס פון דאַנען! — האָט אַ געשריי געטון שמואל און געמאַכט אַ טריט צו אים.

נאָר פלוצלינג האָט ער באַמערקט ווי דער הויכער אַרבעטער האָט אַ כאַפּ געטון זיין טאַטנס שטעקן, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל, אים אויפגעהויבן אין דער הויך און זיך פאַרמאָסטן קעגן אים, שרייענדיק:

— איר וועט מיך אַרויסטרייבן, און ווו איז יושר?! וואָס מיינט איר, עס איז שוין נישטאָ קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט? מיר פאָדערן אַ הוספה!

שמואל האָט פלוצלינג פאַר זיך דערזען זיין טאַטן, דערזען ווי זיין טאַטע פאַכעט מיטן שטעקן אין דער לופטן, דערהערט זיין טאַטנס קול ווי ער מאָנט יושר און גערעכטיקייט. די ענלעכקייט פון הויכן דאַרן אַרבעטער אויף זיין טאַטן, וואָס ער האָט פריִער קיינמאָל נישט באַמערקט, האָט אים געפּלעפּט, זיין כעס איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. אַ בלייכער, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, האָט ער קוים אַרויסגערעדט:

— גייט... זעצט זיך צו דער אַרבעט... איר וועט קריגן אַ הוספה און בעסערע באַדינגונגען...

דער הויכער דאַרער אַרבעטער האָט אַוועקגעלייגט דעם שטעקן אויפן טיש, זיך אויסגעדרייט צו די אַרבעטער:

— קומט... קומט אַלע אַרבעטן!...

אַלע זענען אַריין אין שאַפּ צופרידענע, גליקלעכע פון זייער זיג, זיך געזעצט צו די מאַשינען. שמואל איז מיט וואַקלדיקע טריט צוגעגאַנגען צום שטול און אַריינגעפאַלן אין אים. עס האָט זיך דערהערט דאָס הוזשען און קלאַפּערייַ פון די מאַשינען, און דאָס פריילעכע געזאַנג פון די אַרבעטער, אָבער שמואל האָט אין טומל דייטלעך געהערט זיין טאַטנס קול:

— קינדער ,מיין שטעקן... פאַרשוועכט נישט דעם טאַטנס שטעקן!...

די קליינע ליזאַ

ווען ליזאַ איז נאָך אַ קליין מיידעלע געווען האָט זי שוין אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע נייגונג צו אַלערליי בונטע קאָלירן, וואָס זי פלעגט באַמערקן אַפילו אין מיסט און אין בלאָטעס. אין איר קינדערשער פאַנטאַזיע איז די לבנה געשלאָפן אויף בלויע וואָלקנס און די זון אויף גאָלדענע. אויף די שוימיקע כוואַליעס פון ים זענען געשוווּמען ווייסע קעצעלעך. ביימער האָבן געהאַט אַ סך אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס האָבן ליב זיך צו שלאָגן מיט ווינטן. גאָט איז אַרומגעגאַנגען איבער דער ערד און געשפּייזט הונגעריקע און הילפלאָזע קינדערלעך. אויף אַלץ האָט די קליינע ליזאַ געהאַט אַ פאַרביק וואָרט. נאָר איר גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען, זיך צו שפּילן מיט נאַסע ליים און האַלטן אין איין אויספורעמען מאָדנע און טשיקאַווע פּנימער. אָבער אַזוי ווי אירע חברטעס און חברים פלעגן פּרובירן טון דאָס זעלבע, האָט קיינער פון די אַרומיקע גאָר נישט באַמערקט אין איר פורעמען און מען האָט נאָך אויף איר געשריען, דאָס זי פאַרפּאַטשקעט די גאַנצע שטוב און גנבעט ליים ביים שכן, דעם טעפּער. אָבער „דער קליינער טייוול״, ווי איר מוטער פלעגט איר רופן, האָט קיינעם נישט געהערט און געשאַפן אירע וווּנדערלעכע מענטשעלעך, וועלכע זענען פאַר איר געווען ווי לעבעדיקע באַשע־פעניש, וואָס קענעןריידן, זינגען, וויינען און לאַכן...

אין דער סקול האָט זי זיך געלערנט שלעכט און דער לערער, וועלכן זי האָט פיינט געהאַט און פלעגט אָפט מאַכן קאַריקאַטורן פון זיין ברייטן, נאַרישן פּנים, האָט איר נאָכאַנאַנד באַשטראָפט. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן אירע געלונ־גענע קלוגע ענטפערס און די פריילעכע, רייצנדיקע איינפאַלן, וואָס פלעגן מאַכן הילכיק צום לאַכן דעם גאַנצן קלאַס קינדער, ווו זי האָט זיך געפונען. אָבער־דערפאַר פלעגט אַן אַנדער לערער איר שטאַרק ליבן פאַר די קאָלירטע צייכע־נונגען וואָס זי פלעגט מאַכן. זי האָט מיט אַ סך געשמאַק קאָמבינירט די פאָרמען און מיט חשק געמאָלן פאַרשידענע וואַזעס מיט בלומען, ליימענע טעפּ מיט בלוי־אינקע „פאַרגעס מיך נישט״ און באַלעט־טענצערינס אין פאַנטאַסטישע קאָסטיומען,

וואָס האָבן ווי געשוועבט אין דער לופטן. יעדער שטריך מיטן בלייפעדער האָט ביי איר עפּעס אויסגעדריקט און געלעבט.

די קליינע הייזקע ווו איר מוטער האָט געוווינט, האָט זיך געפונען היגטער ניו־יאָרק, אין אַ שטילן געגענט, נישט ווייט פון ים. די מוטער איז געווען אַ בייטאָרין און פלעגט אָפּט פאָרן אין שטאָט אָפּגעבן און נעמען אַרבעט. אַמאָל פלעגט מיט איר מיטפאָרן די קליינע ליזאַ און די מוטער האָט איר געמוזט פירן איבער בראָדוויי און דער פינפטער עוועניו. דאָס מיידעלע האָט דערנאָך נאָך געחלומט וועגן דעם וואָס זי האָט געזען. די הויכע, שיינע געביידעס האָבן געשוועבט פאַר אירע אויגן. זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן די פנימער פון די אויסגעפּוצטע מענער און פרויען, וועלכע זי האָט געזען אויף די טומלדיקע עוועניוס. די וועלט וואָס זי האָט דאָרט געזען איז געווען אַ גליקלעכע, אַ פאַר־ביקע און אַלערליי אומרויִקע געדאַנקען פלעגן אַרויפשווימען אין איר קינדערשן מוחל: פאַרוואָס אַרבעט איר מוטער אַזוי שווער און פאַרוואָס האָט זי נישט קיין געלט צו קויפן בויטיקע זאַכן און געננוג שפּייז? און פאַרוואָס מוזן זיי וווינען אין אַן אַלטער הייזקע און אַזוי ווייט פון ניו־יאָרק, אַז דאָרט זענען פאַראַן אַ סך, אַ סך פינף־ און צען־שטאָקיקע אַפּאַרטאַמענט־הייזער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן? דאָס אַלץ האָט זי געוואָלט וויסן פון איר מוטער, אָבער די אָרעמע פרוי פלעגט ווערן נערוועז פון אירע פראַגן און ענטפערן אומגעדולדיק:

— שווייג שויך, שווייג! מסתמא דאַרף אַזוי זיין.

— אָבער איך וויל וויסן, מאַ — פלעגט צושטיין די קליינע ליזאַ.

— אַ מיידעלע וואָס איז אינגאַנצן אַלט צען יאָר, טאָר נישט פרעגן אַזוינע פראַגעס.

— מאַ, פּליז!

— שווייג און שטער מיר נישט אין דער אַרבעט, איך מוז ענדיקן דאָס קלייד!

— נו, גוט, — פלעגט זיך טראַכטן דאָס מיידעלע און אָנהויבן עפּעס מאָלן.

פון אַלע קינדער, מיט וועלכע ליזאַ פלעגט זיך שפּילן, האָט זי מער ליב געהאַט דעם טעפּערס יִנגסטן יִנגל, וועלכער איז געבוירן געוואָרן מיט אַ קרום פיסל און אַ הויקערל. דער דאָזיקער קליינער קריפּל פלעגט איר אָפּט שלאָגן, בייסן ביז ווייטיק און איר אָנרופן מיט בייזע צונעמען. זי האָט שטאַרק געליטן פון אים און נאָך יעדער קריגעריי איז זי געווען שטענדיק די ערשטע צו מאַכן שלום... עפּעס האָט אומבאַוווּסטזיניק געטליעט ביי איר אַ רחמנות־געפיל צו אים.

דערצו האָט איר מוטער אַ סך מאָל געזאָגט, דאָס דער באַי איז געשטראָפֿט פֿון גאָט און מען מוז זײַן גוט צו אים און אים אַלץ פֿאַרגעבן.

אַזוי איז זיך געוואַקסן די קליינע ליזאַ, ווי אַ סך אַנדערע קינדער, אין דעם שטילן אָרעמען געגנט, הינטער ניו־יאָרק.

איין מאָל אין מיטן זומער, ווען ליזאַ איז שוין געווען אונטערגעוואַקסן און אירע גלידער זענען געוואָרן רונדער און פולער, זענען אין זייער געסל אָנגעקומען אַ גרופּע איטאַליענישע אַרבעטער און גענומען בויען אַ הויז פֿאַר אַ רייכן מאַן. די אַרבעטער האָבן זיך אויך באַזעצט אין דעם זעלבן געסל אין אַלע פֿאַרנאַכט, ווען די זון פֿלעגט זיך זעצן הינטערן ים, האָט איינער פֿון די יונגע איטאַליענער, אַ שוואַרץ חנעוודיקער בחור, געשפּילט אויף אַ האַרמאָניע.

ליזאַ און אירע חברטעס פֿלעגן צוקומען צום פּלאַץ ווו די אַרבעטער האָבן געוווינט. דער בחור האָט געשפּילט און די מיידלעך האָבן געטאַנצט, געזונגען און געשפּאַסט. אין געסל פֿלעגט ווערן יום טובדיק און פֿריילעך. און אַז דער אָוונט פֿלעגט צופֿאַלן, זענען די יונגע איטאַליענער געגאַנגען פֿאַר אַ שפּאַציר מיט די מיידלעך. אויפֿן וועג צום ים, אָדער צווישן די יעלאָווע ביימער פֿון וועלדל.

דער „שפּילער“ האָט זיך פֿאַרקוקט אויף ליזאַן און איר געמאַכט קאָמפּלי־מענטן. זי האָט צוערשט געלאַכט און אים נישט געוואָלט ענטפֿערן, נאָר ענדלעך איז זי מיט אים אַוועק אויף אַ שפּאַציר. ער האָט זי געקושט און געלאַסטשעט און גערעדט אויף זײַן מוטער־שפּראַך הייסע זיסע ווערטער. ליזאַ האָט נישט פֿאַרשטאַנען, זי האָט אים געבעטן ריידן ענגליש, און איר דרייצן־יעריקער מיידל־שער קערפּער האָט געציטערט פֿון שרעק און גליק און אַלץ מער האָט אין איר די פֿרוי גענומען ווערן וואַך. גאַנצע טעג, אין סקול ביים לערנען און אין הויז, העלפֿנדיק דער מוטער נייען און אין קיך, האָט זי נאָר געטראַכט פֿונעם יונגן איטאַליענער, וואָס האָט געשפּילט אויף דער האַרמאָניקע. די שעהן פֿלעגן זיך ציען פֿאַר איר ווי פֿון פּעך. זי האָט נאָר געוואָלט דער אָוונט זאָל שוין צופֿאַלן, זי זאָל ווידער קענען טאַנצן און זינגען, זיך מאַכן לוסטיק און אַלע ווײַלע בגנבה וואַרפֿן אַ בליק און זען ווי ער קוקט אויף איר פֿאַרבענקט און פֿאַרגייט זיך אין שפּילן, אַז די נשמה גייט בײַ איר אַ ציטער פֿון אָנגענעמען ווייטיק.

נאָר דאָס הויז איז צו אַסיען־צייט פֿאַרטיק געוואָרן און די איטאַליענער זענען אַוועק אַרבעטן אַנדערש־ווו. מיט זיי איז אויך פֿאַרשוווּנדן דער שוואַרץ־

חנעוודיקער בחור מיט דער האַרמאָניקע. כאָטש ער האָט ליזאַן עטלעכע מאָל געשוווירן אײביקע ליבע און אַז ער וועט מיט איר אַנטלױפֿן קײן איטאַליע, איבער דעם אָקעאַן...

פֿון אַנטוישונג איז ליזאַ קראַנק געוואָרן, כאָטש זי האָט דעם איטאַליענער נישט אינגאַנצן געגלױבט און איז די גאַנצע צײַט געווען פֿאַרזיכטיק מיט אים. ער האָט איר געקענט נאָר קושן און לאַסטשען איר. דערצו וואָלט זי סײַ ווי פֿאַר קײן פֿאַל נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן איר מוטער. אָבער דאָך האָט זי זיך געפֿילט עפּעס ווי אַן אָפּגענאַרטע און פֿאַרלאָזענע, און אַזוי איז געווען די אַנטוישונג פֿאַר איר טראַגישער און אינטערעסאַנטער.

אין די נעכט האָט די מוטער געהערט, ווי זי רעדט פֿון שלאָף וועגן דעם איטאַליענער, ווי זי ווידערהאָלט זײַן נאָמען: „באָנינקאָ!", „באָנינקאָ!" און זאָגט צו טאַנצן פֿאַר אים אַלע פֿאַרנאַכט ביז דער אָוונט וועט צופֿאַלן און די זון וועט פֿאַרגײן הינטערן ים...

אָבער ביסלעכווײַז האָט זי געוווּמען פֿאַרגעסן אָן אים. זי איז געווען שטיל און באַשײדן; איז געוואָרן דינער, העכער, די אויגן אירע האָבן זיך פֿאַנאַנדערגע־עפֿנט און געקוקט מיט וווּנדער אויף אַלץ. זי פֿלעגט אַ סך פֿאַנטאַזירן און בויען פֿאַרביקע צויבער־וועלטן. פֿון איר מאָלן און אויספֿורעמען פֿון לײם מאָדנע פּנימער איז גאָרנישט געוואָרן.

ווען זי האָט געענדיקט פּאַבליק־סקול, האָט איר די מוטער אַלץ אָפֿטער אַוועקגעזעצט בײַ דער נײ־מאַשין.

אָבער אַז ליזאַ פֿלעגט אַמאָל אַוועקגײן צו אַ שמחהלע, האָט זי ממש אָפּגעע־לעבט. בײַם טאַנצן פֿלעגט זי ווערן רײצנדיק ווילד און ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַלע מענער אַרום. נאָר אָפֿט פֿאַרברענגען איז איר נישט אויסגעקומען, ווײַל די מוטער האָט אָנגעהויבן קרענקען און זי האָט געמוזט אויפֿפּאַסן אויף איר און אויך טון די אַרבעט אין קיך. עס איז געווען אַ שווער לעבן, נאָר גוטע שכנים און קרובים האָבן אַ ביסל אַרויסגעהאָלפֿן מאַטעריעל און אַזוי זענען געגאַנגען טעג נאָך טעג און וואָכן נאָך וואָכן.

אָבער אָט האָט פּאַסירט אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש פֿאַר ליזאַן און איר מוטער.

אײן מאָל אין מיטן ווינטער, אינאָוונט, ווען אַ שניי און אַ שאַרפֿער קאַלטער ווינט האָבן זיך געטראָגן פֿון ים, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר פֿון זײער הײזקע, בעת די מוטער און די טאָכטער זענען געזעסן בײַם טיש און רויִק געגעסן זײער אָרעמע וועטשערע.

— עמעצער וויל אַריינקומען, — האָט געזאָגט די מוטער.

— ניין, — האָט פאַרזיכערט ליזאַ — דאָס איז דער שניי־שטורעם. ער רייסט די טיר און די פענצטער.

— וואָס פאַר אַ קאַלטן ווינטער מיר האָבן עס היי־יאָר!

אָבער דאָס קלאַפּן האָט זיך ווידערהאָלט נאָך שטאַרקער און די מוטער איז אויפגעשטאַנען פון טיש אַריינצולאָזן דעם גאַסט. באַלד האָט זי אַ פאַרוווּנדערטע, מיט שרעק אין קול אויסגעשריען:

— דייווז! — און מער האָט זי נישט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט, ווי דאָס לשון וואָלט איר פּלוצים אָפּגענומען.

עס איז אַריינגעקומען אַ הויכער, דאַרער מאַן אין זייער אָרעמע קליידער, מיט איינגעפאַלענע באַקן און גרויסע, ברענענדיקע אויגן, טיפע און בלויע. ער איז געווען אין גאַנצן פאַרשנייט און געציטערט פון קעלט. דאָס איז געווען ליזאַס פאָטער. זי האָט אים נישט געקענט. ער איז אַוועק פון דער היים, ווען דאָס מיידל איז נאָך געווען גאָר אַ קליין קינד. די מוטער פלעגט ליזאַן אַמאָל דער־ציילן, דאָס איר פאָטער איז געשטאָרבן ערגעץ אין אַ ווייטן לאַנד און פון צייט צו צייט האָבן בײדע תפילה געטון פאַר זיין נשמה. און אַז ליזאַ פלעגט פרעגן פאַר וואָס איר פאָטער איז אַוועק פון דער היים? פלעגט די מוטער יעדעס מאָל אויסקלערן אַן אַנדער געשיכטע.

נאָר אָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרשוווּנדענער לעבט. ער איז נאָר געווען זייער קראַנק און האָט זיך איצט אומגעקערט פון זיינע פיל־יעריקע וואַנ־דערונגען איבער פאַרשידענע לענדער צו שטאַרבן אין דער שטאָט ווו ער איז געבוירן געוואָרן, נעבן זיינע נאָענטע און טייערע.

אַז ליזאַ האָט זיך דערוווּסט, דאָס דער הויכער דאַרער מאַן איז איר פאָטער — איז זי אים געפאַלן אויפן האַלדז און געקושט און געוויינט. עס האָט פּאַסירט אַ נס און איר „טויטער פאָטער" איז לעבעדיק געוואָרן און איז געקומען צו איר. איצט וועט זי נישט דאַרפן מקנא זיין אירע חברטעס, וואָס האָבן טאַטעס און איר מוטער וועט מער נישט זיין קיין טרויעריקע אלמנה, אויף וועמען אַלע האָבן רחמנות.

און אַלץ האָט פּאַסירט ווי אין אַ צויבער־מעשהלע. אין מיטן שניי־שטורעם האָט ער זיך פּלוצלינג באַוויזן און אָנגעקלאַפּט אין טיר, ווי דער ווינט וואָלט אים געבראַכט צוריק צו איר און צו דער מוטער. זי האָט געקוקט דאָ אויף אים, און דאָ אויף איר מאַמען און עטלעכע מאָל ווידערהאָלט: „מאַי גאָד! מאַי גאָד!" מער האָט זי נישט געהאַט קיין ווערטער אויסצודריקן די גרויסע פרייד, וואָס האָט

איר צעטומלט. און יענע נאַכט איז זי דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געקושט געוואָרן פון איר פאַטער, אַז זי איז שוין געלעגן אין בעט און אַ גליקלעכע געהאַלטןביים איינשלאָפן.

אָבער אויף מאָרגן איז זי אויפגעשטאַנען און זיך דערוווּסט, דאָס איר פאַטער איז זייער קראַנק. האָט זי איינגעהילט זיינע לעצטע טעג אין אַ שטילן טרויער און ער פלעגט אָפט ריידן פאַר איר און אַלץ זאָגן, אַז ער וואַרט זיין נשמה זאָל זיך אויסלייטערן, פאַרלאָזן דעם גוף און אים באַפרייען פון אַלע ליידן.

אין די פאַר וואָכן וואָס דער פאַטער איז געלעגן צו בעט, האָט ער ליזאַן דערציילט אַ סך זאַכן פון זיין לעבן און וועגן איר מוטער. זי האָט פון זיינע רייד פאַרשטאַנען, אַז די מוטער האָט אים נישט געליבט און נישט געשעצט אין אים דעם קינסטלער. און ליזאַ איז געווען אַזוי גליקלעך איבערראַשט, דער־וויסנדיק זיך, דאָס אין דער יוגנט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט מאָלעריי און אַפילו אייניקע באַוווּסטע קונסט־קריטיקער האָבן אים פאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט אַמאָל באַרימט ווערן ווי אַ פּייזאַזשיסט. די פרוי האָט אַלץ געפאָדערט, דאָס ער זאָל גיין אַרבעטן ביי אַ וועלכן עס איז פאַך און אַנהייבן פאַרדינען, ווייל זיינע בילדער קויפט קיינער נישט. זיי האָבן געלעבט זייער אָרעם און זי האָט אים נישט געגעבן קיין רו, נישט געלאָזט אים זיך צורירן צו די פאַרבן אויף דער פּאַליטרע. די שטענדיקע קריגערייען האָבן אים דערעסן און צעבראָכן זיין קער־פּער און גייסט. פון דער נאַטור אַ שטילער, אַ טרוימער, האָט ער נישט געקענט אַריבערטראָגן און איז אַנטלאָפן פון הויז, ווען ליזאַ איז אין גאַנצן אַלט געווען אַ יאָר מיט עטלעכע חדשים. ער האָט געוואָלט זיך ראַטעווען אָבער שוין נישט געקענט. ער האָט געבענקט נאָך זיין קינד און האָט אָנגעהויבן טרינקען. חברים, מאַטראָסן, האָבן אים אַרויפגענומען אויף אַ שיף אַרבעטן און געבראַכט קיין איראָפּע. ער האָט דערציילט ליזאַן וועגן איטאַליע און פראַנקרייך, ווו ער האָט לאַנג געלעבט, אַרומוואַנדערנדיק פון שטאָט צו שטאָט. דאָרט האָט ער באַזוכט די גרויסע קונסט־מוזעאומס, ווו ער האָט געזוכט פרידן פאַר זיין נשמה און מוט אָנצוהייבן אַלץ אויפסניי. נאָר עס איז אים נישט געלונגען. ער איז שוין פאַר־בליבן אַ וואַגאַבונד, אַ וואַנדערער, און אַזוי געלעבט די אַלע יאָרן.

— נייִן! — האָט ליזאַ אָפט געטראַכט — איר מוטער איז אפשר נישט געווען שולדיק אין די אַלע זאַכן. זיי זענען פאַרשידענע מענטשן און זיכער נישט קיין פּאַסיקע פּאָר. ער איז אַ רוסישער ייִד, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע צו זיבעצן יאָר. ער האָט אין דער אַלטער היים געלערנט אין אַ חדר און אַ קורצע צייט אויך אין אַ ישיבה. און איר מוטער איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענע. אירע

עלטערן, ביי וועלכע זי איז געווען די איין־און־איינציקע, האָבן איר נישט געגעבן קיין יידישע דערציִונג און דערצו איר שטאַרק צעבאַלעוועט, כאָטש זיי זענען געווען אָרעמע מענטשן. דאָס טעכטערל האָט פיל געפאָדערט און אַלץ געקראָגן. ער האָט זיך מיט איר באַקאַנט אויף אַ באַל און זיך גלייך פאַרליבט אין איר, ווייל זי האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חן אין איר אויסזען. זיי זענען אַרומגעגאַנגען צוזאַמען מער ווי אַ יאָר און זי האָט אַלץ נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אים. זי האָט נאָכאַנאַנד אָפּגעלייגט. זאָל ער פריִער קריגן אַ גוטע שטעלע. ענדלעך האָט זי צוגעשטימט, איז געוואָרן זיין פרוי און דאָס שווערע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן.

ליזאַ האָט נישט אַלעמאָל באַגריפן וואָס איר פאָטער רעדט צו איר. באַזונ־דערס, ווען ער האָט איר איבערגעגעבן וועגן זיינע אייגענע אין רוסלאַנד און ווי איר מוטער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. דאָס האָט אין אירע אויערן געקלונגען נישט אָנגענעם. נאָר זיינע געשיכטעס וועגן אייניקע גרויסע מאָלער, וואָס זענען לאַנג נישט אָנערקענט געוואָרן, און ווי זיי האָבן געלעבט און געפילט אין זייער גרויסער איינזאַמקייט, געליטן און געשאַפן זייערע ווערק, פלעגן איר ממש באַ־צויבערן. זי האָט אָפט געטראַכט, אַז איר פאָטער איז דאָך אַ זעלטענער מענטש, און אַלץ מער ליבע האָט זיך דערוועקט אין איר האַרץ צו אים און זי האָט געטון אַלץ צו פאַרלייכטערן זיינע ליידן, און אויך געבעטן דער מוטער זיין גוט און האָבן געדולד צו אים, כאָטש ער האָט מיט זיין פרוי ווייניק גערעדט.

עס איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג. די ווינטער־זון האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די שויבן פון די פענצטער, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך אוזאָרן פון פראָסט. ליזאַ איז געווען אַליין אין הויז און האָט אויפגעפּאַסט אויף איר פאָטער. די מוטער איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק נעמען אַרבעט און האָט געדאַרפט זיך אומקערן ערשט אינאָוונט. דער קראַנקער איז געלעגן שטיל, אַ בלאַסער, מיט איינגעפאַלענע באַקן און כמעט פאַרלאָשענע אויגן, וואָס זענען געווען אָפן. ער האָט זיך דעם טאָג געפילט באַזונדערס נישט גוט און אַ גרויסער פחד האָט אַרומגענומען זיין נשמה.

— ליזעטשקע — האָט ער מיט זיין שוואַכער שטימע אַ רוף געטון.

דאָס מיידל איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט.

— פּאַ, וואָס זאָל איך טון פאַר דיר?

דער פאָטער האָט איר געבעטן אים געבן אַ פּיל און אַ ביסל וואַסער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך באַרויקט און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים. דער קראַנקער האָט געהאַלטן איר האַנט און זי האָט גערעדט און דערציילט וועגן אירע צייכענונגען און די מאָדנע טשיקאַווע פּנימער, וועלכע זי פלעגט

אויספורעמען פון נאַסן ליים, וואָס זי פלעגט גנבענען ביים שכן, דעם טעפּער. דער פאָטער האָט אויף איר נייגעריק געקוקט און געבעטן אים עפּעס ווייזן פון איר אַרבעט, נאָר ליזאַ האָט געזאָגט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען און איצט האָט זי נישט קיין חשק מער צו מאָלן. צו וואָס דאַרף זי עס?! זי וויל בעסער זיין אַן אָפיס־מיידל אָדער גיין אין שאָפּ אַרבעטן און פאַרדינען געלט. זי האָט חברטעס וואָס פאַרדינען שוין איבער 20 דאָלאַר אַ וואָך.

דער פאָטער האָט איר געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער נישט געקענט. עס האָט אים ווידער אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז און שווינדלען אין קאָפּ, און ער האָט געפילט, אַז די כוחות גייען אים אויס. ער האָט אָפּגעלאָזט איר האַנט און פאַרמאַכט די אויגן. ליזאַ האָט געמיינט, אַז איר פאָטער וויל שלאָפן און איז שטיל אָפּגעטראָטן פון בעט, אַריין אין קיך און גענומען צוגרייטן אוונטברויט, ווייל די ווינטער־זון איז פאַרגאַנגען הינטערן ים און דער אָוונט האָט גענומען צופאַלן.

ווען די מוטער איז געקומען אַהיים, האָט זי געפונען איר מאַן אַ טויטן. דער וואַנדערער איז געשטאָרבן אין שלאָף. אויף מאָרגן איז געווען די לויה. מען איז לאַנג געפאָרן צום וויטן פאַרשנייטן בית־עולם. דאָרט האָבן צוויי אַלטע קריסט־לעכע קברות־לייט נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט גראָבן דעם קבר. דער ארון מיטן מת איז געלעגן דערביי אויפן ווייסן שניי. נעבן ליזאַן און איר מוטער, וואָס זענען געשטאַנען אין טרויער און געוויינט, האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע קרובים, וואָס האָבן באַצאָלט פאַר דער לויה, און אייניקע שכנים, וואָס זענען געווען באַפריינדעט מיט דער אלמנה.

דערנאָך האָט מען אַלץ גיך פאַרטיק געמאַכט. איבערן קבר איז אויסגעוואַקסן אַ בערגל פון שניי און שטיקלעך פאַרפרוירענע זאַמד און די זון האָט געשיינט אויף די מצבות, אויף די ביימער, אויפן פאַרביקן דאַך פון דעם הויז, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון בית־עולם און אין דער רויטער באָרד פון דעם אַלטן ייִדן, וואָס האָט געזאָגט קדיש נאָכן פאַרשטאָרבענעם וואַגאַבונד.

ליזאַ האָט נישט געקענט פאַרגעסן איר פאָטער און אָפט גערעדט מיט דער מוטער וועגן אים. באַזונדערס וועגן זיינע לעצטע מינוטן, ווען זי האָט אים דער־ציילט וועגן אירע צייכענונגען. די פּשוטע פרוי פלעגט נאָר זיפצן און אָפּווישן אַ טרער. ער וואָלט געקענט זיין אַ געטרייער מאַן, ווייל אַ כאַראַקטער האָט ער געהאַט אַ ריינעם און אַ גוטן, נאָר אַרבעטן האָט ער נישט געוואָלט און וואָס האָט זי געקענט טון, אַז דער רבונו של עולם האָט אים באַשטראָפט מיט אַן אומרויִקער נשמה און ער האָט נאָר געוואָלט אַרומוואַנדערן?

ביי ליזאַן איז דער איינדרוק פון איר פאָטער פאַרבליבן ממש אַ הייליקער.

זי האָט אין האַרצן געדאַנקט גאָט, וואָס איר פאָטער איז געקומען שטאַרבן אַהיים, און זי האָט אים דערקענט און וויסט איצט ווו זיין קבר געפינט זיך.

עס זענען פאַרביי אַ פאָר יאָר און ליזאַ איז אויסגעוואַקסן אַ זעלטן שיינע. אירע אויגן זענען, ווי ביים פאָטער, געווען טיף און שוואַרץ; דאָס פנים עטוואָס לענגלעך, צאַרט און נאָר די האָר אויפן קאָפּ רויטלעך, ווי ביי דער מוטער. זיי האָבן נאָך אַלץ געוווינט אין דער זעלבער הייזקע, נישט ווייט פון ים. דעם טעפּערס יינגסטער זון, דער קריפּל, האָט זיך שוין מיט ליזאַן נישט געקריגט. ער פלעגט אין די אָוונטן אָפט אַריינקומען צו דער אלמנה און איר טאָכטער; קוקן אויף ליזאַן מיט טרויעריקע אויגן, אַריינהוסטן אין פויסט און פאַנטאַזירן, ווי אַזוי ער וועט אַמאָל זיין זייער רייך. אַ, ער האָט געהאַט ווונדערבאַרע פּלענער, אַט דער קליינינקער קראַנקער מענטשעלע, ווי אַזוי צו אַנטדעקן אוצרות מיט גאָלד. דאָס מיידל פלעגט אים ערנסט אויסהערן און שטיל צושאָקלען מיטן קאָפּ און אַמאָל זיך הילכיק פאַנאַנדערלאַכן. מערסטנס האָט ער איר נישט געטראָפן אין הויז. זי פלעגט נאָך וועטשערע אַוועקגיין ערגעץ טאַנצן, אָדער פאַרברענגען מיט אירע חברטעס פון שאָפּ, ווו זי האָט שוין געאַרבעט דאָס צווייטע יאָר.

דערנאָך האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט אָנגעצייכנט ליזאַס טרויעריקן וועג. אַן עלטערע רייכע דאַמע איז אַ זונטיק פאַרבייגעפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל די הייזקע, ווו ליזאַ מיט איר מוטער האָבן געוווינט. דאָס מיידל האָט געריסן עפּל פון אַ בוים, וואָס איז איינזאַם געשטאַנען ביים וועג. דער אויטאָמאָביל האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, איז געפאָרן אַ ביסל אויף צוריק און די דאַמע האָט ניי־געריק אָנגעקוקט ליזאַן, ווי זי שטייט אין אַ פאַרביק זומער־קליידל אונטער די גרינע צווייגן פון בוים און וואַרפט אין אַ קאָשיק די צייטיקע ראָזעווע עפּל.

— וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרע פיגור?! — האָט די אַלטע געזאָגט און איז אַרויס פון מאַשין און פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט ליזאַן.

די דאַמע, וואָס איז געווען אַ ייִדישע, האָט פאַרגעשלאָגן ליזאַס מוטער אַריינ־צונעמען ליזאַן צו זיך אין הויז, ווייל זי איז אַליין און איר איז אומעטיק. קיין סך אַרבעט וועט זי ביי איר נישט האָבן. עס איז אַלץ לייכטער ווי צו אַרבעטן אין אַ שאָפּ, און זי וועט מער פאַרדינען, האָט זי פאַרזיכערט דער אלמנה און אין אַ וואָך אַרום האָט ליזאַ זיך אַריבערגעקליבן צו דער רייכער דאַמע, וואָס האָט געהאַט איר חווינוג ביים ברעג פון האַדסאָן.

אַ וואָך פאַר קריסטמעס האָט פרוי גודענהיים געזאָגט צו ליזאַן, אַז זי זאָל גוט אויפראַמען דאָס הויז, ווייל עס קומט צו פאָרן פון קאַליפאָרניע איר איינ־און־איינציקער זון — דער סקולפּטאָר סעמועל, און ער וועט פאַרברענגען ביי איר ביז איבער ניי־יאָר. ליזאַ איז רויט געוואָרן און כדי צו פאַרדעקן איר ניי־

גערירקייט און פרייד, געגומען טאַן עפּעס אַן אַרבעט. נאָר די ווערטער „דער סקולפּטאָר סעמועל״ האָבן נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין אירע אויערן. די אַלטע רייכע פרוי האָט שוין נישט איינמאָל פריִער געדעדט מיט ליזאַן וועגן איר זון און אים שטאַרק געלויבט פאַר איר. לויט אירע רייד איז אויסגעקומען, אַז אַמעריקאַנער יידן האָבן נאָך נישט אַרויסגעגעבן קיין גרעסערן סקולפּטאָר ווי איר זון איז. אַפילו די אַמעריקאַנער אַליין אויך נישט. דערביי האָט פרוי גודענהיים מיט שטאָלץ געגעבן אָנצוהערן ליזאַן, אַז אירע עלטערן זענען געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד און זיי האָבן איר געבראַכט אַהער אַלס קליין קינד.

ליזאַ האָט זיך געפילט גליקלעך וואָס זי איז אַריינגעפאַלן אין דעם הויז. פרוי גודענהיים האָט זיך צו איר באַצויגן גוט און איר געגעבן אָפט מתנות. דערצו האָט זי געהאַט אַ פרייען טאָג אין וואָך און אויך געקענט אַוועקגיין פון הויז אין די אָוונטן, ווען זי האָט נאָר געוואָלט. אָבער מערסטנס פלעגט זי גיין מיט דער אַלטער אין די מוווים אָדער אַמאָל צופאָרן צו איר מוטער. זי האָט זיך נישט געפילט ווי אַ דינסט־מיידל ביי דער דאָזיקער פרוי. אין הויז האָבן זיך געפונען סעמועלס סטאַטועטקעס פון מענער און פרויען, וואָס האָבן געהאַט עפּעס אויסערגעוויינלעכע שיינע פּנימער. ליזאַ איז געווען זיכער, אַז דאָס איז די פאָרם פון העכסטער קונסט און פלעגט זייער פאַרזיכטיק אַלע אינדערפרי אָפּווישן דעם שטויב פון די סטאַטועטקעס און זיי גלעטן מיט אירע פינגער.

אַמאָל פלעגט זי זיך ביי דער אַרבעט פלוצלינג פאַרטראַכטן: זיך דערמאָנען ווי זי האָט אין די קינדער־יאָרן געגנבעט ליים ביים שכן דעם טעפּער און אַליין געמאַכט „מענטשעלעך״ מיט טשעקאַווע פּנימער. זי געדענקט, אַז עפּעס האָט זיך איר אַלץ געוואָלט, אַז זיי זאָלן לאַכן אָדער וויינען; אויסדריקן אַן אויסערלעכן געפיל, אָבער וואָס האָט זי, אַ קליין מיידעלע, דאַן פאַרשטאַנען? אמת, אַלערליי וואָזן, וואַזאַנעס און טעפּ מיט בלומען פלעגט זי מאָלן נישט שלעכט. זי געדענקט ווי דער לערער פון מאָלעריי אין דער שולע האָט איר כמעט שטענדיק געלויבט. ער האָט אַפילו איינמאָל געהייסן קומען איר מוטער אין דער שולע און פאַר אַלע אַנדערע קינדער דערקלערט, אַז די קליינע ליזאַ וואַקסט אַן אמתע קינסטלערין, און מען וועט דאַרפן זען, אַז זי זאָל זיך ווייטער קענען לערנען מאָלן. אָבער פון דעם איז דאָך גאָרנישט געוואָרן און זי אַליין האָט אויך גיך פאַרלוירן דעם חשק אַפילו צו צייכענען. מסתמא איז טאַקע גאָר נישט ווערט געווען איר מאָלן. דער לערער האָט געוויס געמאַכט אַ טעות. יאָ, אַזוי איז עס זיכער געווען. אָבער פאַרוואָס ציטערט אויף איר נשמה ווען זי באַמערקט ערגעץ אַ בילד אָדער אַ סקולפּטור פון אַ גוטן קינסטלער?! זי האָט זיך עס נישט געקענט דערקלערן. דערצו האָט די מוטער אויך נישט געהאַלטן פון דעם. אַ בייטאָרין קען שטענדיק

פאַרדינען איר שטיקל ברויט. אָ, ניין, די מוטער האָט נישט געוואָלט אַז איר קינד זאָל גיין מיטן זעלבן וועג וואָס איר מאַן איז געגאַנגען. און די מוטער איז געווען זיכער, אַז איר שיינער שלאַנקער ליזאַ וועט מען גיך „אויסכאַפּן" און דאַן וועט זי שוין זיין פאַרזאָרגט.

ווי זעט אויס סעמועל? — האָט זי אָפט געטראַכט. פון די פאָטאָגראַפיעס וואָס פרוי גודענהיים האָט איר געוויזן, האָט זי זיך נישט געקענט קלאָר פאָר־שטעלן זיין ריכטיקן אויסזען. וואָס פאַר אַ קאָליר האָבן זיינע אויגן? איז ער אַ גוטער און צוגעלאָזענער מענטש? און ליזאַ האָט מיט אומגעדולד געוואַרט דער גאַסט זאָל שוין קומען.

און אָט איז איין פרימאָרגן אַריין אין הויז אַ דיקער, ברייטפלייציקער יונגערמאַן, מיט אַ פּראָסטן פולן פּנים און קליינינקע וואַסערדיקע אויגן. ער האָט זיך אַביסל געוויגט אין זיין גאַנג און זיין קערפּער איז געווען צו דיק. פרוי גודענהיים האָט זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז. ליזאַ איז געשטאַנען אַן אַ זייט און געקנייטשט דעם זוים פון איר ווייסן פאַרטוך. זי איז געווען אַנ־טוישט. סעמועל איז איר נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט אינסטינקטיוו געפילט דאָס ער קען זיין ברוטאַל, עגאָיסטיש און וועט זיך פאַר גאָר נישט אָפּשטעלן, אַבי צו דערגרייכן וואָס ער וויל (דאָס איז איר דורכגעלאָפן אין קאָפּ און זי שטאַרק דערשראָקן) און פרוי גודענהיים האָט נאָך געזאָגט, אַז איר סעמועל איז אַ שיינער. אָבער ער איז דאָך איר זון און די מוטער זעט אים מיט אַנדערע אויגן.

פאַר ליזאַס אויגן האָט אַ שוועב געטון פלוצלינג דער יונגער איטאַליעני־שער בוי־אַרבעטער, וועלכן זי האָט שוין פון לאַנג פאַרגעסן און וואָס האָט פאַר אַ צייט געשפּילט אַלע פאַרנאַכט פאַר איר אויף אַ האַרמאָניע, ביז דער אָוונט פלעגט צופאַלן און דערנאָך גיין מיט איר פאַר אַ שפּאַציר צום ים אָדער אין וועלדל פון די יעלאָווע ביימער.

ליזאַ האָט געהאָלפן סעמועלן אויסטאָן זיין מאַנטל. דער יונגער סקולפּטאָר האָט מיט אַמאָל איר באַמערקט. זיינע אויגן זענען געוואָרן גרעסער און ער האָט זיך איינגעגעסן אין איר פיגור מיט אַ זשעדנעם, ליידנשאַפטלעכן שמייכל, פּעט שמייכלענדיק מיט די פולע ליפּן.

ליזאַ האָט זיך דערפילט מאָדנע פון זיין בליק. עס האָט זיך אין איר אָנ־געצונדן דאָס בלוט. זי איז געוואָרן רויט. אַ פּאָר מינוט איז זי געשטאַנען פאַר אים מיטן מאַנטל אויפן האַנט און נישט געוווסט וואָס צו טון. ער האָט אָנגע־הויבן איר צו דאַנקען און זי איז אַריין אין טונקעלן קאָרידאָר, אויפגעהאַנגען דעם מאַנטל און איז דאָרט אַ ווײַלע געשטאַנען אַביסל אַ צעטומלטע. און אין צוויי שעה אַרום, ווען פרוי גודענהיים איז ערגעץ אַוועק און ליזאַ האָט געאַרבעט אין

קיך איז סעמועל געשטאַנען נעבן איר, האָט גערעדט באַגײַסטערט װעגן איר שײנקײט און איר בליִענדיקער יוגנט; אַז זי קען גליקלעך מאַכן אַ קינסטלער װען זי װעט פּאָזירן פֿאַר אים, און אַז ער זוכט שױן לאַנג אַ מאָדעל־מײדל, װאָס זאָל זײַן אַזױ פּראַכטפֿול געבױט װי זי איז. ער האָט אַפֿילו אין קאַליפֿאָרניע אַזאַ מאָדעל־מײדל נישט געקענט געפֿינען. מיט איר אַלס מאָדעל װאָלט ער געשאַפֿן אַ װערק, װאָס װאָלט אים געמאַכט גרױס און באַרימט.

— אָבער איר איבערטרײַבט, מיסטער גודענהײם — האָט זיך ליזאַ גע־רױטלט און ענדלעך געציטערט פֿון פֿרײד — אין קאַליפֿאָרניע, אין האָליװוד, זענען פֿאַראַן אַזױ פֿיל שײנהײטן און איר קענט זיכער געפֿינען צװישן זײ אַ פּראַכטפֿול מאָדעל־מײדל.

ער איז אַ היבשע צײַט נישט אָפּגעטראָטן און אַלץ געקוקט אױף איר מיט זײַן זשעדנעם לײדנשאַפֿטלעכן בליק. דערנאָך האָט ער גערעדט װעגן זײַנע סקולפּטורן. איצט האָט ליזאַ זיך צוגעהערט בײַגעריק און ער האָט איר גענו־מען געפֿעלן װערן. ער רעדט אַזױ אינטערעסאַנט װעגן קונסט און נוצט די זעלבע װערטער און אױסדרוקן, װי איר פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער, װען ער האָט איר דערציילט װעגן גרױסע מאַלער. דערצו האַלט ער זיך מיט איר פּשוט און אַפֿילו אַביסל אומטערטעניק, װי זי װאָלט געװען די באַלעבאָסטע פֿון הױז און ער אַן אָרעמער גאַסט, װאָס דאַרף אָנקומען צו איר לאַסקע. אַ װוני־דערבאַרער געפֿיל צעגיסט זיך איבער אַלע אירע גלידער. זי שװײַגט, האַלט אַראָפּגעבױגן דעם קאָפּ און בעט אים, אָן װערטער, אַז ער זאָל אַרױסגײן פֿון קיך, װײַל זײַן מוטער קען יעדע מינוט אָנקומען און װאָס װעט זי דאַן טראַכטן פֿון זײ. אָבער סעמועל רעדט נאָכאַנאַנד און גלעט אירע רונדע אַקסלען. מאַי גאָד! טראַכט ליזאַ. דער יונגער סקולפּטאָר איז אַראָפּ פֿון זינען. ער איז נאָר װאָס געקומען און פֿירט זיך שױן אױף אַזױ מאָדנע.

— מיסטער גודענהײם — האָט ענדלעך אױסגערעדט ליזאַ — אײַער מו־טער קען באַלד אָנקומען. איך בעט אײַך...

— נאַרישקײטן, — האָט זיך צעלאַכט דער סקולפּטאָר. — פֿאַרװאָס טאָר איך נישט פֿאַרברענגען אין קיך מיט אײַך? לאָזט אָפּ דאָס געפֿעס און קומט מיט מיר אין מײַן צימער און איך װעל אײַך װײַזן מײַנע נײַע אַרבעטן, װאָס איך האָב נישט לאַנג צוריק צוגעשיקט מײַן מוטער פֿון קאַליפֿאָרניע.

סעמועל האָט ליזאַן גענומען אונטערן אָרעם און זי אַרױסגעפֿירט פֿון קיך. זי דאַרף קײן מורא נישט האָבן — האָט ער זי באַרויִקט — זײַן מוטער װעט איר קײן אײן שלעכט װאָרט נישט זאָגן. פֿאַרקערט, זי װעט גאָר זײַן

צופרידן וואָס ער פילט זיך נישט לאַנגווייליק אין הויז. ער פאַרזיכערט איר אין דעם.

ליזאַ איז געגאַנגען און געשוויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי ערנסט גע־קוקט אויף די נאַקעטע קליינע פיגורן פון מענער און פרויען, אויסגעפורעמטע פון ליים און גיפּס. זיי זענען געשטאַנען אויף אַ פּאָליצע אין אַלערליי פּאָזעס. נאָר זי האָט געפילט אין זיי ווייניק לעבן און וואַרעמקייט.

דער סקולפּטאָר האָט גערעדט און דערציילט. אָט דאָס יונגע מיידל מיט דעם טרויעריקן שמייכל אויפן עטוואָס לענגלעכן פּנים איז אַ שוסטערס אַ טאָכ־טער, וואָס איז געוואָרן אַ גאַסן־פרוי. ער האָט זיך באַקענט מיט איר אין סאַנטאַ מאָניקאַ, קאַליפאָרניע, און זי האָט פּאָזירט פאַר אים פון צייט צו צייט. אַ, זי פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פייער און קען זיך אויסגעצייכנט זידלען. אירע עלטערן קומען פון איטאַליע. און די צווייטע, מיטן רונדן נאָזון געזיכט און נאָך מער אומשולדיקע גלידער, איז אַן אַכצן־יאָריק מיידל, אַ פּאַרמערס אַ טאָכטער. ערגעץ פון מישיגען סטייט. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז אַ גרויסע אַק־טריסע און איז געקומען קיין האָליוווד זוכן איר גליק. עס פאַרשטייט זיך, אַז גאָר גיך האָט מען איר געזאָגט דעם אמת. אָבער פאָרן צוריק צו איר פאָטער אויפן פאַרם האָט זי שוין נישט געוואָלט. נו, האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט איבער האָליווד און געהונגערט. ער האָט איר געטראָפן אויף איינעם פון די לאָס אַנדזשעלעסער בולוואַרן און זי גענומען צו זיך. פון איר האָט דאָן נאָך גע־שמעקט מיט ווילדע פעלד־בלומען און גיפטיקע גראָזן. זי פלעגט אים נאָכאַנאַנד פאַרשיכורן מיט אירע ליידנשאַפטלעכע לאַסקעס און אומזיניקע רייד וועגן די מוווּיס, ווײַל דאָס איז געווען איר קראַנקייט. און אָט דער מאַן דאָ האָט גע־האַט אייזערנע מוסקולן, ממש אַ גבור. ער האָט געבויגן קופּערנע מטבעות און געבראָכן מיט די הענט שטיקער אייזן. ער האָט אים געטראָפן אין אַ סאַלאָן און מיט אים געטרונקען און געהוליעט. דאָס זענען אַלץ אויסערגעוויינלע־כע טיפּן!

— מאַי גאַד! מאַי גאַד! — האָט ליזאַ עטלעכע מאָל באַגייסטערט איבער־געחזרט — דאָס איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי וווּנדערבאַר!

פרוי גודענהיים איז צוריקגעקומען און איז באַלד ווידער אַוועק פון הויז. זי איז געווען אַנגענעם צעטראָגן פון איר זונס קומען און נישט געקענט איינ־זיצן אויף איין פּלאַץ. זי האָט געמוזט באַזוכן עטלעכע באַקאַנטע, דערציילן וועגן דעם טייערן גאַסט און זיי איינלאַדן אויף אַ סאַפּער.

דערווײַל האָט שוין ליזאַ דערציילט סעמועלן וועגן איר מוטער און פאָטער, באַזונדערס וועגן איר פאָטער, וועלכן זי האָט געשילדערט ווי אַ גרויסן מאָלער,

וואָס האָט נישט געפונען זײַן וועג און איז פאַרלוירן געגאַנגען. אמת, זי האָט כמעט ווידערהאָלט די רייד וואָס איר פאָטער האָט איר דערציילט וועגן זיך. אָבער זי האָט געפילט און אַפילו פאַרשטאַנען זײַן טראַגעדיע און דאָס האָט שטאַרק איבעררעשט דעם יונגן קינסטלער. ווי קומט עס אַזאַ פאַרשטענדלעכקייט צו אָט דער פשוטער דינסט־מיידל? עס זעט אויס, אַז זי האָט אַ סך געלייענט ביאָגראַפיעס פון באַוווסטע קינסטלער און האָט אַ באַגריף אין מאלעריי. אַך, וואָס פאַר אַ טײַער מאָדעל. ער טאָר עס נישט אַרויסלאָזן פון זײַנע הענט.

פרוי גודעגהיים פלעגט אַלע טאָג אַוועקגיין פון הויז אויף שעהן לאַנג, ווי וועלנדיק אומישנע לאָזן איר זון מיט ליזאַן אַליין. סעמועל פלעגט גלייך אויסנוצן די צײַט און נישט אַרויסגיין פון קיך. ער איז געוואָרן אַ סך דרייסטער אין זײַנע באַנעמונגען מיט ליזאַן. זי פלעגט אים איידל אָפּשטויסן און בעטן אים איר לאָזן צורו. זי וועט נאָך צוליב אים פאַרלירן איר שטעלע. סעמועל האָט געלאַכט: דאָס דאַרף סיי ווי סיי פּאַסירן, ווײַל זי מוז זײַן מיט אים און זײַן מוטער וועט זיך קריגן אַן אַנדער מיידל. איר פּלאַץ איז דאָך נישט אין קיך בײַ די טעפּ און אויוון. אַזוינע פרויען דערהייבן אַ קינסטלער. זי פאַרמאָגט אין אירע באַוועגונגען אַ וועלט מיט חן. צום טײַוול, זי איז אַלט זיבעצן יאָר און זעט אויס אַזוי אומשולדיק! זי וועט מוזן מיט אים פאָרן קיין קאַליפאָרניע.

ליזאַ האָט אינערלעך געציטערט און געשוויגן.

פרוי גודענהייט האָט „קריסטמעס איוו“ אָנגעצונדן אַ „יאָלקע“. זי פלעגט עס טון אַלע יאָר פאַר איר זון סעמועל, וועלכער האָט גאָרנישט געוווּסט פון יידישקייט. אָנגעהויבן האָט זי עס נאָך ווען ער איז געווען אַ קליין קינד. סעמועלס פאַרשטאָרבענער פאָטער איז נישט געווען קעגן דעם און אַזוי איז עס געגאַנגען. עס זענען געקומען געסט. עס איז געווען ליכטיק און פריילעך און ליזאַן האָט מען אײַנגעלאַדן מיט אַלעמען צום טיש.

ליזאַ האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער ווײַן און איז אַוועק טאַנצן פאַר די געסט. זי האָט געטאַנצט פלינק, גראַציעז מיט אַ סך טעמפּעראַמענט און פײַנקייט אין די באַוועגונגען און האָט אויסגענומען בײַ אַלעמען. מען האָט איר שטאַרק אַפּלאָדירט. סעמועל האָט נישט געקענט אײַנזיצן אויף זײַן פּלאַץ, ער איז עטלעכע מאָל אויפגעשפרונגען מיט באַגייסטערטע אויסגעשרייען, אַז דאָס מיידל פאַרמאָגט אַ ווילדן רייץ און אַ טיפע קראַפט פון אַ קינסטלערין. דער יונגער סקולפּטאָר האָט ממש געברענט ווי פײַער.

מען האָט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. איינער פון די געסט, אַן עלטערער, גרויער מאַן, האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט ליזאַס עלטערן און זי האָט געערן דערציילט וועגן איר פאָטער. אַלע האָבן זיך נײַגעריק צוגע־

הערט, באַזונדערס סעמועל, וועלכער איז געוואָרן שטיל און פאַרטראַכט, ווי אַ יינגל וואָס הערט אַ שיינע טרויעריקע געשיכטע וואָס איז אים נאָענט און פאַר־שטענדלעך און טוט אים ווי. צוהערנדיק זיך צו אירע רייד איז אים נישט אַרויס פון קאָפּ, אַז אַ מער פּאַסנדיקע מאָדעל־מיידל קען ער גאָרנישט דערוואַרטן. אָבער ווי רעדט מען איר איין, זי זאָל צושטימען דערצו? ווי ברענגט מען איר קיין קאַליפאָרניע? יאָ, ער וועט מוזן זיך דערקלערן אין ליבע צו איר, אַנדערש וועט נישט גיין. ער וועט מוזן איר צוזאָגן אַפילו, אַז זי וועט מיט דער צייט ווערן זיין פרוי. נאָר מיט גוטע און צאַרטע ווערטער וועט ער איר קריגן. זי איז נישט ענלעך צו די מיידלעך און פרויען, וועלכע ער פלעגט געווינען מיט זיין ברוטאַלער קראַפט, מיט איר וועט ער מוזן זיין ווייך, סענטימענטאַל. דער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז נאָר אַזוי דאַרף ער האַנדלען. ער וועט מוזן אַ ביסל איינצוימען זיין ליידנשאַפט און האָבן געדולד. זי איז אַזוי סענסיטיוו און קוקט אויף אים מיט שרעק אין די אויגן, אַן אמתע יונגע גאַזעל וואָס דער־פילט געפאַר. אָבער אַלץ האָט פּאַסירט אַ סך גיכער, ווי סעמועל האָט דערוואַרט.

שבת ביינאַכט איז ליזאַ געלעגן אין בעט אַ גליקלעכע, אַן אומרויִקע, פון דעם ערשטן דערפאָלג. זי איז געווען ממש פאַרשיכורט. פרוי גודענהיימס אייך און אײנציקער זון, דער סקולפּטאָר, האָט זיך פאַרליבט אין איר גלייך ווי ער האָט זי דערזען. ער האָט עס איר היינט אָוונט געזאָגט. זי קען נאָך אַמאָל ווערן די פרוי פון אַ גרויסן קינסטלער.

פלוצלינג האָט אַ שטילער קלאַפּ אין טיר איבערגעריסן אירע געדאַנקען. זי האָט אַ ציטער געטון און זיך גענומען איינהערן. דער איינגעהאַלטענער קלאַפּ האָט זיך ווידערהאָלט. זי איז אין איין העמד אַראָפּ פון בעט און געפרעגט ווער דאָס איז. קיינער האָט נישט געענטפערט. איר האַרץ האָט גיך און שטאַרק גע־קלאַפּט. עס האָט זיך דערהערט סעמועלס קול. ער האָט עפּעס געבעטן און זיך געקלאָגט ווי אַ קראַנק יינגל וואָס קען נישט איינשלאָפן פון בענקשאַפט און ליידט פון אומעט. ליזאַ האָט דערפילט ווי די פיס ווערן איר שוואַך. זי האָט זיך געשטעלט אין אַ זייט, אַביסל אויפגעמאַכט די טיר און געבעטן אים אַוועק־צוגיין. זי איז געווען צעטומלט. דאָס איז שרעקלעך! וואָס איז אים איינגעפאַלן צו טון? אָ, ער מוז אַוועקגיין! אָבער סעמועל איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו איר, און געוואָרן ווילד, ער האָט איר אָפּגעשטופּט פון טיר און איז האַסטיק אַריין אין צימער.

ליזאַ האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט און געזאָגט, אַז זי וועט נעמען שרייען, ער זאָל גלייך אַרויס! ער האָט זי אָבער אַרומגענומען און צוגע־צויגן צו זיך. דאָס פּנים האָט זיך ביי אים צעקרימט, געקראָגן אַ ווײנענדיקן

אויסדרוק, און ער האָט זיך גענומען בעטן זי זאָל האָבן געדולד, זי זאָל אים נישט מיספאַרשטיין.

ער וואָלט געוואָלט זי צייכענען און מאַכן דערנאָך פון איר אַ גרויסע סקולפּטור. און ווען אַביסל שפּעטער זי האָט איינגעשטימט, און איז געשטאַנען פאַר אים מיט די הענט איבערן קאָפּ, איז סעמועל מיט אַמאָל רויק געוואָרן. ער האָט עטלעכע מאָל פאַרטראַכט געקוקט ווי עס ציטערן אירע שיינע גלידער. דער יונגער סקולפּטאָר איז טרויעריק געוואָרן און דערנאָך שטיל זי געלאַש־טשעט און זיין קול האָט אַלץ געציטערט ווי ביי אַ קראַנק יינגל, וואָס קען נישט געפינען קיין אָרט פון בענקשאַפט. — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגן האָט פרוי גודענהיים באַמערקט, אַז צווישן איר זון און ליזאַן קומט עפּעס פאָר. די אַלטע האָט געוווּסט, אַז איר בנ׳אָק פירט אַ צעלאָזן לעבן און פאַרברענגט אָפט זיינע נעכט מיט גאַסן־פרויען. דאָס איז געווען געפערלעך פאַר זיין געזונט און דערצו האָט עס איר געקאָסט אַ סך געלט. אין זיינע בריוו צו דער מוטער האָט ער זיך שטענדיק געקלאָגט, אַז ער נייטיקט זיך אין געלט און פילט זיך נישט מיט אַלעמען. דאָס האַרץ טוט אים ווי. פרוי גודענהיים האָט געוווּסט, אַז איר זון האָט אַ שוואַך האַרץ. זיין פאָטער איז פּלוצלינג געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג. דער ווינטער אין ניו־יאָרק איז געווען נישט גוט פאַר סע־מועלן און דערפאַר האָט זי אים אָוועקגעשיקט קיין קאַליפאָרניע, טראַכטנדיק אַז אויב דאָרט וועט זיין פאַר אים בעסער, וועט זי אַלץ פאַרקויפן און זיך אויך איבערקלייבן אַהין, אָבער סעמועל האָט זיך נישט געאיילט רופן זיין מוטער צו זיך. אַזוי איז פאַר אים געווען באַקוועמער. קומען צו גאַסט צו דער מוטער איין מאָל אַ יאָר — איז עפּעס אַנדערש.

— געפעלט דיר, מיין זון, ליזאַ? — האָט געפרעגט פרוי גודענהיים.

— אָ, זי וואָלט געקענט זיין אַ פּראַכטפול מאָדעל־מיידל. — האָט געענטפערט סעמועל — זי איז אַזוי וווּנדערבאַר שיין געבויט.

— יאָ, יאָ. — האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פרוי גודענהיים — איר זון קוקט מיט די ריכטיקע אויגן אויף דעם מיידל. אַזוי איז גוט. און ליזאַ איז דאָך אַזאַ געזונטע און אַ ריינע. איר געזיכט איז אַזוי ראָז און פריש. זי האָט געטראָפן מיט איר. נישט אומזיסט האָט איר דאַן, ווען זי האָט ליזאַן דערזען דאָס ערשטע מאָל אונטערן עפּל־בוים, אונטערגעזאָגט אַ געפיל, אַז זי דאַרף זיך אָפּשטעלן. סעמועל איז מערסטנס אומצופרידן מיט זיינע מאָדעל־מיידלעך. דאָ זענען זיי צו דאַר, און דאָ צו פעט. איצט האָט ער געטראָפן, און זאָל ער טון וואָס ער וויל. עס זעט אויס, אַז ליזאַ ווערט זיך נישט. און טאָמער וועט עפּעס טרעפן דערנאָך, וועט זי שוין פאַר אים געפינען אַן אויסוועג... סיי ווי סיי וואָלט

איר עמיצער פארפירט. און ער איז אזוי באגייסטערט פאר איר שיינקייט און יוגנט. ניין, זי וועט אים נישט שטערן.

ערב ניי־יאר זענען געקומען כמעט די זעלבע געסט וואס „קריסטמעס איוו". ליזא האט ווידער געטאנצט מיט אזא רייץ און ליידנשאפט, אז סעמועל האט זיך אינגאנצן פארגעסן און א קוש געטון דאס דינסט־מיידל פאר אלעמען אין די אויגן. זי אויפגעהויבן אויף די הענט ווי א קינד, און געגומען זיך דרייען מיט איר איבערן צימער. אלע ארום האבן געפאטשט מיט די הענט און הילכיק געלאכט. און דערנאך איז מען אוועק איבער די גאסן אין טומל און גערזאנג, פארברענגען א פאר שעה אין א רעסטאראן.

סעמועל איז געגאנגען מיט ליזאן. ער האט זיך געבעטן ביי איר, זי זאל אים דערלויבן קומען צו איר די נאכט, ווייל ער בענקט נאך איר און קען נישט איינשלאפן ביז פארטאג. און אזוי אלע נאכט, אלע נאכט, זינט ער האט זי דערזען. א, זי דארף נישט זיין אזוי שלעכט צו אים. ער ווערט פארפייניקט פון ליבע צו איר. ווייל זי דען נישט זיין די געליבטע פון א קינסטלער, וואס וויל זי פאראייביקן? זיין קול האט ווידער געציטערט, ווי ביי א קראנק יינגל.

— אבער סעמועל, סעמועל, — האט זי זיך געטוליעט צו אים און געוואלט פרעגן וואס וועט זיין שפעטער, אז זי וועט שוין ווערן זיין געליבטע? נאר וועגן דעם קיין איינציק ווארט נישט געקענט ארויסרעדן.

פון יענער נאכט אן, וואס ער איז צו איר געקומען, האט זי אים מער נישט אריינגעלאזט צו זיך. ער האט אלץ געווארט און בייז געביסן די ליפן און גע־זידלט זיך פארוואס ער האט דאן געהאנדלט אזוי נאריש און סענטימענטאל. ער האט מיט איר נישט געטארט מאכן קיין אויסנאם. אלע פרויען זענען גלייך. זי וואלט שוין געווען זיינע, און איצט גיי ווייס צו וועמען אין די הענט זי קען נאך אריינפאלן?

— די נאכט, די נאכט — האט ער איר אריינגערוימט אין אויער און געקושט אין האלדז. און ארום איז געווען ליכטיק און פריילעך. מענער, פרויען און קינדער אין אלערליי מאסקעס האבן געמורמלט, געזונגען, געקלאפט אין פויקן, געשפילט אויף הילצערנע און מעשענע פייפלעך. פון הימל איז שטיל געפאלן א שניי און האט אלץ און אלעמען איינגעהילט אין ווייסן און עס האט זיך געדאכט, אז די מענטשן זענען אהער געקומען פון א ווייטן קאלטן לאנד, וואס ליגט ערגעץ הינטערן ים, ווו זיי וווינען אין הייזער און פאלאצן פון אייז, באפוצט מיט קווייטן און פאנטאסטישע אוזארן פון פראסט.

ווען סעמועל און ליזא האבן זיך אומגעקערט אהיים איז שוין געווען כמעט פארטאג. פרוי גודענהיים איז שוין פון לאנג געשלאפן. זי האט פארלאזט די קאמ־

פּאַניע אַ סך פריער. איר האָט נישט געפּאַסט צו פאַרברענגען אין אַ רעסטאָראַן מיט איר שטוב־מיידל, אָבער זאָגן עפּעס איר זון, האָט זי נישט געוואָלט.

מיט אַמאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און שוין מער נישט געקענט איינשלאָפן. איז זי געלעגן אין דער פינצטער און געטראַכט פאַרשידענע טרויעריקע געדאַנקען וועגן איר עלטער. אָט איז שוין אַוועק נאָך אַ יאָר און דער קאָפּ ווערט אַלץ גרויער, די כוחות שוואַכער, און אויך געלט ווערט אַלץ ווייניקער אין באַנק. אמת, איר מאַן האָט איר געלאָזן איבער הונדערט טויזנט דאָלער, נאָר פון דעם איז אָבער שוין אַ סך אַוועק.

פּלוצלינג האָט זי דערהערט סעמועלס קול און נייגעריק זיך גענומען צוהערן: יאָ, זיי זענען געקומען צוריק. אָט האָט סעמועל אָנגעצונדן ליכט און געפרעגט ליזאַן צי זי וויל עפּעס טרינקען. ער איז דורשטיק. עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון גלעזער, אַ שטילער קאַמף און איינגעהאַלטענער געלעכטער. דערנאָך איז ווידער געוואָרן פינצטער און עס האָבן זיך דערהערט טריט אויף די הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אַרויף צו דער שטוב־מיידלס צימער.

די אַלטע איז געוואָרן אומרויִק און אַלץ נישט געקענט איינשלאָפן. דאָס האָט זיך פאַר איר געצויגן זייער לאַנג. עס איז געוואָרן שטיל אַרום. נאָר מיט אַמאָל האָט זיך די שוואַרצע שטילקייט איבערגעריסן. אַ שווערער געשריי האָט זיך דערטראָגן פון אויבן, פון ליזאַס צימערל, ווי עמיצער וואָלט זיך געזעגנט מיט זיין נשמה. דערנאָך איז איר זון געלאָפן די טרעפּ אַראָפּ. עפּעס געזוכט אין קיך, און ווידער אַרויף. די אַלטע איז אַראָפּגעקראָכן פון בעט און געוואָלט פרעגן איר זון וואָס עס האָט פּאַסירט. אָבער חרטה געקראָגן און באַלד איז אַלץ אַרום ווי פאַרגאַנגען אין רו. פרוי גודענהיים האָט זיך געלייגט צוריק שלאָפן און פאַרמאַכט די אויגן.

סעמועל איז פאַרבליבן ביי זיין מוטער אַ סך לענגער ווי ער האָט געדענקט, און פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער זיך ממש נישט געקענט אָנזעטיקן מיט ליזאַן, וואָס איז אים איצט געוואָרן געהאַרכזאַם און אונטערטעניק ווי אַ שקלאַפין.

נאָר אָט האָט זיך סעמועל גענומען קלייבן צוריק קיין קאַליפאָרניע. ליזאַן האָט ער פאַרזיכערט, אַז זי וועט קומען צו אים גאָר אינגיכן. זי דאַרף זיך נאָר באַפרייען פון איר שוואַנגערשאַפט. אָ, די „ווייסע ציגעלע" מוז עס גוט באַנעמען. עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז זי זאָל איצט וועלן האָבן אַ קינד. ווי וועט זי קענען פאַזירן פאַר אים?

אין קאַליפאָרניע גרייט מען שוין צו פאַר אים אַ סטודיאָ, אין די בערג, ביים ים. ער האָט אויך געקראָגן אַ באַשטעלונג פאַר דריי סקולפּטורן, פרויען־פיגורן,

וואָס וועלן באַשיינען דעם אַריינגאַנג פון אַ געוויסער נייער געביידע אין לאָס אַנדזשעלעס.

— אָבער סעמועל, ווי וועט דיין מוטער קוקן אויף מיר, אַז דו וועסט אַוועקפאָרן? — האָט ליזאַ אַרויסגערעדט אַ בלאַסע. — זי ווייסט דאָך מסתמא פון אַלץ!

— לאָז עס אָפּ — האָט ער פאַרקרימט זיין פּנים — דאָס האָט נישט צו טון מיט איר. איך וועל איצט פאַרדינען אַ סך געלט און זיך מער נישט בויטיקן אין איר שטיצע, זיי רויק, ליזאַ. — און זיין קול האָט געגומען קלינגען צאַרט און ווייך, ווי שטענדיק ווען ער פלעגט וועלן ביי איר עפּעס אויספּירן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז סעמועל אַוועקגעפאָרן. ליזאַ איז אַ פאַרלוירענע געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט ווי סעמועל און זיין מוטער זעצן זיך אין אַן אויטאָמאָביל צו פאָרן צום וואָקזאַל. ער האָט געפאָכעט מיט דער האַנט צו איר און רחמנותדיק געשמייכלט, ווי וועלנדיק פאַרזיכערן דאָס אים איז שווער זיך צו שיידן מיט איר און ער לעבט איבער פיינלעכע מינוטן.

ווען דער אויטאָמאָביל איז פאַרשוווּנדן האָט ליזאַ געגומען אַרומגיין איבער די צימערן און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאַרגעקומען, כאָטש זי האָט געפילט, אַז אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר איז אַזוי פּשוט און פאַרשטענדלעך: אַ זון פון אַ רייכער פרוי האָט פאַרפירט אַן אָרעמע דינסטמיידל און וויל זיך איצט באַפרייען פון איר. וואָס איז עס פאַר אַ נייעס? זי האָט זיך געננוג אָנגעלייענט אין די „טרו סטאָרי"־זשורנאַלן מיט ענלעכע געשיכטעס. עס איז זיכער דאָס ער האָט זי פאַרלאָזט. פרוי גודענהיים וועט איר אייניקן זון נישט דערלויבן חתונה האָבן מיט איר. אמת, סעמועל האָט איר אַ סך מאָל פאַרזיכערט און אַפילו זיך געשווירן, אַז ער וועט דער אַלטער נישט הערן, ווייל ער האָט זי זייער ליב. און אפשר טראַכט זי וועגן אים שלעכט — האָבן זיך פלוצלינג אירע געדאַנקען אַ קער געטון אין אַן אַנדער ריכטונג. אָבער עפּעס אַ פאַרגעפיל, אַז עס וועלן זיך אין גיכן אָנרוקן שווערע, שווערע טעג, האָט איר געדריקט דאָס האַרץ.

דערנאָך האָט זי באַשלאָסן זיך מודה צו זיין פאַר איר מוטער, וואָס לעבט איצט אַליין און זיצט גאַנצע טעג און אַמאָל אויך אָוונטן איבערגעבויגן איבער דער ניי־מאַשין אין איר אָרעמער וווינונג. זי וועט איר אַלץ דערציילן און פרעגן וואָס צו טון? אָבער דער דאָזיקער באַשלוס האָט גלייך אויף איר אַנגעוואָרפן אַ שרעק. זי האָט גוט געקענט איר מוטער. זי וואָלט פּשוט נישט אַריבערגעטראָגן די חרפּה. זי איז אַזוי אויך אַ שוואַכע. ניין, צו דער מוטער דאַרף זי, ווי שטענדיק, אַלע זונטיק קומען מיט אַ פריילעכן פּנים און דערציילן, אַז ביי דער פרוי גודענהיים לעבט זיך איר גוט און דער יונגער סעמועל, דער סקולפּטאָר, איז גאָר

באַגייסטערט פון איר. דאַן שמייכלט די מאַמע שטיל און עס איז נישט שווער אויפצוכאַפּן אירע געדאַנקען, אַז אַט מאַלע וואָס עס קען פּאַסירן. ליזאַ איז אַ געראַטענע און אַ שיינע. אפשר וועט זי אין איר לעבן נישט וויסן פון נויט און אָרעמקייט.

אַז פרוי גודענהיים האָט זיך צוריקגעקערט פון וואַקזאַל, האָט זי אָנגעקוקט ליזאַן און זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט אויף אַ רגע. דער אַלטערס פּנים האָט צום ערשטן מאָל אויסגעדריקט פאַרביסנקייט, און אַרום ליזאַס מויל איז ווי אַ שאָטן דורכגעלאָפן אַ פיינלעך פאַרלאָרענער שמייכל. זי האָט זיך פּלוצלינג דערפילט קראַנק.

— מיין גאָט — האָט ליזאַ געטראַכט — מיין גאָט!

ליזאַ האָט אַלע טאָג אויסערלעך רויק געטון איר אַרבעט און אַ סך געחלומט אויף דער וואָר. מיט פרוי גודענהיים האָט זי אויסגעמיטן צו ריידן און באַזונדער זיך טרעפן מיט אירע אויגן, וואָס האָבן געקוקט כיטרע און בייז. ליזאַ האָט אָנגעהויבן שטאַרק בענקען נאָך סעמועלן און אַלץ מורא געהאַט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון איר אויף שטענדיק און שפּעטער וועט אויך זיין מוטער איר אַרויס־טרייבן. ווי זאָל זי איצט האַנדלען? נאָר עס איז פאַרביי אַ וואָך און זי האָט פון סעמועלן באַקומען אַ בריוו, וווּ ער איז געווען זייער צאַרט און זי אָנגערופן „ווייסע ציגעלע" און געהייסן וואַרטן אויף אַ צווייטן בריוו, אין וועלכן ער וועט איר לאָזן וויסן וואָס זי האָט איצט צו טון...

דערווייל האָט פּאַסירט, אַז ליזאַס מוטער איז פּלוצלינג געשטאָרבן. מען האָט איר געפונען זיצנדיק אַ טויטע ביי דער ניי־מאַשין. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז איר לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן פון אַ האַרץ־שלאַג. ביי דער לויה האָט ליזאַ געוויינט אויף דעם קול, און דעם טעפּערס זון, דער קריפּל, וועלכן זי האָט געקענט נאָך פון די קינדער יאָרן, איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר און אויך פאַרגאַסן טרערן. ער האָט ליזאַן געבעטן צו קומען וווינען מיט זיי, נאָר זי האָט זיך אומגעקערט צו פרוי גודענהיים און איז דאָרט אָפּגעלעגן דריי טעג ווי אין אַ האַלבן שלאָף. עס האָבן זיך איר אַלץ געפּלאָנטערט שווערע און מאָדנע חלומות, פאַרביקע און פאַנטאַסטישע, און עמיצער האָט פאַר איר געשפּילט אויף אַ האַרמאָניע, געוויינט און זיך נישט געקענט איינשטילן.

נאָר אַז עס איז אָנגעקומען פון סעמועלן דער צווייטער בריוו, אַז זי זאָל זיך באַפרייען פון איר שוואַנגערשאַפט און דערנאָך קומען צו אים קיין קאַלי־פאָרניע, האָט ליזאַ איינגעפּאַקט אַ קליינעם פּעקל און געזאָגט פרוי גודענהיים, אַז זי מוז אַוועקגיין אויף אַ וואָך. די אַלטע איז מיט אַמאָל געוואָרן גוט. זי האָט געגעבן ליזאַן הונדערט דאָלער, איר געגלעט איבערן קאָפּ, באַדויערט וואָס איר־

מוטער איז געשטאָרבן, נאָר דערביי געגעבן אָנצוהערן, אַז צוריק זאָל זי אַהער קומען אַ געזונטע. זי דאַרף נעמען צייט און זיך גוט אויסרוען. דערווייל וועט זי פאַרמאַכן דאָס הויז און אַוועקפאָרן צו אירע פריינט, וועלכע וואוינען ביים ים. ליזן האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. דער גאַנצער קערפּער אירער האָט געציטערט פון באַליידיקונג. אָבער ענדלעך האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— אָבער מרס. גודענהיים, איך בין דאָך איצט אין אַזאַ צושטאַנד!...

די אַלטע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און געשוויגן, אַ קלוגע און אַ בייזע. נאָר ווען זי האָט דערזען ליזאַן שטייענדיק מיטן סעטשל אין האַנט זיך נישט רירנדיק פון אָרט, ווי זי וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן, מיט אַ ווייטיקדיקן אויסדרוק אויפן פּנים, איז פרוי גודענהיים אַ ביסל ווייכער געוואָרן: האָט אָנגענומען ליזאַן פאַר אַ האַנט און געזאָגט:

— נו, נו, עס איז נישט געפערלעך. אַזוינע זאַכן פּאַסירן מיט מיידלעך. מען דאַרף נישט זיין פאַרצווייפלט. סעמועל וועט זיין גוט צו דיר...

ליזאַן האָבן גענומען שטיקן טרערן. זי האָט זיך איינגעבויגן און אַ קוש געטון דער אַלטערס האַנט.

דעם זעלבן טאָג האָט ליזאַ באַשלאָסן גיין צום דאָקטאָר. עס איז געווען אין מיטן פרילינג און די טעג זענען געשטאַנען זוניקע. איבער ניו יאָרק האָט זיך געשפּרייט אַ טיפער בלויער הימל. ליזאַ איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבער בראָדוויי, געקוקט אויף די מענטשן שטיל און געשמייכלט. זי האָט זיך געפילט גוט צווישן דעם גרויסן געדיכטן עולם. אַזוי פיל פאַרבן, אַזאַ יום־טובֿדיקער טאָג. צום דאָקטאָר האָט זי געדאַרפט קומען פאַרנאַכט. זי האָט איינגעאַנצן ווי פאַרגעסן אָן אים. עס איז צוגעקומען אַ בלומען פאַרקויפערין און איר פאַרגעשלאָגן אַ קליינעם בוקעטל פיאַלקעס. ליזאַ האָט געקויפט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי גייט איצט צו סעמועלן, וועלכער וואַרט אויף איר, און זי וועט אים בעטן, דאָס ער זאָל איר נישט שטערן צו האָבן דאָס קינד. אירע טריט זענען געוואָרן נאָך לאַנגזאַמער, פול מיט חן און גראַציע. יאָ, פאַר די סקולפּטורן, וואָס ער דאַרף שאַפן, וועט ער דאָך קענען קריגן אַ פּאַסנדיקע מאָדעל־מיידל. און נאָכן געבוירן דאָס קינד וועט זי קענען פאַר אים פּאָזירן אַליין. אַלץ האָט זיך איר אין טרוימען אויסגעוויזן צו זיין אַזוי פאַרשטענדלעך און פּשוט. סעמועל וועט דאָך נישט זיין קיין שלעכטער.

ליזאַ איז אַריין אין אַ קאַפעטעריע און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט זייער מיד און שלעפעריק. אַנטקעגן איר איז געזעסן אַ מאַן און געגעסן. זי האָט אויף אים געקוקט און אים נישט געזען.

זי האָט האַלב פֿאַרמאַכט די אויגן און גענומען חלומען אויף דער וואָר, אַז זי געפֿינט זיך אין וואָרט־צימער פֿון אַ וואָקזאַל. אָבער אַט האָט זי זיך אויפֿגע־הויבן, איז צוגעגאַנגען צו סעמועלן, וועלכער איז געזעסן אַן אַ זייט, און אָנגע־רירט זיין אַקסל. ער האָט אומרויִק אַ קער געטון דעם קאָפּ און זיך הייזעריק צעלאַכט. דערנאָך האָט ער איר אַרומגענומען און געקושט. זיי זענען אַוועק צום האָטעל, וווּ סעמועל איז איינגעשטאַנען. אויפֿן וועג האָט זי אים דערציילט, ווי צוערשט האָט זיין מוטער איר באַליידיקט און שפּעטער זיך באַמיט צו באַרויִקן איר. זי האָט אויך דערמאָנט די הונדערט דאָלאַר וואָס די אַלטע האָט איר גע־געבן. יאָ, יאָ, ענדלעך איז זי געוואָרן אַזוי גערירט, דאָס זי האָט זיין מוטער אַ קוש געטון די האַנט. זי האָט אים אויך געזאָגט, אַז זיין מוטער האָט איר געגעבן אָנצוהערן דאָס זי דאַרף זיך אַזוי גיך נישט אומקערן צו איר, ווייל זי פֿאָרט אַוועק צו פֿריינט וועלכע געפֿינען זיך ביים ים. ליזאַ האָט אויך גערעדט וועגן איר מוטערס טויט און באַערדיקונג. מען האָט די פֿאַרשטאָרבענע באַגראָבן נעבן איר מאַן. זיי ווידער צוזאַמענגעבראַכט און דאָס מאָל אויף אייביק.

— אָבער, ליזאַטשקאַ, פֿאַרגעס עס. — איז סעמועל געוואָרן אומגעדולדיק.

— צו וואָס דאַרפֿסטו מיין מוטער? מיר וועלן „נאָכדעם" זיך אומקערן צו מיר, אין מיין נייער סטודיאָ, וואָס געפֿינט זיך אין די קאַליפֿאָרניער בערג.

זי האָט פּלוצלינג איינגעגראָבן אירע אויגן אין אים:

— וועסט זיין גוט צו מיר?

— אַך, דו „ווייסע ציגעלע", — האָט ער געמאַכט אַ רחמנותדיק פּנים און טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון זיינע אויגן. ער האָט איר אַרומגענומען און געקושט פֿאַר אַ סך מענטשן אין די אויגן. דערנאָך אַוועקגעפֿירט אין זיין האָטעל, וווּ ער האָט זי געלאַסטשעט, אויסגעקושט איר יעדן גליד און פֿאַרזיכערט, אַז איצט איז זי ערשט וווּנדערבאַר, אַז די שווערע טרויעריקע איבערלעבונגען האָבן פֿאַרטיפֿט איר שיינקייט, און אַז זי איז פֿון יענעם טיפּ פֿרוי, וואָס צעבליט זיך רייך אין שטילן צער. זי האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל איר נישט צווינגען גיין צום דאָקטאָר און לאָזן האָבן דאָס קינד און זי האָט גערעדט וועגן דער מאָדעל־מיידל, וואָס ער וועט קענען נעמען שפּעטער, אַז זי וועט שוין נישט קענען פּאָזירן פֿאַר אים. אַ קינד וואָלט זיי ביידן נאָך גליקלעכער געמאַכט. ער וועט דאָך זיכער חתונה האָבן מיט איר.

— נו, סעמועל, ליבער, טייערער און גוטער סעמועל, — איז זי צוגעפֿאַלן צו זיין ברוסט, — איך וויל עס נישט טון. איך וויל בעסער שטאַרבן. איך קען נישט...

זי האָט גענומען שמייכלען דורך די טרערן און געוואַרט, אַז אַט, אַט וועט

ער צושטימען. אָבער סעמועל איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ ווילדער און זיין האַר־טער פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. אָ, זי וויל אים שטערן אין זיין קאַריערע אַלס קינסטלער! אַנשטאָט צו העלפן אים אין זיין אַרבעט, האָט זי גאָר פּאַרטראַכט צו מאַכן פון אים אַ שקלאַף. אָט פּונקט ווי איר מוטער האָט עס געטון מיט איר פאָטער און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט פאַרלוירן אַ גרויסן מאָלער. דערנאָך איז ער געוואָרן שטיל און זיין קול האָט ווידער געקלונגען ווי פון אַ קראַנקן יינגל, וואָס בענקט און ליידט און קען זיך נישט געפינען קיין רו. זי האָט אים אויסגעהערט פאַרטראַכט. ווען ער האָט דערמאָנט איר פאָטער, האָט זי אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער און זיך אויפגעכאַפּט פון איר חלומען אויף דער וואָר.

— מיין גאָט! — האָט זיך ליזאַ אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ. — וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר?! — און זי האָט זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג פון דער קאַפעטעריע.

גייענדיק צום דאָקטאָר איז איר באַפאַלן אַן אומעט און אַ שרעק. זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט זי עס אַריבערטראָגן. זי האָט אויך געוווסט, אַז עס איז אַ גרויסע זינד דאָס צו טון. אַ סך מיידלעך האָט עס געבראַכט צום טויט און זי קען אויך שטאַרבן.

ביים אַריינגאַנג פון דאָקטאָרס אָפיס האָט זיך ליזאַ אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט דאָס קליינע געסל, וווּ אויף די שפּיצן פון ביימער ביי די צוויי טאַזשנע הייזער שטאַרבן אָפּ די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער פרילינג־זון, און האָט זיך שטיל צעוויינט. אָבער ענדלעך האָט זי אָנגעקלונגען און איז אַריין צום דאָקטאָר.

אין וואַרט־צימער איז קיינער נישט געווען. ליזאַ האָט זיך אָוועקגעזעצט און גענומען קוקן אויף אַ גרויס בילד וואָס איז געהאָנגען אויפן וואַנט. דאָס איז געווען אַ בילד פון אַ באַרימטן מאָלער, וועמענס נאָמען זי האָט געהערט פון איר פאָטער. דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט אַ צעאַקערט פעלד, אַ וועג וואָס פאַרלירט זיך העט וויַיט, און אַ פּאָר ביימער, ווען דער ווינט לויפט אַן אויף זיי, און אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין בלויען בין השמשות. די פאַרבן זענען געווען אַזוי צאַרט און זאַפטיק; דער וועג האָט אַזוי גערופן און געלאָקט, אַז ליזאַ האָט דער־פילט ווי אַ מאָדנע רויִקייט באַהערשט איר נשמה. זי האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פונם בילד.

פּלוצלינג האָט זי אויפגעציטערט און דערזען נעבן זיך אַ הויכן, דיקן מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר און געשמייכלט. זיינע אויגן האָבן זיך איינ־געגעסן אין איר קערפּער מיט אַזאַ קוק, אַז זי איז אינגאַנצן געוואָרן רויט. אָבער דער דאָקטאָר האָט איר פריינטלעך באַגריסט און דערנאָך אַריינגעפירט אין זיין

קאַבינעט, ווו ער האָט איר אונטערזוכט און זיך באַמיט צו באַרויִקן. דערבײַ האָט ער זײַער געלויבט סעמועלן און זײַן מוטער, פֿרוי גודענהיים.

שפּעט אין אָונט האָט זיך ליזאַ אויפֿגעכאַפּט אין אַ קלײנעם צימערל, וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿן אויבערשטן עטאַזש פֿון דעם דאָקטאָרס הויז. אַן עלטערע פֿרוי, אָנגעטון אין ווײַסן, איז געשטאַנען בײַ איר בעט און געשמייכלט. זי האָט ליזאַן פֿאַרזיכערט, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרבײַ און איצט זאָל זי ליגן רויִק.

בײַנאַכט איז דער דאָקטאָר ווידער געקומען און ליזאַן געגעבן עפּעס אַ מעדיצין. זי האָט אײַנגעדרעמלט און זיך געזען גײן איבער יענעם וועג, וואָס איז געווען אויסגעמאָלן אויפֿן בילד פֿון דעם באַרימטן מאָלער, וועמענס נאָמען זי האָט געהערט פֿון איר פֿאָטער. דער ווינט איז אָנגעלאָפֿן אויף די ביימער און געבויגן זיי ביז דער צעאַקערטער, וואַרעמער ערד און דער בין השמשות איז געוואָרן אַלץ בלויער און געדיכטער און זי איז אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען...

ליזאַ איז אָפּגעלעגן בײַ דעם דאָקטאָר אין הויז אײניקע טעג. איר צושטאַנד האָט זיך פּלוצלינג פֿאַרערגערט. זי האָט געקראָגן אַ הויכן פֿיבער און דער דאָקטאָר האָט איר אַריבערגעפֿירט אין אַ פּריוואַטן האָספּיטאַל, ווו זי האָט געמוזט פֿאַר־בלײַבן אַ צוויי וואָכן. פֿרוי גודענהיים האָט איר באַזוכט עטלעכע מאָל. זי האָט אויך באַקומען אַ בריוו פֿון סעמועלן. ער האָט זי געטרייסט און געבעטן צו זײַן רויִק. זי וועט קומען צו אים פֿון האָספּיטאַל. זי דאַרף זיך נאָר אַ ביסל אָפּרוען און ווערן אײַנגאַנצן געזונט. אָבער ליזאַ האָט געקוקט אַרום זיך מיט צעשראָקענע אויגן און זיך דערמאָנט, ווי אויפֿכאַפּנדיק זיך נאָך דער אָפּעראַציע, האָט זיך אָנגעצונדן אין איר אַ האַס צו סעמועלן. זי האָט דעם געפֿיל, וואָס האָט געמאַכט שווער איר געמיט, באַמיט זיך צו דערשטיקן, אָבער דאָס איז איר אָנגעקומען נישט לײַכט. סעמועל איז אַוועקגעפֿאָרן און איר געלאָזט אין אַזאַ צושטאַנד און זײַן מוטער האַלט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע אָנגעצויגן ווען זי קומט צו איר.

ווען ליזאַ איז אַרויס פֿון האָספּיטאַל, האָט זי געפֿילט, אַז מען האָט עפּעס אָפּגעריסן פֿון איר קערפּער. זי האָט באַשלאָסן גײן צוריק צו פֿרוי גודענהיים. אירע קרובים האָבן נישט געטאָרט וויסן וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. מען האָט זי אַרויסגעלאָזט פֿון האָספּיטאַל מיט אַ פּאָר טעג פֿריִער איידער זי האָט עס דערוואַרט און פֿרוי גודענהיים איז אפֿשר גאָר נישטאָ אין הויז. די אַלטע האַלט אין אײן אַרומלויפֿן צו באַקאַנטע.

בײַם אַרויסקומען פֿון האָספּיטאַל איז ליזאַ געבליבן שטײן אין גאַס און פֿרײַ אָפּגעאָטעמט. דערנאָך איז זי אַרײַן אין אַ קלײנעם פּאַרק, וואָס האָט זיך געפֿונען נעבן האָספּיטאַל, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר מוטער און אָן דער קלײנער געסל, ווו זיי האָבן געוווינט. מסתמא

האָט זיך דאָרט גאָר נישט געביטן. דער עפּל־בוים ביים וועג האָט זיך אָנגעטאָן אין ראָזעווען צוויט און זעט אויס יונג און פריילעך, ווי אַ מיידל אין אַ טאָג ווען איר איז גוט אויפן האַרצן, ווי ווען זי פאַרברענגט מיט איר געליבטן. דער אַלטער טעפּער יאָגט שוין אַוודאי יעדן אינדערפרי דעם באָק און די צוויי ציגן זיך פּאַשען אויף דער לאָנקע, וואָס געפינט זיך הינטער זייער געסל. אַמאָל טוט עס זיין ייִנגסטער זון, דער קריפּל, וואָס איז אַזוי פאַרליבט אין איר נאָך פון די קינדער־יאָרן. און אפשר גאָר גייט איצט צום טעפּער?

איר אָרעמע מוטער האָט אַזוי ליב געהאַט אין די דאָזיקע פרילינג־טעג שטיין ביי דער אָפענער טיר, אויף דער זון. פון ים דערטראָגט זיך אַ געשמאַקער ווינטל. איבער איר קאָפּ פליִען אַרום פילפאַרביקע צאַרטע שמעטערלינגען, זעצן זיך אויף אירע גרויע האָר און טראָגן זיך ווייטער צו די ווילדע זיסע קוויטן פון דער לאָנקע. אָבער איר מוטער איז דאָך שוין טויט און אין דער הייזקע וווינען פרעמדע. אַלץ איז פאַרביי, און זי איז שוין אויך גאָר אַן אַנדערע געוואָרן... זי האָט פאַר דער קורצער צייט אַ סך דורכגעמאַכט, זיך באַקענט מיט דער בייז־וויליקייט און ברוטאַליטעט פון מענטשן.

ביי פרוי גודענהיים איז ליזאַ אָפּגעווען נאָך אַ צוויי וואָכן, נאָר כמעט גאָרנישט געטון און כסדר גערוט. דערנאָך האָט איר די אַלטע געגעבן געלט און זי האָט באַשלאָסן פאָרן צו סעמועלן, קיין קאַליפאָרניע. זי האָט זיך שוין געפילט אינגאַנצן געזונט. און אַט האָט זי איין פרימאָרגן איינגעפּאַקט אירע זאַכן, זיך געזעגנט מיט פרוי גודענהיים, וואָס האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און קאַלט, און נישט פאַרגעסן דערמאָנען ליזאַן דאָס זי פאָרט צו איר זון צו זיין ביי אים נאָר אַ מאָדעל־מיידל. ליזאַ האָט פאַרביסן די ליפּן און איז אַרויס פון הויז אַ שווייגנדיקע און אַ באַליידיקטע. זי האָט געקראָגן גרויס רחמנות אויף זיך אַליין און איז געווען גרייט צו צעוויינען זיך, אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט. אַ רוף געטון אַ טעקסי און געפאָרן צום וואָקזאַל.

אין צוויי שעה אַרום איז זי שוין געזעסן אין אַ טריין וואָס איז געלאָפן קיין שיקאַגאָ. די דריי טעג, וואָס די רייזע דאַרף געדויערן, וועלן גיך פאַרביי — האָט געטראַכט ליזאַ און געחלומט ווי זי וועט שטיל אַריין צו סעמועלן אין סטודיאָ, נעמען אים האַלדזן און קושן און זיך באַמיִען צו טון דאָס בעסטע, אַז ער זאָל זיין צופרידן מיט איר. און האָט זי דען אַן אַנדער פּלאַץ חוהין צו גיין? סעמועל איז אַ קינסטלער און דאָס איז אַלץ פאַר איר. און זי וועט מסתמא אויך בלאָנדזשען און נישט געפינען קיין וועג, ווי איר פאָטער. דער דאָזיקער געדאַנק איז דורכגעפלויגן אין איר קאָפּ און זי האָט אים גלייך פאַרגעסן. און אָט טראַכט זי: ווי

וועט איר סעמועל באַגעגענען. דאָס וועט זיין אַ סימן צי ער איז ערלעך צו איר אָדער נישט. אָ, דאַן וועט זי וויסן וואָס זי האָט צו טון!...

אין שיקאַגאָ האָט ליזאַ אַ פּאָר שעה געוואַרט אויפן וואָקזאַל און דערנאָך גענומען די באַן, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגיין קיין קאַליפאָרניע. און אָט לויפט שוין דער צוג אין דער נאַכט אַריין. אין וואַגאָן איז געוואָרן האַלב טונקל. די פּאַסאַזשירן זענען זיצנדיק געשלאָפן. אייניקע האָבן גאַנץ געשמאַק געכראָפּעט. נאָר ליזאַ האָט נישט געקענט איינדרעמלען. דער צוג לויפט גיך און די רעדער קלאַפּן אויס מאָנאָטאָן: טראַך־טאַך־טאַך־טראַך־טאַך־טאַך, און ביי איר אין קאָפּ פּלאָנטערט זיך אַלץ, אַז דאָס זינגען די שטאָלענע רעדער אַ זייער טרויעריק ליד וועגן איר יונג לעבן, וואָס האָט זיך אָט ערשט אָנגעהויבן צו צעבליִען און זי דאַרף שוין גאָר אַזויפיל ליידן.

ליזאַ האָט די ערשטע נאַכט זיך אָפּגעפּלאָגט אין טריין און נישט געקענט איינשלאָפן, כאָטש די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. אַלע ווילדע פּלעגט אין איר דמיון דורכלויפן אַן אַנדער דערינערונג, אַן אַנדער בילד. געשטאַלטן זענען ווי שאָטנס געקומען און באַלד פאַרשוווּנדן. אָבער דעם טעפּערס זון, דעם קריפּל, האָט זי געזען שאַרף. ער האָט אונטערגעהוסט אין פויסט און זיך געוויצלט מיט איר און דערביי זענען געדונען טרערן פון זיינע אויגן — אַז ער האָט זי שטאַרק ליב און זי דאַרף נישט פאָרן קיין קאַליפאָרניע צו דעם סקולפּטאָר. זי דאַרף נישט... זי דאַרף נישט... און די רעדער פון טריין — האָט זיך איר געדאַכט — ווידערהאַלן אויך דאָס זעלביקע און זינגען אויך ווייטער דאָס טרויעריקע ליד וועגן איר יונג לעבן און אירע ליידן.

ליזאַן איז געווען אַ ביסל לאַנגווייליק צו פאָרן מיטן באַן דורכן ווייטן מדבר. ריידן מיט די פּאַסאַזשירן האָט זיך איר נישט געוואָלט, כאָטש אייניקע מענער האָבן זיך שוין גענומען שאַרן צו איר. זי האָט זיי געענטפערט קאַלט און זיי זענען אָפּגעטראָטן. האָט זי געקוקט אין פענצטער פון וואַגאָן: נידעריקע קוסטעס, הויכע פאַרשטויבטע גראָזן, ווילדע בלימעלעך, בערגלעך זאַמד, וואָלקנדלעך פון אַלערליי פאַנטאַסטישע פאָרמען ביים האָריזאָנט און פייגלען שניידן דורך די לופט און פאַרשווינדן. נאָר דאָ און דאָרט אַן איינזאַמע הייזקע און עטלעכע ביימער. און אַזוי ציט זיך, דאַכט זיך, אָן אַ סוף, און דאָס אויג ווערט מיד און פאַרשלעפערט פון זעלבן איינטאָניקן לאַנדשאַפט.

און אַזוי האָט זיך געצויגן דער גאַנצער וועג.

ליזאַ איז אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס אינדערפרי. דער טראַמוויי האָט איר געבראַכט צו אַ געוויסן באַס, מיט וועלכן זי איז געפאָרן צום ים, צו דער שטאָט סאַנטאַ מאָניקאַ, ווו אַן אַ זייט, אין די בערג, האָט סעמועל געהאַט זיין

סטודיאָ. אַראָפּגייענדיק פון באָס האָט זי אַ ביסל געבלאָנדזשעט און מיט ברייט צעעפנטע אויגן אַ באַגייסטערטע געקוקט אויפן ים און די בערג און אויף די ווייסע הייזער, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן דאָ און דאָרט, באַגאָסענע מיט זון. זי האָט אָפּגעשטעלט אַן אַלטע פרוי, וואָס האָט איר אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג און זי האָט באַלד דערזען אַ קליינע הייזקע, אַרומגערינגלט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן.

ליזאַ איז צוגעגאַנגען צו דעם אַריינגאַנג. די קאַליטקע איז געווען אָפן. זי איז אַריין אין הויף און דערהערט ווי מען שפּילט אין סטודיאָ אויף אַ האַרמאָניע. זי האָט אויפגעציטערט. אַ געפיל פון זיסן ווייטאָג האָט זיך צעגאָסן אין אַלע אירע גלידער. אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען און זיך צוגעהערט. זי האָט זיך דערמאָנט אַן דעם יונגן איטאַליענער, וועמען זי האָט אַלס מיידעלע ליב געהאַט.

— מיין גאָט, — האָט זי אַ זאָג געטון צו זיך, — דאָס איז אַזוי וווּנדערבאַר. אָבער ווער שפּילט עס? זאָל עס זיין סעמועל?

ליזאַ איז צוגעגאַנגען צו דער סטודיאָ און שטיל אַ קלאַפּ געטון אין טיר. זי האָט געציטערט פון אויפרעגונג, פון נישט וויסן וואָס עס קען דאָ זיין. וועט סעמועל איר אַרויס אַנטקעגן און שוין פאַרהאַלטן זי אויף שטענדיק? וועט זי בלייבן ביי אים, ווי זיין געליבטע, צי זיין פרוי? נאָר קיינער האָט נישט געענט־פערט. זי האָט ווידער אַ קלאַפּ געטון און פאַרהאַלטן דעם אָטעם. מען האָט אינעווייניק אויפגעהערט צו שפּילן און עס האָבן זיך דערהערט אַ פּאָר אומרויקע טריט. סעמועל האָט געעפנט די טיר, אויף אַ רגע זיך פאַרלוירן, אָבער מיט אַמאָל זיך דערפרייט, גענומען זי קושן, איר פאַרוואָרפן מיט אָפּגעריסענע פראַגן, און ווי אַ קליין קינד אויף די הענט איר אַריינגעטראָגן אין דער סטודיאָ.

— ליזאַ, ליזאַטשקאַ, דאָס איז ווונדערבאַר! — האָט זיך ביי אים אַרויס־געריסן פון פרייד — אָ, וואָס פאַר אַ טייערער גאַסט!

פון אַ פינצטערן ווינקל איז אַרויסגעשפּרונגען אַ באַוואָקסענער נידעריקער הונט, אויף קורצע פיסלעך, און זעענדיק אַז זיין באַלעבאָס איז אַזוי גליקלעך, גענומען באַגייסטערט בילן און שפּרינגען. פון הינטער אַ פאָרהאַנג האָט זיך דערהערט אַ הוסט און סעמועל האָט אויסגעשריען:

— איר קענט אַלע אַרויס פון די לעכער. דאָס איז געקומען צו מיר מיין געליבטע, מיין זיסע ליזאַטשקאַ. אָ, לאַ, לאַ, אָ, לאַ, לאַ, לאַ! — האָט ער זיך פּלוצלינג צעזונגען ווי אַ פאַסטוך פון די אַלפּן בערג, וואָס רופט צוזאַמען זיין טשערעדע בהמות.

פון הינטערן פאָרהאַנג זענען אַרויס צוויי מענער און אַ נאַקעטע מאָדעל־מיידל מיט זייער אַ ווייסן קערפּער און רויטע האָר. זי האָט רויִק באַגריסט ליזאַן,

זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ווייכער סאָפּע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, פאַרלייגט די הענט הינטערן קאָפּ און מיד פאַרמאַכט די אויגן.

איינער פון די מענער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער מיט אַ צאַרט מיידלשן פּנים, אין ברילן. דער צווייטער, אַ קליינער, אַ דיקער מיט גראָבע פּיס און גרויסע רונדע אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, וואָס זענען ווי אַרויסגעקראָכן פון די לעכער. ער האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ בייזער גייסט, וואָס גייט אַרום צווישן מענטשן און טראָגט פאַנאַנדער שווערע קראַנקייטן, שטיקנדיקע חלומות און בלוטיקע רויטע קאָשמאַרן. ליזאַ האָט זיך פאַר אים דערשראָקן. סעמועל האָט זיי פאַר־געשטעלט פאַר איר. ביידע זענען געווען יידן: דער יונגער אַ פּאָעט און דער אַנדערער אַ געוועזענער ראַבאַי און פּרעדיקער, וואָס האָט איצט זיך פאַרנומען מיט מאַלעריי און סקולפּטור. ביידע מענער האָבן איר אָנגעקוקט מיט באַוווּנדערונג און זיך פאַרנייגט.

ליזאַ האָט זיך אַביסל באַרויִקט און אַרומגעקוקט. אויף די הילצערנע פאַ־ליצעס אַרום די ווענט זענען געשטאַנען קליינע סטאַטועטקעס, פאָרטרעטן אָן ראַ־מען און לאַנדשאַפטן, געמאָלן מיט גרינע און געלע פאַרבן. פאַרשידענע זאַכן זענען געלעגן אָנגעוואָרפן דאָ און דאָרט. עס האָט אויסגעקוקט, אַז סעמועל וווינט שוין אין דער סטודיאָ וואָכן לאַנג און קיינער ראַמט דאָ נישט צו.

דאָס רויטע מאָדעל־מיידל איז אַראָפּ פון סאָפּע און זיך לאַנגזאַם גענומען אָנטאָן. זי האָט געזאָגט דאָס זי מוז אַוועקגיין. סעמועל האָט איר דערלאַנגט עט־לעכע דאָלאַר און געבעטן אַריינקומען אַמאָל, אפשר וועט ער זי נאָך דאַרפן האָבן. ליזאַ האָט אויף איר געקוקט און געשוויגן. און אַז דאָס מאָדעל־מיידל האָט איר געווונטשן גליק, האָט ליזאַ פריינטלעך אַ שמייכל געטון און איר געדאַנקט.

סעמועל איז געווען אויסערגעוויינלעך גוט אויפגעלייגט און געשיקט דעם פּאָעט נאָך אַ פּאָר פלעשער ווייַן און פאַרבייסנס. ווייַן! ער וויל נישט, אַז זיינע פריינט זאָלן איצט אַוועקגיין. אַלע צוזאַמען וועלן זיי טרינקען און באַגריסן דעם טייערן גאַסט, וואָס איז געקומען צו אים פון ניו־יאָרק, פון זיין מוטערס הויז. ליזאַ האָט בלאַס געשמייכלט. זי איז געווען מיד פון דער לאַנגער רייזע. איר האָט זיך געוואָלט אָפּרוען, בלייבן מיט סעמועלן אַליין, דערציילן אים ווי זי האָט גע־ליטן נאָך זיין אַוועקפאָרן, ווי זי האָט דורכגעמאַכט די אָפּעראַציע...

אָבער זאָגן עס סעמועלן איצט האָט זי נישט געוואָלט. ער זעט אויס צו זיין אַזוי צופרידן מיט איר קומען. און דערווייל איז דער פּאָעט אַריין מיט די פּאָר פלעשער ווייַן און מען האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש. סעמועל האָט גענומען ליזאַן אויף די קני. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, זיך פאַרטראַכט, און

אירע בליקן זענען געווען דורכדרינגענדיקע און האָבן ווי געצויבערט מיט שווייגנדיקן ווײ.

סעמועל האָט געטרונקען אײן גלאָז ווײן נאָכן צווייטן. ער האָט אויך ליזאַן געצוווּנגען צו טרינקען. דער פּאָעט און דער ראַבאי האָבן איר אויך געבעטן, דאָס זי זאָל נישט אָפּשטיין פון דער קאָמפּאַניע. זי איז זיי זייער געפעלן געוואָרן. ליזאַ האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז ווײן און זיך גלייך פאַררויטלט. אירע אויגן האָבן מיט אַמאָל אויפגעלויכטן מיט אַ רייצנדיקן פייערל. דערנאָך איז סעמועל אַריין אין זיין שלאָפצימער און פון דאָרט אַרויסגעקומען מיט אַ קליינע האַרמאָניע אין די הענט. ליזאַ האָט באַגייסטערט אויסגעשריען:

— סעמועל, דו קענסט שפּילן אויף אַ האַרמאָניע?!

— אָט וועסטו באַלד הערן.

— דו האָט עס מיר אָבער קיינמאָל נישט געזאָגט.

ער האָט אָנגעהויבן שפּילן. און ווילדע, שכורע טענער האָבן זיך צעגאָסן איבער דער סטודיאָ. זיין פולער קערפּער האָט זיך געוויגט אַהין און אַהער.

— טאַנץ, ליזאַטשקאַ! — האָט ער אַ געשריי געטון — שפּרינג, ווייס ציגעלע.

— אָבער סעמועל — האָט זי צוזאַמענגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט, ווי אין אַ געבעט — איך בין נאָך שוואַך. דו ווייסט דאָך...

— טאַנץ! — האָט ער ווידערהאָלט נאָך העכער און זיין פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. — איך וויל דו זאָלסט טאַנצן.

ליזאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ און פּאַמעלעך זיך גענומען דרייען איבער דער סטודיאָ. די טענער פון דער האַרמאָניע האָבן זיך פלוצלינג געביטן. סעמועל האָט געשפּילט אַ ווילד טרויעריקן מאָטיוו, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ שניי־זאַווערוכע, וואָס וויינט און יאָמערט און פאַרשיט אַלע וועגן און סטעזשקעס. ליזאַ האָט אַ טופּע געטון מיט אַ פוס, אַרויסגעלאָזט אַ באַגייסטערטן געשריי און זיך אַ טראָג געטון ווי אַ ווינט.

אַ ווײלע שפּעטער איז זי געלעגן אַ בלאַסע אויף דער ווייכער סאָפע און שווער געאָטעמט. סעמועל איז געזעסן ביי איר צוקאָפּנס און איר געגלעט דעם קאָפּ. ער האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס ער האָט איר געצוווּנגען צו טאַנצן. ביים טיש האָט וועגן עפּעס פילאָזאָפירט דער געוועזענער ראַבאי. ער האָט גערעדט קלוג, פּשוט און זייער מענטשלעך. ליזאַ האָט זיך נייגעריק צוגעהערט צו זיינע רייד און געטראַכט, אַז אָט מיט דעם מענטש וועט זי דאַרפן ווערן באַפריינדעט און לערנען זיך ביי אים ווי צו לעבן.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז ליזאַ די ערשטע אויפגעשטאַנען, גענומען צור־

גרייטן פרישטיק און רוימען די סטודיאָ. אַלע ווײַלע איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין שלאָפצימער זען צי סעמועל האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט.

זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן, ווי נעכטן, ווען די געסט זענען אַוועק, האָט סעמועל איר געהאַלטן אין איין קושן און לאַשטשען. ער האָט גערעדט צו איר גוטע רייד, פאַרזיכערט, דאָס ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך איר, ווײַל זי איז אַזוי צאַרט, ליב און רייצנד. און אין אָוונט האָט ער גענומען אַ לאָמפּ אין האַנט און אַרײַנגעפירט ליזאַן אין זײַן שלאָף־צימער. דאָרט האָט זי באַ־מערקט אַ בילד פון זײַן מוטער אויפן וואַנט איבערן בעט. די אַלטע איז געווען פאָטאָגראַפירט מיט אַ קודלאַטן הונט און געקוקט פונעם בילד בייז און קלוג. אין אַ ווינקל איז געהאַנגען אַ מאַסקע פון סעמועלס טויטן פאָטער, וואָס איז געשטאָרבן פּלוצלינג פון אַ האַרץ־שלאַג. סעמועל האָט גענומען דערציילן ליזאַן אַז זײַן פאָטער האָט געפירט גרויסע געשעפטן און איז געווען זייער אַן ערנ־סטער מענטש. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט אים באַפאַלן אַ מאָדנער אומרו. דאַן פלעגט ער גיין הוליען אין ביליקע סאַלונס מיט אָפּגעריסענע וואַגאַבונדן און פאַרשידענע שלימזלניקעס און ווי ער פלעגט זיי דערנאָך אַלעמען זידלען, וואַרפן אין די פּנימער געלט, זיי זאָלן אַוועק פון אים.

ליזאַ האָט נײַגעריק געקוקט אויף דער מאַסקע, זיך צוגעהערט וואָס סע־מועל רעדט און געטראַכט וועגן איר פאָטער. און אַלע ווײַלע, נישט ווילנדיק, אויסגעשריען:

— דאָס איז וווּנדערבאַר, וווּנדערבאַר!

סעמועל האָט אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אויף אַ קליינעם דרעסער.

ליזאַ האָט געלאַכט און געוויינט פון גליק און איז אים געווען געהאָרכזאַם ווי אַ שקלאַפין.

אויף מאָרגן נאָך פרישטיק האָט זי מיט סעמועלן אַביסל געאַרבעט אין גאָרטן וואָס ער האָט אויפגעגראָבן אויפן הויף פון דער סטודיאָ און פאַרפלאַנצט פאַרשידענע גרינסן און בלומען. דערנאָך האָט זי פּאָזירט פאַר אים, כאָטש דאָס איז איר אָנגעקומען זייער שווער, ווײַל מינוטנווײַז האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז אָט וועט זי אומפאַלן פון שוואַכקייט.

אָבער דאָך איז זי געווען זייער צופרידן וואָס זי קען אים נוצן אין זײַן קינסטלערישער אַרבעט, און האָט זיך באַמיט שטיין געדולדיק און נישט בייטן די פּאָזע, אין וועלכער סעמועל פלעגט וועלן זי זאָל פאַרבלײַבן אַמאָל אַ צען מינוט נאָכאַנאַנד אָדער מער. אָבער וואָס אַ טאָג איז ליזאַ געוואָרן אַלץ שטאַרקער און געגומען אַרויסווײַזן אַ סך מער געדולד און פאַרשטענדעניש פאַר דער קונסט פון פּאָזירן. זי האָט אַזוי ליב געהאַט צוקוקן זיך ווי אין סעמועלס הענט לעבן

אויף שטיקער ליים און קריגן מענטשלעכע פאָרמען. אָפּט פלעגט זי אים שטיל מאַכן אַזוינע באַמערקונגען, אַז ער פלעגט ווערן איבעראַשט און זיך ווונדערן פון וואַנען קומט עס צו איר. נאָר ער האָט געשוויגן און כלומרשט אָנגעשטעלט אַ בייז פּנים, זי זאָל אים נישט שטערן אין דער אַרבעט מיט אירע נאַרישע רייד. אָבער ליזאַ האָט געזען, דאָס סעמועל הערט זיך דאָך צו און מאַכט ענדלעך איבער דאָ אַ שטריך און דאָרט אַ שטריך, ווי זי האָט געזאָגט. ער פלעגט עס נישט טון גלייך, נאָר אַביסל שפּעטער און דערביי זיך זידלען, אַז עס גייט עפּעס נישט. אַלע טייוואָלים פון דער וועלט טאַנצן אַרום אים.

ליזאַ פלעגט אָבער זוכן צו באַרויקן סעמועלן און צוגעבן אים מוט:

— דו וועסט פון מיר מאַכן אַ ווונדערבאַרע סקולפּטור. נישט אמת, טייע־רער? דאָס ווייסע ציגעלע מיט די שוואַרצע אויגן און רויטלעכע האָר קומט דיר צוניק, איאָ?.

— אָ, לאָ, לאָ, לאָ, לאָ! אָ, לאָ, לאָ לאָ לאָ! — פלעגט ער זיך פלוצלינג צעזינגען און נעמען „יאָדען“ ווי אַן איינוווינער פון די שווייצאַרישע אַלפּן און אַזוי „פאַרשרייען“ דעם ענטפער וועלכן זי האָט אַלץ געוואָלט פון אים.

אייניקע מאָל, אין די נעכט, ווען זי האָט אים געהאַלטן אין אירע אָרעמס, פלעגט ליזאַ פרעגן סעמועלן צי דענקט ער מיט איר חתונה צו האָבן, ווייל ער האָט דאָך פיל מאָל זיך געשוווירן, אַז אַזוי וועט עס זיין. זיי קענען דאָך גיין און אַרויסנעמען מערידזש לייסענס. אָבער ער פלעגט שטענדיק ווערן אַביסל אויפ־געדעגט און טענהן, אַז זי האָט אים אַפּנים נישט ליב און דערפאַר רעדט זי נאָר וועגן צערעמאָניע. דערצו ווייסט זי דאָך גאַנץ גוט דאָס ער איז מאַטעריעל אָפּ־הענגיק פון זיין מוטער. אמת, ער וועט אין גיכן אָנהייבן צו אַרבעטן אויף די דריי פיגורן, וואָס מען האָט ביי אים באַשטעלט, און פאַרדינען אַ היבשע סומע געלט. אָ, דאַן וועט זיין עפּעס אַנדערש! ער וועט ווערן דער באַלעבאָס איבער זיך. זי מוז האָבן געדולד און אים נישט פאַרשאַפן צופיל זאָרג.

— נו, זיי נישט בייז, ,סעמועל — פלעגט זי זיך פאַרענטפערן און אים שטאַרקער צודריקן צו זיך. — דיין ליזאַטשקאַ איז אַ נאַרישע ציגעלע און האָט אַלץ מורא. נו, פאַרגיב מיר. איך גלויב דיר. דו וועסט מיר נישט אָפּנאַרן.

אַזוי זענען געגאַנגען טעג נאָך טעג און עס איז שוין געווען באַלד ענדע זומער. די אָוונטן זענען געוואָרן לענגער, נאָר די טעג זענען געשטאַנען זוניקע, וואַרעמע. סעמועל פלעגט אָפּט אָוועקגיין קיין האָליווּוד פאַרברענגען מיט קאָלעגן קינסטלער און אַהיים קומען שפּעט אין דער נאַכט. עס איז געווען וויט און ער האָט געדאַרפט פאָרן מיט אַ סטריט־קאַר און מיט אַ באָס. קיין אויטאָמאָביל האָט ער נישט געהאַט און אויך נישט געוואָלט האָבן. ליזאַ פלעגט בלייבן אַליין אין

סטודיאָ מיטן הונט, וואָס האָט זיך צו איר שטאַרק צוגעבונדן. די ערשטע צײַט איז איר געווען אומעטיק און זי האָט געזוכט פאַרשידענע אַרבעט צו פאַרטרײַבן די לאַנגווײַליקע שעהן. אַ פּאָר מאָל האָט ער ליזאַן מיטגענומען מיט זיך, באַקענט איר מיט אַלערלײַ קינסטלער, נאָר קומענדיק אַהײם האָט זי געפילט אַ פּוסטקייט אין דער נשמה און מער נישט געוואָלט גײן.

סעמועל איז געווען זייער צופרידן מיט דעם, ווײַל ליזאַ האָט אים נאָר געקענט שטערן צווישן זײַנע חברים און באַקאַנטע פרויען. נו, פלעגט זי אָפּט, ווען ער פלעגט אַוועקגיין, זיצן בײַם שוועל פון סטודיאָ און דער הונט איז געלעגן בײַ אירע פיס און זיך צוגעהערט מיט זײַנע גרויסע אויערן צו יעדן שאָרך. קיינער האָט נישט געשטאָרט שטערן די רו פון זײַן באַלעבאָסטע, וועלכע פלעגט זיצן אַ פאַרחלומטע און אײַנאָטעמען די אַראָמאַטן פון די בלומען און פלאַנצן וואָס האָבן געבליט אַרום. יאָ, ליזאַ האָט געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן און זאָרגן אין די דאָזיקע שטילע אײַנזאַמע שעהן. זי האָט זיך געפילט נישט גוט זינט זי איז געקומען פון ניו יאָרק. אמת, די ערשטע צײַט האָט אויסגעזען, אַז זי ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג, אַז די קאַליפאָרניער לופט טוט איר אַ סך גוטס. עס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. יעדן מאָנאַט פלעגט זי מוזן פאַרבלײַבן עטלעכע טעג אין בעט און דערנאָך אויפשטיין זייער אַ מידע, אַ בלאַסע, ווי זי וואָלט פאַרלוירן דאָס גאַנצע בלוט פון קערפּער. זי האָט אויך געהאַט אָפּטע קאָפּ־ווייטיקן און אינערלעכע שמערצן. זי האָט נישט געקענט שטאַרק ליב האָבן סעמועלן און ער האָט שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט מיט איר. זי איז איין מאָל געווען בײַ אַ דאָקטאָר און ער האָט איר געראָטן צו האָבן אַ קינד. אָבער סעמועל האָט זיך אויסגעלאַכט: דער דאָקטאָר פּלאַפּלט נאַרישקייטן, זי איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט און האָט נאָך גענוג צײַט צו האָבן קינדער. דאָס בעסטע פאַר איר געזונט וואָלט געווען צו נעמען קאַלטע טושן אַלע אינדערפרי און עסן אַ סך סטעיק. עס איז אויך גוט אַ גלאָז ווײַן. ער וועט איר ברענגען אַ פּאָר פלעשער אימפּאָרטירטן אַלטן ווײַן. אָ, לאַ, לאַ, לאַ, דאַן וועט דאָס בלוט זיך צעשפּילן אין אירע אָדערן און זי וועט אויפהערן צו קרעכצן אין די נעכט.

האָט ליזאַ געשוויגן און געדולדיק געוואַרט, אַז איר זאָל ווערן בעסער.

אָבער ליזאַ האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו דערקענען סעמועלן און אַ פּאַרבאָרגענער פּחד האָט זיך פאַרקליבן אין איר נשמה. זי פלעגט אַנטדעקן אין אים וואָס ווײַטער אַלץ נײַע אַנטיפּאַטישע שטריכן און זיך וווּנדערן, וואָס זי האָט זיי פריִער נישט באַמערקט. ווי קען אַ קינסטלער זײַן אַזוי, — האָט איר געמוטשעט אַ געדאַנק, ווײַל זי האָט געגלויבט, אַז קונסט גייט מיט פײַנקייט, מענטשלעכקייט

און ערלעכקייט. דאָס האָט איר אויך געזאָגט איר פאַרשטאָרבענער פאָטער, ווען ער האָט דערציילט וועגן קינסטלער וואָס האָבן אַ סך געליטן אין זייער לעבן און שטענדיק געזוכט דעם אמת. און סעמועל איז אָפט אַזוי ברוטאַל אין זיינע באַנעמונגען און רייד צו איר און צו אַנדערע. ער האָט דאָן נישט געטאָרט איר לאָזן אין אַזאַ צושטאַנד און אַוועקפאָרן. ער האָט געדאַרפט וואַרטן ביז זי וועט דורכמאַכן די אָפּעראַציע... און נאָך עפּעס האָט איר געפּייניקט: איז ער טאַקע אַ גרויסער קינסטלער? און צי האָט זי אים אויף אַן אמת ליב? נישט אַלע זיינע סקולפּטורן געפעלן איר. אַז זי קוקט זיך גוט צו צו זיי, געפינט זי אויס אַ סך פעלערן. אָבער וואָס פאַרשטייט זי אין די אַלע זאַכן?

אַמאָל פלעגט אינאָוונט קומען דער געוועזענער ראַבאַי און פאַרברענגען אין סטודיאָ אַ שעה צוויי. ער האָט געוווינט אין סאַנטאַ מאָניקאַ. ווען ליזאַ איז געווען אַליין, פלעגט זי זיך שטאַרק דערפרייען מיט אים. זיין אויסזען האָט איר שוין נישט געשראָקן. אָט דער קליינער דיקער מענטש מיט די קורצע גראָבע פיס און גרויסע רונדע אויסגעשטאָרטשעטע אויגן, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ בייזן גייסט, האָט געקענט מיט זיינע רייד אַריינדרינגען טיף אין איר נשמה און זי לאַסטשען און באַרויקן. ליזאַ פלעגט אַזוי גערן אויסהערן זיינע ווונדערלעכע געשיכטעס פון תלמוד און מדרש. דערצו האָט ער פאַרמאָגט אַ זעלטן גוטן כאַראַקטער און איז געווען אַ מענטש ממש אַן גאָלד. דאָס האָט געמאַכט, אַז ער זאָל ווערן באַפריינדעט מיט סעמועלן, ווען אין די קינסטלערישע קרייזן מען האָט געהאַלטן פאַר אַ ברוטאַלן יונג.

— דאָס איז אַזוי ווונדערבאַר! — פלעגט שטיל לאַכן ליזאַ פון דעם ראַבאַיס קלוגע יידישע משלים און וויציקע אַנעקדאָטן. — און איך בין אַזאַ נאַרעלע און ווייס גאָרנישט.

וועגן זיין אייגן לעבן האָט ער מיט ליזאַן נישט גערעדט. נאָר זי האָט געוווסט פון סעמועלן, אַז דער געוועזענער ראַבאַי איז געבוירן אין פוילן, פון וואַנען זיינע עלטערן האָבן אים אַהער געבראַכט אַלס קינד. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ נייגונג צו מאַלעריי, נאָר זיין פאָטער האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ סעמינאַר און ער איז געוואָרן אַ ראַבאַי. ער האָט געקראָגן אַ שטעלע ערגעץ אין טעקסאַס, ביי אַ קליינער יידישער געמיינדע, און האָט דאָרט אַפילו חתונה געהאַט. נאָר זיין ווייב האָט אים פאַרלאָזן און די שטעלע האָט ער אויפגעגעבן, ווייל זיינע עלטערן זענען געשטאָרבן און אים געלאָזן געננג געלט ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט זיין קונסט. ער האָט זיך באַזעצט אין קאַליפאָרניע און לעבט אַזוי איינזאַם שוין דאָס זעקסטע יאָר.

איינמאָל איז ער געקומען צו סעמועלן און ווידער געטראָפן ליזאַן אַליין, ווי

זי זיצט מיטן הונט בײַם שוועל פֿון סטודיאָ. ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר און זײ האָבן גערעדט. ליזאַ האָט אים דערציילט וועגן איר מוטער און אירע קינדער־יאָרן און וועגן דעם אַלטן טעפּער בײַ וועלכן זי פֿלעגט גנבֿענען לײם אויסצופֿורמען טשיקאַווע און מאָדנע פּנימער און ווי אַזוי זי פֿלעגט מאָלן קאַריקאַטורן פֿון איר לערער, וועלכער האָט איר שטענדיק באַשטראָפֿט דערפֿאַר, ווײַל די קאַריקאַטורן זענען אַרויסגעקומען זײער געלונגען און די קינדער אין סקול האָבן שטאַרק געלאַכט. האָט איר דער געוועזענער ראַבאַי אַ פֿרעג געטון: פֿאַרוואָס טוט זי עס נישט איצט? אַט זאָל זי מאַכן אַ קאַריקאַטור פֿון אים אָדער פֿון סעמועלן. זײער מעגלעך, אַז זי פֿאַרמאָגט טאַקע טאַלאַנט. טויזנטער באַגאַבטע קינדער אויף אַלע קונסט־געביטן ווערן פֿאַרלאָרן, ווײַל נישט שטענדיק האָבן זײערע נאָענטע דעם חשק און איבערהויפּט די גויטיקע מיטלען צו אַנטוויקלען זײ. דאָס ווײסן אַלע. זאָל זי ווידער פּרובירן. איצט דאַרף זי קיין לײם נישט גנבֿענען...

— טוט עס, ליזאַ, טוט עס, — האָט ער ווי זיך געבעטן בײַ איר.

— מײנט איר עס ערנסט, ראַבאַי גאָלדענבורג?

— זיכער. איר האָט גענוג צײַט אין די אָוונטן.

— אָבער זאָגט גאָרנישט סעמועלן. איך וויל אים איבעררעשן.

— זײער גוט, ליזאַ. און איצט וועל איך גײן אַהײם. גיט נאָר אַ קוק אויפֿן הימל. אַזוי אויסגעשטערנט.

— וווּנדערבאַר, — האָט ליזאַ אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

זי האָט אים באַגלײט ביז דער קאַליטקע און דער הונט איז זײ נאָכגעגאַנגען.

— אַ גוטע נאַכט, ליזאַ.

— אַ גוטע נאַכט, ראַבאַי גאָלדענבורג.

זי האָט זיך צוריקגעקערט אין סטודיאָ און גלײַך באַשלאָסן אויסצופֿורעמען סעמועלס קאָפּ. זי האָט געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיל, אַז דאָס וועט איר זיכער געלינגען. זי וועט עס פּרובירן טון. איר איז אַזוי באַקאַנט יעדער שטריך אין סעמועלס פּנים. דער אמת איז דאָך, אַז זי האָט שוין לאַנג געטראַכט עס צו טון, נאָר אַלץ נישט געהאַט קײן מוט. אָבער איצט האָט איר ראַבאַי גאָלדענבורג אַ שטויס געטון דערצו, און ער איז אַזאַ אויפֿריכטיקער מענטש. אָדער אפֿשר זאָל זי פּרוּוון אויספֿורעמען דעם הונט?! ווען ער וואָלט געקענט רויִק שטײן און פֿאָזירן פֿאַר איר. אָבער דאָס איז אוממעגלעך. נײן, זי וועט מאַכן סעמועלס קאָפּ. און ליזאַ האָט מיט אַ ציטער אין דער נשמה זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אָבער אַז עס איז געקומען „אויסצושנײַדן" פֿון דעם לײם דאָ און דאָרט אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך אין סעמועלס פּנים, פֿלעגט איר עפּעס נישט געפֿעלן

זיך און זי האָט אָנגעהויבן פון דאָס ניי. די אַרבעט האָט זיך ביי איר אַזוי פאַר־צויגן מער ווי אַ וואָך און זי האָט געהאַט שוועריקייטן עס צו באַהאַלטן און ווען זי איז געוואָרן פאַרטיק מיט דער אַרבעט, איז זי געשטאַנען פאַרוווּנדערט און נישט געגלויבט, אַז זי האָט עס געמאַכט. דער קאָפּ האָט אויסגעזען ווי לעבע־דיק, דער אויסדרוק פון ברוטאַליטעט האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן שטריך פון סעמועלס פּנים. ליזאַ האָט געקוקט אויף איר שאַפונג און פלוצלינג זיך צעלאַכט פון גליק. דער הונט קוקנדיק אויף איר, האָט זיך צעבילט און גענומען שפּרינגען אַרום איר פון פרייד.

ווען סעמועל איז שפּעט אינאָוונט אַ ביסל שיכורלעך געקומען אַהיים, האָט אים ליזאַ, לאַכנדיק, באַוויזן איר פאַרענדיקטע אַרבעט. מער ווי אַ מינוט איז ער געשטאַנען אַ צעטומלטער. ער האָט שטיל אַ פרעג געטון צי טאַקע זי האָט עס געמאַכט און פאַרוואָס האָט זי אים פריִער וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט? נאָר מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגעצונדן ווי פייער, געטון אַ זעץ מיטן קולאַק איבער דער סקולפּטור, אַז עס איז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל און זיך צעשפּאַלטן אויף צוויי שטיקער. ליזאַ איז געוואָרן בלאַס ווי דער טויט.

— אָבער, סעמועל, פאַרוואָס אַזוי? — האָט זי קוים אַרויסגערעדט, ציטערנ־דיק ווי אין פיבער.

— איך וויל עס נישט! — האָט סעמועל זיך צעשריען און גענומען טופּען מיט די פיס. — דאָס איז נאַריש און דו האָסט קיין טאַלאַנט נישט. קיין איין אמתן שטריך האָסטו נישט אַרויסגעבראַכט. עס איז נישט מיין פּנים.

— און איך גלייב, אַז דיין קאָפּ איז אַרויס זייער גוט — האָט ליזאַ פעסט געזאָגט. — וועל איך מאַכן עפּעס אַנדערש דאָס צווייטע מאָל און דו דאַרפסט זיך נישט ערגערן. דו גייסט כמעט אַלע אָוונט אַוועק צו דיינע קאָלעגן און לאָזט מיך אַליין אין סטודיאָ. עס איז מיר אומעטיק און איך האָב פּרובירט עפּעס טון.

סעמועל האָט זיך צעשריען נאָך העכער. אָבער ליזאַס פאַרדרוס און ווייטיק וואָס ער האָט צעבראָכן איר אַרבעט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט איס אָפּגעענטפערט שאַרף און ער האָט איר צום ערשטן מאָל דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים.

ליזאַ איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער סאָפע אין סטודיאָ און געוויינט און געיאָמערט. דער הונט איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר און געהאַלטן אין איין וואָיען. ער פלעגט אַלע ווילע זיך פאַרגיין ווי אַן אָסיען־ווינט, וואָס רייסט די לאָדנס, קלאַפּט אין טיר און בעט זיך מען זאָל אים אַריינלאָזן.

נאָך יענער נאַכט איז אַוועק מער ווי אַ וואָך און ליזאַ האָט געזוכט פאַרגעסן וואָס עס איז פאַרגעקומען. אָבער סעמועל האָט איר דאָך נישט געקענט פאַרגעבן,

וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי, אַ פּשוטע דינסט־מײדל, וואָס האָט זיך אין ערגעץ נישט געלערנט צײכענען, פאַרמאָגט מער טאַלאַנט פון אים. ער האָט אײניקע מאָל פּרובירט מאַכן אַ סקולפּטור פון זײן קאָפּ און עס איז קײנמאָל נישט אַרויס אַזוי געלונגען ווי בײ איר. און דערצו האָט ער דאָך פאַר איר נישט פּאָזירט.

ער האָט דאָס נישט געקענט פאַרגעסן.

ליזאַ האָט באַהאַלטן די צעבראָכענע סקולפּטור און עס געוויזן ראַבאַי גאָלדענבורגן. ער איז געווען אַנטציקט און איר פאַרזיכערט, אַז זי איז אַ גאָט־געבענטשטע קינסטלערין. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט רײדן מיט זײנעם אַ רײכן פרײנט, און אפשר וועט זי קריגן די נויטיקע מיטלען צו אַנטוויקלען איר טאַלאַנט. ער האָט ווידער גערעדט וועגן די גרויסע פאַרבאָרגענע קינסטלערישע כוחות וואָס ליגן אינעם פאָלק און געזאָגט, אַז מען דאַרף עס נאָר קענען אויסגעפינען און אַנטוויקלען.

אָבער סעמועל האָט אַלץ געמאַכט צו גאַרנישט ליזאַס טאַלאַנט און אַפילו געגעבן אָנצוהערן ראַבאַי גאָלדענבורגן, אַז ער זאָל ליזאַן לאָזן צורו. זאָל זי זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די אַלע פאַנטאַזיעס. ער וועט איצט אָנהײבן די אַרבעט, וואָס מען האָט באַשטעלט בײ אים, און ליזאַ וועט מוזן פּאָזירן. זי דאַרף וויסן איר פּלאַץ.

— דו ביסט נישט גערעכט, סעמועל, — האָט אים זײן פרײנט געענטפערט, — אָבער דאָס איז דײן זאַך. איך וויל זיך נישט אַרײַנמישן אין אײער לעבן. אָבער עס איז אַ גרויסער פאַרדרוס וואָס אַזאַ טאַלאַנט וועט פאַרלאָרן גײן.

סעמועל האָט אַ פאַרכמורעטער געשוויגן.

עס האָבן זיך געצויגן טעג פון שווערער אַרבעט. סעמועל האָט שוין אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט און האָט זיך געאײלט פאַרטיק מאַכן די דרײ סקולפּטורן, וואָס מען האָט בײ אים באַשטעלט. פאַר אַ געוויסער שטאָטישער געבײדע. ליזאַ האָט פּאָזירט פאַר סעמועלן שעהן נאָכאַנאַנד און פלעגט זיך דערנאָך פילן שרעקלעך אויסגעמאַטערט. דערצו האָט זי געדאַרפט קאָכן און אַ ביסל אַרבעטן אין גאָרטן, ווײל עס איז שוין געווען צײט אויסצוגראָבן די קאַרטאָפל און אָפּצוראַמען די קעפּלעך בלויעלעכע קרויט. די אַרבעט אין גאָרטן האָט ליזאַ זײער ליב געהאַט. זי האָט זיך אויך געקליבן מאַרענירן פאַרשידענע פרוכטן און מאַכן אײניקע וואַרעניעס, ווײל סעמועל האָט ליב געהאַט גוט צו עסן. זי האָט געוואָלט אַלץ באַזאָרגן ווי אַן אמתע באַלעבאָסטע.

דאָך איז סעמועל געווען שלעכט צו איר און זײ פלעגן זיך קריגן כמעט אַלע טאָג. ער האָט נאָר געזוכט חסרונות אויף איר און פלעגט ווערן ממש אָנגע־

צונדן פון יעדער קלייניקייט, וואָס זי האָט געטון נישט אַזוי ווי ער האָט גע־וואָלט. און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ליזאַ איז איינמאָל געוואָרן ווילד און פאַרביטערט און זיך פאַרמאָסטן אים צו וואַרפן אַ סטאַטועטקע אין קאָפּ, און געשריען, אַז זי וועט אים טויטן. סעמועל האָט זיך דערשראָקן אויף אַן אמת און ער איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך גוט צו איר. ער האָט גענומען זי פאַר־זיכערן, אַז ער איז קראַנק, האָט אַ שוואַך האַרץ, די דאָקטוירים האָבן אים פאַר־באָטן זיך אויפרעגן, און אַז איצט וואָלט געווען גוט ווען זיי צעשיידן זיך אויף אַ פּאָר וואָכן. זאָל זי ערגעץ אַוועקפאָרן און זיך אויך אָפּרוען. קאַליפאָרניע איז גרויס און שיין און זי האָט נאָך כמעט גאָרנישט געזען דערפון. אַז זי וועט צוריקקומען וועט ער פאַרענדיקן זיין גרויסע אַרבעט. ער וועט איר געבן גענוג געלט און זאָל זי פאָרן קיין סאַן פראַנציסקאָ אָדער אַן אַנדער שטאָט. און אַ צווייטן מאָל וועלן זיי צוזאַמען מאַכן אַ רייזע און האָבן אַ סך פאַרגעניגן. דער אמת איז, אַז זיי האָבן נאָך נישט געפראַוועט זייער האָניק־חודש. די ציגעלע דאַרף זיין גוט און אים נישט פאַרשאַפן צופיל זאָרג. ער קען עס נישט אַריבערטראָגן. די לעצטע צייט קריגן זיי זיך צו אָפט און עס ווירקט שלעכט אויף זיין געזונט.

זי פלעגט אים אָנקוקן אַ דערשראָקענע, און נישט פאַרשטיין זיינע רייד. סעמועל האָט איר אַ סך געלאָסטשעט, איז געוואָרן צאַרט, ליב און אַלץ צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר בלייבן געטריי. דאָך האָט זי נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר און פאַרוואָס דאַרף זי זיך צעשיידן מיט אים אויף אַ פּאָר וואָכן. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן און פאַרבאָרגן אין זיך אַ גרויסן אומעט. איז סעמועל טאַקע קראַנק און האָט אַ שוואַך האַרץ? אָ, פאַרוואָס קומט נישט ראַבאַי גאָלדענ־בורג, איר גוטער פריינט? מיט אים וואָלט זי געקענט זיך דורכריידן אָפנהערציק און פרעגן ווי אַזוי צו האַנדלען. אַזוי איז זי אַליין און האָט קיינעם נישט. אָבער ראַבאַי גאָלדענבורג איז אינגאַנצן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט סעמועלן. זאָל זי אַליין צוגיין צו אים?!

איינמאָל אינדערפרי איז מיט אַמאָל געקומען דאָס מאָדעל־מיידל מיט די רויטע האָר און ווייסן קערפּער. סעמועל האָט זי פריילעך באַגעגנט. עס האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט זי דערוואַרט. ליזאַ איז געשטאַנען אין קיך און האָט אינגאַנצן געציטערט. ער וויל אַפּנים ווידער, אַז יענע זאָל פּאָזירן פאַר אים. זי איז צו שוואַך און טויג שוין פאַר אים נישט, און דערפאַר וויל ער זי זאָל אַוועקפאָרן.

שפּעטער אַ ווײַלע, ווען דאָס מאָדעל־מיידל איז אוועק, האָט ליזאַ געוויינט פאַר סעמועלן, אים פאַרזיכערט, אַז זי איז שלאַנקער און שענער, ווי יענע מאָדעל־

מיידל. אויך די לעצטע צוויי פּרויען־פיגורן מוזן געמאַכט ווערן פון איר. אַזוי האָט ער איר צוגעזאָגט!

— זיי דאָך רויק, ליזאָטשקאַ, — האָט ער איר אַרומגענומען. — די רויטע קאַץ האָט מסתמא נישט וואָס צו פרעסן, איז זי געקומען אַ שמעק טון — אפשר קען זי עפּעס פאַרדינען ביי מיר. דאָס אַלץ. און דו וויינסט שוין. עס איז עפּעס מיט דיינע נערוון.

עס האָט גענומען מער ווי אַ וואָך און סעמועלן איז ענדלעך געלונגען איינ־ריידן ליזאַן זי זאָל פאַרלאָזן זיין סטודיאָ אויף אַ קורצער צייט. דערנאָך האָט ער זי גענומען איילן, אַז זי זאָל זיך איינפּאַקן. ליזאַ האָט אַלץ געטון מעכאַניש, וואָס סע־מועל האָט איר געהייסן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל פּטור ווערן פון איר, ווייל זיין מוטער האָט פאַר אים געקראָגן אַ רייכע כלה. דאָס האָט זי זיך דערוווסט פון אַ בריוו וואָס זיין מוטער האָט צו אים געשריבן. ער האָט דעם דאָזיקן בריוו בכיון געלאָזט ליגן אויף דער סאָפע און ליזאַ האָט עס איבערגעלייענט. פון יענער מינוט אָן האָט זי זיך איינגעעגבערט אַ געדאַנקט אין איר מוח, אַז אַזוי, דורך אומעט און טרערן, דורך באַליידיקונגען און פּיין, וועט זי דערגרייכן איר ציל און ווערן אַ קינסטלערין. אָ, זי וועט זיין שטאַרקער פון איר פאָטער און נישט פאַרלירן דעם וועג. סעמועל וויל דערשטיקן איר טאַלאַנט אין איר, נאָר זי וועט אים נאָך וויזן ווער זי איז און ווער וועט חרטה האָבן.

סעמועל איז געווען דערשטוינט, וואָס אַלץ איז אים אַזוי לייכט אָנגעקומען און זי גייט אַוועק אַזוי שטיל. ער האָט דערוואַרט אַ גרויסן סקאַנדאַל, צו וועלכן ער האָט זיך געהאַט צוגעגרייט און אַפילו איינגעלאַדן דעם פּאָעט, וועמען ליזאַ האָט צום ערשטן מאָל געזען ביי סעמועלן מיט דעם ראַבאַי. אָבער דער פּאָעט האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן און אַ ביסל אַ פאַרשעמטער, וואָס אים קומט אויס בייצווווינען אַ מיאוסע סצענע, זיך געהאַלטן אָן אַ זייט און געשוויגן.

אין מיטן פּאַקן האָט זיך ליזאַ צוגעזעצט ביים פענצטער, פאַרטראַכט געקוקט אויף די קוסטעס בלומען אין גאָרטן, אויף די פאַרשידענע גרינסן, וואָס האָבן זיך רייך צעבליט. אַזוי פיל אַרבעט האָט זי אַריינגעטון אין גאָרטן. דערנאָך איז זי אַריין אין דער סטודיאָ, וווּ סעמועל איז געזעסן מיט דעם פּאָעט ביי אַ טישל און שטיל גערעדט. זי האָט צוערשט אָנגעקוקט די פיגור, וואָס סעמועל האָט גענומען מאַכן פון איר, און איז איצט געשטאַנען באַדעקט מיט נאַסע טיכער; באַמערקט אויף דעם טישל אַ פּעקל געלט און אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר.

— וואָס ווילסטו נאָך פון מיר? — האָט זי געפרעגט סעמועלן.

ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר ווי שטענדיק ווען ער פלעגט אָפּטון אַ געמיינע זאַך, פלעגט זיך זיין פּנים פאַרקרימען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז

אַט־אַט וועט ער זיך צעווייַנען פון פאַרדרוס. אָבער דאָס האָט געדויערט אַ מינוט. ער האָט דערלאַנגט ליזאַן דריי הונדערט דאָלער, וואָס זענען געלעגן אויף דעם טישל און געהייסן איר זיך אונטערשרייבן אויף דעם בויגן פאַפּיר. זי האָט מעכאַניש זיך אונטערגעשריבן און ערשט דערנאָך געפרעגט צו וואָס איז דאָס אַלץ. דער פּאַעט איז געוואָרן רויט, זיך אָפּגעקערט, און סעמועל האָט זי ווידער גענומען פאַרוואָרפן מיט גוטע רייד, אַז דאָס שיידן זיי זיך אינגאַנצן אויף אַ פּאָר וואָכן. ער מוז בלייבן גאַנץ אַליין, ער מוז האָבן רו. זיין האַרץ... זיין האַרץ קען עס נישט אַריבערטראָגן...

— יאָ, יאָ, סעמועל, — האָט ליזאַ שטיל צוגעשטימט, — דו וועסט איצט האָבן גענוג רו... איך וועל דיר נישט קלאָגן אין קאָורט. אַזוי איז גוט, אַזוי איז בעסער פאַר מיר, — און דערביי האָט זי געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג — זיך צולייגן ערגעץ, און זאָל קומען אַ טיפער גוטער שלאָף, און קיינער זאָל נישט זיין לעבן איר.

ליזאַ האָט זיך באַזעצט ביי אַ פאַרמער, וואָס האָט געהאַט זיין קליינעם אַפּעלסינען־גאָרטן און עטלעכע אַקער ערד פאַרזייט מיט אַלערליי גרינסן, אַ צוואַנציק מייל הינטער לאָס אַנדזשעלעס. דעם דאָזיקן פּלאַץ האָט זי געקראָגן דורך דעם מאַן, וואָס פלעגט ברענגען מילך אין סעמועלס סטודיאָ. אָבער זי איז דאָרט אָפּגעוועזן אינגאַנצן איין וואָך. איר איז גיך געוואָרן לאַנגווייליק אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל. מיט דעם פאַרמער און זיין פרוי האָט זי נישט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. אַ פראָסטער פויער, וואָס רעדט נאָר וועגן זיין גאָרטן און שטיקל ערד. דערצו האָט די פאַרמערקע איר נאָכאַנאַנד געפּלאָגט מיט פאַרשיידענע פראַגן:

— וואָס האָט מיט איר פּאַסירט אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס זי איז אַזוי דערשלאָגן און גייט אַרום ווי אַ שאָטן? פאַרוואָס האָט זי פאַרלאָרן איר שטעלע ביי דער רייכער פרוי? (ליזאַ האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט געאַרבעט ביי אַ רייכער פרוי) איז זי קראַנק? האָט איר עמעצער געטון שלעכטס?

אַלץ, אַלץ האָט געוואָלט וויסן די דיקע גוטמוטיקע פאַרמערקע, וואָס פלעגט קוקן אויף איר מיט רחמנות און זאָרג ווי אַן אייגענע.

אָבער ליזאַ פלעגט ענטפערן קורץ און נערוועז: — זי וועט קריגן צוריק די שטעלע און וועט באַלד פאָרן צוריק אַרבעטן. און געזונט איז זי אויך. דאָס זעט זי נאָר אויס שלעכט.

אין האַרצן האָט זי געפילט, אַז זי וואָלט געדאַרפט פאַרבלייבן לאַנג אויפן

פאַרם, לעבן רויק, און בעטן גאָט פאַר די וואָס וואַנדערן אַרום אויף דער וועלט, אַן אַ וועג, וואָס זענען היימלאָז, ווי איר פאָטער איז געווען, און האָבן נישט קיין פלאַץ ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. זי האָט אָפט געוויינט אַן אַ פאַרוואָס. מינוטנווייז האָט זי געגלויבט, אַז סעמועל האָט איר ליב, און דאָס איז נאָר די שולד פון זיין מוטער, וועמען עס פּאַסט נישט, אַז איר זון, דער קינסטלער, זאָל חתונה האָבן מיט אַ דינסט־מיידל. סעמועל פלעגט דאָך אַזוי אָפט זיין גוט צו איר, אָט דער פעסט־געבויטער, הויכער מאַן, מיט זיין קול וואָס פלעגט זיך דורך די נעכט הערן ווי פון אַ קראַנקן יינגל, וואָס ליידט פון אומעט און קען נישט שלאָפן.

איינמאָל אין מיטן דער נאַכט האָט זיך ליזאַ אויפגעכאַפּט און איז געבליבן ליגן אין בעט מיט אָפענע אויגן, אין צימער האָט אַריינגעשיינט די לבנה און זי האָט געזען ווי הינטער דעם פענצטער וויגט שטיל דער ווינט אַ יונגע פּאַלמע. זי האָט זיך דערמאָנט, דאָס איר האָט זיך נאַרוואָס געחלומט, אַז איר מוטער איז געקומען צו איר און דערציילט, אַז זי איז קראַנק; אַ שטורעם האָט צעבראָכן דעם עפּל־בוים ביים וועג; אַ זאַווערוכע האָט אַנגעשאָטן קופּעס שניי און פאַרשאָטן דעם בית־עולם, און זי קען נישט צוקומען צו איר טאַטנס קבר, און דעם טעפּערס זון, דער קריפּל, בענקט נאָך איר און הוסט אַלץ און שפּייט מיט בלוט און דערמאָנט נאָכאַנאַנד איר נאָמען. ליזאַ האָט שטיל געוויינט און אויף מאָרגן פאַרלאָזט די פאַרם און זיך באַזעצט אין האָליוווד, ביי אַן אָרעמער אלמנה, אין אַן אַלט הויז.

אַ נאָכמיטאָג איז ליזאַ אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן. זי האָט געוואָלט אַריינגיין אַ ווילע זיצן אין אַ קאַפע, ווו די קינסטלער פלעגן זיך צונויפקומען. זי איז דאָרט צוויי מאָל געווען מיט סעמועלן. ווען זי האָט זיך דערנענטערט צום פלאַץ האָט זי געזען ווי סעמועל איז אַרויס פון דאָרט מיט זיין הונט אויף די הענט. זי איז געבליבן שטיין אָן כוח און נישט געקענט ווייטער גיין. אַ סעקונדע האָט זיך איר שרעקלעך געוואָלט אים נאָכלויפן און בעטן ער זאָל זי נעמען צוריק.

מיט אַמאָל האָט זי עמעצער אָנגערופן ביים נאָמען. זי האָט דערזען נעבן זיך אַ יונגן סקולפּטאָר מיט אַ בלאַסן פּנים. ער איז געווען הויך, אַנגעטאָן זייער עלעגאַנט. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט ליזאַן, זי געפרעגט וואָס זי מאַכט און איינגעלאַדן אין קאַפע. ער פלעגט אַריינקומען צו סעמועלן און זיי האָבן זיך געקענט.

— וואָס מאַכסטו? — האָט ער איר פאַמיליאַר געפרעגט.

— איך פיל נישט שלעכט, — איז ליזאַ געוואָרן רויט.

— נו, און סעמועל?

— מיר האָבן זיך צעשיידט.

— אָ, דער גראָבער קצב האָט זיך אָפּגעזוכט אַ רייכע כלה און גייט הייראַטן.

ליזאַ האָט געשוויגן. דער סקולפּטאָר האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— ער איז נישט ווערט צו האָבן אַזאַ מאָדעל־מיידל. וועסט פּאָזירן פאַר מיר. איך וועל דיר גוט באַצאָלן. קום אין קאַפע.

ליזאַ איז געגאַנגען מיט אים ווי אין אַ נעפּל. אייך געדאַנק האָט געעגבערט איר מוח, אַז סעמועל האָט צעבראָכן איר לעבן און דערנאָך איר אַרויסגעוואָרפן ווי אַ נישט נויטיקע שמאַטע, און זי מוז נעמען נקמה פון אים. אַלע ווייסן שוין, אַז ער האָט איר אַרויסגעטריבן.

אין קאַפע איז געווען אַ ביסל טומלדיק. אַרום די קליינע רונדע טישלעך זע־נען געזעסן קינסטלער, געטרונקען, געגעסן און גערעדט. פון אַ ווינקל האָט ליזאַן פריינטלעך באַגריסט מיט אַ האַנט־באַוועגונג דער געוועזענער ראַבאַי גאָלדענ־בורג. ער איז געזעסן מיט אַן אַלטן מאַן און זיך צוגעהערט וואָס יענער רעדט צו אים. זיינע גרויסע אויסגעשטאַרטשעטע אויגן זענען געווען פאַרבענקט. ליזאַ האָט געוואָלט צוגיין צו אים, נאָר דער סקולפּטאָר האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, צוגעפירט צו אַ פרייען טיש און געפרעגט:

— וואָס וועלן מיר טרינקען?

ליזאַ האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וויין און אַפילו געגומען שפּאַסן און לאַכן. אירע באַקן האָבן זיך גערויטלט. צו איר האָט זיך אומגעקערט איר רייץ. די צווייטע גלאָז בראַנדי האָט איר שוין געמאַכט אומרויק. זי האָט גענומען ערגעץ איילן. וויפל דער סקולפּטאָר האָט זיך ביי איר נישט געבעטן זי זאָל פאַרבלייבן מיט אים, האָט גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט באַשלאָסן גלייך פאָרן צו סעמועלן און אים זאָגן וואָס זי דענקט וועגן אים. זי וועט אים וואַרפן אין פנים בייזע און שאַרפע ווערטער. זי וועט זיך פאַר גאָרנישט אָפּשטעלן.

אָבער איידער זי איז אַרויס פון קאַפע, האָט זי געגעבן ראַבאַי גאָלדענבורגן איר נייעם אַדרעס און געבעטן אים אַמאָל איר באַזוכן. ער האָט איר פאַרבענקט נאָכגעקוקט און אויף אַ מינוט נישט געהערט וואָס דער אַלטער מאַן רעדט צו אים. ליזאַ האָט אין גאַס באַגעגנט דאָס מאָדעל־מיידל מיט דעם ווייסן קערפּער און רויטע האָר, וואָס האָט פּאָזירט פאַר סעמועלן. יענע האָט אויסגעזען קראַנק און אירע בליקן זענען געווען מאָדנע. זי האָט געפרעגט ליזאַן:

— ווי גייט עס דיר, ווייסע ציגעלע? האָסט וואָס צו פרעסן? אויב דו ווילסט קענען מיר זיך ביידע אויפהענגען. מיר איז אומעטיק אַליין צו שטאַרבן. — און זי האָט זיך צעלאַכט, און איז אַוועק מיט איר מאָדנעם בליק אויף דעם פּנים.

— מיין גאָט, — האָט איר נאָכגעקוקט אַ צעטומלטע ליזאַ. — מיין גאָט!

סעמועלס סטודיאָ איז געווען פאַרמאַכט. ליזאַ האָט עטלעכע מאָל שטאַרק

געקלאַפּט אין טיר און קיינער האָט נישט געענטפערט. דאַן האָט זי זיך אַריינ־געגנבעט אין סטודיאָ דורך דער הינטערשטער טיר, וואָס איז נישט געווען פאַרשלאָסן.

— זאָל ער נאָר קומען און מיך טרעפן דאָ, — האָט זי געטראַכט בייז און פאַרטרויערט. — זאָל ער נאָר קומען.

צוערשט איז זי אַריין אין שלאָפצימער און גלייך באַמערקט סעמועלס מו־טערס פאָטאָגראַפיע אויף דער וואַנט. אַ ציטער איז דורך איר לייב. דערנאָך איז זי אַראָפּ אַ פּאָר טרעפּ און איז אַריין אין דער סטודיאָ.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלץ ווי געווען. דאָ און דאָרט די אַלטע קליינע און גרעסערע סטאַטועס פון נאַקעטע פרויען און מענער. אויף די פּאַליצעס די פּרי:ערדיקע פּאָרטרעטן, פּייזאַזשן געמאָלן מיט גרינע און געלע פאַרבן. אַלץ איז אַנגעוואָרפן אַרום. קיינער האָט דאָ נישט געראַמט פאַר דער צייט וואָס זי איז אַוועק פון דאַנען.

אָט איז אין אַ ווינקל די גרויסע פיגור, וואָס סעמועל האָט אָנגעהויבן צו מאַכן פון איר. זי איז באַהאַנגען מיט נאַסע טיכער.

ליזאַ איז צוגעגאַנגען צו דער סקולפּטור און גענומען פּאַמעלעך אַראָפּנעמען די טיכער. אַ רונדער מיידלשער אָרעם האָט זיך באַוויזן, אַזוי צאַרט און וואַרעם, עס לעבט ממש. ליזאַ האָט אומעטיק אַ שמייכל געטון: דאָס איז איר לייב. וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע פאָרמען זי האָט! עס זעט אויס ווי פאַרענדיקט. די פיגור איז אים געלונגען מער פון אַלץ וואָס ער האָט פרי:ער געשאַפן. אָבער וואַרט, ווען האָט ער עס געקענט ענדיקן? זאָל אַן אַנדערע האָבן פּאָזירט פאַר אים? זי האָט אויף גיך אַראָפּגענומען די נאַסע טיכער פון פּנים: ניין, דאָס איז נישט איר געזיכט, נישט איר שמייכל און אויסדרוק פון די אויגן. אַזוי זעט אויס דאָס מאָדעל־מיידל מיט די רויטע האָר, וועלכע זי האָט פרי:ער געטראָפן. ער האָט איבערגעמאַכט די סקולפּטור. זי האָט פּאָזירט פאַר אים, דאָס איז זיכער.

ליזאַ האָט געפילט ווי זי גייט חלשן, אַזוי האָט עס איר גענומען שווינדלען אין קאָפּ. זי האָט זיך דערשלעפּט צו דער סאָפע, זיך צוגעלייגט. אַ פּאָר מינוט איז זי געלעגן אָן געדאַנקען. אָבער באַלד האָט זיך דערוועקט אין איר אַ מאָדנער כּוח פון כּעס. זי האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבן און איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער סקולפּטור.

ניין, דאָס איז נישט איר קערפּער! ער האָט אַלץ פאַרענדערט; ער האָט אַריינגעאָטעמט אין דער פיגור דאָס לעבן פון אַן אַנדער פרוי. זי וועט די סקולפּטור צעברעכן, אַזוי ווי ער האָט צעבראָכן דעם קאָפּ, וואָס זי האָט גע־מאַכט פון אים.

ליזאַ האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט עפּעס, מיט וואָס זי זאָל קענען צע־שמעטערן די סקולפּטור. דאָס געפּיל פון נקמה האָט זיך צעברענט אין איר. זי איז אַריין אין קיך און געכאַפּט אַ האַק, וואָס איז געלעגן נעבן אויוון אויף אַ קופּע האָלץ און איז צוריק אַריין אין דער סטודיאָ. אָבער זי איז געבליבן שטיין פאַר דער סקולפּטור און נישט געקענט אויפהייבן די האַנט. דאָס געפיל פון נקמה איז פּלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן. די וווּנדערבאַרע מיידלשע פּאַרמען, דער עטוואָס פאַרטרויערטער שמייכל פון פּנים און די גרויסע קראַפט פון שיינקייט, וואָס האָט געוויזט פון דער פיגור האָט פּאַראַליזירט אירע בייזע געפילן.

זי האָט אַזוי עטלעכע מינוט געקוקט אויף דער סקולפּטור מיט ברענענדיקע ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן, האַלטנדיק די האַק אין האַנט. מיט אַמאָל איז איר באַפאַלן אַ שרעק, אַז סעמועל קען פּלוצלינג אַנקומען און איר דערהרגענען. זי האָט אַוועקגעלייגט די האַק אויף דער סאָפע, איז אויף גיך אַרויס פון סטודיאָ און זיך געלאָזט פאַרן צוריק קיין האָליוווד.

ליזאַ האָט זיך דערוווּסט, אַז סעמועל סטראַשעט צו אַרעסטירן איר ווייל זי האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין סטודיאָ און פון דאָרט כלומרשט אַוועקגעטראָגן עטלעכע טייערע בילדער. ער האָט אַן עדות. זיינער אַ שכן האָט געזען ווי זי איז אַרויס פון זיין סטודיאָ און זיך געלאָזט גיך שפּאַנען מיט די בילדער אונטערן אָרעם, אויף דעם וועג צו סאַנטאַ מאָניקאַ. דער בלבול אַז זי האָט געגנבעט ביי סעמועלן בילדער האָט אויף ליזאַן שרעקלעך געווירקט. זי איז געוואָרן מעלאַנ־כאָליש און געגנומען אָפּט טראַכטן וועגן טויט. זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן און נישט געקענט באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט דאָך סעמועלן באַפרייט פון זיך און אַפילו אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר. פאַרוואָס זשע האַנדלט ער אַזוי מיאוס? זי שטערט אים דאָך נישט חתונה צו האָבן מיט דער רייכער מיידל, וואָס זיין מוטער האָט פאַר אים געקראָגן! זי האָט גאָר געקענט פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן אים און ער וואָלט זי געמוזט שטיצן מאַטעריעל, ווייל ער האָט זי פאַרפירט און דערנאָך פּשוט אַרויסגעטריבן. און אפשר האָט ער טאַקע דערפאַר אויסגע־טראַכט אויף איר דעם בלבול? ווי קען דאָס אַזאַ פאַרדאַרבענער, גראָבער מענטש גאָר זיין אַ קינסטלער?!

ליזאַ איז אַ פּאָר טעג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און זיך נישט געקענט באַרויקן. אין אַ פּאַרק האָט זי געטראָפן אַ קראַנקן אַקטיאָר, וואָס האָט זיך פאַר איר געקלאָגט אויף זיין אָרעמקייט. זי האָט אַפילו נישט אַ טראַכט געטון איב זי קען עס טון און אים פאַרגעשלאָגן צוואַנציק דאָלער. דער אַרבעטסלאָזער הונ־געריקער אַקטיאָר איז געבליבן געפּלעפט און ברייט פאַנאַנדערגעעפנט זיינע גרויסע אויגן:

— איר ווילט מיר טאַקע לייען דאָס געלט?!

— נעמט, איך גיב אייך.

— גיט מיר אייער אַדרעס, ווייל אין גיכן וועל איך שוין אויפטרעטן אין די מוויס און אָנהייבן גוט פאַרדינען, — האָט געזאָגט דער אַקטיאָר און זיין בלאַסע אָדערדיקע האַנט האָט אַ כאַפּ געטון די צוואַנציק דאָלער, ווי מורא האָבנדיק, אַז דאָס מאָדנע מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָר־וואָס באַקענט, זאָל נישט חרטה האָבן. אָבער ליזאַ האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן, געדריקט זיין האַנט און איז זיך אַוועק, נישט זאָגנדיק ווו זי וווינט.

דער קראַנקער אַקטיאָר האָט איר נאָכגעקוקט אַ צעטומלטער און געשוויגן.

זי האָט זיך פאַרשפאַרט אין איר צימער און אַרומגעהאָנגען די ווענט מיט גרויסע בויגנס שוואַרצע פאַפיר. מערסטנס פלעגט זי ליגן און טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד. זי פלעגט זיך פאָרשטעלן אַלץ שאַרף און פאַרביק. אָט האָט זי גענומען די סטריט־קאַר, וואָס וועט איר ברענגען צום באָס, און זי וועט פאָרן צום ים. די כוואַליעס ביי סאַנטאַ מאָניקאַ זענען כמעט שטענדיק הויכע און שטורעמדיקע. זי וועט זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער און ערשט אין דריי טעג אַרום וועט מען געפינען איר קערפער אויף דעם ברעג. קיינער וועט נישט וויסן ווער זי איז. וועט די פאָליציי איבערגעבן איר קערפער אין דעם אַנאַטאָמישן אָפטייל פון דער אוניווערזיטעט. (ליזאַ האָט אַמאָל געלייענט אַן ענלעכע „טרו סטאָרי" און דער אינהאַלט האָט זיך איינגעקריצט אין איר געדעכעניש). יאָ, אַזוי וועט עס פאָרקומען. אָבער דער געוועזענער ראַבאַי גאָלדענבורג וועט זיך פון אַלץ דערוויסן. ער וועט זי זוכן און נישט קענען געפינען.

— ווו קען זי זיין? — וועט ער טראַכטן נאָכאַנאַנד, — ווו קען זי זיין?

אָט גייט ער אַריין אין אַ קאַפע און טרעפט זיך דאָרט מיט אַ יידישן סטודענט . זיי זיצן אַ ווײַלע צוזאַמען און דערנאָך גייען זיי אַרויס אין גאַס.

— וווהין גייט איר? — פרעגט דער ראַבאַי.

— פון פיר ביז פינף האָב איך אַ לעקציע אין אַנאַטאָמישן אָפטייל פון דעם אוניווערזיטעט.

— איך וועל אייך באַגלייטן.

זיי גייען אַוועק צוזאַמען. אויף דעם וועג דריקט אויס דער ראַבאַי זיין פאַרלאַנג אָנצוקוקן דעם אַנאַטאָמישן טעאַטער, ווו די סטודענטן פאַלמעסן די טויטע.

— איך וועל אייך אַהין אַריינפירן, — זאָגט דער סטודענט. — דער פראָפעסאָר איז אין דער צייט דאָרט קיינמאָל נישטאָ.

אַ ווײַלע שפעטער איז דער ראַבאַי אַ ביסל אַ פאַרלאָרענער געשטאַנען אין מיטן פון אַ גרויסן זאַל און מיט זיינע פאַרבענקטע אויסגעשטאַרטשעטע אויגן

געקוקט אויף די פּאָרטריקנטע, האַלב־שוואַרצע, צעשניטענע מתים, וואָס ליגן אין צוויי רייען אויף שמאָלע מאַרמאָרנע טישן. דער טוכלער ריח אַרום האָט אים געשטיקט. נאָר אָט נעמט דער יידישער סטודענט אים אונטערן אָרעם און פירט אים צו צום לעצטן טיש, ווו עס געפינט זיך דער פרישער קערפּער פון אַ יונגער פרוי, וועלכע מען האָט געבראַכט אין דעם אַנאַטאָמישן אָפּטייל ערשט נעכטן.

— דאָס איז אַ זעלבסטמערדערין, — זאָגט דער סטודענט, — מען זעט נאָך איצט ווי שיין זי איז געווען געבויט.

דער ראַבאַי קוקט זיך איין אין דער טויטער פרוי מיט דעם אויפגעשני־טענעם פּוסטן בויך און ווערט בלאַס.

— ליזאַ, — שעפּטשעט ער קוים אַרויס, — ליזאַ!

— —

די באַלעבאָסטע האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר און אַריינגעטראָגן ליזאַן קאַווע און ברויט מיט פּוטער. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס מיידל איז נישט ביים זינען. צו וואָס דאַרף זי די שוואַרצע בויגנס פּאַפּיר אויף די ווענט?!

— זייט איר קראַנק, מיס? — האָט זי געפרעגט.

אָבער ליזאַ האָט איר פאַרזיכערט, אַז זי פילט זיך געזונט, נאָר זי ריכט אָפּ אַזוי דעם יאָרצייט פון איר פאַרשטאָרבענער מוטער, וועלכע זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. דאָס האָט די פרוי פאַרשטאַנען און געזאָגט:

— שפּעטער וועט איר די שוואַרצע בויגנס פּאַפּיר אַראָפּנעמען. יאָ, איך האָב אייך גאָר פאַרגעסן צו זאָגן, עס איז געקומען צו אייך אייערנעכטן, ווען איר זייט אין הויז נישט געווען, אַ קליינער דיקער מאַן מיט גרויסע אויגן. ער האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף אייך. קענטיק אייערער אַ גוטער פריינט. ער האָט מיר געבעטן אייך איבערגעבן, אַז איר זאָלט נישט זאָרגן און אַז ער וועט נאָך זיין ביי אייך.

— דאָס איז דער געוועזענער ראַבאַי גאָלדענבורג, — האָט זיך דער־פרייט ליזאַ.

— אַ ראַבאַי?! — האָט זיך פאַרוווּנדערט די באַלעבאָסטע.

— יאָ, אַ ראַבאַי און אַ קינסטלער און אַ וווּנדערבאַרער מענטש!

איז שוין די פרוי נישט אַוועקגעגאַנגען און געוואָלט וויסן וועגן דעם ראַבאַי, און ליזאַ האָט איר גערן דערציילט.

דעם זעלבן טאָג איז ליזאַ געפאָרן קיין סאַנטאַ מאָניקאַ. אָבער ראַבאַי גאָלדענבורג האָט זי נישט געטראָפן. זיין שוואַרצע דינסט האָט איר געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין סאַן פראַנציסקאָ און וועט ערשט אין אַ וואָך אַרום

זיין צוריק. זי האָט זיך געלאָזט גיין מיט דעם ברעג פון ים צו אָושען פּאַרק. מינוטנווייז פלעגט איר דורכלויפן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז אפשר זאָל זי טאַקע זיך אַריינוואַרפן אין ים. סעמועל האָט איר באַליידיקט און דער אמת איז דאָך, אַז זי קען דאָס נישט פאַרגעסן. וואָס וועט זי איצט טון? ווי וועט זי לעבן אָן מיטלען? איר וועט מסתמא ווידער אויסקומען ווערן אַ דינסטמיידל אָדער גיין אַרבעטן אין אַ שאַפּ. אמת, זי קען אויך ווערן אַ מאָדעל־מיידל, אָבער זי וויל עס נישט. און דאָן האָט דאָך סעמועל געקענט אויך זיין פיין און צאַרט. זיין קול האָט אַזוי אָפט געקלונגען ווי פון אַ קראַנקן יינגל, וואָס בענקט און ליידט פון אומעט. אַ שווערע בענקשאַפט איז באַפאַלן ליזאַן. אפשר זאָל זי איצט גיין צו אים זיך בעטן, אַז ער זאָל זי נעמען צוריק. ער ווייסט דאָך, דאָס זי האָט ביי אים קיין בילדער נישט געגנבעט.

ליזאַ איז פּלוצלינג געבליבן שטיין דערפילנדיק אַ מידקייט אין די פיס. ניין, זי מוז פריִער אַלץ גוט באַטראַכטן. גוט וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, און זי טאָר נישט אָפּטרעטן פון איר ציל. און סעמועלן האָט זי דאָך קיינמאָל נישט ליב געהאַט. זי האָט געמיינט, אַז ער איז אַ גרויסער קינסטלער און דער־פאַר האָט זי געטון אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. ניין, דאָס איז נישט קיין ליבע. זי איז שוין גענוג באַליידיקט געוואָרן פון אים. זי האָט וועגן דעם געטראַכט גאַנץ רויִק און איז ווייטער געגאַנגען מיט אירע געלאַסענע גראַציעזע טריט.

ליזאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. די זון האָט געשיינט און געוואָרעמט. עס איז געווען אָסיען־צייט, ווען דאָס וועטער אין קאַליפאָרניע איז אַזוי וווּנ־דערבאַר. דער ים האָט גערוישט. ליזאַ האָט געקוקט אויף די אַרומיקע בלוילעכע בערג. ים און בערג און ווייסע וואָלקנס טראָגן זיך אין בלויען הימל. עס איז צוגעגאַנגען אַ מיידל און זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר. זיי האָבן זיך צערעדט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מיידל איז אַ מאַלערין, אַ טאָכטער פון אונגאַרישע ייִדן. זי איז אַנטלאָפן פון אירע עלטערן און עס לעבט זיך איר גאַנץ גוט פון די פאַרדינסטן פון מאָלן אַלערליי בלומען און אויזאָרן אויף פאַרצעלייענע טעפּ און וואַזעס. ליזאַ איז געווען פריידיק איבערראַשט, פאַר איר האָט אויפגעלויכטן אַ האָפענונג, אַז זי וועט נישט דאַרפן ווערן קיין דינסט־מיידל אָדער גיין אין אַ שאַפּ. די צוויי פרויען זענען גיך באַפריינדעט געוואָרן.

זיי האָבן פאַרבראַכט ביים ים עטלעכע שעה און גערעדט וועגן קונסט. דער־נאָך זענען זיי געפאָרן צוזאַמען קיין לאָס אַנדזשעלעס און האָבן אָפּגערעדט זיך ווידער צו באַגעגענען. דער פאַרלאַנג צו שטאַרבן איז פון ליזאַן אַוועק. קומענדיק אַהיים האָט זי פון די ווענט אַראָפּגעריסן די שוואַרצע בויגנס פּאַפּיר און זיי

אָוועקגעוואָרפן. זי איז געווען באַגייסטערט פון איר נייער באַקאַנטער. די יונגע מאַלערין האָט פאַר איר געעפנט אַ נייע וועלט. זי דאַרף זיך נאָר אויסלערנען צייכענען, און דאַן וועט זי קענען פאַרדינען. עס וועט איר אָנקומען נישט שווער צו מאָלן בלומען. זי האָט עס דאָך געטון נאָך אין די קינדער־יאָרן און אַלעמען פלעגט עס געפעלן זיין. און דערנאָך וועט זי קויפן אַ סך לײם און וועט אָנ־פאַנגען עפּעס אויספורעמען. זי וועט שאַפן אַ פיגור פון אַ פרוי, וואָס זאָל אויסדריקן, אַז זי האָט אַלץ פאַרלוירן אין לעבן, איז באַליידיקט און פאַרלאָזן פון איר געליבטן און ליידט נויט און שאַנד, נאָר ערגעץ ווו טיף אין האַרצן טליעט ביי איר אַ פייערל פון אַ קינסטלערין, און זי ציט זיך מיט אַלע גלידער צו דעם טאָג, ווען זי וועט דערפילן אין זיך דעם כח און אָנהייבן צו שאַפן.

ביינאַכט האָט זי נישט געקענט איינשלאָפן. ווידער האָט איר געפּייניקט דער געדאַנק, אַז סעמועל קען איר אַרעסטירן. עס איז דאָך לייכט אויסצוטראַכטן אַ בלבול! ווייל אין סטודיאָ ביי אים איז זי דאָך געווען. און אפשר האָט שוין ראַבאַי גאָלדענבורג גערעדט מיט סעמועלן און אַלץ דערליידיקט. דערפאַר האָט ער איבערגעגעבן דער באַלעבאָסטע, אַז זי, ליזאַ, זאָל זיין רו־יק. וואָס פאַר אַ מערקווירדיקער מענטש ער איז, דער ראַבאַי גאָלדענבורג. די פּאָר מאָל, וואָס זי האָט מיט אים פאַרבראַכט אין קאָפּע, איז פאַר איר געווען אַן אמתער פאַר־גענִיגן. ער האָט מיט איר גערעדט ווי מיט אַ גלייכער און אַזאַ רו־יקייט איז געווען אין זיין קול, אַזאַ שטילער פאַרבאָרגענער אומעט. און דערצו איז ער גאָר נישט מיאוס. פאַרקערט, אַז מען קוקט זיך גוט איין אין אים, ווערט זיין פּנים אַלץ סימפּאַטישער, אינטערעסאַנטער. און זי געפעלט אים אַזוי! ער האָט עס איר דאָך געזאָגט און געקוקט אויף איר מיט אַזוי פיל טרויער אין זיינע גרויסע אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, אַז זי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי שטאַרק אַ דריק געטון. דאַן האָט ער זיך פלוצלינג צעלאַכט ווי אַ גליקלעך קינד און ביידע האָבן דערנאָך געטרונקען ווין פאַר זייער פריינטשאַפט.

עס איז זיכער, אַז ראַבאַי גאָלדענבורג איז געווען ביי סעמועלן און אים מסתמא גוט אויסגעזידלט, און מיט אַמאָל איז איר איינגעפאַלן, אַז אפשר זאָל זי גאָר אויספורעמען ראַבאַי גאָלדענבורגס קאָפּ? מאָלן בלומען און אַלערליי אוזאָרן אויף פּאָרצעלייענע טעפּ און וואַזעס וועט זי קיינמאָל נישט פאַרשפעטיקן. זי האָט נאָך געלט צו לעבן רו־יק אַ פּאָר וואָכן. יאָ, מאָרגן וועט זי קריגן לײם און זיך אַ נעם טון צו דער אַרבעט. דאָ וועט איר קיינער נישט שטערן.

ליזאַ איז איינגעשלאָפן זייער שפּעט און געחלומט וועגן איר פאָטער. זי איז געזעסן ביי זיין בעט און געקוקט אויף זיין לעגלעכן איינגעשלאָפענעם פּנים מיט די טיף שוואַרצע אויגן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרפּייניקטער פון

די אומרעכטן פון לעבן. ער האָט נישט גערעדט און אַלץ געהאַלטן איר האַנט. די מוטער איז אין הויז נישט געווען און הינטער דעם ים איז פאַרגאַנגען די ווינטער־זון. דער פאָטער איז דערנאָך שטיל איינגעשלאָפן און זי איז אַריין אין קיך צוגרייטן סאַפּער. עס האָט זיך איר געחלומט דאָס וואָס עס איז פאַרגעקומען פריִער. ווען זי איז אין דער פרי אויפגעשטאַנען, האָט זי באַשלאָסן פריִער אויס־פורעמען איר פאָטערס קאָפּ און דערנאָך ראַבאַי גאָלדענבורגס.

דעם גאַנצן טאָג איז זי געווען אין אַ געהויבענער שטימונג און איז אַרומ־געלאָפן זוכן ליים און די אַנדערע נייטיקע מכשירים. אין אָוונט האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער עס איז אַלץ אַרויסגעקומען נישט דאָס וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט זיך געסטאַרעט איבערגעבן דעם אויסדרוק פון איר פאָטערס פּנים, ווי זי האָט אים געזען אין חלום. נאָר אויף מאָרגן איז די אַר־בעט שוין געגאַנגען לייכטער און די שטריכן פון איר פאָטערס געזיכט זענען אַרויסגעקומען אַלץ ריכטיקער, ווייכער, טרויעריקער און אמתדיקער. זי האָט געאַרבעט לאַנגזאַם, מיט אַ ציטער אין דער נשמה, מיט אַ געבעט אין האַרצן, אַז עס זאָל איר געלינגען צו פאַראייביקן איר פאָטערס אָנדענק; זיינע אַלע אַנטוישונגען, זיין אומעט און זיין גוטסקייט און זיין גרויסע בענקשאַפט נאָך דער מאָלעריי־קונסט, וואָס דאָס לעבן האָט אים אָפּגעריסן פון איר און געמאַכט פאַר אַ היימלאָזן, פאַר אַ וואַגאַבונד.

אויף דעם דריטן טאָג, פאַר מיטאָג, ווען ליזאַ האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן איר פאָטערס קאָפּ און דאָ און דאָרט אויסגעבעסערט אַ שטריך, האָט מען פּלוצלינג אָנגעקלאַפּט ביי איר אין טיר. זי האָט אויפגעציטערט און געפרעגט ווער עס איז. די טיר האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעמאַכט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער געוועזענער ראַבאַי גאָלדענבורג.

— וואָס מאַכט איר? — האָט ער געפרעגט, און פריינטלעך געשמייכלט, — איך זע, אַז איר האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. דאָס איז גוט.

— אַזאַ גאַסט! — האָט זיך ליזאַ פאַרלוירן — און ביי מיר איז נישט צוגעקליבן.

— נאַרישקייטן, — האָט ראַבאַי גאָלדענבורג געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו ליזאַן נענטער, אָנגעקוקט איר פאָטערס קאָפּ, איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט ממש געפּלעפט, און דערנאָך אָנגעשטעלט אויף איר זיינע גרויסע אויסגעסטאַר־טשעטע אויגן, מיט פאַרווּנדערונג.

— עס טויג נישט? — האָט ליזאַ געפרעגט מיט שרעק.

— אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט! ווו האָט איר געזען דעם דאָזיקן קראַנקן ישיבה־בחור? ווו האָט איר געטראָפן אַזאַ פּנים?

— דאָס איז מיין פאָטער. אַזוי האָט ער אויסגעזען פאַר דעם טויט און אַזאַ האָב איך אים געזען אין חלום.

ראַבאַי גאָלדענבורג האָט מיט ביידע הענט אָנגענומען ליזאַס קאָפּ און איר אַ קוש געטון אין שטערן. ליזאַ איז צוגעפאַלן צו זיין אַקסל און זיך שטיל צעכליפעט —

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דער געוועזענער ראַבאַי גאָלדענבורג חתונה געהאַט מיט ליזאַן. אין די קרייזן פון מאַלער האָט מען פאַרשידנס גערעדט וועגן דער דאָזיקער הייראַט און זיך אַפילו גראָב געוויצלט. נאָר איינער אַ סקולפּטאָר, וואָס האָט גוט געקענט ראַבאַי גאָלדענבורג און ליזאַן, האָט געהאַלטן אין איין זאָגן:

— דאָס איז אַ גאָט געבענטשטע פּאָר, אַ גאָט געבענטשטע פּאָר...

דעם דאָקטאָרס פּרוי

וואָלאָדיאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט.

די שיפן, אין וועלכע ער איז אין שלאָף אַרומגעפאָרן איבער ברייטע בלויע ימים און די אייזנבאַנען פאַרביי ווייטע וועגן, זענען פלוצלינג פאַרשוווּנדן. ער האָט אַ קוק געטון אויפן אַלטן זייגער, וואָס איז געהאָנגען אין אַ ווינקל פון חדר און זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט פון פאַרדרוס. עס איז נאָך פרי. וואָס וועט ער היינט טון, אויב די וויזע וועט ווידער נישט קומען?

שוין די צווייטע וואָך ווי ער איז געווען גרייט צו פאַרלאָזן די קליינינקע באַרגיקע שווייץ און זוכן גליק אין אַן אַנדער לאַנד. אַלע טאָג האָט געדאַרפט אָנקומען די נייטיקע וויזע אָן וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

עס איז אים געווען שווער צו וואַרטן לענגער. די טעג האָבן זיך געצויגן פול מיט פּיין און די נעכט פלעגן אים אָפּנאַרן און אַלץ פירן מיט פאַנטאַסטישע וועגן צו נייע פלעצער, וואָס פלעגן פאַרטאָג זיך אַוועקטראָגן ווי פייגל און נישט ווערן.

וואָלאָדיאַ איז אַראָפּ פון בעט, זיך אָנגעטאָן און איז צו צום פענצטער. עס איז געווען אָנהייב מאַי. דער אַלטער קאַשטאַנעןְ־בוים, וואָס האָט באַשיינט דאָס שמוציקע געסל, ווו זיין חדרל האָט זיך געפונען, האָט זיך צעבליט. איבערן הויף, מיט אַ קערבעלע אין דער האַנט, איז פאַמעלעך געגאַנגען זיין באַלעבאָסטע אין מאַרק אַריין און אַ שכן האָט געגראָבן די ערד נישט ווייט פונעם בוים און עפּעס געזייט.

וואָלאָדיאַ האָט אים באַגריסט. דער שווייצאַרעץ האָט אויפגעהויבן זיין גרויען קאָפּ, אַ שמייכל געטון מיטן צעקנייטשטן פּנים און געזשמורעט די אויגן אַנטקעגן דער זון:

— באָנזשור, באָנזשור, מאָסיע!

דער שווייצער איז געווען אַ ביסל איבערראַשט, וואָס דער „רוס“ האָט זיך היינט אויפגעהויבן אַזוי פרי, האָט ער אים געזאָגט אַ פּאָר ווערטער וועגן ווע־טער און זיך ווידער גענומען פאַר זיין אַרבעט.

וואָלאָדיאַ איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט אויפן קאַשטאַנען־בוים. דאָ, אין דעם קליינעם חדרל, האָט ער אָפּגעווינט כמעט די גאַנצע זעקס יאָר, זינט ער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. דאָ האָט ער אין דער שטיל געהונגערט, געבענקט און געחלומט פון אַ בעסער לעבן, געפירט ליבעס מיט אָרעמע סטודענטקעס און אַ סך נעכט פאַרבראַכט פון אומעט אין שכרות מיט גאַסן־מיידלעך. און פון דעם אַלץ איז ביי אים אין האַרצן געבליבן איצט אַ פוסטקייט. נאַרישע זעקס יאָר אָפּגעשטופּט. קיין איינציקע גוטע דערינערונג. די סטודענטקעס מיאוסע און אויסגערעכנטע, וואָס זוכן נאָר אַ תכלית; און די פּראָסטיטוטקעס, שמוציקע און פּרעכע, פלעגן פאָדערן געלט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט.

וואָלאָדיאַ האָט אויפגעציטערט. די אַלע פּרויען האָבן פלוצלינג ווי אַגגע־פּילט זיין קליין חדרל, אים אַרומגערינגלט און זיך גענומען רייצן מיט אים, ווייזנדיק נאַקעטע טיילן פון זייערע קערפּערס און טאַנצנדיק אַ מאָדנעם אויס־געלאַסענעם טאַנץ. ער האָט אַ שפּיי געטון מיט פאַרדרוס. וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? שלאָפט ער דען נאָך אַלץ?

וואָלאָדיאַ איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער. אין האַרצן האָט ער זיך געזעגנט מיטן בוים, וואָס האָט אין אַ סך פינצטערע אָסיען־נעכט אים פאַרוויגט מיט זיין רוישן און געמאַכט אַנגענעמער די איינזאַמקייט פון זיין אָרעמען אימיגראַנטישן לעבן.

וואָלאָדיאַ האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט זיין טשעמאָדאַן און גענומען פּאַמעלעך איינפּאַקן נאָך אייניקע זאַכן. ער איז געווען זיכער, אַז די וויזע, אויף וועלכער ער וואַרט אַזוי אומגעדולדיק, וועט קומען היינט אָדער צום שפּעטסטנס מאָרגן. ער האָט צונאָמענגעלייגט אייניקע בראָשורן און גע־טראַכט: „וואָס וועט זיין דאָרטן, אין דעם נייעם גרויסן לאַנד, וווהין ער פאָרט? אַבי נישט אַזוי מאָנאָטאָן און לאַנגווייליק ווי דאָ, וועט שוין זיין גוט.“

מען האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר און זיין באַלעבאָסטע האָט אים אַריינ־געטראָגן אַ טעפּעלע קאַווע און אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. זי האָט אים גע־זאָגט, אַז נעכטן אָוונט האָט אויף אים זיך נאָכגעפרעגט אַ מאַן. ער האָט צוגעזאָגט צו קומען היינט פרי, אַ זייגער צען נאָך אַמאָל, ווייל ער דאַרף אים זייער נייטיק זען.

— דעם הער האָב איך פריער ביי איך קיינמאָל נישט געזען, — האָט צוגעגעבן די פרוי, און אַ קליינינקע, אַ גרויע, מיט גוטע בלויע פאַרטרערטע אויגן, האָט זי זיך פּאַמעלעך אַרויסגעשאַרט פון צימער.

„ווער קען דאָס זיין?“ האָט וואָלאָדיאַ געטראַכט זופנדיק די קאַווע.

נאָר פּונקט צען אַזייגער איז דער מאַן געקומען. אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט שווערע טריט. ער האָט אױפֿגעמאַכט די טיר און איז געוואָרן אי־בערראַשט. אויף זײַן שוועל איז געשטאַנען דער פּריוואַט־דאָצענט פֿון כעמיע אין איינעם פֿון די גרעסטע שווייצאַרישע אוניווערזיטעטן, דאָקטאָר שמואל וויטענבערג.

וואָלאָדיאַ איז נישט געווען באַקאַנט מיט ד״ר וויטענבערג. דער דאָקטאָר פֿלעגט זיך האַלטן אָן אַ זײַט פֿון דער אימיגראַנטן־קאָלאָניע. נאָר פֿון די גע־שפּרעכן און פּליאָטקעס, וואָס פֿלעגן זיך וועגן אים אַרומטראָגן, האָט וואָלאָדיאַ געוווּסט, אַז ער האָט אַ קריסטלעכע פֿרוי, אַ דײַטשקע, און אַז ער האָט שוין געמאַכט אַ מאָל אַ פּאַרזוך צו באַגיין זעלבסטמאָרד. נאָר מען האָט אים אין צײַט אָפּגעראַטעוועט און ער איז שנעל געזונט געוואָרן. דאָס אַלץ האָבן געפּלאָפּלט סטודענטקעס און וויפֿל אמת עס איז געווען אין זייערע רייד האָט אים נישט אינטערעסירט.

ער פֿלעגט אויך דעם דאָקטאָר פֿון צײַט צו צײַט טרעפֿן אין פּאַרק פֿון דעם אוניווערזיטעט. ווי ער שפּאַצירט אַרום אָן איינזאַמער איבער די שאָטנ־דיקע אַלעען, שטענדיק עטוואָס אײַנגעבויגן, און די קאַסאַקע מרה־שחורהדיקע אויגן לײַכטן פֿיבעריש אויפֿן לענגלעכן בלייכן פּנים.

דאָקטאָר וויטענבערג האָט זיך העפֿלעך באַגריסט, געבעטן אַנטשולדיקן אויב ער שטערט אים אַזוי פֿרי, און איז אַרײַן אין צימער שמייכלענדיק. זײַן שמייכל איז געווען אַ בלאַסער, אַ פֿאַרלוירענער, אַ שעמעוודיקער און אַ ביסל אַ דערשראָקענער, וואָס פֿלעגט זיך אַלע ווײַלע שטיל אָנצינדן ווי אַ ווײַטער געדאַנק און זיך באַלד פֿאַרלעשן.

— איך בעט אײַך, — האָט וואָלאָדיאַ געזאָגט אין רוסיש און אָנגעוויזן אויף דער אַלטער אָפּגעריבענער קושעטקע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל — זעצט זיך, דאָקטאָר!

דער פּריוואַט דאָצענט האָט זיך אַרומגעקוקט און געזעצט. דערנאָך האָט ער געלאָסן אָנגעהויבן, אַז ער האָט געהערט, אַז וואָלאָדיאַ פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאָטאָגראַפֿיע און אַז ער האָט אַ גרויסע קאַמעראַ מיט אַ גוטן אָביעקטיוו. האָט ער פֿאַר אים אַרבעט. ער וויל מאַכן אַ פּאָר הונדערט קאָפּיעס פֿון געוויסע צײַ־כענונגען, וואָס געפֿינען זיך אין אַלטע ביכער וועגן כעמיע. ער דאַרף האַלטן אייניקע לעקציעס מיט אילוסטראַציעס און ער מוז עס האָבן וואָס גיכער.

— איצט בין איך אַ ביסל געענגט אין געלט, — האָט ער פֿאַרשעמט צו־געגעבן — און קען נישט באַצאָלן קיין סך. אָבער מיר וועלן מסתמא דורכקומען. גערעדט האָט ער פּאַמעלעך און אַביסל צעצויגן און די גאַנצע צײַט גע־

קוקט וואָלאָדיאַן גלייך אין פּנים אַריין מיט זיינע מרה־שחורהדיקע אויגן, פון וואָס יענעם איז געוואָרן עפּעס אומהיימלעך און אומעטיק.

— ליידער זענט איר געקומען צו שפּעט — האָט געזאָגט וואָלאָדיאַ. — איך פאָר נאָך אפשר היינט ביינאַכט אַוועק. איך וואַרט אויף אַ וויזע און ווי נאָר איך באַקום עס, איז גלייך אין וועג אַריין.

— וואָס רעדט איר, — איז געוואָרן פאַרזאָרגט דער דאָקטאָר, — איר פאָרט אַוועק. איצט וועל איך מוזן אָנקומען צו אַ פאָטאָגראַפער און ער וועט ביי מיר בעטן אַ גרויסן פּרייז פאַר דער אַרבעט. אַזאַ פּאַרדרוס. אפשר וועט איר נאָך פאַרבלייבן אויף אַ פּאָר טעג?

— איך צווייפל שטאַרק, דאָקטאָר — האָט באַמערקט וואָלאָדיאַ.

דאָקטאָר וויטענבערג האָט זיך אויפגעהויבן, געדריקט וואָלאָדיאַן די האַנט, אים געווונטשן אַ גוטע רייזע און איז אַרויס פון צימער. וואָלאָדיאַ האָט זיך גע־שטעלט ביים אָפענעם פענצטער און אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט איבערן הויף, עטוואָס איינגעהויקערט, מיט מידע טריט און זעט אויס פון הינטן אַ סך עלטער פון זיינע עטלעכע־און־פערציק יאָר.

— עפּעס אַ קרענקלעכער מענטש — האָט ער אַ טראַכט געטון און זיך אויף דאָס־ניי גענומען פּאַקן.

נאָכמיטאָג האָט וואָלאָדיאַ באַקומען דעם לאַנג־דערוואַרטן בריוו פון קאָנ־סול. אָבער מיט זיין וויזע איז געווען אַ גאַנצע פאַרשלעפּעניש. געוויסע פּאַפּירן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין נישט אין אָרדענונג און עס האָט געדאַרפט נאָך נעמען אַ פּאָר חדשים ביז דער ענטפער וועט קומען פון יענער זייט ים. דער קאָנסול האָט אים געשריבן, אַז ליידער קען אַנדערש נישט זיין און ער וועט מוזן האָבן געדולד און וואַרטן. וואָלאָדיאַ האָט זיך אַזש אויסגעזידלט פון פּאַרדרוס. דערנאָך האָט ער דערפילט אַ מידקייט אין גאַנצן קערפּער און זיך געמוזט צוזעצן. ווידער אַן אָרעמער מאַנאָטאָנער לעבן אין דער פרעמד, וואָס ציט זיך שוין אַזוי לאַנג און עס איז נישטאָ קיין סוף. וואָס קומט דאָרט אַן זיינע אייגענע אַזוי שווער אים אַראָפּצוברענגען צו זיך! ווידער דאָ שמאַכטן פון לאַנגווייליקייט און אין די נעכט זיך אַרומשלעפּן ביי די ברעגן פון דער אָזערע און זוכן גאַסן־מיידלעך, וואָס זאָלן אים פאַר אַ ביליקן פּרייז פאַרקויפן ליבע און לאַסקעס.

פון אַ באַקאַנטן האָט ער זיך דערוווּסט דאָקטאָר וויטענבערגס אַדרעס און פאַרנאַכט־צו אַוועק צו אים.

איצט איז ער געווען שטאַרק צופרידן מיט דעם פּריוואַט דאַצענטס באַזוך אין דערפרי. עס האָט אים אַפילו אַ ביסל געשמייכלט, וואָס דער דאָקטאָר האָט זיך געווענדט צו אים מיט דער אַרבעט. אַזאַ שטאָלצער, איינזאַמער מענטש. מען דאַרף זיך מיט אים באַקענען נענטער. אָבער ער לעבט, דאַכט זיך, תּמיד אַליין און זוכט נישט קיין פריינט. און וואָס האָט אים געקענט טרייבן צו ווערן באַגיין זעלבסטמאָרד?...

אַזוינע און ענלעכע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין וואָלאָדיאַס קאָפּ, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דאָקטאָר וויטענבערגס הויז.

דער דאָקטאָר האָט געוווינט אין עק פון שטאָט אין אַן אָרעמער אַרבעטער געגנט, ביים ברעג פון אַ מוטנעם, אייז־קאַלטן און שטענדיק־רוישנדיקן טייך, וואָס לויפט פון די אַלפּן־בערג.

וואָלאָדיאַ איז אַריבער אַ קליינע בריק און דערזען דעם דאָקטאָר אויפן באַלקאָן פון זיין וווינונג. וויטענבערג איז געזעסן אין אַ געפלאָכטענעם וויג־שטול מיט אַ דיקן ספר אויף די קני און זיך פּאַמעלעך געהוידעט.

וואָלאָדיאַ האָט אים אַ רוף געטון:

— דאָקטאָר וויטענבערג, מען קען אייך זען?

דערזען וואָלאָדיאַן האָט ער זיך דערפרייט און אים געבעטן גלייך אַרויפקומען. נאָך וואָלאָדיאַס שמייכלען האָט ער אָפּגים פאַרשטאַנען, אַז יענער פאַרט נישט אַוועק און ער איז געקומען אָננעמען די אַרבעט.

— נו, וואָס? — האָט ער אים געפרעגט ביים אַריינגאַנג, — איר פאָרט?

— ניין, — האָט געזאָגט וואָלאָדיאַ. — איך מוז נאָך וואַרטן אַ פּאָר מאָנאַטן אויף דער וויזע. אַ פאַרשלעפּעניש מיט די פּאַפּירן. ווער ווייסט זיי דאַרטן.

— טאַקע געפעלט אַזוי. אויסגעצייכנט — האָט ער זיך געפרייט. אָנגענומען וואָלאָדיאַן פאַר דער האַנט, אים אַריינגעפירט אין הויז און גענומען גלייך ווייזן די צימערן צו באַשליסן אין וועלכן חדר עס וועט זיין באַקוועמער איינצואָרדענען די „לאַבאָראַטאָריע" (פינצטערן צימער) צו אַנטוויקלען די פּלאַטן.

וואָלאָדיאַ איז נאָכגעגאַנגען און זיך געוווּנדערט וואָס פאַר אַ שמוץ עס איז אין דעם דאָקטאָרס וווינונג. פון די מעבל איז דער דיקער שטויב שוין לאַנג נישט געווען אָפּגעווישט און אין אַלע ווינקלען האָבן זיך געוואַלגערט קליידער, ביכער, צייטונגען, צאַצקעס. און אויף איין וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויס בילד פון דעם דאָקטאָרס פרוי. זי איז געהאָנגען אַנטקעגן דער זון, דעם קאָפּ אויפגעהויבן, די האָר צעפּודלט פון ווינט, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים און עס האָבן זיך געזען אירע קליינינקע ווייסע ציין.

וואַלאַדיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקוקט דאָס בילד. דער דאָקטאָר האָט אים שטיל געזאָגט:

— דאָס איז מיין פרוי. זי איז איצט אין דייטשלאַנד ביי אירע עלטערן אויף וואַקאַציע מיט די קינדער.

וואָלאָדיאַן האָט איר געזיכט אויסגעזען צו זיין באַקאַנט.

— אָפּנים זי געזען אַמאָל אין גאַס, — האָט ער אַ טראַכט געטון.

דער דאָקטאָר האָט אים אַריינגעפירט אין זיין אַרבעט־צימער, וואָס האָט געהאַט דעם באַלקאָן.

דאָ איז געשטאַנען אַ גרויסער שרייבטיש. איין וואַנט איז געווען כמעט אינגאַנצן פאַרשטעלט מיט ביכער און זשורנאַלן אויף דריי שפּראַכן: פראַנצויזיש, דייטש און רוסיש. אויף די אַנדערע ווענט זענען געהאַנגען רעפּראָדוקציעס פון ביאַקלינס בילדער און אַ פּאָר שטילע האָלענדישע פּייזאַזשן מיט ווייסע זעגל־שיפלעך און ווייטע וואַסערן.

דאָקטאָר וויטענבערג האָט אַלץ נישט אויפגעהערט אַרויסצוּווייזן זיין פריינטשאַפט מיט וואָלאָדיאַן. ער האָט זיך באַוועגט שנעלער און אים אַלע וויילע אָנגענומען פאַרן האַנט און געשמייכלט. ער איז געווען שטאַרק צופרידן וואָס וואָלאָדיאַ פאַרט נישט אַוועק. נישט אַזוי צוליב דער אַרבעט, ווי דאָס, וואָס ער וועט זיך קענען אָפּט באַגעגענען מיט אָט דעם יונגן, געזונטן בחור פון וועלכן עס ווייט ממש מיט פרייד. ער איז איצט אַליין, צעבראָכן און די פוסטקייט פון די צימערן שרעקט אים. זיי וועלן אַרבעטן צוזאַמען, פאַרברענגען ביים וואַסער און אַזוי וועט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג ביז זיין פרוי וועט זיך אפשר אומקערן אַהיים...

— איך וועל זיך אָנטאָן און מיר וועלן אַראָפּגיין אונטן טרינקען אַ גלאָז ביר — האָט פאַרגעשלאָגן דער דאָקטאָר. — אויב איר זענט פריי וועלן מיר דאָרט זיצן אַביסל.

— מיט פאַרגעניגן, דאָקטאָר.

ער האָט זיך גענומען אָנטאָן. וואָלאָדיאַ איז אַרויס אויפן באַלקאָן און זיך אַריינגעזעצט אין וויג־שטול.

דרויסן איז שוין טונקל געוואָרן. כאָטש דער מערב האָט נאָך געפלאַקערט. דאָ און דאָרט ביים וואַסער האָבן אַרומגעשפּאַצירט איינזאַמע פאַרליבטע פּאָרלעך און געוואָרט עס זאָל ווערן אינגאַנצן פינצטער. איבערן בריק האָבן געאיילט פאַרבייגייער. אַ טראַמוויי איז דורכגעלאָפן מיט אַ טומל. אין הימל האָבן זיך אָנגעצונדן שטערן. וואָלאָדיאַ איז געזעסן שטיל, געטראַכט ווי אַלץ האָט זיך עס מיט אַמאָל געביטן. ער פאַרט שוין נישט ווידער און אים איז געווען אומעטיק.

— איך בין פּאַרטיק, — האָט ער פלוצלינג איבער זיך דערהערט דעם דאָקטאָרס קול, נישט באַמערקנדיק ווי אַזוי ער איז צוגעקומען צו אים.

וואָלאָדיאַ האָט זיך אויפגעהויבן:

— אַך, יאָ, מיר גייען!

זיי זענען אַרויס פון הויז.

די אָרעמע איטאַליעניש קאַפע, וווהין דאָקטאָר וויטענבערג האָט געפירט וואָלאָדיאַן, האָט זיך געפונען נישט ווייט פון זיין וווינונג. ער פלעגט אָפּנים דאָרט זיין אַן אָפטער גאַסט, ווייל די באַלעבאָסטע, אַ זייער דיקע פרוי מיט קליינינקע פאַרשלאָפענע אויגן, האָט זיי באַגעגנט מיט אַ ברייטן זיסן שמייכל אויף איר פוכקען פנים און דעם דאָקטאָר באַגריסט מיט זיין נאָמען און טיטל:

— באָנאָ סעראָ פּראָפעסאָר וויטענבערג!

זיי האָבן זיך געזעצט אין דרויסן, אונטער אַ גלעזערנעם דאַך, ביי אַ רונדן ווייסן, מאַרמאָרענעם טישל. אין נידעריקע גרינע קאַדקעס, אָנגעפילט מיט שוואַרצע ערד, האָבן ביי די זייטן געבליט פאַרשטויבטע קאַקטוס־בלעטער און אין דער הויך אויף אַ דראָט איז געהאָנגען אַ קליינע, פוסטע שטייגל מיט אָפענע טירלעך.

— וואָס וועט טרינקען דער הער פּראָפעסאָר וויטענבערג? — האָט געפרעגט די פרוי.

— מיר האָבן באַשטעלט צו גלעזלעך בראָנפן, עפּעס צוצובייסן און ביר.

דער דאָקטאָר האָט אויסגעטרונקען די גלעזל און גלייך באַשטעלט אַ צווייטע. דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען אַ דריטע, אַ ביסל אַ גרעסערע, און איז געוואָרן רויטלעך אין פנים און אומרויק.

— הייסט עס, אַז מאָרגן נעמען מיר זיך פאַר דער אַרבעט, — האָט אָנגעהויבן דער דאָקטאָר און ווידער גערערט וועגן די צייכענונגען, וואָס מען דאַרף פאָטאָגראַפירן, דערנאָך מיט פאַרדרוס דערמאָנט אַ געוויסן פּראָפעסאָר אַן אַנטיסעמיט, וואָס שטערט אים אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע פון אוניווערזיטעט מאַכן אייניקע עקספּערימענטן, און פלוצלינג געוואָרן אומעטיק און שטיל אויסגערעדט:

— שוין באַלד אַ חודש ווי כ׳בין אַליין. אַוועקגעפאָרן איז מיין פרוי אינגאַנצן אויף צען טעג און זי איז נאָך אַלץ נישטאָ.

— זי שרייבט אייך דאָך אָפט? — האָט פשוט געפרעגט וואָלאָדיאַ. — הייסט איר קומען אַהיים.

דאָקטאָר וויטענבערג האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע מרה־שחורהדיקע אויגן און אַ ווילע געשוויגן.

וואָלאָדיאַ האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם פון דעם דאָקטאָרס בליק. ער האָט שוין געוואָלט בעטן אַנטשולדיקונג פאַר זיין פראַגע. נאָר דאָ האָט וויטענבערג צוגעגעבן מיט אַ שטילן קול:

— יאָ, זי שרייבט מיר אַלע טאָג. איך קריג פון איר לאַנגע און האַרציקע בריוו. און די קינדער שרייבן מיר אויך. עס איז אַלץ אין אָרדענונג.

ער האָט ווייטער פאַרפירט אַ שמועס וועגן די צייכענונגען, וואָס מען דאַרף פאָטאָגראַפירן. זיך אָפּנים מיט אַמאָל פאַרשעמט פאַר זיין אָפנהאַרציקייט און שוואַכקייט. ער רעדט דאָך מיט אים אינגאַנצן דאָס צווייטע מאָל און זיי זענען נאָך כמעט פרעמדע מענטשן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי אויסגעטרונקען דעם ביר און דאָקטאָר וויטענבערג האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן פון טיש.

— לאָמיר זיך אַ ביסל דורכגיין ביים וואַסער, — האָט ער פאָרגעשלאָגן.

וואָלאָדיאַ האָט איינגעשטימט. אים איז געווען אַלץ איינס ווי זיי וועלן דורכשטופּן דעם אָוונט, אַבי די צייט זאָל אַוועק.

ביים טייך האָבן זיי אַרומשפּאַצירט ביז האַלבע נאַכט. צוערשט האָט וואָלאָדיאַ דערציילט וועגן זיך, וועגן זיינע פּלענער אין דעם נייעם לאַנד, וווהין ער האָט זיך געקליבן פאָרן און ענדלעך האָט דאָקטאָר וויטענבערג זיך אַליין צערעדט. וואָלאָדיאַ האָט זיך דערוווּסט, אַז ווען דאָקטאָר וויטענבערג איז נאָך געווען אַ קינד זענען זיינע עלטערן באַאַנגען זעלבסטמאָרד. ביידע אין איין טאָג, ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערערט. פריִער דער פאָטער און דערנאָך די מוטער. די אורזאַכן, וואָס האָבן זיי געטריבן צו אַזאַ סוף, ווייסט ער נישט ביז היינט צו־טאָג. זיי זענען נישט געווען אָרעם, זיינע עלטערן, און זיי האָבן זיך געליבט און געלעבט גוט צווישן זיך. נאָר ער האָט אַ סך געקלערט וועגן דעם און איז געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס מוז זיין אין זיין פאַמיליע, אין זייער בלוט. אַ שוואַרצע, טרויעריקע ירושה פון זיין עלטער־זיידן, וואָס איז אויך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כאָטש ער איז געווען זייער אַ פרומער ייִד און האָט פאַרמאָגט פעלדער מיט גרויסע פּרוכט־גערטנער. אימיצער טרייבט זיי צום טויט. ער האָט זיך אויסגעהאָדוועט ביי אַ טאַנטע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער. מיט זיין פרוי האָט ער זיך באַקענט אין בערלין, ווו ער האָט אַ געוויסע צייט געשטודירט, און דאָרט מיט איר חתונה געהאַט. זיין פרויס עלטערן, דייטשן, זענען לאַנג געווען בייז אויף איר וואָס זי איז זיך צוזאַמענגעגאַנגען מיט אַ ייִדן און ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט מען געמאַכט שלום מיט איר און אים. אָבער דער שלום איז צוזאַמענגעבונדן מיט שפּינוועבס. איר פאָטער איז אַ לערער און האָט פיינט אַ ייִדן. אָבער וואָס גייען אים אָן אירע עלטערן. זי איז

נישט ענלעך אויף זיי. זי איז גאָר אַן אַנדערע. זי איז אַ וווּנדערבאַרע פרוי... זיי איז אויסגעקומען אַזוי פיל צו ליידן נויט און אַ פּאָר מאָל אַפילו הונגער און זי האָט קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט קיין איין שלעכט וואָרט קעגן אים.

דאָקטאָר וויטענבערג איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז געבליבן שטיין נעבן אַ קאַשטן־בוים. אַרום איז קיינער נישט געווען. דער טייך האָט גערוישט און מיט אימפּעט געטראָגן העט־ווייט אַוועק אין דער פרילינג־נאַכט זיינע מוטנע, קלייניקע כוואַליעס. וואָלאָדיאַ האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— קומט אַהיים, דאָקטאָר. מאָרגן דאַרפן מיר זיך נעמען פאַר דער אַרבעט.

— אַך, יאָ, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון...

גייענדיק אַהיים האָט וואָלאָדיאַ נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז דאָק־טאָר וויטענבערג מוז זיין שטערבלעך פאַרליבט אין זיין פרוי און וועט זיכער נישט אַריבערטראָגן אויב זי זאָל אים פאַרלאָזן אַמאָל. דערצו איז אים קלאָר געוואָרן פון זיינע רייד, אַז עפּעס מוז פאָרקומען צווישן זיי און ער ליידט דערפון שטאַרק.

— נאָר ווען מען אַרט עס, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און גענומען שפּאַנען איבער די שטילע גאַסן פון דער רוזקער, שלאָפעדיקער שטאָט וואָס איז אַרומגערינגלט מיט הויכע, גרינע בערג.

אויף מאָרגן איז וואָלאָדיאַ גאַנץ פרי אַוועק צום דאָקטאָר און זיי האָבן זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. פריִער פון אַלץ האָבן זיי מיט שוואַרצע טיכער און קאָלדרעס פאַרהאַנגען די פענצטער פון קיך און דאָרטן געמאַכט די „לאַבאָראַ־טאָריע" צו אַנטוויקלען די פּלאַטן. דערנאָך האָבן זיי אין אַ צווייטן צימער איינ־געאָרדנט אויף אַ לאַנגן טיש דעם אַפּאַראַט און אָנגעהויבן צו פאָטאָגראַפירן די צייכענונגען. וואָלאָדיאַ האָט געאַרבעט גיך און יעדע אויפנאַמע איז אַרויס געלונגען. דאָקטאָר וויטענבערג איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס די נעגאַטיוון גייען אַרויס קלאָר, שאַרף און אויסגעהאַלטן. ער האָט געלויבט וואָלאָדיאַן און איז געווען פריילעך. דאָס האָט געהאָלפן זיי זאָלן ווערן אַלץ מער באַפריינדעט און כמעט די גאַנצע פרייע צייט פון טאָג פאַרברענגען צוזאַמען און נאָכאַנאַנד רעדן וועגן זיין פרוי, אַזוי כלומרשט, ווי נישט־ווילנדיק.

נאָר גערעדט האָט אַלץ דאָקטאָר וויטענבערג. דאָס איז אפנים געווען זיין גרעסטער פאַרגעניגן. וואָלאָדיאַ פלעגט נאָר פון צייט צו צייט אַריינוואַרפן אַ וואָרט אָדער עפּעס פרעגן, און אַ געשטאַלט פון אַ שטילער, בלאָנדער פרוי איז אַלץ שאַרפער געשטאַנען פאַר זיינע אויגן און אומעטיק געשמייכלט, ווי

פאַרענטפערנדיק זיך פאַר איר מאַן, וואָס ער האָלט זיך אַזוי ווי אַ יינגל און קען נישט שווייגן און טראָגן אין זיך זיין גרויסע ליבע צו איר...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין דאָקטאָר וויטענבערג געלייענט זיין פרויס בריוו פאַר וואָלאָדיאַן. אין איינעם פון זיי האָט זי געשריבן, אַז מען האָט זי פאַרהאַלטן ביי אירע אייגענע. זי קען די מוטער נישט אָפּזאָגן. דערצו זענען די קינדער אַזוי צופרידן און גליקלעך מיט אַלץ וואָס זיי זעען אין דעם נייעם, פאַר זיי, לאַנד.

— אָט נאָך אַ וואָך, — פלעגט זאָגן דאָקטאָר וויטענבערג — און זי וועט זיך אומקערן אַהיים מיט די קינדער. און ער פלעגט קוקן אויף וואָלאָדיאַן מיט אַזאַ אויסדרוק פון זיינע מרה־שחורהדיקע אויגן, ווי בעטנדיק זיך ביי אים ער זאָל אויך באַשטעטיקן, אַז אַזוי וועט זיין, אַזוי וועט זיין. זי וועט קומען.

אָבער נאָך אַ פּאָר וואָכן זענען פאַרביי און זיין פרוי איז נאָך אַלץ נישט געקומען. וואָלאָדיאַ פלעגט דעם דאָקטאָר זען כמעט אַלע טאָג. ער איז איצט געווען שטאַרק דערשלאָגן, נערוועז און פלעגט זיך פשוט נישט קענען געפינען קיין אָרט. אָט פלעגט ער פאַרשלאָגן וואָלאָדיאַן גיין אַהין און אָט אַהער און מיט אַמאָל גאָר זיך בעטן ביי אים זיי זאָלן זיך אַוועקלאָזן אין די בערג, איבערנעכטיקן אין אַ שאַלע ביי אַ פּאַסטוך און פאַרטאָג זיך אויפהייבן זען ווי די זון גייט אויף איבער די שניי־ווייסע אַלפּן. אָדער גאָר מאַכן אַ רייזע מיט אַ שיף איבער דער אַזערע, וואָס שניידט דורך די שטאָט און לויפט אַוועק העט־ווייט אין די בערג.

אָבער פון די אַלע פּלענער פלעגט זיך גאָרנישט אויסלאָזן. ווי נאָר וואָלאָדיאַ איז געווען גרייט טון וואָס ער וויל, פלעגט ער גלייך חרטה האָבן און בלייבן אין הויז, אָנטון זיין כאַלאַט, זיך אַריינזעצן אין וויג־שטול אויף דעם באַלקאָן און ווידער שמועסן מיט אים וועגן זיין פרוי.

וואָלאָדיאַ האָט שוין געוווסט, אַז דאָקטאָר וויטענבערגס פרוי איז אַוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן, ווייל זיי האָבן זיך שטאַרק צעקריגט און זי האָט באַשלאָסן אָפּצורוען זיך אַביסל פון אים. דאָס האָט דער דאָקטאָר אים דערציילט צופעליק און זיך גלייך פאַרכאַפּט. יאָ, ער איז געווען אַביסל צופיל אייפערזיכטיק אויף איר און פלעגט זי צווינגען צו אָפּט זיין אין הויז. דערצו איז זיי די לעצטע צייט אויסגעקומען לעבן אָרעם. די מיטלען, וואָס ער קריגט נאָך פון זיין טאַנטע אין רוסלאַנד זענען נישט גענוג און זייטיקע פאַרדינסטן פון געבן שטונדן יונגע סטודענטן האָט ער געהאַט ווייניק. אמת, זיין פרוי איז שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעקומען אַרבעטן דאָ אין אַ פאַבריק. אָבער עס פּאַסירט דאָך, אַז אַ פרוי מוז אַרויסהעלפן אין אַ שלעכטער צייט איר מאַן.

דאָקטאָר וויטענבערג האָט זיך געפילט זייער דערשלאָגן.

וואָלאָדיאַ פלעגט אים געדולדיק אויסהערן און אַפטמאָל האָט אים אַפילו ווי געטון דאָס האַרץ פאַר אים. אַזאַ שוואַכער מענטש. ליידט פון יעדער קליי־ניקייט. אַט האָט ער געזען אַ שלעכטן חלום און ער איז צעטראָגן אַ גאַנצן טאָג. אַ פרוי איז אים געקומען אַנטקעגן מיט אַ ליידיקן עמער און ער ווערט אומעטיק. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ געבילדעטער מענטש קען זיין אַזוי אַבערגלויביש. צייטנווייז האָט עס געווירקט שלעכט אויף וואָלאָדיאַס נערוון, נאָר ער איז דאָך געווען געשמייכלט, וואָס דאָקטאָר וויטענבערג, וואָס וועט אפשר איינגיכן ווערן פּראָפעסאָר אין איינעם פון די שווייצאַרישע אוניווערזיטעטן, איז מיט אים אַזוי אינטים באַפריינדעט. דערצו האָט וואָלאָדיאַ נאָך אַליין נישט באַ־גריפן ווי אַנגענעם אים איז שטענדיק צו הערן וועגן דעם דאָקטאָרס פרוי. ער האָט איר שוין, דאַכט זיך, גוט געקענט און געוווּסט כמעט אירע אַלע געוווינ־הייטן, קאַפּריזן, מאַנירן און אַפילו געפילט דעם ריח פון איר לייב און געהערט איר קול, ווי זי גייט אַרום איבערן שטוב און רעדט מיטן דאָקטאָר.

ער האָט זי געוואָלט זען שוין וואָס גיכער. עפּעס טיף אין האַרצן האָט ער געהאָט אַ פאַרגעפיל, אַז די פרוי וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט אים. אָבער ווער וייס ווען זי וועט קומען?...

— ניין, — פלעגט גלייך דורכלויפן אַ געדאַנק אין זיין קאָפּ. — ער וואָלט קיינמאָל עס נישט געטון. דער דאָקטאָר וואָלט עס נישט איבערגעטראָגן.

אַ פּאָר וואָכן זענען פאַרביי.

איינמאָל איז וואָלאָדיאַ געקומען צום דאָקטאָר און אים געפונען אין בעט. ער איז געווען קראַנק און האָט געהאַט אַלע סמנים פון אַ גריפּ, וואָס האָט דאַן געבושעוועט איבער דער קליינער שווייצאַריע. ער איז געווען זייער דערשראָקן און געהייסן רופן אַ דאָקטאָר. וואָלאָדיאַ איז פאַרבליבן ביי אים נעכטיקן. פאַרן שלאָף האָט ער אים אויסגעריבן מיט אַלקאָהאָל און געגעבן טרינקען הייסן טיי מיט ראָם. העלפנדיק דעם דאָקטאָר אויסטאָן די אונטערשטע העמד, האָט וואָלאָ־דיאַ דערזען אַ דינע, גאָלדענע קייטעלע מיט אַ קליינעם מעדאַליאָן אין דער פאָרם פון אַ האַרץ, וואָס דאָקטאָר וויטענבערג האָט געטראָגן אויף דער ברוסט.

ער האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט און געזאָגט:

— דאָס איז מיין פרויס בילד, ווען זי איז געווען מיין כלה. איך וועל עס איצט נישט אויסטאָן. איך טראָג עס שוין יאָרן אַזוי. אמת, — האָט ער אַ מאָדנעם שמייכל געטון, — דאָס פּאַסט גאָר נישט פאַר אַ צוקונפטיקן פּראָפעסאָר, אָבער קיינער ווייס עס נישט אַ חוץ איך. איך בעט אייך...

— וואָס פּאַלט אייך איין, דאָקטאָר. דאָס איז אַ געפּיל־זאַך, — האָט אים וואָלאָדיאַ געאײַלט צו באַרויִקן. — ליגט איצט רויִק.

נאָר דאָקטאָר וויטענבערג האָט פּאַרזיכטיק געעפנט דעם מעדאַליאָן און באַוויזן וואָלאָדיאַן אַ קליינינקע פאָטאָגראַפיע פון אַ זעכצן־יעריקער בלאָנדער מיידל מיט אַ לאַכנדיקן ליבן פּנים. אונטן איז געווען מיט פּיטשינקע אותיות ווייס אויסגעקריצט: „מאַריאַ, 5טן מאַי, 1911, בערלין".

— די גאַנצע וועלט פרייד האָט זי דאַן פאַרמאָגט, — האָט געזאָגט דאָקטאָר וויטענבערג און שווער געאָטעמט פון היץ. — זי פלעגט שטענדיק לאַכן און זיין לוסטיק ווי אַ געזונט קינד. איך בין פאַר איר געווען אַ גאָט, וואָס ווייסט אַלץ.

און ער האָט זיך דערמאָנט מיט אַלע איינצלהייטן וועגן אַ פּאָר פון זייערע געהיימע באַגעגענישן פון יענע יאָרן.

וואָלאָדיאַ וואָלט זיכער געקענט נאָך שעהן זיצן אַזוי רויִק און הערן ווי דאָקטאָר וויטענבערג רעדט וועגן זיין פרוי... נאָר דער קראַנקער האָט ענדלעך פאַרמאַכט די אויגן און וואָלאָדיאַ האָט אים איינגעדעקט מיט צוויי קאָלדרעס און פאַרלאָשן די ליכט. אָבער דאָקטאָר וויטענבערג האָט נישט געקענט איינשלאָפן, עפּעס געצומען שעפּטשען פון היץ און זיך אַלע ווײַלע געקלאָגט, אַז אים טוט ווי אין האַלדז, אים איז שווער צו אָטעמען און וואָלאָדיאַ מוז זיין אַזוי פריינטלעך און עפענען אַלע פענצטער. זאָל דער ווינט אַריינגיין אין הויז. ער וועט אים אַזוי מחיהדיק אָפּפרישן.

איינגעשלאָפן איז ער ערשט שפּעט אין דער נאַכט. אויפן צווייטן טאָג איז אים געוואָרן ערגער און וואָלאָדיאַ האָט דאָקטאָר וויטענבערגן געמוזט אַריבערפירן אין שטאָטישן האָספּיטאַל.

— טעלעגראַפירן אייער פרוי? — האָט געפרעגט וואָלאָדיאַ.

צוערשט האָט ער געוואָלט ער זאָל עס גלייך טון. זאָל זי וויסן, אַז ער איז קראַנק און קומען אַ היים. נאָר באַלד האָט ער חרטה געקראַגן.

— נייך, מען דאַרף נישט. איך וועל איר אַפילו נישט שרייבן, אַז איך בין קראַנק. פאַרקערט, איך וועל איר נאָך הייסן לענגער פאַרבלייבן ביי אירע עלטערן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך ביים דאָקטאָר וויטענבערג אַנטוויקלט לונגען־אָנצינדונג. וואָלאָדיאַ פלעגט אים באַזוכן כמעט אַלע טאָג. ער האָט אַ סך מאָל געוואָלט טעלעגראַפירן דעם דאָקטאָרס פרוי זי זאָל קומען. ער האָט זי געגאַרט צו זען שוין וואָס גיכער און דערפאַר אפשר פלעגט זיך אים אַלץ דאַכטן, אַז דאָקטאָר וויטענבערג איז זייער קראַנק און זי מוז קומען. נאָר עס זענען פאַרביי אַ צען טעג און דער חולה האָט זיך גענומען בעסערן. זיין פרוי האָט ער דאָך

געלאָזט וויסן, אַז ער געפינט זיך אין האָספּיטאַל. אָבער וואָלאָדיאַן האָט ער וועגן דעם אַ וואָרט נישט געזאָגט...

דערווייל האָט וואָלאָדיאַ געקראָגן ערגעץ אַ ביסל אַרבעט און איז געווען פאַרנומען אַ געוויסע צייט. ער האָט שוין פאַרלאָזט זיין חדרל אין דער גאַס פון בלויע פיאָלקעס און זיך באַזעצט הינטערן שטאָט, ביי אַ פויער, צווישן צוויי בית־עולמס, נישט ווייט פון דעם אייז־קאַלטן, שטענדיק רוישנדיקן טייך. אים האָט זיך געוואָלט דעם לעצטן זומער, אין דעם װוּנדערבאַרן לאַנד פון די אַלפּן־בערג, וווינען אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אין דער שטיל, זיך אַ סך באָדן און ליגן אַ נאַקעטער אויף דער זון. צו אָסיען־צו, האָט ער געהאָפט, וועט ער שוין זיכער האָבן די וויזע און זיך קענען לאָזן אין וועג אַריין.

וואָלאָדיאַ האָט געענדיקט די אַרבעט און פאַרדינט אַ ביסל געלט. ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיט אַ באַקאַנטן שווייצאַרעץ אויף אַ וואָך צופוס אין דער לענג פון דער אָזערע און אין אייניקע טאָלן רייסן ווייסע ליליען. אַהיים האָט ער זיך אומגעקערט שטאַרק אָפּגעברענט פון דער זון און זיך געפילט באַזונדערס גוט און מונטער. ער איז אַפילו איצט געווען צופרידן, וואָס די וויזע האָט זיך פאַרהאַלטן ביז אָסיען. וועגן דאָקטאָר וויטענבערג האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער קראַנקער איז אַרויס פון האָספּיטאַל און געפינט זיך שוין אין דערהיים.

— אפשר איז זיין פרוי שוין דאָ? — האָט ער אַ טראַכט געטון. — מען דאַרף צוגיין זען. אפשר איז זי געקומען...

דער טאָג איז געווען אַ כמאַרנער. אַן אָסיען־רעגנדל האָט געשפּריצט און נישט געוואָלט אויפהערן. וואָלאָדיאַ איז געקומען אין שטאָט, געגאַנגען איבער אַ טומלדיקער גאַס, געטראַכט זיין דאָ און דאָרט און שפּעטער, פאַרנאַכט צו, אַריינגיין צו דאָקטאָר וויטענבערג. נאָר פּלוצלינג איז ער געוואָרן איבערראַשט. אַ צוואַנציק טריט פון אים האָט ער באַמערקט דעם דאָקטאָר. ער איז געגאַנגען מיט אַ הויכער, שלאַנקער פרוי, געגאַנגען נאָך מער איינגעהויקערט ווי תמיד.

— דאָס איז זי, מאַריאַ, זיין פרוי, — איז דורכגעלאָפן אין זיין קאָפּ. — זי איז שוין געקומען.

אין איין מינוט האָט ער זיי דעריאָגט און אָפּגעשטעלט. דאָקטאָר וויטענבערג האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן די ערשטע רגע. אויף זיין בלייכן פּנים האָט זיך אויסגעדריקט אַן אומצופרידנקייט און אַ נערוועזיטעט, וואָס מען האָט אים איצט מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט. וואָלאָדיאַ האָט עס גלייך דערפילט און אַ טראַכט געטון:

— אפשר איז דאָס נישט זיין פרוי און אים איז נישט באַקוועם, וואָס ער האָט אים געטראָפן מיט אַן אַנדערער. אָבער דאָס פּנים פון דער פרוי איז אים אַזוי באַקאַנט, אַזוי באַקאַנט.

— וואָס מאַכט איר, דאָקטאָר? — האָט געפרעגט וואָלאָדיאַ און זיך געגומען פאַרענטפערן, וואָס די לעצטע צייט האָט ער נישט געקענט אים באַזוכן אַזוי אָפט.

— אָ, איצט פיל איך אויסגעצייכנט, — האָט געאיילט דאָקטאָר וויטענבערג.

— זייער גוט. בין אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

— דאָס פרייט מיך שטאַרק, דאָקטאָר, — האָט געזאָגט וואָלאָדיאַ און געוואָרט ער זאָל אים פאָרשטעלן פאַר זיין פרוי. (וואָלאָדיאַ איז געווען זיכער, אַז דאָס איז מאַריאַ).

דאָקטאָר וויטענבערג האָט עס אָבער נישט געטון, פאַרלאָרן געשמייכלט און באַכאַנאַנד געפינטלט מיט די מרה־שחורהדיקע אויגן.

— אַנטשולדיקט, — האָט געזאָגט וואָלאָדיאַ אַ באַליידיקטער, זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר דער פרוי און איז אַוועק.

ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס האָט דאָ מיט אַמאָל פּאַסירט מיט דאָקטאָר וויטענבערג. וואָלאָדיאַ איז געווען צערודערט. דאָס פּנים האָט אים געפּלאָמט פון פאַרדרוס. זאָל ער זיין אַזאַ אומדאַנקבאַרער גראָבער יונג אָדער דאָס איז פּשוט קרענקלעכע איפּערזוכט? האָט ער דאָך אַליין אַזוי פיל גערעדט מיט אים וועגן איר און אָפט אים צוגעזאָגט, אַז ווען זי וועט קומען אַהיים, וועט ער מוזן צו זיי שטענדיק אַרויפקומען, ווי אין אַן אייגן הויז. און פּלוצלינג אַזאַ האַנדלונג!

ער וועט אים שרייבן אַ בריוו און גוט אויסזידלען. האָט אים אויסגענוצט און איצט גיי צו אַלדי שוואַרץ יאָר. אַזאַ באַצי:ונג האָט ער שוין צו די יעניקע, וואָס זענען נישט אַזוי געבילדעט ווי ער. אָבער פאַרוואָס האָט ער פרי:ער אין אים נישט באַמערקט דעם שטריך? פאַרקערט, דאָקטאָר וויטענבערגס האַלטונג, זינט ער האָט אים געקענט, איז געווען תּמיד איינפאַך און האַרציק, אַפילו אַ ביסל סענטימענטאַל. ניין, עפּעס האָט דאָ פּאַסירט. און אפשר איז עס פאַרט נישט מאַריאַ, זיין פרוי. אָבער ווו האָט ער זי געזען? יאָ, יאָ, ער דערמאָנט זיך. דאָס איז געווען מיט אַ פאַר יאָר צוריק. דאַכט זיך צוויי מאָל האָט ער זי געזען. איינמאָל האָט אים אויף איר אויפמערקזאַם געמאַכט זיינע אַ באַקאַנטע סטודענטקע, מיט וועלכער ער האָט אַרומגעשפּאַצירט ביים ברעג פון טייך און אַ צווייטן מאָל האָט ער זי שוין אַליין באַמערקט. זי איז געזעסן אויף אַ שטיינערנער באַנק, אונטער אַ פּלאַטאַנען־בוים, וואָס איז געוואַקסן אין דער לענג פון וואַסער, געהאַלטן אַ קליין געפלאָכטן קערבעלע אין שויס און עפּעס געשטריקט. אין דער זעלבער צייט

אויפפּאַסנדיק אויף אירע צוויי קינדער, בלאָנדע יינגעלעך, וואָס האָבן געוואָרפן שטיינדלעך אין טייך און זיך געשפּילט איינער מיטן צווייטן.

— דאָס איז די קריסטלעכע פרוי פון פּריוואַט־דאָצענט דאָקטאָר וויטענבערג

— האָט וואָלאָדיאַ זיך דערמאָנט דער סטודענטקעס ווערטער, ווען ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל געזען. מען דאַרף זיך גוט איינקוקן אין איר.

ער איז אַ פּאָר מאָל זיך דורכגעגאַנגען פאַרביי איר, דערנאָך זיך צוגעזעצט אויף דער זעלבער באַנק, כלומרשט וואַרטנדיק אויף עמעצן און אַלע מינוט בגנבה געכאַפּט אַ קוק אין איר געזיכט און אויף איר פיגור. די פרוי איז געווען גוט געבויט. האָט געהאַט אַ ליבן, עטוואָס ליידנדיקן אויסדרוק אויפן פּנים, אַ סך זו־מער־שפּרינקלעך אַרום די אויגן, וואָס זענען געווען בלוי און אַ קינדערישן פּוכקן, האַלב־אָפענעם מויל מיט ווייסע, קליינינקע ציין.

וואָלאָדיאַ איז געזעסן און נישט געוואָלט אַוועקגיין פון דעם פּלאַץ. עס איז געווען פאַרנאַכט צו, זומער־צייט. פון דער פרוי האָט געווייעט מיט אַזאַ האַר־ציקער רויקייט, מיט גוטע טעג פון דער פריער יוגנט, וואָס איז שוין לאַנג פאַרביי...

יאָ, יאָ, דאָס איז זי, דאָקטאָר וויטענבערגס פרוי.

קיין בריוו האָט וואָלאָדיאַ דאָקטאָר וויטענבערגן נישט געשיקט. ער האָט באַשלאָסן אים לאָזן צורו. דאָקטאָר וויטענבערג האָט מורא, אַז עמעצער אַ זייטי־קער זאָל שטערן זיין גליק. דער מאַן האָט זי דאָך אַזוי ליב.

וואָלאָדיאַ האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרגעסן אָן זיי און דאָס איז אים געלונגען. גאַנצע טעג האָט ער זיך געבאַקן אַנטקעגן דער זון, זיך געבאָדן אין קאַלטן טייך, געראַנגלט אויף שפּאַס מיט בחורים אויפן ברעג פון וואַסער און דערנאָך אַ מידער געשלאָפן געשמאַק בייינאַכט און אַזוי אַלע טאָג, ביז ער האָט זיך צופעליק פון אַ פרוי דערוווּסט, אַז דאָקטאָר וויטענבערג איז נאָך אַלץ קראַנק און געפינט זיך איצט אין די בערג. ער האָט אויפגעגעבן זיין וווינונג, די קינדער אָפּגעשיקט צו אַ פאַרמערקע און זיין פרוי אַרבעט אין אַ פאַבריק. זי האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דער גאַס, ווו עס וווינען די אָרעמע רוסישע אימיגראַנטן. אַ העלפט פון איר'ע פאַרדינסטן פאַרלעבט זי אַליין און דאָס איבעריקע מיט נאָך אַ ביסל געלט, וואָס איר פאָטער שיקט איר אַלע וואָך, מוז זי אַוועקגעבן דעם מאַן, ווייל ער דאַרף פאַרבלייבן אין די בערג כאָטש אַ פּאָר חדשים.

— איך מוז זי גיין זען, — האָט געטראַכט וואָלאָדיאַ. — איך וועל קומען זי פרעגן וואָס מאַכט דער דאָקטאָר וויטענבערג.

ער איז געוואָרן אומרויק. איצט וועט ער אפשר קענען זי זען אָפט. אַ בייזער געפיל פון נקמה האָט אַ פלאַקער געטון אויף אַ מינוט אין זיין האַרצן. ער וועט פון דער פרוי נישט אָפּטרעטן ביז זי וועט ווערן מיט אים אינטים. דאָקטאָר

זויטענבערג האָט געהאַנדלט גראָב און ער דאַרף זיך גאַרנישט רעכנען מיט אים (עפּעס איז ער געווען זיכער, אַז ער קען האָבן די פּרוי). אָבער באַלד האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ניין, ער וועט נישט גיין טון קיין שלעכטס אַ קראַנקן פריינט. דאָקטאָר וויטענבערג איז דאָך אַ ליבער, האַרציקער מענטש, אַן אייג־זאַמער און טיף־ליידנדיקער. און מאַריאַן האָט ער משוגע ליב. פּשוט דערפאַר האָט ער אַזוי געהאַנדלט. ער איז אייפערזיכטיק צו אַלץ און צו אַלעמען. ער וועט נאָר אַריינגיין צו איר זיך דערוויסן וואָס איר מאַן מאַכט.

דעם זעלבן טאָג האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אויף דער גאַס, ווו עס וווינען די אָרעמע רוסישע אימיגראַנטן, און זי געטראָפן ביי איר הויז. זי איז נאָרוואָס געקומען פון דער אַרבעט און איז געגאַנגען פון אַ קראָם מיט אַ קריגעלע מילך אין האַנט.

וואָלאָדיאַ האָט זי אָפּגעשטעלט.

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם וויטענבערג, — האָט ער געזאָגט און זיין האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן. — איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן וואָס מאַכט אייער מאַן.

זי האָט אים רויק אָנגעקוקט און שטיל געענטפערט, ווי צו אַ גוטן באַקאַנטן:

— ער שרייבט מיר, אַז ער פילט בעסער. פאַרוואָס זייט איר צו אונדז נישט געקומען די גאַנצע צייט?

וואָלאָדיאַ האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער איז געוואָרן רויט און געוואָלט באַמערקן, אַז מען האָט אים נישט איינגעלאַדן. אָבער די פרוי האָט צוגעגעבן געלאַסן:

— קומט אַרויף אין אָוונט. איך וווין אין דעם הויז. איר זעט? נומער דריי־און־זעכציק. אויפן צווייטן פלאָר. די דריטע טיר לינקס.

וואָלאָדיאַ האָט זיך פאַרנייגט:

— אַ דאַנק, איך וועל אַרויפקומען.

— ביטע, — האָט זי געזאָגט, און אַ שלאַנקע, אַ שטילע, מיט דעם קריגעלע מילך אין האַנט, איז זי אַריין אין הויז.

וואָלאָדיאַ האָט זי נאָכגעקוקט און געשלונגען מיט די אויגן, זיך נישט גלייבנדיק וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. זי איז אַליין און רופט אים צו זיך. זי האָט אַפילו געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט געקומען די גאַנצע צייט. ווייזט אויס, אַז דאָקטאָר וויטענבערג האָט דאָך איר דערציילט וועגן אים.

וואָלאָדיאַ האָט געוואַרט צוויי טעג און אויפן דריטן איז ער געקומען צו איר. פאַר דער צייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דאָקטאָר וויטענבערג און מאַריאַן. וואָס פאַר אַ מאָדנע אומרויִקע געדאַנקען זענען דאָס

געװוען: אַט שטאַרבט דאָקטאָר װיטענבערג הויך אין די בערג אין אַ קלײנער, אָרעמער שאַלע און ער מיט מאַריאַן זענען בײַ זײַן טויטן־בעט. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שניי, אַ זאַווערוכע, פאַרשאָטן די שאַלע און זיי זיצן בײַנאַכט מיטן מת און קענען נישט אַרויס. דאָס איז אַזוי שרעקלעך, אַז אַ שוידער גייט דורך זײַן לײַב. און אָט איז ער געקומען מיט מאַריאַן פון אַ שפּאַציר און גע־טראָפן דאָקטאָר װיטענבערגן אַן אויפגעהאַנגענעם. ער הענגט אויף אַ לאַנגן האַנטוך אין מיטן זײַן אַרבעטס־צימער און די פענצטער צום באַלקאָן זענען אָפן און די זון גיסט שטראָמען גאָלד אויף זײַן בלויען, געשוואָלענעם פּנים און אַרויסגעשטרעקטן שוואַרצן צונג. מאַריאַ חלשט אין זײַנע הענט...

— גענוג, — האָט וואָלאָדיאַ געטריבן פון זיך די בילדער, — גענוג...

וואָלאָדיאַ האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר. אַ מינוט איז געװוען שטיל און ער איז געשטאַנען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דערנאָך האָבן זיך דערהערט טריט און זי האָט אויפגעמאַכט די טיר. בײַ איר האָט זיך געפונען אַ מאַן, אַ יונגער דאָקטאָר פון שטאָטישן האָספּיטאַל, אַ שווייצאַרעץ, וואָס האָט געהײלט דאָקטאָר װיטענ־בערגן. זי האָט די מענער באַקענט. דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט. וואָ־לאָדיאַ האָט זיך געפילט נישט גוט און איבעריק דאָ. זי האָט אָפּנים אים איצט נישט דערוואַרט און ער שטערט זיי נאָר. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט, אַז ער מוז אַוועקגײן. מען וואַרט אויף אים. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן וואָס עס מאַכט דאָקטאָר װיטענבערג.

מאַריאַ האָט אים באַגלייט ביזן טיר און גאָרנישט געזאָגט. נישט אײַנגעלאַדן קומען ווידער און נאָר געווונטשן אַ גוטן אָוונט.

אַ פּאָר טעג האָט זיך וואָלאָדיאַ געפילט נישט גוט פון דער קאַלטער באַגעג־עניש. ער האָט נאָר געטראַכט, אַז זי וויל נישט ער זאָל זי באַזוכן. דאָס ערשטע מאָל האָט זי אים אָפּנים אײַנגעלאַדן פּשוט אויס העפלעכקייט, ווייל ער איז באַ־פרײַנדעט מיט איר מאַן. ניין, מען דאַרף פאַרגעסן אָן דער גאַנצער געשיכטע.

עס האָט אים אָבער געצויגן צו דער שטילער, בלאָנדער פרוי מיט די רויקע באַוועגונגען און בלויע אויגן, וואָס זענען אַזוי ווי צוויי קלאָרע, טיפע טײַכעלעך אין די בערג אין וועלכע עס ווילט זיך נאָר קוקן און קוקן. ער האָט נישט גע־קענט פאַרגעסן אָן איר. ער האָט ווידער געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט זי צו באַגעגענען אין גאַס.

איינמאָל האָט ער זי באַמערקט פון דערווייטנס. זי איז געגאַנגען מיט נאָך אַ פרוי און עפּעס זייער זיך געאײַלט. נאָר געאײַלט האָט זיך די צווייטע פרוי

און זי איז איר נאָכגעגאַנגען. דאָס האָט מען געזען. ער האָט איר אַ ווײַלע נאָכ־געקוקט ביז זי איז פֿאַרשוווּנדן אין אַ הויז.

דערנאָך איז געווען שבת. אַ גאַנצן טאָג האָט וואָלאָדיאַ פֿאַרבראַכט ביים טייך און פֿאַרנאַכט איז ער געזעסן אין זיין חדרל, ביים אָפֿענעם פֿענצטער, צווישן די בית־עולמס, וואָס האָבן זיך געשפּרייט אין זייער אומעט פֿון ביידע זייטן פֿון זיין הויז, געקוקט אויף די קבֿרים און געטראַכט:

— וווּהין גייט מען היינט אָוונט? דער אָרקעסטער אין שטאַטישן גאָרטן שפּילט נישט, די פּאָר נאָענטע באַקאַנטע זענען זיך צעפֿאָרן אויף וואַקאַציע אין די בערג. סיידן אַרומשפּאַצירן ביי דער אָזערע און זוכן אַ באַגעגעניש מיט אַ גאַסן־מיידל. אָדער אפֿשר נאָך אַמאָל אַריינגיין צו דאָקטאָר וויטענבערגס פֿרוי? יאָ, ער וועט עס טון.

וואָלאָדיאַ האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין בעסטן זומערדיקן אַנצוג און איז אַוועק אין שטאָט. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער שוין געשטאַנען ביי דעם הויז נומער דריי־און־זעכציק, אין דער גאַס ווו די אָרעמע רוסישע אימיגראַנטן האָבן געוווינט. ער געדענקט זייער גוט. אויפֿן צווייטן שטאָק איז איר צימער. די דריטע טיר לינקס. ער איז אָבער נישט אַרויף, און פֿאַמעלעך, פֿאַרטראַכט, אַוועק ווייטער. איר פֿענצטער איז באַלויכטן. זי איז אין הויז. ער וועט נאָך אַ ווײַלע אַזוי אַרומגיין און דערנאָך זיך אומקערן. ער בלייבט שטיין. אָט מאַרשירן, ווי סאָלדאַטן, אַ גרופּע שווייצאַרישע סטודענטן אין קליינע בלויע היטעלעך און לאַנגע קאָלירטע לענטעס איבערן ברוסט. זיי טראָגן אַ פֿאָן, וואָס פֿלאַקערט אין דער לופֿטן און שמייכלט. דערנאָך גייט ער צוריק צו דעם נומער דריי־און־זעכציק.

וואָלאָדיאַ איז שנעל אַרויף אויף די טרעפּ, איז אָבער געבליבן שטיין ביים שוועל פֿון מאַריאַס צימער. אפֿשר איז דער שווייצאַרעץ דער דאָקטאָר איצט ביי איר. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער אַריינגעקוקט אין לעכל פֿון שלאָס. זי איז אַליין. ער האָט אָנגעקלאַפּט. זי האָט גלייך אויפֿגעמאַכט די טיר. „אָ, הער וואָלאָדיאַ!" זי איז זייער צופֿרידן. אָבער ער מוז איר אַנטשולדיקן וואָס זי איז אין אַזאַ טואַלעט, און באָרוועס. זי וואַשט אירע הענטשקעס. אַ גאַנצע וואָך איז זי אַזוי פֿאַרנומען. נאָר ער קען זיך זעצן אָט דאָ אויף דער קושעטקע און זיי וועלן פּלאַפּלען. זי האָט היינט געהאַט אַ בריוו פֿון דאָקטאָר וויטענבערגן אין פֿון די קינדער אַ פּאָסטקאַרטל. די חבֿרה זענען שטאַרק צופֿרידן אויף דער פֿאַרם, נאָר איר מאַן בענקט שוין אַהיים. די לעצטע צייט איז ער געוואָרן אַזוי נערוועז און אומגעדולדיק. זי וועט אים אָבער נישט לאָזן קומען אַזוי גיך צוריק פֿון די בערג.

זי איז געשטאַנען צו וואָלאָדיען מיטן רוקן, געוואַשן אין אַ שיסל די ווייסע

זאַמשענע הענטשקעס און אַלע ווילע אַ קער געטון דעם קאָפּ אין זיין זייט, שמייכלענדיק ליב און אַמאָל טרויעריק. יאָ, זי וועט אים נישט לאָזן קומען צוריק אַזוי גיך.

וואָלאָדיאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון דער קושעטקע, צוגעגאַנגען צום פענצ־טער און אַריינגעקוקט אין גאַס.

— מאַדאַם וויטענבערג, — האָט ער געזאָגט, — עס איז אַ פראַכטפולער אָוונט. קומט שפּאַצירן.

זי האָט אים דורכגעדרונגען מיט אַ שטילן בליק און איינגעשטימט:

— אָט באַלד, איך וועל זיך נאָר איבערטאָן.

זי האָט אויסגעשווענקט די הענטשקעס אין ריינעם וואַסער, זיי אויסגעדרייט און אויפגעהאַנגען טריקענען אויף אַ שטול. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פון קליידער־אַלמער אַ זומערדיקע קלייד, געפאַרבט אין ווילדע פעלד־קוויטן, געבעטן וואָלאָדיען ער זאָל קוקן אין פענצטער און זיך גענומען פּאַמעלעך איבערטאָן.

וואָלאָדיאַ האָט צוגעדריקט זיין שטערן צו די שויבן און זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט אַפילו פאַרמאַכט די אויגן און דאָך געפילט און געזען יעדן גליד פון איר קערפּער און יעדע באַוועגונג אירע האָט איצט דורכגעדרונגען זיין האַרץ מיט אַ ליידנשאַפטלעכן ציטער. דאָס האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג!

— איך בין פאַרטיק, — האָט ער ענדלעך דערהערט איר קול ווי אין חלום.

ער האָט אָפּגעריסן זיין פּנים פון פענצטער. זי איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אין איר נייעם קלייד, די בלאָנדע, קורץ־געשוירענע האָר אַ ביסל צעשוי־בערט, די אויגן האָבן ביי איר געלויכטן און דער פּוכקער, האַלב־אָפענער מויל האָט אויסגעזען רויטער ווי פריִער.

— איך בין פאַרטיק, — האָט זי ווידערהאָלט מיט איר טרויעריקן שמייכל.

וואָלאָדיאַ האָט זי אָנגענומען פאַרן האַנט און אַ מאָדנע רויִקייט האָט אַ ווייע געטון אויף אים. צו וואָס אַ סך קלערן. ער איז יונג, געזונט, זיין בלוט איז הייס און די פרוי קומט אים אַנטקעגן, דורשט אפשר נאָך זיין כוח און וויל אים. ער איז זיכער, אַז זי האָט דאָקטאָר וויטענבערגן נישט ליב. ער האָט עס נאָך פריִער געפילט און פאַרשטאַנען פון זיינע רייד וועגן איר, כאָטש דער דאָקטאָר האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט עפּעס ענלעכעס און געהאַלטן אַפּנים טיף פאַר־באָרגן אין זיין נשמה דעם אמת. ווער ווייסט אים? ער וויל איצט נישט קלערן אַ סך. זי שטייט און וואַרט אויף אים.

— קומט! — האָט וואָלאָדיאַ געזאָגט מיט פרייד.

זיי זענען אַרויס אין גאַס. נאָר מאַריאַ האָט זיך אויפן טראָטואַר פלוצלינג אָפּגעשטעלט און חנעוודיק אַ פרעג געטון:

— מאָסיע וואָלאָדיאַ, וווהין וועלן מיר גיין?

— וווהין איר ווילט, מאַדאַם! — האָט וואָלאָדיאַ געזאָגט. — אין שטאָטישן פּאַרק, צו דער אָזערע, אין אַ קאַפע הערן מוזיק אָדער גאָר אין וואַלד צום אַלטן שלאָס.

זי האָט זיך פאַרטראַכט. דער אַלטער שלאָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט, אויף אַ באַרג, אין אַ וואַלד. דאָרט איז געווען דער ליבלינג־פּלאַץ פון פאַרליבטע פּאָרלעך.

— נו, גוט, פירט מיך צום אַלטן שלאָס — האָט מאַריאַ אַ שמייכל געטון.

באַלד זענען זיי געווען ביים ברעג פון דעם אייז־קאַלטן, מוטנעם טייך און געגאַנגען אונטער די פלאַטאַנען ביימער.

— מעג איך אייך נעמען אונטערן אָרעם? — האָט געפרעגט וואָלאָדיאַ און איר אַריינגעקוקט אין פנים.

— ביטע, — האָט שטיל געזאָגט מאַריאַ און האָט זיך צוגערוקט צו אים.

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן און פאַרקלענערט די טריט.

עמעצער האָט זיך צעזונגען אויף יענער זײַט טייך. דאָס וואַסער האָט גערוישט.

וואָלאָדיאַ האָט פעסט געדריקט מאַריאַס אָרעם צו זיך. געפילט די וואַרעמקייט פון איר קערפּער. זי האָט גאָרנישט געזאָגט. אַ פאַרליבט פּאָרל איז זיי געקומען אַנטקעגן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין קושן. זיי האָבן דערזען אַ פרייע באַנק אונטער אַ בוים.

— לאָמיר זיך צוזעצן, — האָט געזאָגט מאַריאַ. — איך בין עפּעס היינט מידער פון דער אַרבעט ווי אַלע טאָג. און דאָ איז אַזוי שטיל!

נישט אָפּלאָזנדיק איר אָרעם האָט זיך וואָלאָדיאַ געזעצט מיט איר אויף דער באַנק און זיך נאָך מער צוגעטוליעט צו דער פרוי.

— און צום אַלטן שלאָס וועלן מיר נישט גיין? — האָט ער זי געפרעגט און אָנגערירט מיט זיין קאָפּ איר פנים.

מאַריאַ האָט אַ לייכטן ציטער געטון:

— שפּעטער. מאָרגן איז זונטיק און איך דאַרף נישט אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט, — האָט זי געזאָגט, און וואָלאָדיאַ האָט דערפילט ווי זי אָטעמט אַריין דעם ריח פון זיינע האָר.

— ביי וואָס אַרבעט איר? — האָט ער ביי איר געפרעגט.

זי האָט אים דערציילט, אַז פריער האָט זי זיך געלערנט מאַכן פרויען־העטס, נאָר איצט האָט זי אַ שטעלע אין אַ קליינער פאַבריק פון זייגערס. די אַרבעט פאַלט איר נישט שווער, נאָר זי קען נישט ליידן וואָס דאָקטאָר וויטענבערג מוז,

ווען ער איז אין שטאָט, קומען אַלע פּאַרנאַכט צו דער פֿאַבריק זי באַגעגענען פֿון דער אַרבעט. ער שטייט אָן אַ זייט תמיד אַזאַ אומעטיקער, אַ פֿאַרזאָרגטער און וואַרט. זי האָט שוין אַ סך מאָל אים געבעטן עס נישט צו טון. אָבער אומזיסט. ער קען אַנדערש נישט. ער וויל זי אָפּפֿירן אַהיים. דאָס איז אפֿשר זייער ליב פֿון אים. אָבער איר מאַכט עס נערוועז. וואָלט ער כאָטש זי באַגעגנט מיט אַ פֿריילעכן פּנים! איז פֿאַרענטפֿערט ער זיך נאָכאַנאַנד וואָס זי דאַרף גיין אַרבעטן ביי אים. זי קען עס שוין נישט הערן. אַלע פּאַרנאַכט דאָס זעלבע.

דערנאָך האָט זי גערעדט וועגן אירע אייגענע אין דייטשלאַנד. אָ, זי האָט אין דער היים וווּנדערבאַר פֿאַרבראַכט די צייט. איר ברודער, אַ יונגער אָפֿיציר, האָט זי באַקענט מיט אַ באַוווּסטן מאָלער. זי האָט זיך צעלאַכט אַזוי האַרציק און אַנגענעם, כאַ־כאַ־כאַ! דער מאָלער! ער האָט זיך משוגע פֿאַרליבט אין איר און נאָר געוואָלט זי זאָל פּאָזירן פֿאַר אים. ער וועט דאָס בילד אָנרופֿן „זומער".
אַזוי האָט ער געזאָגט, דער מאָלער. זי וועט שטיין נעבן אַ קאַרשן־בוים אינגאַנצן אַ נאַקעטע. אָ, ער האָט געהאַט אַ סך חוצפּה, דער מאַן!

— האָט ער דאָס בילד געמאַכט? — האָט וואָלאָדיאַ געפֿרעגט און זי אַרומגענומען ביי דער טאַליע.

— ניין, נישט פֿאַרענדיקט, — האָט זי פּשוט געזאָגט. — איך האָב דערהאַלטן די טעלעגראַמע פֿון דאָקטאָר וויטענבערגן, אַז ער איז קראַנק.

מאַריאַ האָט זיך פּלוצלינג פֿאַרטראַכט און עטוואָס אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

וואָלאָדיאַ האָט געקוקט אויף איר. איר מוז פֿאַרדריסן וואָס זי איז מיט אים געווען אָפֿנהאַרציק און דערציילט וועגן דעם מאָלער, איז אים איינגעפֿאַלן. אָבער, מיין גאָט, דאָקטאָר וויטענבערג האָט געבענקט נאָך איר אַזוי שטאַרק, און זי האָט פּאָזירט אַ נאַקעטע פֿאַר אַ מאָלער, וועלכן זי האָט געקענט אינגאַנצן אַ צוויי וואָכן, און אפֿשר נאָך ווייניקער! וואָס איז זי פֿאַר אַ פֿרוי!

וואָלאָדיאַ איז געוואָרן ביי זיך זיכערער, אַז זי האָט איר מאַן נישט ליב.

— מאַדאַם וויטענבערג, איך איז אומעטיק? — האָט ער זי געפֿרעגט און לייכט צוגעצויגן צו זיך.

זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אים אַ גלעט געטון איבערן פּנים מיט דער האַנט און שטיל געבעטן:

— נישט איצט... נישט דאָ...

וואָלאָדיאַ איז געוואָרן קאַפּריזנע ווי אַ יינגל און גענומען פֿאָדערן:

— איין קוש, איין קוש.

מאַריאַ האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון באַנק און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— ניין, נישט איצט. קומט צום אַלטן שלאָס.

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען געגאַנגען ווייטער מיטן ברעג פון טייך.

וואָלאָדיאַ האָט געשוויגן אַ ביסל אַ באַליידיקטער וואָס זי האָט אים נישט דערלויבט אַ קוש געבן. נאָר מאַריאַ האָט געהאַלטן פעסט זיין אָרעם. אַלע ווילן זיך לייכט געטוליעט צו אים און ווידער לאַכנדיק דערציילט וועגן דעם מאַלער וואָס איז אַזוי פאַרליבט אין איר. אַזוי זענען זיי צוגעקומען צו אַ קליינעם בריק און פון דאָרטן זיך גענומען לאַנגזאַם אַרויפהויבן אויפן באַרג, צום אַלטן שלאָס.

דער וועג צווישן הויכע, געדיכטע ביימער האָט זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג. עס איז געווען פינצטער און שטיל.

מאַריאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. וואָלאָדיאַ האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען ביי דער טאַליע.

— איך בין מיד — האָט זי געטראַכט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל, אָטעמענדיק אים גלייך אין פּנים.

— דאָ מוז ערגעץ זיין אַ באַנק — האָט וואָלאָדיאַ געוואָלט מאַכן אַ טראָט פאַראויס.

נאָר מאַריאַ האָט מיט דער האַנט, וואָס איז געלעגן אויף זיין אַקסל, מיט אַמאָל אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז, צוגעצויגן זיין פּנים צו אירן און אים געגעבן אַ שטאַרקן קוש אין די ליפּן.

וואָלאָדיאַ האָט זיך דערנאָך געבעטן:

— נאָך איין קוש, מאַריאַ!

זי האָט אים ווידער אַרומגענומען און שפּעטער געזאָגט:

— אָבער נישט מער, נישט דאָ.

אין וואַלד, אַרום אַלטן שלאָס, זענען אַלע בענק געווען פאַרנומען מיט פאַרליבטע פּאָרלעך, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּלאַץ וווּ זיך צו זעצן. האָבן זיי אַרומגעשפּאַצירט אין די פינצטערע אַלייען און גערעדט.

מינוטנווייז פלעגט זיך וואָלאָדיען מיט אַמאָל אויסווייזן, אַז אָט וועט דאָק־טאָר וויטענבערג זיך באַווייזן פון הינטער די ביימער און זיי פאַרשטעלן דעם וועג. אַ הויכער, עטוואָס איינגעבויגן, און די קאַסאָקע, מרה־שחורהדיקע אויגן וועלן פיבעריש לויכטן אין דער פינצטער אויף זיין לענגלעכן בלייכן פּנים.

וואָס וואָלט אים דאַן געזאָגט דאָקטאָר וויטענבערג?

וואָלאָדיאַ פלעגט אויפציטערן יעדעס מאָל פון דעם געדאַנק.

און מאַריאַ רעדט אַלץ און דערציילט:

אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל, איז זי געפאָרן מיט דער באַן צו אירער אַ טאַנטע אין אַ צווייטן דאָרף. דאָס איז געווען ביינאַכט. אין וואַגאָן

זענען געװען אײַנגאַנצן פֿיר פּאַסאַזשירן. צװײ אַלטע לײַט, װאָס זענען גע־שלאָפֿן, און זי מיט אַ יונגן סאָלדאַט. דער סאָלדאַט האָט זי געשלונגען מיט די אויגן און אַלץ געזוכט אַ געלעגנהייט אָנצוהייבן רעדן מיט איר. נאָר זי האָט זיך כלומרשט אָנגעבלאָזן און אַפֿילו אויסגעמיטן צו קוקן אין זײַן זײַט. זי האָט אים געװאָלט רייצן אַביסל. אַזאַ הויכער, געזונטער בחור, מיט אַ פֿריש פּנים. און די מעשענע קנעפּ פֿון זײַנע קליידער בלישטשען װי גאָלד.

— װאָס איז געװען דער סוף? — האָט װאָלאָדיאַ געפֿרעגט.

— איך האָב אים פֿלוצלינג דערזען נעבן זיך — האָט זיך מאַריאַ צעלאַכט — און דערפֿילט װי ער נעמט אָן מײַן האַנט. דערנאָך האָט ער אַזױ ליב אַ פֿרעג געטאָן בײַ מיר, איך זאָל אים זאָגן װוּהין פֿאָרט עס אַ מיידל אַליין אין דער נאַכט. אָ, ער איז געװען זייער העפֿלעך און צאַרט, דער יונגער סאָלדאַט. און איך האָב אים לאַנג נישט געקענט פֿאַרגעסן.

— די יוגנט, די יוגנט! — האָט געזאָגט װאָלאָדיאַ.

— מײַן גאָט! — האָט אומעטיק צוגעגעבן מאַריאַ.

אַהײם האָבן זײ זיך אומגעקערט שפּעט אין אָװנט.

בײַם אַרײַנגאַנג פֿון הויז זענען זײ געבליבן שטיין און ביידע האָבן אַ װײַלע געשװיגן.

װאָלאָדיאַ האָט גענומען מאַריאַס האַנט און געװאָלט איר זאָגן „אַ גוטע נאַכט". נאָר זי האָט פּשוט אַ פֿרעג געטון:

— איר װילט איצט אַרויפֿקומען צו מיר?

ער האָט גאַרנישט געענטפֿערט, אויפֿגעמאַכט די טיר און איז איר שטיל נאָכגעגאַנגען אויף די שטיינערנע טרעפּ.

זײַן האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. נאָר װאָס פֿאַלט אים אײַן?... זי האָט אים אײַנגעלאַדן טרינקען אַ גלאָז טײ. ער האָט נאָך פֿריִער איר געזאָגט, אַז ער איז דורשטיק און װאָלט געטרונקען עפּעס. זי האָט אים טאַקע געענטפֿערט, אַז זײ װעלן קענען אַרויפֿקומען צו איר.

מאַריאַ קוקט זיך אַרום צי קיינער איז נישטאָ אין קאָרידאָר. זי שליסט־אויף די טיר פֿון איר צימער און זײ גייען אַרײַן. עס נעמט מער װי אַ מינוט ביז זי צינדט־אָן די ליכט. ער שטייט אין דער פֿינצטער און דאָס האַרץ קלאַפּט אַלץ אַזױ שטאַרק. ער װעט בעסער גלײַך זיך אומקערן צוריק. ער װעט זײַן רויקער אַזױ... ערלעכער...

נאָר אָט איז ליכטיק געװאָרן. מאַריאַ פֿאַרציט דעם פֿאָרהאַנג פֿון פֿענצטער

און שמייכלט. ער קוקט אויף איר. זי איז שלאַנק, און דאָס האַלב־אָפענע פּוסקע מויל קען אַזוי געשמאַק קושן. און וועגן וואָס זי זאָל נישט רעדן ווילט זיך הערן אַן אַ שיעור. אַזאַ קול האָט זי שוין.

— וואָס שטייט איר? — האָט מאַריאַ געזאָגט. — זעצט זיך און איך וועל אין איין מינוט צוגרייטן טיי.

מאַריאַ האָט אָנגעצונדן די ספּירט־מאַשינקע און אַוועקגעשטעלט אַ טשייניק מיט וואַסער.

וואָלאָדיאַ האָט זיך געזעצט אויף דער קושעטקע און גענומען בלעטערן נומערן פון אַ דייטשן אילוסטרירטן זשורנאַל וואָס איז געלעגן אויפן טיש. די בילדער זענען געווען פון באַוווסטע מאָלער און ער האָט זיך פאַרטיפט אין זיי. מאַריאַ האָט געזאָגט, אַז זי וויל זיך איבערטאָן. נאָר זי האָט צוערשט אים דערלאַנגט אַ טאַס טיי, וועלכע ער האָט פּאַמעלעך אויסגעטרונקען. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קלייד און איז געבליבן האַלב־נאַקעט.

וואָלאָדיאַ האָט אויף אַ רגע אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט מיט אַליידנשאַפטלעכן ווונטש און ווידער זיך געסטאַרעט צו פאַרטיפן זיך אין די בילדער און נישט געקענט. יעדע מאַריאַס באַוועגונג האָט אים געמאַכט אינערלעך אויפציטערן.

זי האָט דערווייל אָנגעוואָרעמט וואַסער און אויסגעוואַשן אין אַ שיסל די פּיס, העכער ביז איבער די קני, אויסגעשווענקט דאָס מויל מיט אַ ראָזעווען וואַסער און זיך באַשפּריצט מיט אָדעקאָלאָן. זי האָט עס געטון זייער רויִק און געלאַסן, ווי דאָ נעבן איר אויף דער קושעטקע וואָלט געזעסן נישט קיין פרעמדער, נאָר איר אייגענער מאַן. דערנאָך האָט זי געמאַכט דאָס בעט. און אין איין העמד, אַ באָרוועסע, אומבאַמערקט און שטיל צוגעגאַנגען צו וואָלאָדיען.

ער האָט נאָך אַלץ געבלעטערט דעם זשורנאַל און נישט געוואָלט איר שטערן זיך אויסצוטאָן. ער האָט געוואַרט וואָס עס וועט דאָ זיין. וועט זי אים באַלד הייסן גיין אַהיים אָדער נישט? נאָר מאַריאַ האָט פאַרקאַטשעט דאָס העמד ביז די בריסט און אים אָנגערירט פאַרן אַקסל.

וואָלאָדיאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי אָנגעקוקט.

זי האָט פּלוצלינג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אינגאַנצן דאָס העמד און געבליבן שטיין פאַר אים מיט אַ טרויעריקן שמייכל אויפן פּנים. דעם קאָפּ אַביסל אָנגעבויגן אַן אַ זייט.

— מאַריאַ! — איז וואָלאָדיאַ צוגעפאַלן צו איר נאַקעטן לייב — מאַריאַ!

— —

שפּעט ביינאַכט איז וואָלאָדיאַ אַן אומעטיקער געגאַנגען אַהיים. וואָס איז

דאָ פאַרגעקומען? זי זאָל זיך אַזוי גיך אים אָפּגעבן האָט ער נישט דערוואַרט. כמעט ביי דער ערשטער באַגעגעניש. וואָס איז זי פאַר אַ פרוי? אָבער וויפל מאָל האָט זי אים פאַרזיכערט, אַז ער איז דער ערשטער וועמען זי האָט ליב באַקומען און זיך אַוועקגעגעבן! דאָס איז צו איר געקומען מיט אַמאָל. זי האָט אים לאַנג נישט אַרויסגעלאָזט פון אירע אָרעמס און נאָר געשעפּטשעט וועגן דעם און געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך גוט צו אים. קיין איין פרוי האָט נאָך נישט אַרויסגעוויזן צו אים אין זיין לעבן אַזוי פיל צאַרטקייט און ליידנשאַפט.

„גיי נישט אַוועק. פאַרבלייב ביז אין דער פרי מיט מיר", האָט זי זיך געבעטן ביי אים, געבעטן און געקושט זיינע הענט. „ווי וועל איך איצט איינ־שלאָפן אַליין? גיי נישט אַוועק".

ער האָט נישט געוואָלט ווייטער פאַרבלייבן. דאָקטאָר וויטענבערג קאָן פּלוצלינג אָנקומען אין מיטן דער נאַכט. ער איז אַזוי אומרויִק! אָט פאַרלאָזט ער די בערג און קומט אַהיים. נייך, ער האָט פאַר אים נישט מורא, אָבער ווי וועט ער אים קוקן גלייך אין די אויגן? וואָלאָדיאַ איז געגאַנגען איבער די שטילע, פּוסטע, שלאָפנדיקע גאַסן. זיינע טריט האָבן הילכיק געקלונגען אין דער בלויער זומער־נאַכט. ער האָט זיך געאיילט אַהיים און ביים האַרצן האָט אים עפּעס גע־נאָגט און גענאָגט.

וואָלאָדיאַ מיט מאַריאַן האָבן זיך גענומען באַגעגענען אַלע טאָג. זי פלעגט קומען צו אים נאָך דער אַרבעט. אַ שטילע, אַ מידע, און גלייך מיט די אויגן, אָן ווערטער, בעטן זיך ביי אים, ער זאָל זי ליבן און לאַסטשען. דערנאָך צוגרייטן וועטשערע, און זיי האָבן צוזאַמען געגעסן ביים אָפענעם פענצטער און גערעדט ביז דער אָוונט איז צוגעפאַלן. דאַן פלעגט וואָלאָדיאַ אָנצינדן זיין קליינעם קעראָסין־לאָמפּ מיטן רויטן אַבאַזשור, מאַריאַ האָט פאַרמאַכט די לאָדנס און זיי פלעגן זיך לייגן אין בעט אויף אַ שעה אָדער מער.

דאָס האָט זיך געצויגן אַ צוויי וואָכן, און מאַריאַ האָט זיך ממש נישט געקענט אָנזעטיקן מיט איר געליבטן.

אַ פאָר מאָל איז זי אין דער צייט אינגאַנצן נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט און פאַרבראַכט מיט וואָלאָדיאַן אַ גאַנצן טאָג.

זיי האָבן זיך צוזאַמען געבאָדן אין דעם אייז־קאַלטן טייך, וואָס לויפט פון די אַלפּן־בערג. זיך געוואַרעמט אַנטקעגן דער זון און אַ סך אַרומגעשפּאַצירט צווישן די צוויי בית־עולמס. דאָרט האָט אַן אַלטע איטאַליענישע פרוי געהאַט אַ קליינע כאַטקע מיט אַ גאָרטן פון אַלערליי גרינסן, און אַ פאָר ציגן וואָס האָבן

זיך געפּאַשעט אַרום דיביימער. עס איז אויך דאָרטן געלאָפן אַ שטילער וואַסערל צווישן די גראָזן.

מאַריאַ פלעגט וואָלאָדיאַן אַלץ רופן צו דער אַלטער איטאַליענערין טרינקען מילך און רעדן מיט איר. זי האָט די אַלטע גערן געהאַט, ווייל איינמאָל האָט די פרוי איר געבענטשט און געזאָגט, אַז זי וועט זיין גליקלעך מיט איר געליבטן און אַז ביידע שטייט פאַר אַ ווייטע רייזע איבער גרויסע ימים.

„אפשר וועט וואָלאָדיאַ מיך מיטנעמען מיט זיך", האָט מאַריאַ אַ טראַכט געטון, און איר האָט געצויגן צו דער פרוי, צו דער קליינער כאַטקע מיטן גאָרטן, צו די ציגן וואָס האָבן זיך שטיל געפּאַשעט אַרום די ביימער.

— גוט, גוט, מיר וועלן גיין אַהין — האָט וואָלאָדיאַ געלאַכט. — די פרוי וועט נאָך דיר אויסוואַרפן אין קאָרטן און זאָגן דיין צוקונפט. גיב איר נאָר אַ פראַנק.

— איך וואָלט איר אַ סך מער געגעבן — האָט מאַריאַ שטיל געזאָגט. — זאָל זי מיר נאָר אויסוואַרפן ריכטיק.

— וואָס וואָלסטו געוואָלט אַזוי וויסן? — האָט וואָלאָדיאַ געפרעגט און איר געקוקט אין די אויגן אַריין.

—אָ, אַ סך זאַכן! — האָט מאַריאַ געשמייכלט. — פריִער פון אַלץ, וואָס וועט זיין מיט מיר, אַז דו וועסט אינגיכן אַוועקפאָרן? דאָקטאָר וויטענבערג וועט דאָך אַלץ מוזן וויסן וואָס צווישן מיר און דיר איז פאָרגעקומען.

— פאַרוואָס וועט ער מוזן וויסן? — איז וואָלאָדיאַ געוואָרן ערנסט.

— איך וועל אים עס דערציילן — האָט מאַריאַ געזאָגט פּשוט.

— דאָס איז אַן אומזין, מאַריאַ! ער וועט עס נישט אַריבערטראָגן. טו עס נישט — האָט זיך וואָלאָדיאַ געבעטן.

— איך וועל אים נישט ליגן, נישט ליגן! — האָט מאַריאַ איבער־געחזרט. — איך קען נישט אַנדערש. איך האָב אים אַלעמאָל געזאָגט דעם ריינעם אמת.

— און וועגן דעם מאָלער וואָס איז אין דיר געווען פאַרליבט, האָסטו אים דערציילט? — האָט וואָלאָדיאַ געפרעגט אַ ביסל אויפגערעגט.

— יאָ! — האָט מאַריאַ געזאָגט. — ער ווייסט אַפילו, אַז איך האָב פאַזירט פאַרן מאָלער. איך האָב אָבער דעם מאָלער נישט געליבט.

— וואָס האָט ער געזאָגט דערויף? — האָט זיך וואָלאָדיאַ אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג.

— ער האָט געשוויגן — איז מאַריאַ אויך געבליבן שטיין. — ער איז געוואָרן זייער אומעטיק און געשוויגן.

וואָלאָדיאַ האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און זיי זענען געגאַנגען צו דער אַלטער איטאַליענערין און מער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט וועגן דעם.

אָבער וואָלאָדיאַ האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן. אָט נאָך אַ וואָך אָדער צוויי און דאָקטאָר וויטענבערג וועט קומען אַהיים און אַלץ זיך דערוויסן. זי וועט מיט אַ רויִקן קול אים דערציילן ווי אַזוי זי האָט אים אָפּגענאַרט און געלעבט מיט זיין כלומרשדיקן פריינט וואָלאָדיאַ. זי וועטריידן ווי איר שטייגער איז: געלאַסן, און קוקן אויף אים מיט איר אַ ביסל טרויעריקן שמייכל. און וואָס וועט זיין מיט דאָקטאָר וויטענבערג? ער וועט עס נישט אַריבערטראָגן. ער וועט אים טויטן. ער איז דאָך אַזוי משוגע אייפערזיכטיק און דאָ אַזאַ שווערער פאַרברעכן. ניין, ער וועט זי צווינגען שווייגן. מען טאָר עס אים נישט איבערגעבן.

אָבער פאַרוואָס האָט ער געשוויגן, ווען זי האָט אים דערציילט וועגן מאַלער, פאַר וועלכן זי האָט פאָזירט אַ נאַקעטע? אפשר איז די גאַנצע געשיכטע מיטן מאַלער אַן אויסגעטראַכטע? נאָר ניין, מאַריאַ איז נישט פעיִק צו זאָגן ליגן! אַ מאָדנער מענטש דער דאָקטאָר וויטענבערג. ער קען אים נישט פאַרשטיין.

זיי האָבן פאַרבראַכט מער ווי אַ שעה ביי דער אָרעמער פרוי. מאַריאַ האָט אים געפרעגט, צי זי קען אויסוואַרפן אין קאָרטן און זאָגן די צוקונפט. די אַלטע האָט געריסן סאַלאַד אין גאָרטן און געלאַכט: ניין, זי איז נישט קיין ציגיינערין, נאָר אַז מאַריאַן מיט איר געליבטן שטייט פאָר אַ וויטע רייזע איבער גרויסע ימים, ווייסט זי. דאָס האָט זי געזען אַ חלום אַזאַ.

— קום, מאַריאַ — האָט געזאָגט וואָלאָדיאַ. — די פרוי פלאַפּלט.

זיי האָבן איר באַצאָלט פאַר די מילך און זיך פאַמעלעך געלאָזט גיין אַהיים, ווייל עס איז שוין געווען פאַרנאַכט צו און די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער די בערג. די פאָר ציגן זענען זיי נאָכגעגאַנגען אַ ווילע און געקלונגען מיט די גלעקלעך אויף די העלדזער.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט געלאַכט האַרציק מאַריאַ און זיי געטריבן אויף צוריק.

ווידער האָבן זיי צוזאַמען אין וואָלאָדיאַס צימער געגעסן וועטשערע, געזעסן ביים פענצטער, געזונגען און גערעדט און דערנאָך האָט וואָלאָדיאַ אָנגעצונדן דעם קליינעם קעראָסין־לאָמפּ מיטן רויטן אַבאַזשור און מאַריאַ האָט פאַרמאַכט די לאָדנס פון די פענצטער.

— איך וועל היינט נישט גיין אַהיים — האָט געזאָגט מאַריאַ און געקושט וואָלאָדיאַן אין מויל און אין די אויגן.

ער האָט אַ ווילע געשוויגן און דערנאָך באַמערקט:

— טאָמער וועט מיטאַמאָל זיך אומקערן אַהיים דאָקטאָר וויטענבערג און דיך נישט טרעפן?

— ער האָט מיר גאָרנישט געשריבן וועגן קומען — האָט שטיל געענטפערט מאַריאַ און וואָלאָדיאַ האָט באַמערקט, אַז דער אויסדרוק פון איר פּנים האָט זיך איבערגעביטן און איז געוואָרן עפּעס מאָדנע, ווי זי וואָלט אין די ווערטער גע־פילט אַ באַליידיקונג.

וואָלאָדיאַ האָט זי אַרומגענומען. ניין, ער האָט גאָרנישט געמיינט. זאָל זי בלייבן. ער איז גליקלעך מיט איר. אַ, דאָס וועט זיין אַ ווונדערבאַרע נאַכט. ער וועט אויסקושן יעדן גליד פון איר קערפּער. ער וועט אַראָפּגיין אין שענק און ברענגען אַ פלאַש רויטן וויין. זיי וועלן טרינקען און זיין פריילעך.

— מען דאַרף נישט — האָט אים אָפּגעהאַלטן מאַריאַ.

נאָר וואָלאָדיאַ האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט און איז אַרויסגע־לאָפן פון צימער.

באַלד איז ער געקומען צוריק מיט אַ פלאַש וויין אין האַנט. מאַריאַ איז גע־שטאַנען ביי דער טיר מיט דער העט אויפן קאָפּ גרייט אַוועקצוגיין.

— איך וועל גיין אַהיים — האָט זי געזאָגט — מיין מאַן קען זיך אומקערן פון די בערג און מיך נישט טרעפן.

וואָלאָדיאַ האָט פאַרשלאָסן די טיר, אַראָפּגענומען די העט פון איר קאָפּ און זיך געבעטן:

— מאַריאַ, זיי נישט בייז.

אים האָט שוין פאַרדראָסן פאַרוואָס ער האָט איר דערמאָנט וועגן דאָקטאָר וויטענבערג. זי איז אַזאַ מאָדנע פרוי. וויל פון גאָרנישט וויסן. מען טאָר איר גאָרנישט זאָגן.

מאַריאַ איז געבליבן מיט אים די נאַכט...

אינדערפרי האָט וואָלאָדיאַ זיך אויפגעכאַפּט און מאַריאַן נישט געפונען נעבן זיך. ער האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט. דער לאָמפּ האָט נאָך געברענט. דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס האָט זיך געריסן די זון אין צימער. מאַריאַס קליידער זענען נישט געלעגן אויפן שטול ביים בעט. נאָר אויפן טיש האָט ער באַמערקט אַ צעטעלע. ער איז אַראָפּ פון בעט און עס איבערגעלייענט. מאַריאַ האָט אים געשריבן:

„מיין ליבער, איך מוז גיין אין פאַבריק. האָב דיך נישט געוואָלט אויפוועקן אַזוי פרי. דו האָסט מיר נישט געדאַרפט געבן קיין וויין. קום מאָרגן אין אָוונט צו מיר. היינט וויל איך רוען נאָך דער אַרבעט. מאַריאַ.״

וואָלאָדיאַ האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און זיך געלייגט צוריק אין בעט. ער האָט געוואָלט ווידער איינשלאָפן און נישט געקענט. וואָס פאַר אַ משוגענע נאַכט דאָס איז געוועזן. ער האָט זיך דערמאָנט אין האַלבן דרעמל ווי ער האָט מאַריאַן

נישט געלאָזט אַװעקגײן, איר אױסגעטאָן און געהאַלטן אין אײן קושן אירע גלי־דער און זי האָט געלאַכט און זיך געבעטן ער זאָל נישט צערײסן איר קלײד און די װעש. ער האָט אַזױ נישט קײן געדולד צו איר טואַלעט. דערנאָך האָבן זײ אױסגעטרונקען דעם װײן. מאַריאַ איז געװאָרן צעלאָזן אין איר האַלטונג און אין אירע רײד. זי האָט אינגאַנצן אַראָפּגעװאָרפן פון זיך די קלײדער, געטאַנצט אַ נאַקעטע אין מיטן צימער, געװאָרפן די פיס אין דער הױך און אַ פּאָר מאָל געמאַכט אומאָנשטענדיקע באַװעגונגען מיט איר קערפּער צו די פענצטער, הינ־װעלנדיק פראָסט באַלײדיקן עמעצן, װאָס געפינט זיך אין גאַס.

— מאַריאַ, װאָס איז מיט דיר? — האָט איר מיט דערשטױנונג אָנגעקוקט װאָלאָדיאַ — מאַריאַ!

נאָר זי האָט זיך פּלוצלינג אַ װאָרף געטון צו אים, אַרײנגעכאַפּט אין אירע אָרעמס זײן הױכן געזונטן קערפּער, הײס געאָטעמט אים אין פּנים און גע־שעפּטשעט:

— װאָלאָדיאַ, װאָלאָדיאַ, ליב מיך לאַנג־לאַנג ביז מײנע קני זאָלן מיר נעמען װײ־טון, ביז מײנע פיס זאָלן פאַרגײן פון מידקײט. ליב מיך לאַנג, לאַנג...

דערנאָך זענען זײ בײדע אײנגעשלאָפן און דער לאָמפּ איז געבליבן ברענען.

יאָ, דאָס איז געװען אַ משוגענע נאַכט...

אױף מאָרגן אין אָװנט איז װאָלאָדיאַ געגאַנגען צו מאַריאַן.

די גאַנצע צװײ טעג האָט ער פאַרבראַכט בײם טײך און אַ סך געלעגן אַנטקעגן דער זון. ער האָט אױף אַ מינוט נישט געקענט פאַרגעסן מאַריאַן און דאָקטאָר װיטענבערגן און נאָכאַנאַנד געטראַכט װעגן זײ. מיט װאָס װעט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? אָט װעט ער אפשר נאָך דעם חודש קריגן די װיזע און װעט מוזן גלײך זיך לאָזן אין װעג אַרײן. ער קען דאָך דאָ נישט פאַרבלײבן מער. גראַד פאַרן אַװעקפאָרן האָט ער זי געטראָפן. װו איז זי פריִער געװען, מאַריאַ? אפשר איז גאָר בעסער װאָס ער מוז אַװעקפאָרן? זי איז אַ מאָדנע פרוי. אָבער אַזאַ פאַרבאָרגענער פײער ברענט אין איר און קען זיך נישט אױסלעשן. די נאַכט װאָס זי איז פאַרבליבן מיט אים װעט ער קײנמאָל נישט פאַרגעסן. זי איז נאָר אַ װילדע געװען צעלאָזן. דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרײט פון װײן. זי איז נישט געװױנט צו טרינקען. און דערנאָך האָט זי אים אַרױסגעװיזן אַזױ פיל צאַרטקײט. דאָקטאָר װיטענבערג קען אָפּנים נישט פאַרגעסן די נעכט, װאָס זי האָט אים ליב געהאַט און דערפאַר איז ער איר איבערגעגעבן און לײדט. אָבער װאָס װעט איצט זײן? ער װעט דאָך מסתמא גאָר אין גיכן זיך אומקערן פון די בערג, דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים נישט געגעבן קײן רו.

װאָלאָדיאַ האָט זיך דערנענטערט צו מאַריאַס הױז. אָט איז שױן דער נומער

דריי און זעכציק. איר פענצטער איז באַלויכטן. זי וואַרט אויף אים. מען דאַרף איר עפּעס ברענגען. ער זוכט אין קעשענע אַ ביסל געלט און גייט אָפּ נאָך אַ פּאָר קוואָרטאַלן. אָט איז אַ בלומען־געשעפט. ער גייט אַריין, קויפט אַ פּאָר ווייסע רויזן און אַ הייפל רויטע נעגעלעך און קערט זיך אום צוריק.

ער איז צופרידן. זי וועט זיך פרייען מיט די בלומען. ער איז אַרויף די טרעפּ, צוגעגאַנגען צו איר טיר און פלוצלינג שטיל געבליבן שטיין. עמעצער רעדט אין איר צימער, עמעצער איז ביי איר. וועמענס שטימע קען עס זיין? ער פאַרהאַלט דעם אָטעם און הערט זיך צו. זאָל עס זיין דער שווייצאַרישער דאָקטאָר, וואָס ער האָט ביי איר געטראָפן דאָס ערשטע מאָל? ניין, ניין! ער וועט נישט רעדן אַזוי הויך און נערוועז אַרומשפּאַנען איבערן חדר. דאָס האָט זיך אומגע־קערט פון די בערג דאָקטאָר וויטענבערג און זי האָט אים שוין אַלץ דערציילט.

וואָלאָדיאַ האָט זיך איינגעבויגן און אַריינגעקוקט אין לעכל פון שלאָס. ער האָט דערזען ווי מאַריאַ שטייט נעבן פענצטער און דאָקטאָר וויטענבערג דער־בענטערט זיך צו איר און מאַכט מיט די הענט. ער האָט אויפגעציטערט און שטיל אויף די שפּיץ פינגער אָפּגעטראָטן פון טיר.

פאַרוואָס איז דאָקטאָר וויטענבערג אַזוי אויפגערעגט? זיכער אַז זי האָט אים אַלץ שוין דערציילט. זי האָט אים נישט געהערט און דערציילט. וויפל האָט ער זיך ביי איר געבעטן זי זאָל עס נישט טון. צו וואָס מאַכן איםליידן נאָך מער. מיין גאָט, וואָס פאַר אַ פרוי דאָס איז! אָבער מען דאַרף זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. דאָקטאָר וויטענבערג קען נאָך פלוצלינג עפענען די טיר און אים דאָ באַמערקן. וואָלאָדיאַ האָט אַוועקגעלייגט די רויזן מיט די רויטע נעגעלעך ביים שוועל און איז פאַרזיכטיק אַראָפּ די טרעפּ...

דריי טעג האָט וואָלאָדיאַ נישט געזען מאַריאַן און דאָקטאָר וויטענבערגן. ער איז אין די אָוונטן געבליבן אין הויז, געלעגן און געלייענט אַ סך. ער האָט אָפּט געטראַכט, אז אפשר וועט איצט זיין בעסער פאַר אַלע דריי ער זאָל זיך מיט מאַריאַן אינגאַנצן מער נישט באַגעגענען. ווען ער קריגט איצט מיטאַמאָל די דויזע! דאָס וואָלט גאָר געווען גוט. ער וואָלט אַוועקגעפאָרן און דאָקטאָר וויטענ־בערג וואָלט אפשר קיינמאָל נישט געוווּסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

פלעגט ער אָבער נאָר פאַרמאַכן די אויגן און בלייבן ליגן מיטן בוך אין האַנט, איז שוין נעבן אים געווען מאַריאַ און אים ווידער געהאַלדזט און געקושט.

ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן די נאַכט, וואָס זי איז פאַרבליבן ביי אים. פאַרוואָס איז זי געווען אַזוי צעלאָזן? האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק. פון צוויי גלעזער וויין זאָל זי ווערן אַזוי שיכור? תמיד איז זי דאָך אַזאַ שטילע און

אירע באַוועגונגען זענען אַזוי געלאַסן און רויִק, און מיט אַמאָל גראָבע רייד און דער פּרעכער טאַנץ. פּונקט ווי אַ שיכּורע פּראָסטיטוטקע וואָלט זיך צעהוליעט. און אירע מאָדנע ווערטער: „ליב מיך לאַנג־לאַנג ביז מײַנע קני זאָלן מיר נעמען ווײ טאָן, ביז מײַנע פּיס זאָלן פאַרגײן פון מידקייט". ער האָט עס פון קיין פרוי נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

אָבער פאַרוואָס פּלאָגט ער זיך אַזוי די פּאָר טעג, וואָס ער האָט זי נישט געזען? ער קען זי אויף אַ מינוט נישט פאַרגעסן.

וואָלאָדיאַ האָט פאַרמאַכט דאָס בוך וואָס ער האָט געלייענט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אויף איינעם פון די בית־עולמס האָט מען באַגראָבן אַ מת און אַ קליינע גרופּע מענטשן, פרויען און מענער, זענען געשטאַנען אַרום אַן אָפענעם קבר. אַלץ דאָ און דאָרט גאָלדיק באַלויכטן פון דער פאַרגייענדיקער זון. ער האָט געקוקט אויף דער לויה און נישט באַמערקט ווי מיט דעם געסל, וואָס פירט צו זײַן הויז איז פאַמעלעך און עטוואָס איינגעהויקערט געגאַנגען דאָקטאָר וויטענבערג צו אים. באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטילער קלאַפּ אין טיר.

— אַנטרע! — האָט אַ זאָג געטון וואָלאָדיאַ און איז געבליבן שטײן בײַם פענצטער, מיינענדיק אַז דאָס קומט צו אים די באַלעבאָסטע אָדער דער באַלעבאָס, וואָס האָט פון צײַט צו צײַט ליב געהאַט אין אַ פרײַער שעה צו פּלאַפּלען אַ ביסל מיט דעם יונגן „רוס" וועגן זײַן גרויסן מאָדנעם לאַנד. ער האָט זיך אַפילו נישט אַ קער געטון צום אַרײַנגאַנג און געקוקט ווי די מענטשן אַרום קבר האָבן זיך גענומען באַוועגן און אַ פּאָר פרויען האָבן זיך צעוויינט אויפן קול.

נאָר דער קלאַפּ האָט זיך ווידערהאָלט שטאַרקער. וואָלאָדיאַ איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און אויפגעמאַכט. ער איז געבליבן שטײן אַ פאַרוווּנדערטער מיט אַ דערשראָקענעם אויסדרוק אויפן פּנים און נאָר שטיל אַ זאָג געטון:

— דאָקטאָר וויטענבערג, אַ גאַסט!

און אין קאָפּ איז דורכגעלאָפן ווי אַ בליץ בײַ וואָלאָדיאַן. אָט וועט דאָקטאָר וויטענבערג אַרויסכאַפּן אַ רעוואָלווער פון קעשענע און אים דערשיסן אָדער אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין האַרצן. עפּעס שרעקלעכעס וועט פּאַסירן. ער ווייסט שוין פון אַלץ. מאַריאַ האָט אים דערציילט...

וואָלאָדיאַ האָט געקוקט אויף דאָקטאָר וויטענבערג און געהיט זײַן יעדע באַוועגונג. נאָר ער איז רויִק אַרײַן אין צימער, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ערשטן שטול וואָס ער האָט דערזען.

— שווער צו גײן אויף טרעפּ — האָט דאָקטאָר וויטענבערג אַ זאָג געטון און לײַכטער אָפּגעאָטעמט. — זײַט אַזוי גוט און גיט מיר אַ ביסל וואַסער. איך וויל אַ טרונק.

וואַלאַדיאַ האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער. דאָקטאָר וויטענבערג האָט גענומען די גלאָז און אים אָנגעקוקט מיט זיינע אומעטיקע אויגן. ביי וואַלאַדיאַן האָט זיך צוזאַמענגעדריקט דאָס האַרץ און דער שרעק איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן. אַ, דער מענטש קען נאָר ליידן, אָבער נישט טון עמעצן קיין שלעכטס. און אפשר ווייסט ער נאָך גאָרנישט. איז פּשוט געקומען צו אים אַזוי...

— ווען האָט איר זיך אומגעקערט פון די בערג? — האָט געפרעגט וואַלאַדיאַ און צוגענומען ביי אים די גלאָז.

— נאָך מיט דריי טעג צוריק. איר ווייסט דען נישט? — האָט געפרעגט דאָקטאָר וויטענבערג.

וואַלאַדיאַ האָט אים גאָרנישט געענטפערט און איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער. די לויה האָט זיך געענדיקט און די מענטשן זענען געגאַנגען צוריק פון בית־עולם מיט מידע לאַנגזאַמע טריט.

וואַלאַדיאַ האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָקטאָר וויטענבערג ווייסט שוין פון אַלץ. אַנדערש וואָלט ער דאָך אים נישט געשטעלט אַזאַ פראַגע. נאָר ער האָט געמאַכט אַ פריילעכן פּנים און פאַרגעשלאָגן דאָקטאָר וויטענבערגן עסן וועטשערע.

— ניין — האָט געזאָגט דאָקטאָר וויטענבערג, — נישט איצט. דאָס בין איך גאָר אייך געקומען רופן צו זיך. מיין פרוי וויל אייך זייער זען. אָבער דערלויבט מיר פריער אַ ביסל זיך צולייגן אויף אייער בעט און דערנאָך וועלן מיר גיין. איך מוז זיך אָפּרוען אַ פּאָר מינוט.

— ביטע, ציט זיך אויס גאַנץ פריי — האָט אים גענומען פאַרן האַנט וואַ־לאַדיאַ. — מאַכט זיך באַקוועם, ביטע.

דאָקטאָר וויטענבערג האָט זיך אָוועקגעלייגט אין בעט און פאַרוואָרפן די הענט הינטערן קאָפּ. וואַלאַדיאַ האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען בלע־טערן אַ בוך. ער האָט פּאָר זיך גאָרנישט געזען און נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. ער האָט געוואַרט דאָקטאָר וויטענבערג זאָל נעמען ריידן און אים אַלץ ענדלעך זאָגן און זאָל נעמען אַ סוף. פאַרוואָס שווייגט ער? אפשר ווייסט ער דאָך פון גאָרנישט. מאַלע וואָס ער האָט געזאָגט, אַז זיין פרוי וויל אים זען. זי האָט דאָך געקענט ביי דאָקטאָר וויטענבערגן בעטן, ער זאָל זי באַקענען מיט אים. ער איז דאָך מיט דאָקטאָר וויטענבערגן געווען אַזוי באַפריינדט. אָבער ניין. עפּעס האָט דאָ געמוזט פּאַסירן. זיין שוויגן איז אַזאַ מאָדנער און אָנגעשטרענגטער. אין צימער איז געוואָרן טונקל.

— איך וועל אָנצינדן דעם לאָמפּ — האָט געזאָגט וואַלאַדיאַ.

— אויב עס שטערט אייך נישט, איז בעסער אַזוי — האָט באַמערקט דאָק־טאָר וויטענבערג. — אָט באַלד וועל איך אויפשטיין און מיר וועלן גיין.

וואָלאָדיאַ האָט אַ ווײַלע געוואָרט. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— ווי האָט זיך אײַך געלעבט אין די בערג?

דאָקטאָר וויטענבערג האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן און איז געבליבן זיצן אויפן בעט. אין שטילן זומערדיקן פאַרנאַכט האָט ער אויסגעזען אַזוי טרויעריק און מיד. וואָלאָדיאַן האָט זיך אַפילו אויסגעדאַכט, אַז זײַנע אויגן זענען פײַכט פון טרערן.

— איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך מאַריאַן — האָט געזאָגט דאָקטאָר וויטענבערג. — אָט בין איך געקומען אַהיים פאַר דער צײַט. איך האָב דאָרט נישט געקענט אײַנזיצן. עפּעס האָב איך געפילט וואָס דאָ קומט פאָר מיט איר.

וואָלאָדיאַ האָט געשוויגן. זײַן האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט געקוקט אויף דאָקטאָר וויטענבערגן מיט ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן און מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק אויפן פּנים פון רחמנות און נצחון.

— איך פאַרשטיי אײַך נישט — האָט אַרויסגערעדט וואָלאָדיאַ.

דאָקטאָר וויטענבערג האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו וואָלאָדיאַן און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זײַן אַקסל.

— איך ווייס שוין אַלץ. מאַריאַ האָט מיר דערציילט — האָט ער מיט אַ ציטער אין קול געזאָגט. — קומט, זי וואַרט אויף אונדז...

אַ שווערער שטיין איז פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן פון וואָלאָדיאַס האַרצן. אַז דאָס וועט דורכגיין אַזוי פּשוט האָט ער נישט דערוואַרט. איצט איז ער נאָך געקומען אים רופן צו זיך. ווײַל זי וויל אים זען. מיין גאָט, וואָס פאַר אַ מענטש איז דאָס! וואָס קומט דאָ פאָר!

— קומט — האָט ווידערהאָלט דאָקטאָר וויטענבערג. — מיר וועלן אַלע פאַרברענגען צוזאַמען דעם אָוונט.

— איך גיי, דאָקטאָר וויטענבערג, איך גיי — האָט געזאָגט וואָלאָדיאַ און זיי זענען אַרויס פון הויז.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי ביידע נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. וואָלאָדיאַ איז געגאַנגען און אין קאָפּ האָט זיך בײַ אים אַלץ געפּלאָנטערט, אַז אַזוי אײַנפאַך קען זיך עס נישט ענדיקן. אפשר וויל דאָקטאָר וויטענבערג אים פאַרנאַרן צו זיך און דאָרטן הרגענען אָדער פאַרסמען. ווער קען וויסן... זײַן האַלטונג איז עפּעס אַזאַ מאָדנע. עס קומט נאָר אויס, אַז ערשט איצט וועלן זיי ווערן די בעסטע גוטע חברים.

וואָלאָדיאַ האָט נישט ווילנדיק זיך צעלאַכט אין האַרצן: מיין גאָט, וואָס פאַר אַ טראַגי־קאָמישע לאַגע. אָבער וואָס וועט זאָגן מאַריאַ, מאַריאַ? נאָר מאַריאַ האָט זיי באַגעגנט מיט איר אַ ביסל אומעטיקן שמייכל און פּשוט אַ פרעג געטון וואָ־

לאַדיאַן וואָס ער מאַכט. אַט אַזוי ווי מען פּרעגט אַ גוטן פרײַנט. וואָס מען האָט אַ טאָג צוויי נישט געזען. דערנאָך האָט זי אים אײַנגעלאַדן צום טיש, וואָס איז געווען געגרייט פאַר וועטשערע און באַמערקט דאָקטאָר וויטענבערגן, אַז ער האָט פאַרגעסן עפּעס צו קויפן.

— איך האָב עס, איך האָב עס, מײַן ליבע! — האָט דאָקטאָר וויטענבערג זיך אַ כאַפּ געטון פאַר דער קעשענע.

וואָלאַדיאַ האָט זיך געזעצט צום טיש און געשוויגן. דאָ האָט ער געקוקט אויף מאַריאַן און דאָ אויף דאָקטאָר וויטענבערגן, נאָר האָט גאָרנישט באַמערקט אויף זיי אויסערגעוויינלעכס. ביידע זענען געווען רויִק און אויסערלעך אַפילו גוט אויפגעלייגט.

מיט אַמאָל האָט ער דערזען, אַז אין אַ ווינקל, אויף אַ קליינעם רונדן טי־שעלע, שטייען אין אַ גלאָז וואַסער די ווייסע רויזן און די רויטע נעגעלעך, וואָס ער האָט געקויפט פאַר מאַריאַן און עס איבערגעלאָזט אויף איר שוועל. ער האָט מאַריאַן אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרקייט און זי האָט צו אים האַרציק אַ שמייכל געטון און געוואָרפן אַ וואַרעמען בליק צו די בלומען.

דערנאָך האָט זי זיך מיט דאָקטאָר וויטענבערגן געזעצט צום טיש און אַלע דריי האָבן געגעסן און גערעדט. דאָקטאָר וויטענבערג האָט דערציילט וועגן איי־ניקע פּאַציענטן פון דעם סאַנאַטאָריום, וווּ ער איז געווען. מאַריאַ האָט דערמאָנט איר מוטערס היים און דעם מאָלער, פאַר וועמען זי האָט פּאָזירט. איר האָט פאַר־דראָסן, וואָס דער קינסטלער האָט נישט פאַרענדיקט איר בילד, און וואָלאַדיאַ האָט איבערגעגעבן אַ פּאָר קאָמישע געשפּרעכן פון אַן אַרמענער מיט אַ פרוי אויף אַ באַל און מאַריאַ האָט געלאַכט ביז טרערן...

— אַך, דו ליבער גאָט! כאַ־כאַ־כאַ!

נאָך וועטשערע זענען זיי אַוועק צו דער אַזערע אין אַ קאַפע הערן מוזיק. דעם גאַנצן וועג איז דאָקטאָר וויטענבערג געווען כלומרשט רויִק און גערעדט מיט מאַריאַן וועגן זייערע קינדער, אַז מען דאַרף זיי ברענגען פון פאַרם צוריק אַהיים אָדער צופאָרן צו זיי אויף אַ פּאָר טעג. נאָר אין קאַפע האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנע נערוועזע שטימונג און ער האָט שוין נישט געקענט זיך באַהערשן. דאָס וווּנדערבאַרע שפּילן פון דעם גוטן אָרקעסטער האָט אים צע־רודערט. ער האָט דערפילט אַ שרעקלעכע איינזאַמקייט און עלנט. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן און געוואָלט אַוועקגיין. נאָר מאַריאַ האָט אים איינ־געהאַלטן:

— לאָמיר נאָך זיצן דאָ אַ ביסל. אַרום איז אַזוי ליכטיק און פריילעך.

ענדלעך איז ער דאָך אַרויס פון קאַפע, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. איז נאָר צוגעגאַנגען צום קעלנער און אים באַצאָלט.

וואָלאָדיאַ האָט אויך געוואָלט אַוועקגיין. מאַריאַ איז געוואָרען בלייך און שטיל אַ זאָג געטון:

— זאָל ער גיין, שטער אים נישט.

וואָלאָדיאַ האָט זיך ביי איר גענומען בעטן:

— קום! מאַריאַ, מען קען אים דאָך נישט לאָזן אַליין...

זי האָט זיך אויפגעהויבן און זיי זענען אַרויס פון קאַפע. דער אַרומיקער עולם האָט זיי נאָכגעקוקט, ווייל אַ יונגער באַוווסטער וויאָלאָניסט האָט געשפּילט סאָלאָ און אַ סך מענטשן זענען געשטאַנען ביי דער אָזערע און זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן אָבער דאָקטאָר וויטענבערגן שוין נישט געפונען. וואָלאָדיאַ האָט זיך געפילט זייער שלעכט און געקוקט אין אַלע זייטן, אפשר גייט ער ערגעץ אָן אַ זייט.

מאַריאַ איז געווען רויק, אָבער אַלץ בלייך. איר האָט פאַרדראָסן וואָס דאָקטאָר וויטענבערג האָט איר דאָך צעשטערט דעם אָוונט. זי איז געווען זיכער, אַז שפּעטער וועט זי אים געפינען אין הויז און ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן וועט ער חרטה האָבן פאַר זיין האַנדלונג, בעטן ביי איר זי זאָל אים פאַרגעבן און קושן אירע הענט, זי זאָל זיין גוט צו אים.

— זיי רויק, וואָלאָדיאַ — האָט זי געזאָגט — עס וועט מיט אים גאָרנישט פּאַסירן היינט. דאָס ערגסטע איז שוין פאַרביי.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט געפרעגט וואָלאָדיאַ.

מאַריאַ האָט אַ שמייכל געטון:

— די ווייסע רויזן און די רויטע נעגעלעך האָבן אים דערציילט אונדזער ליבע־געשיכטע. ער האָט געעפנט די טיר און געפונען די בלומען אויפן שוועל. ער איז צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל אים זאָגן פון וועמען דאָס איז. האָב איך אים אַלץ קלאָר געמאַכט.

וואָלאָדיאַ האָט אַזש אויפגעציטערט: זי רעדט אַזוי רויק וועגן דעם. מיין גאָט!

— וואָס איז געווען דערנאָך? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שטילן קול.

מאַריאַ האָט נישט גלייך געענטפערט. זי האָט זיך פאַרטראַכט, אַ קנייטש געטון מיטן שטערן, ווי וועלנדיק פאַריאָגן אַן אומאַנגענעמע דערינערונג און דערנאָך אים דערציילט וואָס פאַר אַ שווערע נאַכט זי האָט געהאַט מיט אים. ער האָט נישט געקענט איינשלאָפן ביז פאַרטאָג, גערעדט נאָר וועגן זעלבסטמאָרד און געוויינט ווי אַ קינד. זי האָט אים געמוזט לאַשטשען און נאָכאַנאַנד באַרויקן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו ווידערהאָלן:

— אָבער ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? איר זייט דאָך נישט געווען באַקאַנט ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט?

אינדערפרי איז זי אַוועק צו דער אַרבעט און ווען זי האָט זיך אומגעקערט פּאַרנאַכט, האָט זי אים נאָך געפונען אין בעט. זי האָט אים אויפגעוועקט און געמאַכט עסן. ער איז אויפגעשטאַנען און מער גאָרנישט דערמאָנט וועגן דעם, ווי עס וואָלט אַלץ געווען גוט. און היינט איז איר איינגעפאַלן, אַז דאָקטאָר וויטענבערג זאָל גיין רופן וואָלאָדיאַן אויף וועטשערע. איר האָט זיך אַזוי געוואָלט אים זען און פאַרברענגען צוזאַמען אַן אָוונט. האָט זיך אויסגעלאָזט אַזוי נאַריש.

— ער האָט גאָרנישט פּראָטעסטירט? — האָט געפרעגט וואָלאָדיאַ.

— ניין — האָט געזאָגט מאַריאַ. — איך האָב אים געבעטן און ער איז געגאַנגען.

וואָלאָדיאַ האָט געשוויגן...

זיי זענען צוגעקומען צו מאַריאַס וווינונג. איר פענצטער איז געווען באַלויכטן.

— דו זעסט, ער איז שוין אין הויז — האָט זי געזאָגט.

דערנאָך האָט זי שטיל אַ פרעג געטון:

— ווען זאָל איך קומען צו דיר?

וואָלאָדיאַ האָט געגלעט אירע הענט:

— ווען דיר איז באַקוועם, מאַריאַ!

— שבת פּאַרנאַכט, וואָלאָדיאַ! זונטיק דאַרף איך נישט גיין צו דער אַרבעט.

שבת פּאַרנאַכט — האָט ווידערהאָלט מאַריאַ. — אַ גוטע נאַכט, ליבער!

— אַ גוטע נאַכט, מאַריאַ! זיי גוט צו אים... — האָט געבעטן וואָלאָדיאַ. — אַ גוטע נאַכט...

שבת אינדערפרי האָט וואָלאָדיאַ אַ סך פריִער ווי ער האָט דערוואַרט באַקומען ענדלעך די וויזע און געלט אויף דער רייזע. זיינע אייגענע האָבן אים געשריבן ער זאָל וואָס גיכער אַרויספאָרן.

וואָלאָדיאַ האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו און ערשט צום סוף פאַרשטאַנען, אַז ער מוז גלייך זיך לאָזן אין וועג. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ מידקייט אין גאַנצן קערפּער און זיך געמוזט צוזעצן. וואָס וועט ער איצט זאָגן מאַריאַן? ווי וועט ער זיך קענען צעשיידן מיט איר? היינט אין אָוונט דאַרף זי קומען צו אים. דאָס וועט זיין זייער לעצטע באַגעגעניש. און אפשר איר לאָזן

װיסן זי זאָל נישט קומען? אָבער עס איז דאָך שױן אַלץ אײנס. דאָקטאָר װיטענ־בערג לײדט סײ װי סײ.

ער איז אַ װײלע געזעסן פאַרטראַכט. די ליבע מיט מאַריאַן האָט אין אים דערװעקט אַ שטילע גוטע פרײד. די אַלע שװערע מאָנאָטאָנע און גרויע יאָרן פון זײַן אימיגראַנטישן לעבן זענען װי פאַרשװוּנדן פון זײַן געדעכעניש און דאָס קלײן באַרגיק לאַנד, װוּ ער האָט אַזוי אָפט זיך פּשוט נישט געפונען קײן פּלאַץ, פון אײנזאַמקײט און נויט, האָט איצט געהאַט אַזוי פיל צױבער פאַר אים. ער װעט נישט פאַרגעסן זײַן קלײן חדרל בײַ דעם אָרעמען פויער, צװישן די צװײ בית־עולמס. ער װעט געדענקען די אַלײע פון פּלאַטאַנען־בײמער אין דער לענג פון אײז־קאַלטן מוטנעם טײַך און יענעם אָװנט, װען מאַריאַ איז געגאַנגען מיט אים צום אַלטן שלאָס. דערנאָך בײַ איר אין צימער. יאָ, און די אַלטע איטאַליע־נערין, װאָס האָט דעם גאָרטן, די קלײנע כאַטקע און די פּאָר ציגן. דאָרט האָט ער מיט מאַריאַן אַ סך גוטע שעהן פאַרבראַכט. דאָס איז אפשר אַלץ קלײניקײטן. סענטימענטאַלע קלײניקײטן. אָבער ער װײסט, אַז עס װעט אים לאַנג־לאַנג און אָמאָל דאָס גאַנצע לעבן זײַן אַזוי אָנגענעם זיך צו דערמאָנען װעגן דעם... נאָר װאָס זיצט ער? ער האָט נאָך אַ סך צו טון.

װאָלאָדיאַ האָט זיך אױפגעהױבן פון שטול, אױף גיך געמאַכט פרישטיק, אָפּ־געגעסן און איז אַרױס פון הױז.

ער איז געגאַנגען אין שטאָט אײַנקױפן אײניקע זאַכן אױפן װעג. דורכגײ־ענדיק דעם גאָרטן פון אוניװערזיטעט האָט ער אין אײנער פון די שטילע אַלײען געטראָפן דאָקטאָר װיטענבערגן. זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דאָקטאָר װיטענבערג האָט אױסגעזען נישט אױסגעשלאָפן, בלײך, די אױגן טיף אין די לעכער און זײער קאָסאָקער קוק נאָך אומעטיקער װי תמיד.

— װוּ גײט איר? — האָט געפרעגט דאָקטאָר װיטענבערג.

װאָלאָדיאַ האָט אים דערצײלט, אַז ער האָט באַקומען די װיזע און פאָרט קומענדיקע װאָך אַװעק. דאָקטאָר װיטענבערג האָט געשװיגן און אױף זײַן פּנים האָט זיך גאָרנישט אױסגעדריקט. װי די גאַנצע מעשה װאָלט אים נישט אָנגע־גאַנגען. פאַר יאָ, פאַר נישט. אים איז אַלץ אײנס. װאָלאָדיאַ איז געװען איבער־ראַשט און אַ ביסל דערשראָקן. דער מאַן האָט עפּעס שלעכטס פאַרקלערט. נאָר דאָקטאָר װיטענבערג האָט אים געפרעגט:

— אפשר װאָלט איר מיט מיר געגאַנגען אַ ביסל שפּעטער באַגעגענען מאַריאַן פון דער אַרבעט. הײַנט גײט זי אַרױס פון פאַבריק צװעלף אַזײגער. מיר װאָלטן דערנאָך צוזאַמען פאַרבראַכט דעם אָװנט.

וואָלאָדיאַ איז געוואָרן רויט, געזאָגט אַז ער קען נישט און מוז נאָך באַזאָרגן אַ סך זאַכן פאַרן אוועקפאָרן. אָט מאָרגן וועט ער זיין פרייער.

דאָקטאָר וויטענבערג האָט אים געדריקט די האַנט און איז פּאַמעלעך אַוועק צום אַרויסגאַנג פון גאָרטן. וואָלאָדיאַ איז געשטאַנען, אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט עטוואָס איינגעהויקערט און געטראַכט:

ווען ער ווייסט, אַז מאַריאַ וועט היינט אין אָוונט זיין ביי מיר...

וואָלאָדיאַ האָט זיך געזאַמט אין שטאָט אַ גוטע פּאָר שעה און ערשט פאַר־נאַכט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים. ער איז געווען אומרויק און אַלע ווײַלע געקוקט אויפן הימל, ווייל פון נאָכמיטאָג אָן האָט זיך דער וועטער געביטן. די לופט איז געוואָרן שטיקנד און טונקל־בלויע וואָלקנס האָבן זיך געריקט פון אַלע זייטן פון די בערג. אָט־אָט וועט אויסברעכן אַ שטורעם אָדער אַ גרויסער רעגן און מאַריאַ וועט נישט קענען קומען צו אים. דער בין־השמשות האָט זיך אָנגע־רוקט פרי. וואָלאָדיאַ האָט זיך אַרומגעדרייט נעבן די פּאָר טאָפּאָלן וואָס זענען געוואָקסן נישט ווייט פון זיין הויז. ער האָט געוואַרט אויף מאַריאַן.

די פּוסטע גאַס, מיט וועלכער זי האָט געדאַרפט קומען, איז געלעגן פאַר־טאַיעט אין דעמערונג. די מינוטן ציִען זיך און קיינער באַווייזט זיך נישט אין איר. נאָר אָט גייט עמעצער. דאָס איז אַן אַלטער בעטלער, וואָס איילט ערגעץ און האָט מורא דער רעגן זאָל אים כאַפּן אין מיטן וועג. און אָט האָט זיך באַוויזן אַ פרוי. ניין, דאָס איז נישט מאַריאַ. זי איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל גאַס און איז אַריין אין אַ הויז.

די טאָפּאָלן האָבן גענומען רוישן פון ווינט, זיך וואַרפן אויף אַלע זייטן. וואָלאָדיאַ גייט אַרום הין און צוריק. ער איז זיכער אין האַרצן, אַז מאַריאַ וועט קומען אַפילו אין רעגן. זי וועט זיך פאַר גאָרנישט נישט אָפּשטעלן און קומען. דאָקטאָר וויטענבערג האָט איר נאָך געמוזט דערציילן, אַז ער האָט אים באַגעגנט און זיכער דערמאָנט וועגן זיין אַוועקפאָרן. אָבער וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן קומען צוזאַמען? דאָס איז דאָך מעגלעך. דאָקטאָר וויטענבערג וועט זי נישט לאָזן גיין אַליין צו אים. יאָ, דאָס איז זייער מעגלעך.

וואָלאָדיאַן איז געוואָרן אומעטיק. נאָר אָט האָט זיך ווידער באַוויזן אַ פרוי אין דער גאַס אין אַ רעגן־מאַנטל, אַ הויכע, אַ שלאַנקע. דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ שאַל. ער זעט נישט איר פּנים. אָבער דאָס איז מאַריאַ. מאַריאַ! ער דער־קענט אירע חנעוודיקע טריט.

וואָלאָדיאַ איז איר געגאַנגען גיך אַנטקעגן, גענומען אונטערן אָרעם און געבראַכט צו זיך אין חדרל. ער האָט איר אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אָפּגעוויקלט די שאַל און נאָכאַנאַנד געקושט, נישט לאָזנדיק איר אַרויסרעדן קיין וואָרט. זי האָט

גליקלעך געשמייכלט און געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיך קיינמאָל נישט ענדיקן...

דערנאָך האָט וואָלאָדיאַ געפרעגט:

— מאַריאַ, דו האָסט אים געזאָגט, אַז דו גייסט צו מיר?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט. — איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל זיין ביי דיר אַ גאַנצע נאַכט. דאָס איז אונדזער צווייטע און לעצטע נאַכט.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז די לעצטע, מאַריאַ? — האָט איר אַרומגענומען וואָלאָדיאַ.

— ווילסטו באַהאַלטן פון מיר — האָט אומעטיק געשמייכלט מאַריאַ. — איך ווייס שוין, אַז דו פאָרסט אַוועק קומענדיקע וואָך. ער האָט עס מיר דערציילט. דאָס איז דאָך אמת?

— אמת, מאַריאַ — האָט וואָלאָדיאַ באַהאַלטן זיין קאָפּ אויף איר ברוסט און זי האָט געגלעט זיינע האָר און זיי איינציקווייז פאַנאַנדערגענומען און געקושט.

אין חדרל איז אינגאַנצן פינצטער געוואָרן. אַ שטאַרקער רעגן האָט גענומען קלאַפּן אין די פאַרמאַכטע לאָדנס און נישט אויפגעהערט.

וואָלאָדיאַ האָט ווידער געפרעגט:

— ער האָט דיר נישט געשטערט גיין צו מיר?

— ניין, — האָט געזאָגט מאַריאַ. — ער האָט זיך נאָר געבעטן איך זאָל עס נישט טון. ער האָט ווידער געוויינט...

— וואָס וועט איצט זיין, אַז איך וועל אַוועקפאָרן, מאַריאַ? — האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ וואָלאָדיאַ.

— אַזוי ווי פריער, — האָט פאַרטראַכט אַרויסגערעדט מאַריאַ. — איך וועל ברענגען די קינדער פון פאָרם, מיר וועלן דינגען אַ ווױנונג און זיין צוזאַמען. אַסיען־צו וועט ער אפשר קריגן אַ פּאָר גוטע שטונדן און איך וועל נישט דאַרפן מער אַרבעטן אין פאַבריק.

— יאָ, יאָ, דאָס וואָלט געווען זייער גוט, — האָט איינגעשטימט וואָלאָדיאַ.

מער האָבן זיי נישט גערעדט וועגן דעם. דער ווינט האָט געריסן די לאָדנס.

— טו מיך אויס, וואָלאָדיאַ, — האָט זיך געבעטן מאַריאַ ווי אַ קינד. — טו מיך אויס און דעק מיך איין וואַרעם.

ער האָט זי אויסגעטאָן. דער רעגן האָט נאָכאַנאַנד געקלאַפּט אין די פענצ־טער, זיי פאַרשלעפערט. מאַריאַ האָט זיך געטוליעט צו וואָלאָדיאַן, אים געשעפּ־טשעט הייס אויפן אויער:

— דו ביסט שטאַרקער, דיין לייב איז טרוקן, וואַרעם. — זי האָט איינגע־

אָטעמט דעם ריח פון זיין קערפּער. — עס שמעקט פון דיר מיט גראָזן און זון. ער שוויצט אַלעמאָל אין די נעכט. זיין לייב איז גליטשיק, פייכט. פוי! איך קען נישט פאַרטראָגן זיינע לאַסקעס. ער האָט נישט קיין כוח מיך צו ליבן. נעם מיך אַרום נאָך און נאָך. איך קען זיך נישט אָנזעטיקן מיט דיר...

די נאַכט האָט זיך געצויגן. וואָלאַדיאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער לאָמפּ האָט געברענט מיט אַ קליינעם פייערל. מאַריאַ איז געלעגן שטיל און רויק געאָטעמט. עס האָט נאָך אַלץ געדרעגנט און דער ווינט האָט געריסן די לאָדנס. וואָלאַדיאַ איז פאַרזיכטיק אַראָפּ פון בעט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אים האָט זיך עפּעס מיט אַמאָל אויסגעדאַכט, אַז אימיצער גייט אַרום אין דרויסן הינטער די פענצטער. אפשר איז דאָס דאָקטאָר וויטענבערג? ער וואַרט אויף מאַריאַן? ער קען נישט זיין אין הויז און דרייט זיך דאָ צווישן די צוויי בית עולמס.

וואָלאַדיאַ האָט אויפגעמאַכט די לאָדנס פון פענצטער.

דער ווינט האָט אים אַ שמיץ געטון מיט אַ הויפן קאַלטע טראָפּנס רעגן אין פּנים און אין דער אָפענער ברוסט. דרויסן איז געווען שטאָק-פינצטער. וואָלאַדיאַ האָט זיך אַראָפּגעבויגן, זיך צוגעהערט. ניין, קיינער איז דאָרט נישטאָ. דאָס האָט זיך אים פּשוט אויסגעדאַכט. ער האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער און זיך אומגעקערט צום בעט. מאַריאַ איז אַלץ געשלאָפן רויק, גאָרנישט געהערט. וואָלאַדיאַ האָט זיך גוט איינגעקוקט אין אירע זומער-שפּרינקעלעך אַרום די אויגן, אין האַלב-פּוכקען מויל און איר געגעבן אַ לאַנגן קוש אין די ליפּן. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, שטיל צעלאַכט און אים צוגעצויגן צו זיך.

— דו, שטאַרקער מיינער, ליבער!

דערנאָך האָט וואָלאַדיאַ זיך ווידער אויפגעכאַפּט. דאָס מאָל האָט אים געפייניקט אַ קאָשמאַר. דאָקטאָר וויטענבערג איז געהאָנגען אויף אַ טיר פון אַ גרויסן פוסטן חדר מיט בלויע ווענט און שוואַרצע פענצטער. ער האָט געוואָלט אַרויסגיין און נישט געקענט. סיידן אַראָפּנעמען פון טיר דעם געהאָנגענעם. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם צימער. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין ווינקל אין צווייטן, האָט געהאַט ווייניק לופט צו אָטעמען און דאָקטאָר וויטענבערג איז געהאָנגען פאַר זיינע אויגן און פאַראַליזירט זיין ווילן און מוט. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט דערשטיקט.

מאַריאַ איז געזעסן אויפן בעט און אים געוועקט. ער האָט איר גאָרנישט דערציילט. דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט און דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס האָט זיך געריסן דער ליכטיקער פרילעכער פרימאָרגן. זיי האָבן זיך אָנגעטאָן און געעפנט די פענצטער. די נאָר-וואָס אויפגעגאַנגענע זון האָט אַ שיין

געטון אין חדרל. מאַריאַ האָט צוגעגרייט פרישטיק און זיי האָבן באַשלאָסן אַביסל אַרומשפּאַצירן צווישן די צוויי בית־עולמס און ביים טייך.

— טרינק דיין קאַפע, וואַלאַדיאַ, — האָט געזאָגט מאַריאַ. — מיר דאַרפן נישט פאַרלירן אומזיסט קיין מינוט. דאָס איז דער לעצטער טאָג, וואָס מיר קענען זיין צוזאַמען.

וואַלאַדיאַ האָט אומעטיק געשוויגן.

דערנאָך האָט מאַריאַ אים גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען אַרויס פון חדרל.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו די טאַפּאָלן און ביי מאַריאַן האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעריסן אַן איינגעהאַלטענער געשריי:

— מיין גאָט, אָט שטייט ער דאָך!

אָנגעשפּאַרט אָן אַ טאַפּאָל, אַ דורכגענעצטער פון רעגן, אינגאַנצן איינגע־הויקערט, די הענט אין די קעשענעס פון מאַנטל, ווי אַ היימלאָזער, איז געשטאַנען דאָקטאָר וויטענבערג און מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע קאָסאָקע אויגן געקוקט אויף מאַריאַן און וואַלאַדיען וואָס זענען אים געקומען אַנטקעגן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז וואַלאַדיאַ אַוועקגעפאָרן. מאַריאַ און דאָקטאָר וויטענ־בערג האָבן אים באַגלייט ביים באַן. פריער איז געקומען מאַריאַ. זי האָט אים גאָרנישט געבראַכט. איז געשטאַנען נעבן אים אויפן וואָקזאַל אַ שטילע און ווייניק גערעדט. דאָס פּנים אירס איז געווען בלייך און עס האָבן זיך אַרויסגע־זען אויף אים שאַרפער די זומער־שפּרינקלעך. דערנאָך איז אָנגעלאָפן אַ צעטראָגענער דאָקטאָר וויטענבערג מיט אַ קליין פּעקעלע אין האַנט. ער האָט עס דערלאַנגט וואַלאַדיען. דאָס איז געווען אַביסל פּרוכט און ווורשט אויפן וועג פאַר אים. וואַלאַדיאַ האָט אים האַרציק באַדאַנקט. זיי זענען איצט געווען גוטע פריינט. נאָך יענעם פרימאָרגן ווען מאַריאַ און וואַלאַדיאַ האָבן אים דערזען ביים טאַפּאָל, האָט דאָקטאָר וויטענבערג זיי אַלץ פאַרגעבן.

מאַריאַ האָט זיך דערוווסט, אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט אין רעגן געוואַרט אויף איר. זי האָט זיך דערפילט שרעקלעך שולדיק, איז געווען גערירט פון זיין אויסערגעוויינלעכער ליבע צו איר און געוויינט. דערנאָך זענען זיי אַלע געפאָרן צו דער פאַרם, ווו מאַריאַס קינדער האָבן זיך געפונען. דאָרט האָבן זיי פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג. וועגן דעם וואָס איז פאַרגעקומען צווישן זיי, האָט קיינער מער נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט און נאָר דאָקטאָר וויטענבערג האָט אַ זאָג געטון צו וואַלאַדיען:

— אויב מאַריאַ וויל, קענט איר איר שרייבן פון צייט צו צייט.
וואָלאָדיאַ האָט אים גאָרנישט געענטפערט.
עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלונג. אייניקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך גענומען געזעגענען מיט זייערע נאָענטע און פריינט. די פּלאַטפאָרמע איז געוואָרן געדיכטער מיט מענטשן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט פון דער ווייטנס שוין שווער געסאָפּעט און אַלע ווילע אַרויסגעהוסט שוואַרצע קנוילן רויך. וואָלאָדיאַ האָט געקוקט אויף מאַריאַן און געפילט אַז זי באַהאַלט אין זיך אַ גרויסע בענקשאַפט און איר לעבן מיטן דאָקטאָר וויטענבערג וועט ווייטער זיין גרוי און אומעטיק און אָן פרייד. דער שלום וועט זיך לאַנג נישט ציִען. אים האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער האָט געקושט איר האַנט, זיך רויִק געזעגנט מיט דאָקטאָר וויטענבערג און איז אויף גיך אַריין אין וואַגאָן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער, אָבער מאַריאַ און דאָקטאָר וויטענבערג זענען שוין נישט געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע, צווישן עולם.

דוד און רבקה

1

אַ פּאָר טעג נאָך דער חתונה, ווען מאַנטשיק איז געפאָרן מיט רבקהן צו זיינע עלטערן אויף אַ פאַרם, האָט ער אין וואַגאָן געהאַלטן אין איין לויבן זייַנע אייגענע אַזן דערציילן ווי גוט און גליקלעך עס וועט זיך איר לעבן אין דעם נייעם צוויי־גאָרנדיקן הילצערנעם הויז, וואָס שטייט נישט ווייט פון אַ וועג און איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן פרוכט־גאָרטן.

— דו הערסט, רבקהלע? — האָט ער געשעפּטשעט, גלעטנדיק אירע דינע, צאַרטע הענט. — די מאַמע וועט אונדז אָפּגעבן דריי צימערן און מירן האָבן פון אַל דאָס גוטס. וועסט ביי מיר ווערן געזונט און שטאַרק. אָט וועסט זען, טייערינקע.

און זי אַ בלאַסע, אַן אויסגעמאַטערטע פון הונגער און נויט אין דער אַל־טער היים, פון וואַנען זי איז נישט לאַנג געקומען, האָט זיך צוגעהערט און שטיל צופרידן געשמייכלט, אַלע ווילע האַלב צומאַכנדיק פון פאַרגעניגן די אויגן־דעקלעך און זיך טוליענדיק צו אים מיטן גאַנצן דאַרינקן קערפּער.

דער שווערער געפיל, וואָס פלעגט זי מאַטערן, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט מאַנטשיקן אָן ליבע און נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין כוח צו גיין אַרבעטן אין אַ שאַפּ און ער האָט איר צוגעזאָגט אַ רויִקע היים — איז ווי פאַרשוווּנדן פון איר האַרץ. איצט האָט זי געטראַכט, אַז ער איז אַ גוטער, אַן איינפאַכער און אַ האַרציקער, זיין פּנים איז נישט מיאוס און פון שטענדיקן שמאַיעווען און זיין צעטומלט גלאַט אַזוי, אָן אַ טאַלק, וועט זי אים ביסלעכווייז אָפּגעווינען, ער וועט זיך באַרויִקן און ווערן גאָר אַן אַנדערער. אויף אַ פאַרם איז דאָך זייער שטיל אַרום און אַרום.

און מיט פרייד און ציטער אין דער נשמה האָט זי געטראַכט ווי דער ערשטער אָוונט וועט צופאַלן אין די פעלדער, ווייט פון דער ענגער, שמוציקער גאַס, ווו זי האָט זיך פריִער געפּונען ביי אירן אַ פעטער אין ניו־יאָרק, און ווי

מאַנטשיק וועט זי אַריינפירן אין הויז פון זיינע עלטערן. עס וועלן זיך צוזאַמענ־קלייבן שכנים פאַרמער מיט זייערע פרויען און קינדער זי אָנקוקן, רעדן מיט איר. דערנאָך וועט ווערן שפּעט און זי וועט בלייבן אַליין מיט איר מאַן. זי האָט זיך נאָך פעסטער צוגעדריקט צו מאַנטשיקן און איז געזעסן דעם גאַנצן וועג אַ שווייגנדיקע. אין קאָפּ האָבן זיך ביי איר געדרייט און געטאַנצט אָפּגעריסענע און זייער אומעטיקע טענער פון אַ פידל און אַ פּלייט. דאָס האָבן אַ פּאָר כלי־זמר געשפּילט אויף איר חתונה. מען פירט זי צו דער חופּה מיט מאַנטשיקן. טרערן ווערגן איר אין האַלדז און זי קען זיך נישט באַרויקן. און אין דער קליינער אָרעמער וווינונג פון איר פעטער איז ענג און שטיקנדיק פון די געסט און די פיל שכנים, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אָנקוקן די אָרעמע כלה אין איר ווייסן קלייד און שלייער. און איר אַלטער פעטער האַלט אַ ברענענדיקע ליכט און די האַנט ציטערט ביי אים און דאָס פלעמל פלאַטערט און באַלויכט אַלע רגע זיין צעטומלטן פון פרייד בלאַסן פנים מיט פאַרטרערטע אויגן. און מאַנטשיק האַלט זי פאַרן האַנט, טוט איר אָן דאָס פינגערל און זיינע ליפּן ציטערן פון זאָגן שע־מעוודיק די הייליקע ווערטער און ווידער שפּילן די כלי־זמר און די טענער רייסן זיך און ווערן ממש משוגע פון שמחה.

ביים „סטיישאָן" האָט אויף זיי געוואַרט מיט זיין שקאַפּע און וואָגן דער שווער, אַ נערוועז קליין יידל מיט אַ שוואַרץ בערדל און טונקעלע אויגן, וואָס רוען נישט אַ רגע. זיינע בליקן האָבן זיך גלייך געצומען גליטשן איבער איר דאַרינקן קערפּער, וואָס איז אים שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן.

רבקה האָט עס דערפילט און אַ באַליידיקונג פאַרוואָס דער שווער קוקט אויף איר אַזוי, האָט צוזאַמענגעדריקט איר האַרץ. צו וואָס טויג אַזאַ שוואַכע פרוי ווי זי איז פאַר אים אויף אַ פאַרם. ער האָט געוואָלט, אַז זיין איין און איינציקער זון זאָל נעמען אַ געזונטע, הויך געוויקסיקע מיידל, וואָס קען מעלקן קי, טון שווערע שטוב־אַרבעט און העלפן די מענער אין פעלד אין צייט פון שניט. אָט דאַן וואָלט זי אויסגענומען ביי אים.

רבקה האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט איינזאַם. נאָר זי האָט באַשלאָסן שווייגן און זען וואָס עס וועט זיין ווייטער. דערנאָך איז זי געזעסן אין וואָגן און גע־טראַכט, אַז איר וועט אפשר אויסקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף מיט מאַנטשיקס אייגענע. ווער ווייס וואָס עס דערוואַרט איר אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, אַרום די שווייגנדיקע פעלדער. זי מיט איר מאַן פאַרמאָגן דאָך גאַרנישט און וועלן מוזן זיין ביי זיינע עלטערן. יאָ, זי וועט מוזן טון אַלץ, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער זיך צושלאָגן צו אַן אייגן ווינקל, צו אַן אייגן שטיקל ערד.

זיי זענען געוועזן הינטערן שטאָט. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן

שורות אַלטע ביימער. ערגעץ ווייט, הינטער אַ קייט פון קליינע בערגלעך, מיט ווייכע קאָנטורן, האָט זיך געזעצט די זון און דער בין־השמשות איז צוגעפאַלן און די גאַנצע וועלט איינגעהילט אין בלויען סאַמעט. רבקה האָט זיך באַרויקט. אירע שטילע גרויע אויגן האָבן לאַסטשענדיק געקוקט אויף איר מאַן און געזוכט אין אים סימפּאַטישע שטריכן. אָט ווען ער זיצט עטוואָס פאַרטראַכט, איז ער אַזוי ליב. די שטריכן אַרום מויל זענען צאַרטע ווי ביי אַ פרוי און די שוואַרצע אויגן לויכטן ווי מיט אַ ווייטן אומעטיקן פייערל. אָבער ווען ער נעמט מיט אַמאָל שמאַיעווען, קריגט זיין פּנים עפּעס אַ קרענקלעכן אויסזען, ווי ער וואָלט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט אויף דער וועלט.

דערווייל זענען זיי אַריינגעפאָרן אין אַ קליין דערפל, וואָס האָט זיך געפונען אַ פּאָר מייל פון זילבערשטיינס פאַרם. דער אַלטער האָט אָפּגעשטעלט די שקאַפּע נעבן „דזשענעראַל סטאָר" און איז אַריין עפּעס קויפן. מאַנטשיק מיט רבקהן זענען געבליבן אין וואָגן. דריי פאַרמערס, וואָס זענען געזעסן ביים אַריינגאַנג פון „סטאָר", האָבן זיי באַגריסט, נייגעריק אָנגעקוקט די יונגע אומבאַקאַנטע פרוי און ווייטער פאַרגעזעצט זייער לאַנגזאַמען שטילן געשפּרעך, ציִענדיק פון קורצע ליולקעס קנוילן רויך אין דער טונקל־וועררנדיקער לופט.

דערנאָך איז דער שווער אַרויס פון קראָם מיט נאָך אַ מאַן, זיינעם אַ נאָענטן שכן. ער איז געווען פון מיטעלן ווּוקס, אַ בלאָנדער, אין ברילן. ביידע זענען צוגעגאַנגען צום וואָגן און דער מאַן האָט אָפּגעגעבן מאַנטשיקן מזל־טוב און אויך דערלאַנגט רבקהן די האַנט. זי האָט שטיל געענטפערט: זיי זאָלן לעבן מיט מזל. דערנאָך האָבן זיי גערעדט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם קילן אָוונט וואָס פאַלט צו. און רבקה האָט דעם מאַן פאַרטראַכט אָנגעקוקט, ווייל ער האָט געהאַט אַן אינטעליגענטן אויסזען און זיין קול האָט געקלונגען רויק און אָנגענעם.

— דוד, קום אַריין שפּעטער, — האָט געזאָגט דער אַלטער און גענומען די לייצעס אין האַנט. — מיר וועלן אַ ביסל פאַרברענגען. אויסגעגעבן מיין תכשיט.

— איין קלייניקייט, — האָט זיך דער מאַן שטיל צעלאַכט. — איר וועט נאָך מוזן מאַכן אַ גרויסע „פּאַדע". אַלע פאַרמערס אַרום וועלן נישט שווייגן.

— פאַרט מיט אונדז גלייך, — האָט געזאָגט מאַנטשיק.

— איך וואַרט דאָ אויף מיין פרוי, — האָט געענטפערט דער מאַן. — זי דאַרף באַלד אָנקומען מיטן „באַס" פון שטאָט.

— איז קומט אַריין שפּעטער, — האָט דער אַלטער אַ טרייב געטון די שקאַפּע.

— אָל רייט, אָל רייט.

ווען זיי זענען אַ ביסל אָפּגעפאָרן, האָט רבקה געפרעגט, ווער איז דער

מאַן, און דער שווער האָט איר דערציילט, אַז ער איז זייער אַ געבילדעטער און האָט אין דער אַלטער היים געהאַט אַן אַפּטייק. נאָר אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ פאַרמער. דאָס איז ביי אים אַזאַ „עקשנות״. ווייל נאָר צייען זיין חיונה פון דער ערד. נו, ליגט ער טאַקע אין דער אדמה. כע־כע־כע! האָט אַריינגעכאַפּט אַן אַמע־ריקאַנער ווייבל וואָס לערנט מיט אים בלק. פּלענטי צרות האָט ער פון איר. דערצו רעדט מען נאָך וועגן איר אַלערליי זאַכן. אָבער דעם אמת מוז מען זאָגן: זי איז אַ שיינע און אַ געזונטע און איר פאָטער האָט אים אַריינגענומען אין הויז, אַז ער איז געווען נאַקעט און באָרועס. נאַ דיר אַ ווייב און הונדערט אַקער גוטן באָדן און ווער אַ פאַרמער. האָט ער זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אַן דעם. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געחלומט צו ווערן אַ פאַרמער.

יידן דאַרפן אויפגעבן די לופט־פרנסות און באַאַרבעטן גאָטס ערד. יאָ, יאָ. עס איז שוין איינמאָל אַ ביזנעס. אַ גאָלדענער געשעפט. יאָ, איז ביי אים אין הויז קומען אָפט פאָר קריגערייען און סקאַנדאַלן און דאָס ווייסן אַלע פאַרמערס אַרום און אַרום. און דער אַלטער האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן זיין שכן. דאָ האָט ער פון אים אַ ביסל געשפּאָסט און דאָ גערעדט וועגן אים מיט דרך־ארץ און מיטלייד, אַז ער איז עלנט און אומגליקלעך אין זיין לעבן... און רבקה האָט זיך צוגעהערט, געשוויגן און אַ מאָדנער געפיל פון אומרו האָט געדריקט איר האַרץ.

דער וועג האָט זיך געצויגן איינזאַם, דורך אַ וועלדל, און די שפּיצן פון יונגע סאָסנעס האָבן שטיל גערוישט. פּאַמעלעך אין געגאַנגען די שקאַפּע, געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבער דער ווייכער פייכטער ערד און געהאַלטן נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מאַנטשיק האָט געקושט זיין פרוי און אַלץ אויפגעפּאַסט אַז דער פאָנטער זאָל עס נישט באַמערקן און אַזוי ביז עס האָבן זיך דערזען די באַלויכטענע פענצטער פון זייער פאַרם.

2

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסן טויטן בוים מיט נאַקעטע צווייגן, נעבן אַן אַלטן צוויי־עטאַזשנעם הויז מיט קליינע פענצטער. אויפן צעבראָ־כענעם גאַניק איז געשטאַנען אַ יידענע מיט דינע ליפּן, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ. רבקהלע האָט אָנגעקוקט איר טרוקן פּנים, דאָס עטוואָס איינגעצויגענע מויל, און אין קאָפּ איז איר דורכגעלאָפן, אַז די שוויגער זעט אויס צו זיין אַ פאַרביסענע און אַ בייזע. דערצו האָט איר מאַנטשיק פאַרזיכערט, אַז זייער הויז איז אַ גרויסע און אַ נייע. צו וואָס האָט ער איר ליגן געזאָגט? רבקהן איז געוואָרן ענג אין

האַרצן און זי האָט זיך פּלוצלינג דערפילט מיד פון וועג. נאָר פון די אַרומיקע פעלדער האָט דער אָוונט־ווינטל געבראַכט אַ זיסן און צאַרטן אַראָמאַט פון גראָזן אוןביימער און זי האָט אַ שמייכל געטון. דערנאָך האָט די אַלטע זי אַרומגענומען און זיי האָבן זיך שווייגנדיק צעקושט. מאַנטשיק איז געשטאַנען דערביי און זיך ווי געבעטן:

— קום, רבקהלע, אַריין אין הויז; קום, טייערינקע.

און ער האָט זי גענומען פאַרן האַנט און אַריינגעפירט אין שטוב.

די אַלטע האָט אַפילו נישט צוגעקליבן די צימערן צוליב איר קומען. אין פאָדערשטן חדר מיט אַ נידעריקער סטעליע האָט פון אַלע זייטן אַרויסגעקוקט די נויט און דערציילט וועגן אַ האַרעפּאַשנעם לעבן פאַר אַ שטיקל ברויט. רבקה האָט זיך אַרומגעקוקט און אינערלעך אויפגעציטערט, מען האָט איר אָפּגענאַרט. עס וועט ווידער זיין אפשר הונגער און דחקות. אָבער דערצו איז זי געווינט.

— זיי היימיש, — האָט געזאָגט די אַלטע און גענומען רבקהן פאַנאַנדער־פרעגן וועגן אירע אייגענע און דערביי אַלע ווײַלע זי דורכגעדרונגען מיט קאַלטע בליקן, וואָס האָבן באַטייט: קוק נאָר אָן אַ נפש: הויט און ביינער. רבקה האָט עס דערפילט און דאָס בלוט האָט איר אַ קלאַפּ געטון אין פּנים.

— ווו איז אונדזער צימער? — האָט זי מיד אַ פרעג געטון ביי מאַנטשיקן.

— איך וואָלט זיך וועלן איבערטאָן.

ער האָט גענומען אַ קליינעם קעראָסין־לעמפּל און זי אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק, ווו פאַר זיי איז געווען אָנגעגרייט אַ חדר. מאַנטשיק האָט אַוועק־געשטעלט דאָס לעמפּל אויפן קאָמאָד און פּלוצלינג רבקהן אַרומגענומען, זי צו־געדריקט צו זיך און געוואָלט אַ קוש טון אין די ליפּן, נאָר אינסטינקטיוו האָט זי אים אָפּגעשטויסן און שטיל אַרויסגערעדט:

— לאָז מיך איצט אָפּ, מאַנטשיק.

ער האָט זיך פאַרלוירן און אַ בעטנדיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אין די ווינקלען פון זיין מויל. רבקהן האָט גלייך פאַרדראָסן פאַרוואָס זי האָט אים וויי־געטון, צוגעצויגן זיין קאָפּ צו זיך און אים געגעבן אַ לאַנגן, שטאַרקן קוש אין שטערן. ער האָט זיך גליקלעך צעלאַכט און זי ווידער אַרומגעכאַפּט.

— מיין זיסע וויבעלע.

— גיי, גיי, ווילדער. איך וויל זיך איבערטאָן.

מאַנטשיק איז אַרויס. רבקה האָט געעפנט דעם טשעמאָדאַן און גענומען זוכן אַ ווייסע בלוזקע, וואָס פלעגט איר תמיד זיין צום פּנים. דערנאָך זיך אייגע־געוואַשן און פאַרקעמענדיק די האָר געטראַכט, וואָס זאָל זי רעדן מיטן שווער און שוויגער און ווי זאָל זי זיך האַלטן מיט זיי. זיכער אַז איר וועט שפּעטער

פאַרקומען אַ קאַמף מיט זיי. זיי האָבן איר שלעכט באַגעגנט פון דער ערשטער מינוט אָן. און זי האָט זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון קיך און זיך עפּעס געפילט ווי אַ דערשראָקענער פויגל, וואָס איז אַריינגע־פאַלן אין אַ פאַסטקע און קען נישט אַוועקפליִען.

אַ ווײַלע שפּעטער, ווען רבקה איז אַראָפּ אונטן אַן איבערגעטאָנענע, האָט זי שוין ביים טיש געטראָפן דעם יונגן שכן דודן, וועמען זי האָט פריִער געזען אין דערפל און וועגן וועלכן דער שווער האָט איר אַזוי פיל דערציילט. ער איז געזעסן אַ ביסל אַ שעמעוודיקער, אַ פריינטלעכער און אַ רויִקער, און מען האָט גאָרנישט געקענט באַמערקן, אַז ער האָט אַ סך עגמת־נפש אין זיין הויז. רבקה האָט אים שוויגנדיק באַגריסט און אַ קוים באַמערקבאַרער צאַרטער קאָליר האָט זיך צעגאָסן איבער אירע בלאַסע באַקן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און שטיל געזאָגט:

— איך וועל אייך נאָך אַמאָל אָפּגעבן מזל־טוב. פריִער אויפן וועג האָבן מיר אַלע געאיילט.

רבקה האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט אויף אַ רגע נייגעריק אָנגעשטעלט אויף אים אירע ליכטיקע אויגן. זיין פּנים איז איר זייער געפעלן געוואָרן און פלוצלינג, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, האָט זי דערפילט אַ פריִיד און איז עפּעס געוואָרן מוטיקער און שטאַרקער ביי זיך.

זי האָט געפרעגט די שוויגער ווו איז אַוועק מאַנטשיק. די אַלטע האָט געזאָגט, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גויִישן שכן נאָך וויין און דאַרף נאָך עמעצן זען און דער שווער איז אין שטאַל.

אָבער מאַנטשיק איז באַלד אַריינגעלאָפן אַ צעטראָגענער און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש צוויי פלעשער רויטן וויין. ער האָט געוואָלט נאָך ערגעץ אַוועקגיין אויף אַ „מינוטקעלע", נאָר רבקה האָט אים נישט געלאָזט און געבעטן בלייבן מיט איר. דערנאָך איז אַריין דער שווער פון שטאַל מיט אַ פולן עמער מילך. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט. ער איז געווען בייז און עפּעס פאַר זיך געבורמט פון כעס.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש און די אַלטע האָט דערלאַנגט אַן אָרעמע וועטשערע: הערינג מיט בולבעס און אַ ביסל קרים מיט קעז. דוד האָט זיך געזעצט אָן אַ זייט און געזאָגט, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן דאַרף מען שוין אַרויסגיין אַקערן. די מיסט האָט ער שוין אַרויסגעפירט אויפן פעלד, צעוואָרפן און זאָל נאָר גאָט געבן זוניקע טעג. צוערשט וועט מען צוזאַמען דורכגיין מיט דער סאָכע זיל־בערשטיינס שטיק ערד און דערנאָך זיין שווערס, וואָס וויל דעם יאָר פאַרזייען אַ סך „טשיקען קאָרן" און האָבער.

— נאָר נישט געזאָרגט, — האָט געזאָגט מאַנטשיק, — מיר וועלן אַלץ „אַטענדען”, אַ באַלעבאָס פאַר זיך, אַזוי צו זאָגן. אָסיען־צו וועט מען זיך מוזען נעמען בויען אַ נײַ הויז. יאָ, אַ נײַע שטוב מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. נאָר נישט געזאָרגט.

רבקה האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט מאַטשיק אין דער וועלט אַרײַן. ווײַל זיך עפּעס פאַרענטפערן, זאָל זײַן אַן אַלטע כאַטע. ווען מען אַרט עס. עס איז איר אַזוי אָנגענעם צו הערן דודס קול, וואָס קלינגט שטיל און לאַסטשענדיק. אַזאַ געלאַסענער מאַן זעט ער אויס צו זײַן און ווי גוט ער דערציילט עס וועגן דער ערד וואָס מען דאַרף אויפאַקערן. אַז מען קוקט אויף אים דערמאָנט מען זיך טאַקע אָן אַ פעלד מיט גאָלדענע זאַנגען. ווי פאַרשידן עס מוזן זײַן ער און מאַנטשיק, וועלכער הייבט איר אָן צו דענערווירן מיט זײַן אומרו.

רבקה האָט זיך פּלוצלינג פאַרטראַכט און משונהדיקע געדאַנקען און עפּעס מאָדנע פאַנטאַזיעס האָבן אַ רײַץ געטון איר האַרץ, אַז אָט, אָט וועט ווי דורך אַ צויבער פאַרשווונדן ווערן דאָס אָרעמע הויז מיט איר מאַן, שווער און שוויגער און זי וועט זיך דערזען אַליין מיט דודן. דאָס האָט זי מיט אים חתונה געהאַט און ער וועט איר ווערן נאָענט און טײַער.

און מאַנטשיק שטייט אַלע ווײַלע צו און בעט: עס, רבקהלע. דאָס איז אַ טײַערער שמאַלץ־הערינג. אַלץ איז דאָ פריש און גוט, און זײַ נישט אַזוי פאַרטראַכט.

עס איז געקומען דודס פרוי, גאָסי, מיט איר פאָטער און מוטער אָנקוקן מאַנטשיקס יונג ווײַבל און אָפּגעבן אַ מזל־טוב. זי איז אַרײַן מיט אַ געלעכטער, רעדנדיק ענגליש, אַ הויכע און אַ דיקע מיט אַ רונדן ווײַסן פּנים און אַ געדיכטן קאָפּ שוואַרצע גלאַנציקע האָר. אין צימער איז גלײַך טומלדיק געוואָרן און דוד איז אויפגעשטאַנען פון זײַן פּלאַץ. גאָסי האָט רבקהן אויסגעשטרעקט אַ ווייכע פּוכקע האַנט און מיט אַ קוים מערקבאַרן איראָנישן שמייכעלע געפרעגט: ווי געפעלט איר די פאַרם. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן, אַז איר האָט זיך אַזוי געוואָלט זען ווי מאַנטשיק גייט צו דער חופּה. און ער האָט גאָר אַלעמען אָפּגעטון אַ שפּיצל. אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אויף אַ וואָך און געבראַכט אַהיים אַ ווײַב.

— אַ נאַר וועל איך זײַן, — האָט געלאַכט מאַנטשיק. — בײַ מיר גייט עס איינס און צוויי.

רבקה האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. איר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן גאָסיס עטוואָס צו גרויסער זשעדנער מויל מיט די פולע רויטע ליפּן, און זי האָט דערפילט אַן אַנטיפּאַטיע צו דער זאַטער געזונטער פרוי.

די געסט האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש. די אַלטע האָט דערלאַנגט ניס,

מאַנדלען, ראַזשינקעס און טיי. דודס שוויגער, אַ פולע ייִדענע מיט דריי גוי־דערס און אַ שנירל קאַלירטע קאַראַלן אויפֿן פעטן האַלדז, האָט גערעדט צו רבקהן מיט אַ זיס קול, ווי צו אַן אייגן קינד, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פֿון אַ ווייטן וועג און אַלץ געוואָלט וויסן וועגן דער אַלטער היים. איז טאַקע די נויט דאָרט אַזוי גרויס ווי מען שרייבט אין די ייִדישע צייטונגען? אַך, דאָס איז שרעק־לעך. די גרויסע מלחמה האָט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן. זי איז אַזוי לאַנג פֿון איר שטעטעלע. נאָר איר מאַן אַ גלייכער, פעסט־געבויטער אַלטער מיט קליינינקע אויגן און אַ גרוי שיטער בערדל אויפֿן צעקנייטשטן, אָפּגעברענטן פּנים, האָט איר אַ פּאָר מאָל איבערגעשלאָגן:

— וועסט נאָך האָבן צייט איר פֿאַנאַנדערצופֿרעגן וועגן „דהי אָלד קאַנטרי".

אַז די געסט זענען אַוועק, האָט רבקה פֿריי אָפּגעאָטעמט. דורכן אָפֿענעם פֿענצטער האָט זי געהערט גאַסיס געזונטן הילכיקן געלעכטער. רבקה האָט גע־מיינט אַז יענע לאַכט פֿון איר, זיך גענומען איינהערן וואָס זי רעדט, נאָר נישט פֿאַרשטאַנען און געזאָגט צו דער שוויגער:

— זיי מוזן זיין רייכע מענטשן.

— דער אַלטער פּערלמוטער האָט גענוג אָנגעראַבעוועט אין זיינע יאָרן. מען זאָגט אויף אים, אַז אין רוסלאַנד איז ער געווען פֿאַרשיקט אויף קאַטאָרגע. געקומען קיין אַמעריקע אָנגעשטאָפּט מיט געלד.

— אַ געשעפֿט האָט ער, וואָס מען רעדט, — האָט בייז אַ ברום געטון דער שווער. — דערווייל האָט ער אַ גוטע עלטער.

מאַנטשיק איז אַרויס מיט רבקהן זיצן אַ ביסל ביים הויז. ער האָט געוואָלט אַז די עלטערן זאָלן זיך פֿריִער לייגן שלאָפֿן. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ וואַרעמע. אַרום האָט געשמעקט מיט נאַסער ערד, פֿרישע מיסט און פּרוכטן־צווייט. הויך אין הימל האָבן געפֿינקלט קליינינקע ווייטע שטערן. אַנטקעגן אין פּערלמוטערס הויז זענען אין אונטערשטן שטאָק געווען אַלע פֿענצטער באַלויכטן און רבקה האָט געזען ווי דוד זיצט איבער אַ בוך און לייענט.

— רבקהלע, האָסט מיך ליב? — האָט פּלוצלינג אַ פֿרעג געטון מאַנטשיק און זי אַרומגענומען. — עפּעס ביסטו דעם גאַנצן אָוונט געווען אַזוי פֿאַרטראַכט. מיין טייערע. די שטוב וועלן מיר איבערבויען. אַלץ וועט זיין גוט. דו זאָרג נאָר נישט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך זיך צוגעטוליעט צו אים.

— זיי נאָר אַ גוטער און אַ שטילער. מען דאַרף נישט האָבן אַזוי פֿאַר גאַרנישט. טו געלאָסן דיין אַרבעט און וועסט אַ סך מער אויפֿטון. דאָ איז דאָך אַזוי רויִק אַרום. נאָך שטילער ווי ביי אונדז אין דער היים אין אַ דאָרף.

— איך װעל אַלץ טון װי דו װעסט באַפעלן. דו װעסט בײַ מיר זײַן אַן אמתע פּרינצעסין און איך דײַן דינער.

רבקה האָט זיך שטיל צעלאַכט:

— אַזױ האָסטו געזאָגט דעם ערשטן אָװנט, װען מיר האָבן זיך באַקענט.

— טאַקע אַזױ האָב איך גערעדט, מײַן קלײנינקע װײַבעלע, מײַן האַרציקע. װען איך האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען בײַ דײַן פעטער, האָב איך גלײַך דערפילט, אַז דו װעסט זײַן מײַנע. און דערפאַר בין איך דאָך געבליבן אין שטאָט און געװאַרט אויף דיר.

ער האָט זי אַרומגענומען שטאַרקער, געציטערט פון לײַדנשאַפט און זשעדנע געקושט איר מויל. פּלוצלינג האָבן זיך דורך די אָפענע פענצטער פון קיך דער־הערט קללות. רבקה האָט אָפּגעריסן אירע ליפּן פון מאַנטשיקס מויל, אויפגעצי־טערט און זיך גענומען צוהערן. מאָדנע, פײַערדיקע, ביטערע האָבן די קללות זיך אַ דרײ געטון און אַנגעהױבן טאַנצן אין דער לופטן פון דעם װאַרעמען פרילינג־אָװנט, װי בײזע שװאַרצע רוחות װאָס זאָגן אָן, אַז אַ גרױסע צרה גײט. דאָס האָט דער שװער זיך געקריגט מיט זײַן אַלטער, געטופּעט מיט די פיס, װי אַ נערװעזער ייִנגל, און געשריען אויפן קול:

— שפּײַען זאָלסטו מיט בלוט, מכשפה! שפּײַט זיך גאָר. גיפטיקע שלאַנג, מכשפה!

בײַ רבקהן איז אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ, ספּאַזמען האָבן איר אָנגעהױבן שטיקן אין האַלדז. זי האָט זיך אינגאַנצן צוזאַמענגעקאַרטשעט. דאָס, פאַרװאָס זי האָט מורא געהאַט איר גאַנצן לעבן, איז װידער אָנגעלאָפן און זי דערגרײַכט דאָ אין דעם שטילן פאַרװאָרפן װינקל. פון תמיד אָן האָט זי געציטערט פאַר שילטערײַ, װײַל נאָך אין די קינדער־יאָרן פלעגט איר מוטער זי אָפּט פאַרװאָרפן מיט קללות און אײנמאָל איז זי לאַנג געװען קראַנק און איז דערנאָך געבליבן אויף שטענדיק אַ שװאַכע. פון דאַן אָן האָט זי שטאַרק געגלױבט, אַז דאָס האָט די מוטער זי פאַרשאָלטן. און שפּעטער האָט רבקה מיט אַלע מעגלעכקײטן אױסגעמיטן מענטשן, װאָס שעלטן זיך. זײ פלעגן אָנפילן איר האַרץ מיט שרעק און אומעט. און אָט איצט װידער...

מאַנטשיק האָט זיך האַסטיק אויפגעהױבן, אַרײַנגעלאָפן אין הויז און באַלד האָט זיך דערהערט װי ער בעט זיך בײַם פאָטער ממש מיט טרערן אין די אויגן, יענער זאָל אָנטשװיגן װערן, װײַל עס איז אַ שאַנדע און אַ חרפּה פאַר רבקהן. שױן דעם ערשטן אָװנט נישט אױסגעהאַלטן. ער װעט זיך עפּעס אָנטון פון בושה.

דערנאָך האָט רבקה דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ טיר און מיט אַמאָל איז װידער געװאָרן שטיל אַרום.

אַביסל שפּעטער איז מאַנטשיק מיט איר אַרומגעגאַנגען איבערן וועג וואָס איז געלאָפן פאַרביי פּערלמוטערס פאַרם. רבקה איז געווען פאַרטראַכט, געשוויגן און נישט געוואָלט גיין שלאָפן. זי האָט אַלץ געקוקט צום פענצטער פון דודס צימער, ווו ער איז נאָך געזעסן און געלייענט. דערנאָך האָט מען דאָס ליכט פאַרלאָשן און עס איז פינצטער געוואָרן.

— קום, — האָט זי געזאָגט. — קום אַריין אין שטוב.

מאַנטשיק האָט פּלוצלינג רבקהן גענומען אויף די הענט ווי אַ קינד און זי צוגעטראָגן צום הויז.

3

אין האַלבן שלאָף האָט רבקה געהערט ווי מאַנטשיק איז אויפגעשטאַנען, שטיל זיך אָנגעטאָן און אויף די שפּיץ־פינגער אַרויס פון חדר, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר. זי איז געווען צופרידן וואָס ער איז אַוועק. ער האָט זי פאַר־מאַטערט מיט זיינע לאַסקעס. דאָס איז געווען אַ שלאָפלאָזע שווערע נאַכט און איצט האָט זיך איר נאָר געוואָלט ליגן אין דרעמל און רוען. נאָר אָט האָט זיך די יונגע פרוי אַ ציי געטון מיט איר גאַנצן קליינינקן קערפּער און אויפגעמאַכט די אויגן. עס האָט גענומען טאָגן און אויפן פאַרם האָבן דאָ און דאָרט געקרייט די הענער, פייגעלעך האָבן געצווישטשערט און אין שטאַל האָט געשריען אַ קו.

— אַזוי גוט — האָט אַ טראַכט געטון רבקה און זיך גענומען איינהערן. אונטן אין קיך האָט מען שוין געקלונגען מיט געפעס. דער שווער און שוויגער זענען שוין אויך אויפגעשטאַנען. אפשר זאָל זי זיך אָנטאָן און גלייך זיך אַ נעם טון צו דער אַרבעט? אָבער זי האָט זיך נאָך געפילט אַ ביסל קראַנק פון דער שלאָפלאָזער נאַכט און איר האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסקריכן פון בעט. זי איז דאָך דאָ נאָך אַ גאַסט. און מאַנטשיק וועט איר זיכער נישט לאָזן עפּעס טון די ערשטע פּאָר טעג. זי האָט גענומען טראַכטן ווי אַזוי זי וועט איינאָרדענען איר צימער נאָך איר געשמאַק. די בעט וועט זי אַוועקרוקן אין אַן אַנדער ווינקל, דעם קאָמאָד צום וואַשטישל, אויסקלעפּן די ווענט מיט נייע ליכטיקע אָבאָיעס און אויפהענגען דאָ און דאָרט גראַווירן און אינטערעסאַנטע בילדער, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט פון דער היים. דאַן וועט זי האָבן אַ שטילן אָנגענעמען ווינקל, ווו קיינער וועט איר נישט שטערן זיין אַליין אַמאָל, אַנטלויפן פון דעם שווערס קללות. ווען זי ווייסט עס אַלץ פריער! זי אַליין איז אויך שולדיק. זיך באַקענט מיט אַ יונגן מאַן און אין אַ וואָך אַרום מיט אים חתונה געהאַט. אמת, איר אַלטער פעטער האָט געיאָגט און צוגערעדט: אַזאַ גליק, אַזאַ גליק. און דעם פע־טערס שכנים, וואָס האָבן געקענט מאַנטשיקן, האָבן אויך צוגערעדט און אים

געלויבט אין הימל אַריין. און ער אַליין איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר און באַכאַנאַנד געשעפטשעט: רבקהלע, טייערינקע, איך האָב דיך ליב. לאָמיר גלייך שטעלן אַ חופה. ביי מיינע עלטערן דאַרף מען נישט פרעגן. זיי וועלן שטערן. איך וועל זיי לאָזן וויסן דערנאָך. איך קען נישט לאַנג פאַרבלייבן אין שטאָט. עס איז איצט פרילינג. אויפן פאַרם איז אַ וועלט מיט אַרבעט. לאָמיר חתונה האָבן. איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב!

אַרום הויז האָבן זיך דערהערט שטימען. רבקה איז אַראָפּ פון בעט און זיך גענומען גיך אָנטאָן. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום פענצטער און דערזען דודן. ער מיט מאַנטשיקן זענען געשטאַנען ביי דער טיר פון רויטן שטאַל און וועגן עפּעס גערעדט. נעבן זיי האָט אַ יונגער שייגעץ גוי געהאַלטן פאַרן צוים אַ געזונטן ברוינעם פערד, וואָס איז אַ רגע נישט איינגעשטאַנען רויק און אַלץ געגראָבן מיט די קאָפּיטעס די ערד און געטרייסלט מיט זיין רייכער לאַנגער גריווע.

— אַ גוט מאָרגן אייך, — האָט רבקה הויך באַגריסט און נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון דודן.

די דריי מענער האָבן אַ קוק געטון צום פענצטער. דוד האָט איר געענט־פערט און צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, אַז דער פרימאָרגן איז אַ ווונדערבאַרער און מאַנטשיק איז צוגעלאָפן צום הויז.

— רבקהלע, ביזט שוין אויפגעשטאַנען. אַזוי פרי. האָסט זיך גוט אויסגע־שלאָפן? דו וועסט, טייערינקע, עסן פרישטיק מיט דער מאַמען. מיר גייען באַלד אַרויס אַקערן.

— גוט, גוט. זיי נאָר רויק.

— איך בין רויק, רבקהלע.

זי האָט ווידער אַ קוק געטון אויף דודן. ער איז געשטאַנען נעבן זיין אַר־בעטער, דעם יונגן שיינעם גוי וואַסילי, און געוואַרט זי זאָל אים נאָך עפּעס זאָגן. רבקה האָט עס אינסטינקטיוו דערפילט, זיך דערפרייט און אויפן קול געפרעגט:

— וווּ וועט איר אַקערן?

דוד האָט געמאַכט עטלעכע טריט נענטער צום הויז:

— הינטער יענע עפּל־ביימער — און אָנגעוויזן מיטן האַנט אויף אַ גרויסע שטיק ערד, וואָס איז שוין געווען באַוואַקסן מיט פרישן, גרינעם גראָז.

— איך וועל שפּעטער צוקומען, — האָט געזאָגט רבקה. — אָט מיט יענער סטעזשקע דאַרף מען גיין?

— די מאַמע וועט דיר שוין ווייזן דעם וועג. גייט אַראָפּ עסן פרישטיק.

די מענער זענען צוגעגאַנגען צוריק צום שטאַל טון זייער אַרבעט. רבקה איז אַ ווײַלע געשטאַנען בײַם פענצטער און געקוקט אויף דודן. דערנאָך איז זי אַראָפּ אונטן אין קיך צו דער שוויגער. דאָרט האָט זי געטראָפן דעם שווער. ער איז געזעסן בײַם טיש און געגעסן. דער אַלטער האָט געאײַלט אין שטאָט אַרײַן פאַרקויפן אַ קאַסטן אייער און איז געווען אומרויִק נערוועז, ווי תּמיד אין די פרימאָרגנס, ווען ער פלעגט דאַרפן ערגעץ אַוועקפאָרן מיט עפּעס האַנדלען. נאָר רבקהן האָט ער באַגעגנט פרײַנטלעך, געפרעגט ווי זי פילט און אַפילו אין שפּאַס אָנגעזאָגט דער אַלטער, זי זאָל איר נישט לאָזן אַרבעטן. אַ יונגע ווײַבעלע גלײַך נאָך דער חתונה דאַרף זיך אויסרוען. זי וועט נאָך האָבן צײַט צו פּראַצעווען. עס גייט צו זומער. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש און איז אַוועק אײַנשפּאַנען די שקאַפּע. רבקה האָט אים נאָכגעקוקט און געטראַכט, אַז דער שווער איז אַפּנים גאָר נישט אַזאַ שלעכטער מענטש, ווי זי האָט פריִער געמיינט. זאָל ער זיך נאָר נישט שעלטן. און דאָ האָט רבקה אויך באַמערקט, אַז די פינצטערע נויט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקלען נעכטן אין אָוונט, ווען זי איז אַהער געקומען, איז איצט ווי פאַרשווונדן. אין קיך איז געווען ליכטיק, היימיש און אָנגענעם. דער אויוון האָט זיך געהייצט און אין צוויי טעפּ האָבן זיך געקאָכט געשמאַקע מאכלים און אָנגעפילט די לופט מיט אַ רייצנדיקן ריח.

בײַם עסן האָט די שוויגער עפּעס געקייט פּאַמעלעך, אַלע ווײַלע געקוקט אויף רבקהן מיט אירע כמעט פאַרלאָשענע קאַלטע אויגן און געצויגן ווי פון פעך:

— דו דאַרפסט וויסן, אַז מאַנטשיק איז אַ גוטער און מען מוז אים אָפּהיטן. זאָלסט נאָר אים נישט אויפרעגן און ערגערן. זאָל גאָט אָפּהיטן. דאַן ווערט ער ווילד און קען אָנטון אַ סך צרות. ער איז אויסגעגאָסן דער טאַטע. מיט אַ גוט וואָרט וועסטו בײַ אים אַלץ אויספירן און דיר וועט אויך זײַן בעסער. ער איז זייער אַ נערוועזער און דאָס איז אים געקומען פון אַ שרעק. נאָך אין דער אַלטער היים, ווען ער איז אַ ייִנגל געווען, האָבן אים זײַנע חברים אין אַ ווינטער אָוונט גייענדיק פון חדר שטאַרק איבערגעשראָקן.

— פאַרוואָס זאָל איך אים ערגערן? — האָט רבקה אָנגעקוקט דער אַלטער. די שוויגער האָט אַ זיפץ געטון און געצויגן ווײַטער:

— פאַר אַ פרוי איז שטענדיק בעסער צו פאַרשווײַגן, אַפילו ווען דער מאַן איז אומגערעכט. אָט דער שכן אונדזערער, דוד, וואָס פאַר אַ לעבן האָט ער, אַז אָך און ווײ צו אים. אַרײַנגעפאַלן צו אַ „פּאַסקודע" אין די הענט און זי טוט מיט אים וואָס זי וויל. אַליין איז ער אַ שטילער, ווי אַ שוויַיגענדיק וואַסער. וועט אַ פליג אויף דער וואַנט נישט אָנרירן און אין הויז זענען אַלע טאָג סקאַנדאַלן.

און אין אַלץ איז שולדיק די... איך וויל נישט אַרויסרעדן דאָס וואָרט. אַלע פּאַר־מער אַרום און אַרום ווייסן, אַז זי לעבט מיט דעם גוי וואַסילי.

— וואָס רעדט איר, — האָט רבקה נייגעריק זיך צוגעהערט און אינערלעך אויפגעציטערט. — און ער שווייגט און פאַרלאָזט זי נישט?

— וווּהין זאָל ער גיין, אין דער ערד אַריין? פּערלמוטער איז דער גאַנצער באַלעבאָס. אַלץ באַלאַנגט צו אים. די פאַרם, מיט די קי, מיט דעם הויז און גרויסן שייער, וואָס איז פול מיט תבואות. דוד אַליין פאַרמאָגט גאַרנישט.

— עס איז אַ רחמנות אויף אַזאַ מענטשן, — האָט באַמערקט רבקה און זיך פאַרטראַכט.

— אַן אמתער צער. מען האָט אים שוין איינמאָל אַראָפּגענומען פון שטריק אַ האַלב־טויטן. דאָס איז געווען ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי לעבט מיט וואַסילין און אַז דאָס יינגעלע איז אפשר נישט פון אים. ער איז אַוועק אין שטאַל און זיך אויפגעהאָנגען. איז אָבער נישט געווען באַשערט אים צו שטאַרבן און עס האָט געטראָפן אַ נס. אַ גויִשער שכן האָט געוואָלט עפּעס לייען ביי אים און איז גראָד אין דער מינוט אַריין אין שטאַל און מיט אַ קאָסע איבערגעשניטן די שטריק. דריי וואָכן איז ער דערנאָך אָפּגעלעגן אין בעט און קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך.

רבקהן איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן. אַלץ וואָס די שוויגער האָט איר דערציילט איז געווען וועגן אַ פרייַנט מיט וועלכן זי האָט זיך יאָרן נישט געזען און איצט האָבן זיי זיך ווידער באַגעגנט. זי האָט געטראַכט, אַז עס איז גוט וואָס די אַלטע האָט פאַר איר שוין אַלץ אויסגעפּלאַפּלט און דוד שטייט פאַר איר אָפן און פאַרשטענדלעך מיט זיין שטילן פּיין און שווייגנדיקן צער. אַ ווײַלע שפּע־טער איז רבקה אַרויס אָנקוקן די פאַרם. צו וואָס האָט איר די שוויגער אָנגעזאָגט נישט ערגערן מאַנטשיקן? ער מוז טאַקע זיין נישט קיין געזונטער. ער האָט זיך אַזוי מאָדנע געפילט די פאַרגאַנגענע נאַכט, ווי ער וואָלט געליטן פון נער־ווועזע אָנפאַלן. דער גאַנצער קערפּער האָט ביי אים געציטערט און זי האָט אים געדאַרפט באַרויִקן מיט גוטע שטילע ווערטער און מוטערלעכע לאַסקעס. עס האָט לאַנג גענומען ביז ער איז אַ ביסל איינגעשלאָפן. אָדער די אַלטע האָט עס גערעדט גלאַט אַזוי, ווי אַ מאַמע וואָס האָט שטאַרק ליב איר זון און וויל ער זאָל זיין גליקלעך. אָבער באַלד זענען אירע געדאַנקען אַריבער וועגן דודן. ער האָט זיך געוואָלט אויפהענגען. זיין פרוי האָט אַזאַ פּראָסטן זאַטן אויסזען און איר רויטער מויל מיט די פולע ליפּן שפּריצט מיט בלוט. און ער זעט אויס צו זיין אַ שטילער און פאַרבאַהאַלט אַלץ אין זיך. זי וואָלט אַזוי וועלן ריידן מיט אים. זיין אים אַ נאָענטע.

רבקה האָט זיך אַרומגעקוקט. ביים הויז איז געווען נישט ריין און אָנגעוואָרפן. אַן אַלטער וואָגן איז געלעגן מיט די פאַרזשאַווערטע רעדער אַרויף און דאָ און דאָרט קופּעס מיסט, אַ צעבראָכענע שטול, פאַרפוילטע ברעטער און אַ סך שמוציקע פּאַפּיר. זי האָט אַ טראַכט געטון, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועט זי מיט מאַנטשיקן מאַכן ריין אַרום און איז אַוועק ווייטער. זי איז אומבאַמערקט צוגעקומען צו פערלמוטערס הויז. אין איינעם פון די אָפענע פענצטער איז געשטאַנען גאָסי, דודס פרוי, אין אַ לייכטן ראָזעווען פּעניואַר, די לאַנגע געדיכטע שוואַרצע האָר פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער די פולע, רונדע אַקסלען. זי האָט געבאַרשט אַ שטרויענע זומער־העט און אונטערגעזונגען אַן אַמעריקאַנער לידל. רבקה האָט עטוואָס אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוואָלט פאַרבייגיין ווייטער. נאָר גאָסי האָט זי באַמערקט, פריינטלעך באַגריסט און אַ רוף געטון צו זיך:

— העלאָ, מיסעס זילבערשטיין! קומט אַקאָרשט אַהער. ווי פילט איר זיך עפּעס אַלס פאַרמערקע? קומט אַריין אַט פון דאַנען. האָט נישט קיין מורא פאַר דעם הונט. ער בייסט נישט קיין אייגענע.

רבקה האָט שווייגנדיק אויפגעמאַכט די אייזערנע קאַליטקע. געוואָרפן אַן אומרויִקן בליק אויפן גרויסן שוואַרצן הונט, וואָס איז געלעגן אַנטקעגן דער זון, און איז מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום הויז. איר האַרץ האָט גענומען קלאַפּן שטאַרקער, נאָר גאָסי, אַ פריינטלעכע, איז איר אַרויס אַנטקעגן, זי אַרומגענומען און פאַרוואָרפן מיט אַלערליי פראַגן, רעדנדיק אין אַ צעבראָכענעם יידיש, אויסגעמישט מיט אַ סך ענגלישע ווערטער. רבקה האָט אַ ביסל פאַרלוירן געשמייכלט, געזאָגט, אַז זי פילט זיך אויסגעצייכנט און אַז אַלץ אַרום געפעלט איר זייער. זיי זענען אַריין אין הויז און גאָסי האָט אַוועקגעזעצט רבקהן אין אַ ווייכן טיפן שטול ביים אָפענעם פענצטער און אַליין זיך געשטעלט אַנטקעגן איר און גענומען דערציילן, אַז אַלע טאָג העלפט זי דער מוטער אין קיך, ראַמט די צימערן און איז פאַרדרייט שעהן לאַנג מיט די קינדער. נאָר היינט פאָרט זי אין שטאָט. זי דאַרף זיין ביי דער נייטאָרין און זיך קויפן איניקע קליניקייטן. באַלד דאַרף קומען דוד מיטן פערד פון פעלד און זי וואַרט עס אויף אים.

— זיי זענען דאָך אַוועק אַקערן, — האָט געזאָגט רבקה, — מאַנטשיק און אייער מאַן, — און זי האָט דערפילט אַן אַנטיפּאַטיע צו דער שיינער רייצנדיקער פרוי, וועלכע זי האָט שוין דאַכט זיך אַזוי גוט געקענט. פון אַ צווייטן צימער איז אַריינגעלאָפן אַ הנעווודיקער יינגל פון אַ יאָר זיבן. מיט אַ געדיכטן קאָפּ שוואַרצע, געקרייזלטע האָר. די מוטער האָט אים אָפּגעשטעלט, זיך אָנגעבייזערט וואָס ער האָט דעם פרימאָרגן פאַרשפעטיקט אין סקול, געהייסן זיין רויִק און צוגעפירט צו רבקהן:

— קוקט אים נאָר אָן, — האָט זי געזאָגט מיט שטאָלץ. — אָן אמתער טייוול. איך האָב נאָך אַ מיידעלע. נאָך ערגער פון אים.

רבקה האָט אַ גלעט געטון דעם ייִנגל און זיך גוט איינגעקוקט אין זיין שיין פּנימל. יאָ, די שטריכן פון געזיכט זענען פרעמדע, גויִשע און נאָר דער רויטער עטוואָס גרויסער מויל איז ווי ביי דער מוטער.

— ער קען רעדן ייִדיש? — האָט געפרעגט רבקה, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן.

— שור, — האָט אונטערגעכאַפּט די מוטער. — איזי, זאָג עפּעס אין דזשואיש.

— האַק נישט קיין טשייניק! — האָט אויסגעשאָסן דער ייִנגל און זיך צעלאַכט.

גאָסי האָט אויך געלאַכט און רבקה האָט זי מאָדנע אָנגעקוקט מיט אירע שטילע, ליכטיקע אויגן. דערנאָך האָט זיך גאָסי אויף גיך אָנגעטאָן און פאַרקעמט די האָר. זי האָט גענומען רבקהן פאַרן האַנט און זי געפירט איבער אַלע צימערן ווייזן די גאַנצע וווינונג. אין דודס חדר האָט זיך רבקה אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ לאַנגער פּאָליצע מיט ביכער און מיט פרייד איבערגעלייענט די נעמען פון אייניקע באַוווּסטע ייִדישע און רוסישע שרייבער, וועמעס ווערק זי האָט אַמאָל געלייענט.

— מיין מאַן איז אין דער אָלד קאַנטרי געווען אַ סטודענט, — האָט באַמערקט גאָסי שמייכלענדיק און רבקה האָט נישט פאַרשטאַנען, צי זי איז שטאָלץ דערמיט, צי זי זאָגט עס מיט איראָניע.

זיי זענען אַרויס פון הויז און צוגעגאַנגען צום שייער. דאָרט איז געשטאַנען וואַסילי און געהאַקט האָלץ. דערזען זיין באַלעבאָסטע, האָט ער זיך אויסגעגלייכט אַ שלאַנקער און אַ בויגיקער מיט דער נייער גלאַנציקער האַק אין האַנט.

גאָסי האָט אים געהייסן זיך אונטעראיילן, ווייל ער וועט איר מוזן אָוועקפירן אין שטאָט.

— איך בין באַלד פאַרטיק, — האָט געזאָגט וואַסילי און אָנגעקוקט זיין באַלעבאָסטע מיט אַ כיטרען, פאַרבאַהאַלטענעם שמייכל אין זיינע שוואַרצע, גרויסע, ווי פאַרחלומטע אויגן. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: — נאָר אָן אַ פערד קענען זיי דאָך נישט אַקערן.

— אָל ראַיט, אָל ראַיט, — איז זי געוואָרן אומגעדולדיק. — זיי קענען עס מאָרגן אויך טון. דאָס פעלד וועט נישט אַנטלויפן.

וואַסילי האָט אויפגעהויבן די האַק און זיך ווידער גענומען פאַר דער אַרבעט. גאָסי און רבקה זענען פּאַמעלעך אַוועק אין פעלד צו זייערע מענער. נאָך

פון דערווייטנס, ביי די פרוכט־ביימער האָט רבקה אַ רוף געטון מאַנטשיקן: — א־או, א־או! נאָר יענער האָט נישט געהערט. ער האָט געפירט פאָרן צוים דעם פערד און געשריען אויף אים.

— א־או, א־או! — האָט אונטערגעכאַפּט גאָסי מיט איר שטאַרקן הילכיקן קול און ביידע מענער האָבן זיך אומגעקוקט אין זייער זייט. מאַנטשיק האָט גלייך אָפּגעשטעלט דעם פערד און זיך געלאָזט לויפן רבקהן אַנטקעגן, קאָמיש מאַכנ־דיק מיט די הענט. דוד איז געבליבן שטיין אויף זיין פּלאַץ, אַן אַ היטל, אינ־גאַנצן אַ באַגאָסענער מיט זון.

רבקה האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון מאַנטשיקס שטערן, געהייסן אים זיך נישט איבערמאַטערן און אַלע דריי זענען צוגעגאַנגען צו דודן.

— האָסט נאָך אַ סך צו אַקערן? — האָט געפרעגט גאָסי.

דוד האָט אָנגעוויזן מיטן דער האַנט אויפן פעלד און געזאָגט:

— זעסט דאָך.

— איך מוז ביז מיטאָג זיין אין שטאָט און דאַרף האָבן דעם פערד. מיט דער מאַשין איז דער פאָטער אַוועקגעפאָרן ערגעץ אויף אַ גאַנצן טאָג — איז גאָסי געוואָרן אַנגעכמורעט.

— דאָס איז אוממעגלעך, — האָט דוד שטיל געענטפערט. — מיר מוזן היינט ענדיקן דאָס פעלד און גיין נאָך ווייטער. דערצו האָקט וואַסילי היינט האָלץ און לאָז אים צורו...

גאָסיס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן:

— דייוו, פּליז. איך וויל זיין ביי דער נייטאָרין. און מאַך מיר דאָ נישט קיין סצענעס.

מאַנטשיק און רבקה זענען געשטאַנען אַן אַ זייט און געשוויגן. רבקה האָט אינערלעך געציטערט און געוואַרט, אַז אָט־אָט וועט דוד זיך פאַנאַנדערשרייען אויף זיין פרוי און זי הייסן אַוועקגיין. נאָר זיין קול האָט זיך געהערט שטיל און איינגעהאַלטן:

— מיר האָבן נאָך אייערנעכטן געדאַרפט אַרויסגיין אין פעלד. די טעג שטייען זוניקע און מען טאָר נישט וואַרטן. וועסט מאָרגן פאָרן צו דיין נייטאָרין מיט דער מאַשין.

— גיב מיר דעם פערד, — האָט זיך די פרוי איינגעשפּאַרט ווי אַ קינד, האָט גאָרנישט געוואָלט פאַרשטיין און איז געוואָרן בייז און צערייצט.

— מיט וואָס וועלן מיר אַקערן? — האָט עטוואָס צעטומלט זי אָנגעקוקט דוד. — איך וועל דיר היינט דעם פערד נישט געבן.

— אַקערן, אַקערן, מיטן נאָז אַקער! — האָט זי אים מיט גיפט אַ וואָרף געטון אין פּנים און איז אויף גיך אַוועק.

רבקה האָט זי נאָכגעקוקט מיט אַ געפּיל פון האַס.

4

אַ ווײַלע שפּעטער האָט מאַנטשיק רבקהן צוגעפירט צום הויז, זי געקושט און געזאָגט זי זאָל זיך נישט ערגערן איבער גאָסין, ווייל יענע מאַכט טאָג איין טאָג אויס אַזעלכע סצענעס און אַלע זענען שוין צוגעוווינט דערצו, און ער האָט זיך אומגעקערט אין פעלד, וווּ דוד האָט אויף אים געוואַרט.

רבקה האָט עס נישט געקענט פאַרגעסן. דוד איז געווען איינגעהאַלטן, אָבער איז באַשטאַנען אויף זיינס און זי האָט ביי אים נישט אויסגעפירט. ער איז גאָר־נישט אַזאַ „שוואַכינקער" ווי איר שוויגער האָט איר וועגן אים דערציילט. אַך, ווען זי זאָל האָבן אַ געלעגנהייט זיך דורכריידן מיט אים אָפנהאַרציק. זי וואָלט אַזוי געוואָלט וויסן אַלע איינצלהייטן וועגן זיין פריִערדיקן לעבן. האָט ער ליב גאָסין? איז ער „פאַרקאָכט" אין איר פראָסטער שיינקייט?! און טראַכטנדיק אַזוי וועגן דודן איז רבקה אַריין אין איר צימער, געעפנט אַ גרויסן הילצערנעם קאַסטן, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט פון רוסלאַנד, און גענומען פאַנאַנדערקלייבן אירע זאַכן. זי האָט עס געטון לאַנגזאַם, שטיל זינגענדיק אַ היימיש ליד און דודס גע־שטאַלט איז אַלץ נישט אָפּגעטראָטן פון איר. אַרום איז אַזוי שטיל און קיינער שטערט זי נישט. אָט איז אַ פּעקל אַלטע פאָטאָגראַפיעס וואָס דערמאָנען אָן איר קינדהייט און דאָס קליין, שמאָל געסל, וווּ זי איז געבוירן געוואָרן. אַלץ נאָענטע ליבע פּנימער פון אייגענע און חברים. און אָט איז אַ בילד פון אירע עלטערן. דער פאָטער, אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ שפּיציק, שיטער בערדל און לויכטנדיקע אויגן, און תמיד פאַרנומען מיט דאגות פּרנסה און מען הערט נישט פון אים קיין גוט וואָרט, און די מוטער איז קראַנק, האַסט די גאַנצע וועלט, שיט מיט קללות און האַלט אין איין טענהן מיטן רבונו של עולם, פאַר־וואָס איז אַלעמען גוט און זי דאַרף אָפּפּינצטערן איר לעבן.

רבקה האָט אַוועקגעלייגט די בילדער אָן אַ זייט, געוואָלט פאַריאָגן די דערינערונגען פון אירע קינדער־יאָרן און נישט געקענט. אין איין חודש זענען אירע עלטערן געשטאָרבן, און איר מיט די איבעריקע קינדער האָט צוגענומען אַ מומע. און צו צען יאָר איז זי שוין אַוועק אַרבעטן. אַ שוואַכע און אַ שטילע פלעגט זי זיך לאַנג נישט איינהאַלטן אויף אַ פּלאַץ, ווייל זי האָט געאַרבעט צו

לאַנגזאַם און פלעגט האָבן אַ טבע זיך אָפּט צו פאַרטראַכטן און זיך פאַרגעסן ווו זי איז...

רבקה האָט דערהערט שווערע, לאַנגזאַמע טריט אויף די טרעפּ און באַלד איז צו איר אַריין די שוויגער. די אַלטע האָט זיך געזעצט, אָנגעקוקט די פאַנאַנ־דערגעוואָרפענע זאַכן אויפן בעט און אָנגעהויבן:

— וואָס זאָגסטו אויף דער „פּאַסקודע״, אַ? ברענט ווי אַ פייער. דער מאַן האָט איר נישט געוואָלט געבן דעם פערד, זי זאָל קענען מיטן גוי פאָרן אין שטאָט. איך קום איצט פון איר. וויינט און געוואָלדעוועט און די טייערע מאַמע איז אויך אָנגעבלאָזן. מען האָט איר טעכטערל נישט נאָכגעגעבן. דו ביזט אויך געווען אין פעלד. וואָס האָט ער איר געזאָגט?

— זי מוז זיין אַ פאַרדאָרבענע פרוי.

אָבער רבקהן האָט גלייך פאַרדראָסן פאַרוואָס זי האָט עס אַרויסגערעדט און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. נאָר די שוויגער האָט שוין נישט אויפגעהערט און אַלץ גערעדט וועגן דודן און גאָסין. אַלץ האָט געוווּסט די אַלטע. זי האָט דערציילט, אַז מיט פופצן יאָר צוריק איז דוד געקומען אין דעם געגנט מיט נאָך אַ פּאָר יונגע לייט און זיי האָבן אָפּגעדונגען אַ פאַרם ביי אַן אַלטן גוי און גע־נומען אָפּרייניקן די שטיינער פון באָדן און אַקערן און זייען און אויסהאַקןביימער פון וואַלד. קיין פרויען זענען מיט זיי נישט געווען און זיי האָבן אַליין געקאָכט און געפירט די באַלעבאַטישקייט. מיט די אַרומיקע פאַרמער האָבן זיי געלעבט גוט און פלעגן גערן אַלעמען אַרויסהעלפן, זענען זיי אָבער צווישן זיך נישט אויסגעקומען און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, און נאָר דוד איז אַוועק אַרבעטן צו פערלמוטערן. גאָסי איז דאַן שוין געווען גרויס און שיין.

ווינטער פלעגט זי פאָרן אין ניו־יאָרק, זיך פוצן אין די בעסטע קליידער און די „באָיעס״ זענען אויסגעגאַנגען פאַר איר. נאָר זי פלעגט צו פרילינג זיך אומקערן אויפן פאַרם און אַלעמען פאַרלאָזן. אָט אַזאַ טייוול איז דאָס געווען פון קינדווייז אָן. דוד האָט זי ליב געקראָגן. ער פלעגט טון פאַר איר אַלץ אין בעטן זיין גוט צו אים און זי האָט זיך נאָר געריצט מיט אים. און איינמאָל האָט ער שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן און געזאָגט דעם אַלטן פערלמוטער, אַז ער גייט אַוועק אין אַן אַנדער געגנט און קען דאָ מער נישט זיין. האָט דער אַלטער אַפילו נישט געוואָלט הערן און אים געזאָגט:

— וואָס איז דיר איינגעפאַלן. איך וועל דיר פון מיין הויז נישט אַוועקלאָזן. וואַרט אַ ביסל און דו וועסט ווערן אַן אייגענער ביי מיר אין דער פאַמיליע. וואָס, איז גאָסי אפשר נישט קיין שיין מיידל, אַ? דוד איז געבליבן אויף ווייטער. דעם ווינטער איז שוין גאָסי נישט געפאָרן פאַרברענגען אין ניו־יאָרק און זי

האָט חתונה געהאַט מיט אים. אַ יאָר נאָכדעם איז צו זיי אָנגעקומען וואַסילי. זי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אים. און דוד האָט געשוויגן און געליטן. ער פלעגט פאַרטאָג איינשפּאַנען דעם פערד און פאָרן אַליין אין שטאָט פאַרקויפן אייער, גרינסן און פּוטער. דער שווער האָט אים גאָרנישט געגעבן און ער האָט גע־מוזט פאַרדינען אַ סך, ווייל די גאָסי פלעגט אַלץ פאָדערן נייע קליידער און וועלן אָפט פאָרן אין שטאָט פאַרברענגען. זי האָט פון שטענדיק אָן פיינט די פאַרם און רירט זיך קיינמאָל נישט צו צו שווערע אַרבעט. אַז זי האָט געהאַט איר ערשט קינד, איז זי נאָך שענער געוואָרן...

רבקה האָט אַ קוק געטון אין דרויסן און דערזען ווי דוד גייט צום הויז און פירט מיט זיך דעם פערד און אַ ביסל ווייטער שלעפּט זיך אַ מידער מאַנטשיק.

— גיט נאָר אַ קוק, שוויגער, — האָט זי געזאָגט אַ בלאַסע פון אויפרעגונג.

— זי האָט דאָך ביי אים אויסגעפירט. דוד פירט דעם פערד אַהיים.

די אַלטע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

— אַז אָך און ווי צו אים, — האָט זי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

אַ שעה שפּעטער האָט די אַלטע דערלאַנגט רבקהן און מאַנטשיקן עסן אין קיך און אַן אַ זייט איז געזעסן דוד און שטיל גערעדט. אַז גאָסי האָט צוגעזאָגט זיך נישט זאַמען אין שטאָט און וועט מיטאָג־צייט זיין צוריק און אַז ער איז שוין טויט מיד געוואָרן פון די קריגערייען.

ער וועט זי נישט איבערמאַכן און זאָל גיין ווי עס גייט. דערביי האָט ער געוואָרפן אַ לאַנגן בליק אויף רבקהן. יאָ, זאָל דער שווער זאָרגן, וואָס מען האָט נישט אין דער צייט אויפגעאַקערט דאָס פעלד. אַזוי וועט זיין בעסער. און ער האָט זיך געסטאַרעט שמייכלען, דערמאָנט אויך אַנדערע זאַכן און אַפילו גע־שפּאַסט. רבקה האָט געפילט, אַז דוד שעמט זיך פאַר איר, וואָס ער האָט גע־האַנדלט ווי אַ מאַן אָן אַ כאַראַקטער און אַז אינערלעך איז ער פאַרצווייפלט און ליידט שטאַרק. זי האָט געזוכט צופעליקע פּאַסיקע ווערטער וואָס ער זאָל אָננעמען ווי אַ טרייסט, נאָר האָט זיי נישט געפונען. גאָרנישט געזאָגט און געשוויגן די גאַנצע צייט.

5

די שוויגער האָט אָנגעהויבן שלאָפן שפּעטער, אָפטער קרעכצן און זיך קלאָגן, אַז די פיס טוען איר וויי און עס שטעכט איר אין אַ זייט און כמעט די גאַנצע שטוב־אַרבעט איז געפאַלן אויף רבקהן. דערצו האָט רבקה באַמערקט, אַז דער

שוועער איז זייער קאַרג און פאַרגינט איר נישט פשוט דאָס עסן. אומעטום פלעגט ער שטופּן זיין נאָז, געבן איר עצות און שיטן מיט קללות, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ווי זיי וואָלטן אים געשטיקט און נישט געלאָזט פריי אָטעמען. זי האָט זיך נישט געקענט צוגעוווינען צו אים. דאָס שילטעריי פלעגט ביי איר ווי אָפּנעמען דאָס לשון און זי האָט אים נישט געקענט ענטפערן און הייסן שווייגן.

און מאַנטשיק איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע טעג אין פעלד און נאָר אַמאָל אין אָוונט פלעגן זיי זיצן ביים הויז נעבן אַ רויזן־קוסט, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצן צעבליט, ווייל עס איז שוין געווען ענדע מאַי.

אָט די שטילע שעהן זענען געווען די גליקלעכסטע פאַר רבקהן און דודן, ווייל כמעט תמיד איז ער אויך צוגעקומען און זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען. ער האָט שוין געוווּסט, אַז רבקה באַציט זיך צו אים אויסערגעוויינלעך גוט און דאָס האָט אים שטאַרק געפרייט. עס איז געקומען אַ קליינינקע בלאַסע פרוי, וואָס פאַר־שטייט אים און ער קען מיט איר ריידן וועגן אַלץ. עס איז דאָ אַזוי פיל ענלעכעס אין זייערע כאַראַקטערן און אַפילו אין זייער שיקזאַל.ביידע זענען זיי שטילע מענטשן און האָבן נישט קיין מוט און כוח צו קעמפן אָפן און שטאַרק קעגן די ברוטאַליטעטן, וואָס דאָס לעבן טראָגט זיי אונטער.

אַמאָל פלעגן זיי רעדן וועגן רוסלאַנד און ווי זיי האָבן דאָרט געלעבט און טרוימען זיך אומקערן צוריק אַהין. דוד פלעגט דערציילן פון זיינע סטודענטישע יאָרן אין קיִעוו, וועגן געהיימע פאַרזאַמלונגען אין קעלערס און ווי ער איז אַנטלאָפן פון אַ טורמע און איז געקומען קיין אַמעריקע. און ווי דאָ איז אים אַלץ פרעמד און ער קען זיך נישט איינלעבן מיט די אַרומיקע אינטערעסן און דער קאַלטער סביבה, און אָפט פלעגט ער פאַרענדיקן:

— ווער ווייס, צי איך וועל זיך נאָך ווען אַרויסרייסן פון דאַנען.

מאַנטשיק פלעגט מערסטנס זיצן און דרעמלען. ער האָט פון רוסלאַנד כמעט גאָרנישט געוווּסט, ווייל ווען מען האָט אים אַהער געבראַכט איז ער אַלט געווען אינגאַנצן אַ יאָר אַכט. דערצו איז ער געווען געשמייכלט, וואָס זיין רבקהלע קען פירן אַן אינטערעסאַנטן שמועס מיט דודן, וואָס איז אַזאַ געביל־דעטער מאַן.

איינמאָל, נאָך אַ זייער שווערן טאָג אַרבעט, איז רבקה ווידער אַרויס אין אָוונט זיצן אַ ווילע ביים רויזן־קוסט. זי איז געווען זייער מיד און דער גאַנצער קערפּער האָט איר ווי געטון. מאַנטשיק איז אַוועק צו אַ שכן עפּעס קריגן פאַר אַ קראַנקע קו. דער שוועער און שוויגער זענען שוין געווען אויבן ביי זיך אין חדר. זי איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע און געקוקט צו פאַרלמוטערס הויז. די נאַכט

איז געװעזן אַ װאַרעמע און ערגעץ אויף אַ בוים האָט אַן אײנזאַמער פֿויגל נישט אויפֿגעהערט צו שרײען און מאָנאָטאָן פֿרעגן:

— װער איז פּאַולין, װער איז פּאַולין?

באַלד האָט זי באַמערקט װי עמעצער גײט צו איר און גלײך דערקענט דודן. איר האַרץ האָט זיך אַ ריס געטון פֿון פֿרײד. אָט װעט זי מיט אים זײן אײנגאַנצן אַלײן. װעגן דעם הערט זי נישט אויף צו חלומען די לעצטע צײט. תמיד, װען זײ באַגעגענען זיך, איז עמעצער דאָ דערבײ װאָס שטערט זײ. באַזונדערס איר. פֿאַר איר איז שוין געװאָרן קלאָר, אַז זי האָט דודן ליב און נישט אײן אומרויִקן טאָג און שלאָפֿלאָזע נאַכט האָט זי פֿאַרבראַכט אין טראַכטן: װי אַזוי זאָל זי אים עס זאָגן. און צי דאַרף זי אים עס זאָגן. װי זאָל זי רעדן מיט אים?

אַלץ האָט פּאַסירט אַזוי מערקװירדיק. מאַנטשיק האָט איר געפֿירט צו זיך און אויפֿן װעג, אַ פּאָר מײל פֿון זײער פֿאַרם, האָט זי געטראָפֿן דודן און ער האָט איר כמעט גאָרנישט געזאָגט. זײ האָבן זיך נאָר בײדע שטיל אָנגעקוקט. אָבער זי האָט גלײך דערפֿילט אַ נאָענטקײט צו דעם מאַן און שוין נישט אויפֿגעהערט צו טראַכן װעגן אים. און אַז זי האָט זיך דערװוּסט פֿון זײן שװער לעבן איז ער איר געװאָרן נאָך נענטער. זי װאָלט דאָ מער נישט געקענט זײן אַלײן. זי װאָלט אַװעק פֿון מאַנטשיקן װען נישט דוד. זי װאָלט נישט געקענט איבערטראָגן דעם שװערס קללות, װאָס רופֿן בײ איר אַרויס אָפּט טרערן.

און איצט איז אַלץ אַנדערש. מאַנטשיק טומלט זיך אַרום איר און זי איז אַזוי געדולדיק צו אים. אַ סך מאָל באַמערקט זי אים גאָרנישט. און אין די נעכט לאַסטשעט זי דוד. זי דאַרף נאָר פֿאַרמאַכן די אויגן און ער איז מיט איר...

דוד איז שטיל צוגעגאַנגען צו רבקהן, זיך אָפּגעשטעלט בײם רויזן־קוסט און געפֿרעגט:

— װוּ איז מאַנטשיק?

זי האָט אים געזאָגט.

— און װי פֿילט איר?

— עס איז שװער צו זײן אַ פֿאַרמערקע. איך האָב הײנט געהאָלפֿן דעם שװער פֿלאַנצן גרינסן, ברעכט מיר אַזוי דער רוקן, אַז איך קען זיך נישט אַ ריר טון.

— עס איז אַזוי תמיד פֿון אָנפֿאַנג, — האָט געשמײכלט דוד. — מען געװוינט זיך צו.

ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר און אַ װײלע געשװיגן. דער פֿויגל האָט אַלץ מאָנאָטאָן געשריען:

— װער איז פּאַולין, װער איז פּאַולין?

די רויזן האָבן פאַנאַנדערגעטראָגן אַ שטאַרקן אַראָמאַט.

— ווו זייט איר געווען אַ גאַנצן טאָג? — האָט מיט אַ מידן קול געפרעגט רבקה. — איך האָב אייך פון אין דער פרי אָן נישט געזען.

— האָט איר געבענקט נאָך מיר?

— ווי דענקט איר?

ער האָט זי נייגעריק אָנגעקוקט, ווי זי זיצט אַ קליינינקע און אַן איידעלע, מיט העל־בלויע ליכטיקע אויגן און אַ צאַרט ליב פּנים, וואָס זעט נאָר אויס אַ ביסל אויסגעמאַטערט און געענטפערט:

— וואָס קען איך דענקען?

זי האָט אויף אים אויפגעהויבן אירע אויגן און קוים הערבאַר אַרויסגערעדט:

— ווען קען איך דאָ וועלן זען, אַז נישט אייך?

אַ ראָזעווער קאָליר האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּנים און זי האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ. וואָס וועט ער איר איצט זאָגן? ער שווייגט און די סעקונדן ציִען זיך אַזוי לאַנג. און פּלוצלינג האָט זי דערפילט ווי דוד גלעט איר האַנט, וואָס זי האַלט אויף די קני, און זי פאַרגייט אין אַ שווייגעדיקן זיסן אומעט.

דערנאָך איז זי געזעסן צוגעטוליעט צו דודן און ער האָט דערציילט, אַז אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען מיט גאָסין אין שטאָט.

עפּעס האָט זי פאַרדרייט אַ געשיכטע מיט דעם שוועס אַ טשעק און ער האָט אַלץ געדאַרפט אויסגלייכן.

— איז איצט רויִק ביי אייך?

— וואָס האָב איך צו טון מיט איר!

— דאָך...

דוד האָט זיך גענומען אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר רבקהן.

ער האָט זיך פאַר איר נישט געשעמט. דערציילט אַלץ אָפנהאַרציק, ווי פאַר אַן אַלטן גוטן פריינט.

ער האָט גאָסין שוין נישט איינמאָל געכאַפּט מיט וואַסילין. זי לייקנט עס נישט און זאָגט, אַז אַנדערש וועט נישט זיין. איז נישט דער גוי — וועט זי האָבן אינטימע באַציִונגען מיט אַנדערע מענער. און ער קען נישט אַוועקגיין פון איר. זי טוט מיט אים וואָס זי וויל. ער האָט ליב די קינדער. דערצו זי אַליין... ער קען עס נישט דערקלערן... און דער שווער איז אַ קולאַק און איז גרייט אַלעמען צו באַרייסן. ער שינדט די הויט פון די אָרעמע פאַרמער, וואָס קויפן ביי אים קלייען און „טשיקען קאָרן" אויף באָרג און די אַלטע איז ערגער פאַר אירע טעכטער און גיט זיי נאָך אין אַלץ.

נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז זיין שווער איז אַ געוועזענער פאַרברעכער

און איז אין דער יוגנט געװען אויף קאַטאָרגע. פֿון סיביר איז ער אַנטלאָפֿן און געקומען קיין אַמעריקע. דאָס איז אַ ייִד מיט אַן אײַזערנעם כאַראַקטער. גאָסין האָט ער אַ פּאָר מאָל געשלאָגן און געזידלט. דערנאָך אָפּגעװישט די ליפּן און שאַ שטיל. זאָל זי טון װאָס איר גלוסט זיך. ער האָט זי ליב, דער פֿאָטער אירער. פֿאַרװאָס האַלט ער װאָסילין? װאָס װעט זײַן דער סוף? ער זעט נישט קיין אויס־װעג. די פֿרוי האָט דערשטיקט זײַן װילן. װאָס איז פֿון אים געװאָרן?! װען ער האָט כּוח אַנטלויפֿן און זי פֿאַרגעסן מיט די קינדער אויף אײביק?! ער האָסט זי און קען נישט זײַן אָן איר. און ער באַהאַלט זײַן חרפּה פֿון אַרומיקע און שװײַגט. נאָר װער רעדט נישט װעגן זיי? אַלע װײסן װאָס עס קומט פֿאָר אין הויז.

רבקה האָט אים אויסגעהערט און שטיל באַמערקט:

— דוד, איך קען אײַך נישט געבן קיין עצות. עס איז אײערע אַ פּריװאַטע אינטימע זאַך. אָבער...

— פֿאַרקערט, — האָט איר אַ כאַפּ געטון דוד פֿאַר אַ האַנט. — זאָגט װאָס איר װילט. איך בעט אײַך.

— איר דאַרפֿט זיך נישט לאָזן פֿאַרשקלאַפֿן פֿון אַ צעלאָזענע און ברוטאַלע פֿרוי אַפֿילו אַז איר האָט זי ליב. עס איז זײער מאָדנע.

עס האָבן זיך דערהערט טריט און בײדע זענען אַנטשװיגן געװאָרן.

מאַנטשיק איז צוגעקומען און געזאָגט, אַז די קו װעט שוין איצט װערן געזונט. און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז נעבן רבקהס פֿיס און געגומען דרעמלען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געװען זונטיק. באַכמיטאָג האָבן זיך אויפֿן פֿאַרם באַװיזן געסט, װאָס האָבן נאָך נישט געזען מאַנטשיקס װײַבל.

עס איז געקומען אַן אַלטער פֿאַרמער מיט זײַנע צװײ זין, גרויסע געזונטע בחורים, מיט טעמפּע פֿאַרעקשנטע פּנימער און נאָך אַ פֿאַרמערקע, אַ יונגע און אַ פֿרישע, ממש בלוט און מילך, מיט אירע קינדער, װאָס האָבן גלײַך אָנגעפֿילט דאָס אַלטע הויז מיט טומל און געלעכטער.

מאַנטשיק פֿלעגט אַלע װײַלע אַרויסלויפֿן פֿון הויז און קוקן אויפֿן װעג צי קומט נישט נאָך עמעצער, װײַל ער האָט דערװאַרט אויך אײניקע פֿאַרמער פֿון אַ װײַטערן געגנט.

פֿריִער פֿלעגן זיי פֿון אים לאַכן און זיך װיצלען, אַז ער װעט קײנמאָל נישט געפֿינען קיין צײַט זיך אָפּצוזוכן אַ װײַב, װײַל שטענדיק איז ער פֿאַר־האָװעט און צעטראָגן. האָט ער געװאָלט, אַז זיי זאָלן טאַקע אָנקוקן רבקהלען. אמת, זי איז נישט הויך געװאַקסן און אַ ביסעלע דאַר, אָבער דערפֿאַר איז זי אַ קלוגע, אַ גרויס־שטאָטישע, און קען רעדן מיט מענטשן. און װאָס װײסן זיי אַ

חוץ זייערע פעלדער און קי... עס איז אַוועק אַ שעה און צוויי און דער וועג פאַר־בײַ דער פאַרם איז געלעגן אַ שווייגנדיקער און אַ פאַרשלאָפענער. און נאָר דוד מיט גאָסין און אירע עלטערן זענען צוגעקומען.

רבקה און די אַלטע האָבן אויפגענומען די ביסל געסט און זיי מכבד געווען מיט טיי, ניס, מאַנדלען, ראָזשינקעס און אָראַנזשן. די מענער האָבן גערעדט וועגן די גוטע זוניקע טעג, וואָס שטייען די גאַנצע צייט, וועגן קי׳, וואָס האָבן זיך אָפּגעקעלבט און אַז דעם יאָר וועט, אַפּנים, זיין אַ גערעטעניש אויף פּרוכט. די ביימער זענען אין פולער בליונג און עס איז אַ פרייד אָנצוקוקן ווי זיי שטייען געדיכט באַשאָטן מיט ראָזאָווען און ווייסן צוויט. די פרויען האָבן געפירט זייער געשפּרעך און אַזוי פאַמעלעך פאַרברענגענדיק, האָט זיך אונטערגערוקט דער פאַרנאַכט און די געסט האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען קלייבן אַהיים. נאָר דאָ האָט גאָסי פאַרגעלייגט רבקהן מען זאָל אַרויספאָרן אויף אַ שעה צוויי מיט זייער מאַשין מיטן ברייטן געפלאַסטערטן וועג, וואָס לויפט צו ניו־יאָרק. רבקה האָט זיך דערפרייט און גלייך איינגעוויליקט. דאָס שלעכטע געפיל, וואָס גאָסי האָט אין איר אַרויסגערופן, איז אַ ביסל איינגעשטילט געוואָרן אין איר האַרצן. (זי האָט זיך באַמיט עס צו פאַרבאָרגן). זיי פלעגן זיך אָפט זען און גאָסי איז געווען פריינטלעך צו איר, אַז רבקה האָט נישט געקענט זיך האַלטן פון דערוויטנס. דאָס וואָלט איר געשטערט זען דודן. דערצו פלעגט זי ווערן מיד פון דער שוויגער, וואָס האָט געקענט שעהן לאַנג טרייבן פּליאַטקעס און איר נישט אָוועקלאָזן פון זיך. און גאָסי איז געווען אַ פריילעכע, אַ שטיפערקע און אין די טעג, ווען זי פלעגט זיך נישט קריגן מיט דודן, האָט דאָס הויז געקלונגען פון איר געלעכטער און געזאַנג.

דער אַלטער פערלמוטער איז דער ערשטער אַרויס פון הויז און באַלד איז וואַסילי צוגעפאָרן מיט אַ גרויסער מאַשין. דער יונגער אוקראַינער האָט גע־שמייכלט, געוויזן זיינע ווייסע געזונטע ציין, געזשמורעט די עטוואָס פאַרחלומטע שוואַרצע אויגן און געזאָגט, אַז ער איז פריי דעם גאַנצן אָוונט און קען פאָרן אַפילו ביז ניו־יאָרק און צוריק.

— נישט אַזוי ווייט, וואַסילי, נישט אַזוי ווייט, — האָט זיך דערהערט אַרום אויטאָמאָביל מאַנטשיקס קול, וועלכער האָט געטאַפּט די גומיס פון די רעדער און איז געווען זייער צעטראָגן, ווי באַלד־באַלד האָט געזאָלט טרעפן עפּעס אַן אומגליק.

רבקה איז געזעסן צווישן מאַנטשיקן און דודן און ביי די זייטן פערלמוטער און זיינע צוויי אייניקלעך. אויפן פאָדערשטן „סיט״, מיט וואַסילין, גאָסי און איר מוטער. די קינדער האָבן נישט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען און שטיפן און אַלע

מינוט פרעגן עפּעס אַנדערש ביים שאָפער. די מאַשין איז אָפּגעלאָפן אַ פּאָר מייל און מען האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ בערגל, פון וואַנען מען האָט געזען די געגנט ווייט אַרום און ווי די זון זעצט זיך הינטער די הויכע סאָסנעס פון וואַלד.

רבקהן האָט גענומען שלעפערן. זי האָט זיך אַ פּאָר מאָל אומבאַמערקט צו־געטוליעט צו דודן. אַ זיסער געפיל האָט דורכגעדרונגען איר גאַנצן קערפּער. איר האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן פון פרייד און שרעק. וואָס איז מיט איר? קען זי זיך נישט באַהערשן? אָט זיצט דאָך גאָסי און מאַנטשיק, און דוד רעדט צו די קינדער און דערציילט זיי, דאַכט זיך, אַז אין יענעם וואַלד, הינטער וועלכן די זון פאַרגייט, לעבט אין אַ הייל אַן אַלטער מאַן, וואָס איז אַ הייליקער און ער פאַרשטייט די שפּראַך פון אַלערליי פייגל און חיות און ער איז זייער אַ גוטער און אַ קלוגער און מענטשן קומען צו אים זוכן טרייסט. רבקהן האָט זיך געוואָלט, אַז דוד זאָל אַזוי דערציילן און דערציילן, נאָר ער איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן און זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן.

— רבקהלע, דו פילסט גוט? — האָט מאַנטשיק געפרעגט פאַרזאָרגט.

— מיר איז זייער גוט, — האָט רבקה געענטפערט, — עס איז אַ גרויסער פאַרגעניגן אַזוי צו פאָרן.

און די מאַשין איז געלאָפן אַלץ ווייטער און ווייטער. עס איז שוין פינצטער געוואָרן. זי האָט זיך אַלץ אומבאַמערקט געטוליעט צו דודן, געפילט די וואַרעמ־קייט פון זיין לייב און די פרייד און שרעק איז געוואַקסן אין איר.

6

אין מיטן זומער איז רבקה קראַנק געוואָרן. דוד מיט מאַנטשיקן האָבן זי אָוועקגעפירט אין שטאָט און ווען זי איז אין אַ פּאָר שעה אַרום געפאָרן צוריק פון דאָקטאָר, איז מאַנטשיק געווען אויסערגעוויינלעך גוט געשטימט און מיט אַ סך פרייד גערעדט וועגן דעם, אַז אָט אין גיכן וועט ער ווערן אַ טאַטע. יאָ, ער האָט געפּלאַפּלט ווי אַ יינגל, געריבן די הענט פון פאַרגעניגן און פריילעך געלאַכט.

רבקה האָט זיך געשעמט קוקן דודן אין פּנים, ווי זי וואָלט געווען שולדיק אין דעם, וואָס דאָס קינד, וועלכעס וואַקסט אונטער איר האַרצן, איז נישט פון אים. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי נאָך געהאַט אַזעלכע ליכטיקע און רייצנדיקע האָפענונגען, אַז איר וועט דאָך אַמאָל געלינגען צו אַנטלויפן מיט אים פון דאַנען. זי האָט אים געזען אין פעלד אַליין, ווען מאַנטשיק איז ערגעץ אַוועק און זיי האָבן שוין נישט צום ערשטן מאָל גערעדט וועגן דעם, אַז יעדער מענטש

דאַרף האָבן מוט און כוח גיין קעגן אַלעמען און שאַפן זיין אייגן גליק ווי ער פילט און פאַרשטייט. דאָס מאָל האָט זי צו אים געזאָגט:

— דוד, איר זייט דאָך נאָך גאָר אַ יונגער מאַן און אַ געזונטער. איר קענט נאָך זיין גליקלעך. רייסט זיך אַרויס פון דאַנען.

— און וואָס וועט זיין מיט אייך? — האָט ער געפרעגט שטייענדיק מיטן פּיאַש אין האַנט צווישן די הויכע קוקורוזע.

— און איך נאָך אייך! — האָט זי מיט פרייד געזאָגט. — ווי צווי פֿייגל, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אַ שטייגל און פליען אין אַן אַנדער לאַנד איבער בערג און טאָלן, איבער אַלע ימים.

ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט:

— מיר רעדן ווי קינדער.

— פאַרוואָס? — איז זי געוואָרן ערנסט.

— און וואָס וועט זיין מיט מאַנטשיקן?

— איר ווייסט, אַז איך האָב אים נישט ליב. אמת, איך האָב נישט גע־דאַרפט מיט אים חתונה האָבן. אָבער איך האָב אייך דאָך שוין דערציילט ווי אַזוי איך בין געצוווּנגען געווען עס צו טון. דערצו האָב איך נישט געוווּסט, אַז איך וועל אייך טרעפן.

— און מיך האָט איר טאַקע ליב?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אומעטיקן שמייכל.

ער האָט געלאָזט פאַלן דעם פּיאַש פון האַנט און אַרומגענומען רבקהן.

— מיין איינציקער פריינט.

דערנאָך האָט ער זי געקושט אין די ליפּן און אין די אויגן און זי האָט נישט אויפגעהערט צו שעפּטשען:

— דוד, מיר וועלן אַנטלויפן, מיר וועלן אַנטלויפן.

איצט זענען די האָפענונגען פאַרשוווּנדן און רבקה איז, אַ שווייגנדיקע און אין אַ געדריקטער שטימונג, אַרויס פון מאַשין און איז גלייך אַוועק אויבן צו זיך אין צימער זיך לייגן אָפּרוען. מאַנטשיק האָט נישט אָפּגעטראָטן פון איר, איז געווען ווילד פון פרייד און ווידער געפלאַפּלט ווי אַ יינגל און געוויזן ווי ער וועט דאָס קינד האַלטן אויף די הענט און עס גלעטן און דערביי געמאַכט אַלערליי גרימאַסן און געזונגען אַ וויג־ליד. דאָס האָט רבקהן געמאַכט נאָך טרויעריקער און זי האָט אים געבעטן איר לאָזן אַליין.

רבקה איז אָפּגעלעגן דריי טעג און דערנאָך האָט זי זיך ווידער גענומען פאַר דער אַרבעט און זיך געסטאַרעט מיט אַלע מעגלעכקייטן לעבן גוט מיט דער שוויגער און נישט אויפרעגן דעם אַלטן — ער זאָל נישט שיטן מיט קללות,

נאָר אַלץ איז געגאַנגען ווי פריִער און זי האָט כמעט אויפגעהערט צו רעדן מיטן שווער.

אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע חדשים. פאַר דער צייט איז דודס און רבקהס פריינטשאַפט געוואָרן נאָך טיפער און צאַרטער. זיי האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז איצט איז נישט די צייט צו חלומען אַפילו וועגן אַנטלויפן צוזאַמען. דערווייל פלעגן זיי זיך זען כמעט אַלע טאָג און דאָס האָט זיי געגעבן אַ סך פאַרגעניגן און פאַרבאָרגענע פרייד. רבקה איז שוין געווען אין פינפטן מאָנאַט. אַרומגייענדיק איבערן הויז אָדער פאָרם, אַ קליינינקע און אַ שטילע, מיט אַ גרויסן שפּיציקן בויך און ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע טיפע ליכטיקע אויגן, פלעגט זי אָפּט פּלוצלינג בלייבן שטיין און זיך צוהערן ווי דאָס קינד וואַקסט אין איר און פילן, אַז אירע גלידער ווערן פולער, רונדיקער און ווייכער.

— אַך, ווען זי קומט שוין עס איבער, ווען זי האָט שוין דאָס קינד.

עס האָבן זיך אונטערגערוקט די אָסיען יום־טובים. אַ פּאָר טעג פאַר ראש השנה איז מאַנטשיק אין אַ פרימאָרגן אויפגעשטאַנען און זיך גענומען קלייבן אין שטאָט. ווען ער האָט איינגעשפּאַנט די שקאַפּע אין וואָגן זענען נאָך די אַלטע געשלאָפן און נאָר רבקה איז אַרויס אים באַגלייטן אַ פּאָר טריט. זי האָט אים געבעטן זיך נישט זאַמען, ווייל מאַלע וואָס עס קען מיט איר פּאַסירן... מאַנטשיק האָט געוואָלט בלייבן, אָבער זי האָט אים געהייסן פאָרן און נאָר נישט קומען שפּעט.

דערנאָך איז זי אַ ווײַלע געשטאַנען ביים טויטן בוים, זיך אומגעקוקט אין הויז און גענומען צוגרייטן פרישטיק פאַרן שווער און שוויגער.

זיי האָבן שוין געדאַרפט באַלד אויפשטיין. זי האָט איינגעהייצט דעם אויוון, אָוועקגעשטעלט עפּעס קאָכן, איז גיך געוואָרן מיד און זיך צוגעזעצט.

פּלוצלינג האָט זי דערהערט ווי די אַלטע קריגן זיך און דער שווער שיט מיט טויטע קללות. זי האָט אויפגעציטערט ווי פון אַ שרעק און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אומרו.

— ליבער גאָט, ווי ווערט מען שוין פּטור פון זיי! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ קרעכץ און אין דער רגע האָט זיך דער אַלטער באַוויזן אין טיר אַ באָרוועסער, אָן אַ היטל, מיט אַ צעפּודלט בערדל און בלישטשענדיקע פון כעס שוואַרצע אויגן.

— וואָס, דו, צעקראָכענע לעמעשקע, ווילסט אויך פּטור ווערן פון מיר? — האָט ער זיך צעשריען מיט זיין קולכל. — זי האַלט אויך מיט דער אַלטער מכשפה. האָסט געהערט? די כאָלעריע זאָל זיי נעמען!

רבקה האָט זיך אויפגעהויבן און מיט דער האַנט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש נישט אומצופאַלן. איר פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און איר גאַנצער

קערפּער האָט געגומען ציטערן ווי אין פּיבער. זי האָט געוואָלט דעם שווער אַ וואָרף טון אין פּנים אַ בייז וואָרט, זאָגן וואָס זי פילט צו אים שוין פון לאַנג, און נישט געקענט. אין האַלדז האָט איר גענומען שטיקן. די אַלטע איז אַרויסגעקומען פון שלאָפצימער און גענומען שלעפּן איר מאַן צוריק.

— וואָס ווילסטו פון איר, גזלן? רעג איר נישט אויף! זי קען דאָך נאָך חס וחלילה מפּיל זיין און האָבן אַ טויט קינד! לאָז איר צורו, גזלן, מערדער!

— אַ קינד וועט זי האָבן! אַ שטיין וועט זי האָבן! — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן, נאָר ער האָט זיך, קענטיק, אַליין דערשראָקן פאַר דעם אויסדרוק, איז אַרויסגעלאָפן פון קיך און מיט האַסט פאַרמאַכט די טיר.

— דו הער נישט, רבקהלע, וואָס דער משוגענער באַלבעט! — האָט געזאָגט די אַלטע. — ער איז היינט אין דער פרי גאָר אַראָפּ פון זינען. איך קען שוין מער פון אים נישט אַריבערטראָגן.

רבקה האָט דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין די קריזשעס און איר קערפּער האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט. זי האָט שטיל גענומען קרעכצן. די שוויגער איז צוגעלאָפן צו איר אַ דערשראָקענע, אָבער באַלד איז איר אָפּגעגאַנגען.

— ס'איז גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט און טרערן זענען גערונען איבער איר פּנים, וואָס איז אין צייט פון טראָגן געוואָרן פולער און שענער. — ס'איז גאָרנישט. איך וועל גיין זיך אַ ביסל צולייגן.

רבקה איז אַרויף צו זיך אין צימער און זיך אַריינגעלייגט אין בעט. עס האָט גענומען אַ צען מינוט און זי האָט זיך איינגעאַנצן באַרויקט. זי האָט זיך דער־מאָנט, ווי מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז זי ווידער געזעסן מיט דודן ביים רויזן־קוסט און מאַנטשיק איז נישט געווען דערביי. ווען וואָס האָבן זיי גערעדט? יאָ, אַז דער ווינטער וועט מסתמא זיין אַ בייזער. זי וועט דאַרפן האָדעווען איר קינד און די אָוונטן וועלן זיין לאַנגע, פינצטערע מיט שניי־זאַווערוכעס און פרעסט. דער שווער וועט זיך שילטן, אָבער זי דערוואָרט עס מיט אומגעדולד. דוד וועט קענען אָפטער אַריינקומען צו זיי. ווינטער האָט ער אַ סך פרייע צייט, באַזונדערס אין די אָוונטן. עס וועט זיין גוט. ער דאַרף נאָר זען אָנהאַלטן זיין פריינטשאַפט מיט מאַנטשיקן און מיטן שווער און שוויגער, נאָר נישט מאַכן בייז מיט עפּעס, ווי גאָט איז אים ליב. וואָס קען מען זיך העלפן? דערוויל איז זיי פאַרבליבן אָט די דאָזיקע איינציקע פרייד, וואָס זיי זענען נאָענטע שכנים. זי טראָגט אַלץ אַרי־בער לייכטער, וויסנדיק, אַז ער, דוד, געפינט זיך נישט ווייט פון איר און זי האָט פון אים געהערט כמעט די זעלבע רייד.

רבקה האָט געוואָלט איינדרימלען און נישט געקענט. זי האָט אויפסניי דער־פילט אַ ווייטיק אין די קריזשעס און עס איז ווידער באַלד אָפּגעגאַנגען. דערנאָך

איז זי אויפגעשטאַנען און זיך פֿאַמעלעך אַוועקגעשלעפּט צו גאַסין. זי האָט באַ־שלאָסן איר בעטן אָפּרופֿן אויפֿן טעלעפֿאָן אין שטאָט, ווו מאַנטשיק האָט געדאַרפֿט זײַן און הייסן אים גלײַך קומען אַהיים. אין הויז איז נאָר געווען דער אַלטער פּערלמוטער און זי האָט גאָרנישט געזאָגט און איז אַוועק צוריק. זי האָט מעכאַ־ביש געטאָפּט דעם בויך, ווי וועלנדיק פֿילן צי דאָס קינד אונטער איר האַרצן לעבט. זי האָט זיך נישט געוואָלט אומקערן אין שטוב און זען דעם שווערס פּנים און איז אַלץ אַרומגעגאַנגען איבערן פּאַרב. אָט דאָ און דאָרט האָט זי אַ סך מאָל געטראָפֿן דודן און ער האָט איר געזאָגט פֿרײַנטלעכע ווערטער. יעדער שפּאַן ערד איז איר דאָ איצט טײַער, יעדער בוים און קוסט. אַלץ האָט זי אַרײַנגענומען אין זיך און וועט עס פֿאַרבאַהאַלטן אויף שטענדיק, ווײַל דאָ לעבן זײ בײדע און דאָס איז זײער וועלט. זי האָט קײנמאָל נישט געוווּסט פֿון אַזאַ געפֿיל. זי האָט נאָך קײנמאָל פֿריִער נישט געליבט אויף אַן אמת. און ער... האָט ער אויך זי אַזוי ליב ווי זי אים? נאָר צו וואָס זאָל זי טראַכטן וועגן דעם? ער איז אַזוי אויסערגעוויינלעך גוט און צאַרט צו איר. און אָט איז ער דאָך געווען גרייט אַוועקגיין פֿון גאַסין און אַנטלויפֿן מיט איר.

פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך נעמט ער זיך באַפֿרײַען פֿון גאַסיס קערפּערלעכן רייץ און זי קען שוין נישט הערשן אַזוי איבער אים. איצט איז אים אַ סך לײַכטער אַריבערצוטראָגן אירע ברוטאַלע לײדנשאַפֿטלעכע קאַפּריזן. זײַן שמײכל איז גע־וואָרן ליכטיקער, קלאָרער און רויִקער. רבקה האָט אים געראַטעוועט פֿון אונטער־גאַנג. ער וואָלט אַזוי זיכער אומגעקומען צום סוף. ער האָט עס שוין נישט געקענט אַריבערטראָגן.

רבקהס געדאַנקען האָבן זיך פּלוצלינג איבערגעריסן. די ווײטיקן זענען גע־קומען נאָך און נאָך אַלץ שטאַרקער. זי האָט זיך קוים דערשלעפּט צום שטאָל און דאָרט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ גרויסן שטײן, וואָס איז געלעגן שוין פֿון יאָרן לאַנג אויפֿן זעלבן פּלאַץ, און זיך גענומען וויגן הין און צוריק. זי האָט אַרום גאָרנישט געזען, ווי דעם גאַנצן געגנט וואָלט אײַנגעהילט אַ געדיכטער גרויער נעפּל און נאָר בלאַסע קאָלירטע פֿונקען זענען געשפּרונגען פֿאַר אירע אויגן, זיך אויסגעלאָשן און ווײַטער זיך אָנגעצונדן. דערנאָך איז מיט אַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן אַרום און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן און שווערן געשרײ, ווי פֿילנדיק דעם טויט, זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון שטײן און איז צוגעפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד. פֿון פֿעלד זענען אָנגעקומען דוד מיט וואַסילין מיט קאָסעס אויף די אַקסלען.

7

עס זענען אַריבער די יום־טובים און דער גאָלדענער קופּער־רויטער „אינדיען״־זומער האָט זיך אַוועקגעשטעלט. רבקה איז נאָר־וואָס אַרויס פון שפּי־טאָל, ווו זי איז אָפּגעלעגן פינף וואָכן און ווו זי האָט געהאַט אַ טויט קינד. די דאָקטוירים האָבן איר געהייסן נאָך פאַרבלייבן אין בעט אַ קורצע צייט, ווייל זי האָט זיך נאָך געפילט שטאַרק אָפּגעשוואַכט און געטרויערט אויפן „מפּיל״ וואָס זי האָט אַפילו נישט געזען. אין הויז איז געווען זייער שטיל. דער שווער און שוויגער זענען אַוועקגעפאָרן אין ניו־יאָרק אויף גאַנצע צוויי וואָכן. רבקה איז געלעגן אַ בלאַסע, אַ שטילע און האָט אויסגעזען נאָך קלענער ווי תמיד, נאָר אירע אויגן זענען געוואָרן גרעסער און ליכטיקער און האָבן געלויכטן מיט אַ ווונדערבאַרן שיין, ווי ביי אַ געלייטערטער דורך פּיין און ליידן. מאַנטשיק האָט נישט געקענט פאַרבאַהאַלטן זיין וויי און פלעגט איצט אָפּט ממש וויינען פאַרוואָס ער איז יענעם פרימאָרגן געפאָרן אין שטאָט. ער איז געווען זיכער, אַז ווען ער איז דערביי וואָלט דער אומגליק נישט פּאַסירט.

— גאָט מיינער, גאָט מיינער! — האָט ער געטענהט און זיך געוואָלט רייסן די האָר פון קאָפּ. — פאַרוואָס בין איך דאַן געפאָרן אין שטאָט? איך וואָלט אים, מיין טאַטן... און ער פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אויף די קני ביי רבקהלעס בעט און קושן אירע בלייכע הענט און נישט וויסן וואָס צו טון מיט זיך.

— נו, גענוג, זיי שטיל! — פלעגט זי אים באַרויקן.

דוד פלעגט אַריינקומען עטלעכע מאָל אַ טאָג. רבקה האָט אים אַלץ דער־מאָנט ווי ער און וואַסילי האָבן איר אויף גיך אַוועקגעפירט אין שטאָטישן האָספּיטאַל און אַזוי געראַטעוועט איר לעבן. דאָס דאַרף זי אים דאַנקען, וואָס זי זעט די ליכטיקע וועלט. מיט דעם האָט רבקה געוואָלט יעדעס מאָל באַטאָנען, אַז זייער האָפענונג צו אַנטלויפן אַמאָל צוזאַמען קען נאָך מקוים ווערן. עס איז גישטאָ ווער און וואָס עס זאָל איר איצט צובינדן צו מאַנטשיקן, אָבער דוד פלעגט עפּעס שווייגן אַ דערשלאָגענער. גאָסי האָט זיך געקליבן אויף אַ גאַנצן ווינטער אין שטאָט מיט די קינדער און געבעטן ביי אים דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט געהאַט. ער האָט נישט געפאָדערט, אַז זי זאָל פאַרבלייבן אויפן פאַרם. זאָל זי גיין וווהין זי וויל, אָבער טיף אין דער נשמה האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן און באַליידיקט. ער האָט געוווּסט וואָס עס מיינט, אַז גאָסי וועט זיין אַליין אין שטאָט, און צו וואָס נאָך שלעפּן מיט זיך די קינדער? קעגן דעם האָט ער פּרובירט קעמפן און, ווי שטענדיק, נישט אויסגעפירט.

מיט רבקהן האָט ער זיך גענומען האַלטן אַ ביסעלע צוריקגעהאַלטענער.

פאַר דער צייט פון איר קראַנקייט האָט ער אַ סך געטראַכט וועגן זייערע באַציונ־גען און נישט געזען קיין אויסוועג פאַר זיך. רבקה איז פאַר אים געווען אַ ליבער טייערער מענטש, אַ גוטער חבר. ער האָט פאַרשטאַנען אַלע אירע מעלות, נאָר ווי אַ פרוי האָט זי אים נישט געצויגן צו זיך, כאָטש ער האָט זי נישט איינמאָל אַרומגענומען און געקושט. דאָס האָט ער געטון ווי אַ נאָענטער פריינט. דערצו איז געשטאַנען מאַנטשיק אין מיטן. ווען ער אַנטליפט מיט רבקהן וואָלט מאַנ־טשיק עס נישט אַריבערגעטראָגן. דאָס איז זיכער. יאָ. ער האָט נאָך אַלץ ליב גאָסין, אָט די דאָזיקע צעלאָזענע, רייצנדיקע פרוי, וואָס קען אַזוי פאַרשיכורן מיט איר לייב און וועלכע שטופּט אים צום טויט. אָט האָט זי נעכטן, אין מיטן אַ קריגעריי, אים אַ וואָרף געטון אין פּנים:

— מעגסט זיך אַפילו ווידער אויפהענגען.

אַ פרימאָרגן האָט מאַנטשיק געזאָגט צו רבקהן, אַז היינט וועלן זיי אַלע גיין שניידן „טשיקען קאָרן" אין פעלד. ער, דוד, וואַסילי, דער אַלטער פּערלמוטער און אַ פּאָר שכנים, וועמען זיי וועלן שפּעטער אַרויסהעלפן אויף זייערע פעלדער און זאָל זי בייטאָג פאַמעלעך צוקומען און אַ קוק טון ווי מען אַרבעט...

זי האָט געגעבן מאַנטשיקן פרישטיק און אויך עפּעס מיטצונעמען אין פעלד. דערנאָך אים אַ ביסל באַגלייט און זיך אומגעקערט אין הויז. אין קיך האָט אַריינגעשיינט די לאַסטשנדיקע רויזקע אָסיען־זון. זי האָט אַריינגעלייגט אין אויוון אַ פּאָר שייטלעך האָלץ, דער פייער זאָל נישט אויסגיין, און איז אַרויף אויבן צו זיך אין צימער עפּעס נעמען. זי האָט געהאַט אַ פרייען טאָג און זיך געקליבן פאַרריכטן אַלטע וועש. קיינער וועט איר נישט שטערן זיצן און נייען און טראַכטן. דער שווער און שוויגער האָבן זיך פון שטאָט נאָך נישט אומגעע־קערט און אין שטוב איז אַזוי שטיל. וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן קומען? זי וועט מוזן דעם אַלטן אָפּגעווינען פון זיינע קללות. רבקה האָט אויפגעציטערט ווי פון עקל. זי האָט איצט דעם שווער געהאַסט מיט דעם גאַנצן וועזן אירן. זי האָט גענומען אַ פּאָר צעריסענע מאַנטשיקס העמדער, אַ נאָדל מיט באַוול, איז אַראָפּ צוריק אין קיך און זיך געזעצט ביים פענצטער נייען. אַרום הויז זענען אַרומגע־גאַנגען אַ צענדליק הינער און צוויי אַלטע רויטע הענער. אַנטקעגן פון גאָרטן האָבן אַרויסגעקוקט די הויכע צייטיקע „סאָניטשניקעס" מיט זייערע געלע קוטש־מעס און ווי שטיל געשאָקלט צו איר און געווינקט. און רבקה האָט זיך דערמאָנט, אַז אין שפּיטאָל האָט זיך איר איינמאָל געחלומט ווי די „סאָניטשניקעס" זענען אויסגעוואָקסן ביז אין הימל אַריין און זי האָט זיך געוווּנדערט און געפרעגט דודן וואָס דאָס איז. יאָ, דוד, עפּעס גייט ער ווידער אַרום אַ פאַרלוירענער, אַן אומעטיקער. זאָל אים פאַרדריסן וואָס גאָסי קלייבט זיך אַוועקצופאָרן אין שטאָט

מיט די קינדער? ער וויל זײַן מיט די קינדער. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך. און דערפֿאַר איז אים שווער. זי וויל מיט אים רעדן וועגן דעם און האָט נישט קיין געלעגנהייט. מאַנטשיק שטערט נאָכאַנאַנד. ער טרעט איצט נישט אָפּ פֿון איר.

רבקה האָט אַלץ געטראַכט וועגן דודן און געצייט און שטיל געזונגען און אַזוי האָט זיך אונטערגערוקט די מיטיק־שעה. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי פֿאַרשלאָסן דאָס הויז און איז פֿאַמעלעך אַוועק אין פֿעלד. נאָך פֿון דער ווײַטנס האָט זי דערהערט גאַסיס הילכיקן געלעכטער, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין דער בלויִער לופֿט און רבקהן האָט עפּעס אַ ריס געטון אין האַרצן. באַלד האָט זי אויך דערהערט די שטימען פֿון די מענער. זי איז צוגעגאַנגען נענטער. מאַנטשיק, דוד און וואַסילי האָבן געשניטן די „טשיקען קאָרן" אויף איין זײַט און זענען לאַנגזאַם געגאַנגען מיט די סערפּעס צווישן די הויכע קוקורוזע־שטאַנגען, און אויף דעם צווייטן זײַט האָט געאַרבעט דער אַלטער פּערלמוטער מיט נאָך צוויי גוייִשע פֿאַרמער און אין מיטן זענען געשטאַנען צוויי וועגענער, שוין כמעט פֿולע, וועלכע מען האָט געדאַרפֿט אָפּפֿירן אויפֿן פֿאַרם. גאַסי האָט רבקהן באַגעגנט מיט אַ פֿרײַנטלעכן אויסגעשריי און זי אַרומגענומען. זי איז געווען גוט אויפֿגעלייגט און האָט אויסגעזען נאָך שענער ווי אַלע מאָל. אירע האָר האָבן געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון און דער מויל איז געווען נאַטירלעך רויט ווי אַ טולפּאַן. זי איז פֿון אינדערפֿרי אָן געווען אין פֿעלד און געשטערט די מענער אַרבעטן, נאָר אַפֿילו דער פֿאָטער האָט איר גאָרנישט געזאָגט און וואַסילי האָט אַלץ כיטרע געשמייכלט און געזשמורעט זײַנע שוואַרצע עטוואָס פֿאַרחלומטע אויגן.

רבקה איז אַ ווײַלע געשטאַנען מיט גאַסין. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו מאַנטשיקן און געקוקט ווי ער אַרבעט. זיי האָבן אַ ביסל גערעדט און דוד האָט אויך אַרײַנגעוואָרפֿן אַ פּאָר ווערטער. יאָ, ער איז געווען שטאַרק צופֿרידן וואָס זי פֿילט שוין גוט, אָבער גאַסי, וועלכע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים וואָגן, האָט אַ רוף געטון רבקהן צוריק. זי איז צו איר צוגעגאַנגען און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן גראָז און גאַסי האָט אָנגעהויבן צו שפּאַסן און לאַכן און רייצן אַלעמען מיט איר געזונטן פֿרישן אויסזען און אַלע ווײַלע זיך געווענדט צו וואַסילין מיט אַן אַנדער חכמהלע אָדער וויץ.

אַז מען האָט אָנגעפֿילט דעם וואָגן מיט קוקורוזע, האָט עס וואַסילי געדאַרפֿט אָפּפֿירן אויפֿן פֿאַרם. גאַסין האָט זיך פֿאַרוואָלט פֿאָרן מיט אים.

— וואַסילי, — האָט זי געזאָגט, — העלפֿט מיר אַרויפֿקריכן אויפֿן וואָגן.

וואַסילי איז צוגעגאַנגען צו איר, זיך אײַנגעבויגן און אַרומגענומען גאַסיס פֿיס. ער האָט זי אַ הויב געטון און זי האָט לאַכנדיק אַרומגעכאַפּט זײַן האַלדז און אַ געשריי געטון, אַז ער זאָל זי האַלטן שטאַרקער, ווײַל זי קען נאָך פֿאַלן.

וואַסילי האָט איר אַרויפגעזעצט אויף די „טשיקען קאָרן". דערנאָך איז ער אַליין פּלינק אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און אַ טרייב געטון דעם פערד צום וועג צו. אַלע האָבן זיי נאָכגעקוקט שווייגנדיק מיט די סערפּעס אין די הענט.

אין אַ שעה אַרום איז דוד ערגעץ כלומרשט אויף אַ ווײַלע אַוועק און זיך נישט אומגעקערט אין פעלד. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו ער איז און פאַרנאַכט צו האָט מען אים געגומען זוכן. עס איז פינצטער געוואָרן און ער איז אַלץ נישט געקומען. האָט דער אַלטער פּערלמוטער אַרויסגערופן מאַנטשיקן פון הויז און מיט לאַמטערנעס אין די הענט זענען זיי ביידע אַוועק זוכן דודן. זיי זענען לאַנג אַרומגעגאַנגען און באַקוקט אַ סך איינזאַמעביימער, וואָס זענען געשטאַנען ווייט פון זייער פאַרם, דאָ און דאָרט און ענדלעך האָבן זיי דערזען דאָס שרעקלעכסטע, וואָס זיי האָבן דערוואַרט. דוד איז געהאָנגען אויף אַ דיקן צווייג און דער אָסיען־ווינט האָט זיין טויטן קערפּער שטיל געוויגט...

— ווו ביסטו געווען אַזוי שפּעט? — האָט זיך רבקה אויפגעכאַפּט פון איר אומרויִקן נערוועזן שלאָף, ווען מאַנטשיק איז שפּעט אין אָוונט אַריין צוריק אין הויז.

— אַזוי זיך פאַרדרייט מיטן אַלטן פּערלמוטער, מיין טייערע. געזעסן מיט אים.

— און ווו איז דוד?

— אין הויז, רבקהלע, אין הויז. שלאָף, שלאָף, זיי רויִק, ער איז געקומען.

— און וואָס האָט מיט אים פּאַסירט?

— גאָרנישט, רבקהלע, גאָרנישט... שלאָף, שלאָף...

גאָטס באַשעפעניש

כמעט אַלע שטענדיקע איינוווינער פונעם קליין שטעטעלע ביים ים האָבן געוווּסט, אַז די אַלטע מרס. גאַריסאָוו, וואָס האַלט אַ ווילע, ווו זי פאַרדינגט זומער־צימערן מיט באָאַרד, האָט זייער ליב קעץ. זי פלעגט זיי אָפט טראָגן אויף די הענט, זיי גלעטן און אַריינקוקן אין די אויגן וואָס האָבן געשיינט מיט אַלערליי פייערלעך. מענטשן האָבן געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ קינדערשן קאַפּריז און אָפט גוטמוטיק געשמייכלט. נו, מילא, אויף דער עלטער מוז זיך דאָך צום מענטש עפּעס צוטשעפּען, וואָס מאַכט אים אַ ביסל טשיקאַווע. אָבער אין דער אמתן האָט מרס. גאַריסאָוו פאַרמאָגט אַ גוט האַרץ און אַלע גאָטס באַשעפענישן זענען איר געווען נאָענט און טייער.

איר מאַן, אַ געוועזענער פּראָפעסאָר, אַן אומרויִקער, מיט קראַנקע נערוון, האָט זיך באַצויגן גאָר אַנדערש צו זיין פרויס „שוואַכקייט". ער האָט די בויגזאַמע שטילע און פלינקע קעץ געהאַסט, שוין דערפאַר אַליין וואָס זי האָט זיי אַזוי ליב. שטענדיק האָט ער געזוכט מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די קעץ, ווייל אָט פּלאָנטערן זיי זיך אונטער די פיס און אָט גיבן זיי זיך פלוצלינג אַ לאַסטשע צו אים אַזוי „פאַלש" און אומבאַמערקט, דאָס ער ווערט מלא רציחה און לאָזט אויס זיין כעס צו זיין אַלטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די פּראָטעסטן האָבן נישט געהאָלפן. די גוטע מרס. גאָריסאָוו איז באַשטאַנען אויף אירס, און דער פּראָפעסאָר האָט געמוזט זיך אונטערגעבן. דערביי פלעגט ער אַ ביזער שעפּטשען:

— קעץ, קעץ. קיין איין מינוט רו האָט מען נישט פון זיי.

אָבער די גרעסטע צרות האָט דער פּראָפעסאָר געהאַט פון דעם רויטן קלוגן קאָטער, וועלכן מען האָט גערופן מייק, און וואָס איז שוין באַלד אַ יאָר געווען ביי מרס. גאָריסאָוו אין הויז. דער דאָזיקער קאָטער פלעגט מערסטנס פאַרברענגען זיינע טעג און אָוונטן אין קיך. אַרום דער קעכין, ביים אויוון. צו וואָס דאַרף ער ליגן אין פינצטערן קעלער און אויסקוקן מייז, אַז אין קיך שמעקט אַזוי געשמאַק און ס'איז וואַרעם. דערצו גיט אים די קעכין אַלע ווילע עפּעס צו

פאַרזוכן און רעכנט אויס אויפן קול אַלע זיינע מעלות, אַז ער פאַרמאָגט ווונדער־לעכע טונקל־גרינע אויגן, רעדט פון שלאָף, און איז אַ מאַדים צו כאַפּן שטיקער פלייש און פיש פון אונטער די הענט. אמת, דער פּראָפעסאָר פלעגט פון צייט צו צייט זיך אַריינכאַפּן אין קיך מיט דער כוונה אָנצוברעכן די ביינער דעם קאָטער, נאָר מייק פלעגט אין אַ רגע פאַרשווינדן, אַריינלויפן אין גאָרטן פון דער ווילע, זיך פלינק אַרויפדראַפּען אויף די צווייגן פון אַ הויכן בוים און פון דאָרטן קוקן מיט לויכטנדיקע גנבישע אויגן אויף זיין בייזן באַלעבאָס: אַנו, טו מיר עפּעס איצט!

עס איז אַוועק דער זומער און אויך דער גאָלדענער מילדער חודש אָקטאָבער. עס האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן די קופּער־רויטע בלעטער פון די ביימער און שטיל איז געוואָרן אין שטעטעלע ביים ים. מרס. גאָריסאָוו און איר מאַן האָבן באַשלאָסן, אויף ווינטער זיך אַריבערצוקלייבן אין שטאָט, ווייל אין גרויסן טונ־קעלן הויז איז געוואָרן אומעטיק, קאַלט און אומהיימלעך.

— וואָס טוט מען מיט די קעצעלעך? — האָט פאַרזאָרגט געטראַכט מרס. גאָריסאָוו. — זי האָט זיי גאַנצע פיר אַ חוץ דעם רויטן קאָטער. און דער פּראָ־פעסאָר האָט מיט פאַרגעניגן געריבן די הענט, אַז איצט וועט ער איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון זיי (דאָס איז געווען דאָס ערשטע יאָר וואָס זיי האָבן זיך געקליבן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ אויף ווינטער). נאָר דאָך האָט די גוטע אַלטע פרוי געפונען אַן אויסוועג פאַר אירע גאָטס באַשעפענישן, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן ווינטער זיין היימלאָז און פרירן אין גאַס. און אַזוי ווי זי האָט די קעצעלעך נישט געקענט מיטנעמען אין דער נייער קליינער דירה, האָט זי זיי באַזאָרגט ביי שכנים און דער רויטער מייק איז געבליבן אונטער דער השגחה פון דעם רוסישן דיש־וואַשער, איוואַן, וואָס האָט שוין אָפּגעאַרבעט ביי מרס. גאָריסאָוו עטלעכע סעזאָנען און געהאַט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן דעם ווינטער אין שטעטעלע ביים ים, און אַ ביסל זיך אויסרוען, ווייל די זעכציק יאָר וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין אָרעמקייט זענען אים געלעגן ווי אַ משא אויף די אַקסלען און אים געבויגן צו דער ערד.

— ניטשעוואָ! — האָט ער געזאָגט צו מרס. גאָריסאָוו — זייט רויִק, כאָזאַיקאַ, מייק וועט זיין מיט מיר און קומענדיקן פרילינג וועלן מיר מיט גאָטס הילף ביידע זיך אומקערן צוריק צו אייך.

מרס. גאָריסאָוו איז געווען מלא שמחה וואָס דער קאָטער וועט פאַרן ווינטער האָבן אַ היים. זי האָט איוואַנען געדאַנקט און געזאָגט, אַז ער איז אַ גוטער מענטש. אויף דעם האָט איוואַן פרום געענטפערט:

— קאַקזשע, כאָזאַיקאַ. אַלע זענען מיר גאָטס באַשעפענישן.

פאַרלאָזנדיק דאָס הויז, האָט מרס. גאַריסאָוו אין אַ פּאַפּיר איינגעוויקלט אַ שטיק „סעמאָן", אַ פליישׁ קאָטלעט, עטלעכע סאַרדינעס און עס דערלאַנגט דעם דיש־וואַשער פּאַרן קאָטער. דערביי האָט זי זיך מיט בײדן געזעגנט און זיי אָנגעוווּנטשן אַל דאָס גוטס. איר מאַן איז געשטאַנען אָן אַ זייט און האָט פון נערוועזיטעט געטופּעט מיט די פיס, ווייל דער „מואווינג" וואָגן איז געשטאַנען גרייט זיך צו רירן פון אָרט און אַלץ געוואַרט.

אויסרוען זיך האָט איוואַן נישט געקענט, ווי ער האָט געחלומט, ווייל דער ווינטער איז געווען נישט קיין גוטער. אַלערליי קראַנקייטן און פאַרקילונגען זענען אַרומגעגאַנגען. ער און מייק האָבן אָפּט געקרענקט, כאָטש דער קאָטער פלעגט עס אַריבערטראָגן גאַנץ גרינג. עס איז ממש געשען אַ מעשה „פילאָזאָף". ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרלירן וואָג, איז געוואָרן נאָך קלוגער און זיך גיך צוגעפּאַסט צו אַלע אומשטענדן, פילנדיק אַז די מערסטע מענטשן זענען בייזע ברואים און עס איז ראַטזאַם שטענדיק צו זיין אויף דער וואַך.

אויף דער ערשטער „קוואַרטיר" האָט מייק און זיין באַלעבאָס געהאַט אויסגעריסענע צרות פון די צוויי אַנדערע באַרדערס, וועלכע האָבן זיך געפונען מיט זיי אין איין און דעם זעלבן האַלב־טונקעלן צימער. דאָס זענען געווען מענטשן צערייצטע און פאַרביטערטע, וואָס פלעגן כמעט שטענדיק פירן דיסקוסיעס אויף פּאָליטישע טעמעס און דערביי באַפאַלן איינער דעם צווייטן. דער עלטערער, אַ ייִד פון אַ יאָר זעכציק, אַ ברייטביינערדיקער, וואָס האָט אַמאָל פאַרמאָגט אַ גוטע פּאָר טויזנט דאָלאַר, אַן אָראַנזש־גאָרטן אין קאַליפאָרניע, לאָטס אין פאַרשידענע פלעצער, און האָט עס אַלץ פאַרלוירן, איז פּלוצלינג געוואָרן אַ שטאַרקער אָנהענגער פון קאָמוניזם און געהאַלטן אין איין זידלען און שילטן די „יעלאָ" פּרעס, וואָס שטערט סטאַלינען איינפירן סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער צווייטער, אַ דאַרער יונגערמאַן מיט פלעקן אויפן פּנים, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער ליידט פון שווינדזוכט, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין פרוי, וועלכע ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן, איז געווען אַ פאַרקאָכטער טראָצקיסט. עס איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן דעם עלטערן ייִדן, אַז נאָר טראָצקי איז געווען גערעכט. ביידע האָבן געלעבט פון צדקה און פלעגן מערסטנס זיצן אין דער היים.

איוואַנען דעם דיש־וואַשער איז אויסגעקומען אַ סך איינצוטענהן מיט די צוויי באַרדערס, ביז אים איז געלונגען זיי איינצורעדן, אַז מייק זאָל פאַרבלייבן אין צימער און שלאָפן מיט אים אין איין בעט. זיי האָבן עס נישט געוואָלט, אָבער ער האָט דעם רויטן קאָטער געלויבט אין הימל אַריין פאַר זיינע גרויסע מעלות. וואָס איז שייך מייז און אַפילו ראַטן, וועט ער זיי אין אַ פּאָר טעג איינגאַנצן אויסראָטן פון הויז. דערצו וועט ער קיינמאָל נישט אָנרירן קיין שפּייז.

וואָס באַלאַנגט נישט צו אים. אמת, קעץ האָבן ליב צו נאַשן, אָבער נישט מייק. און ער האָט צוגעזאָגט זיין באַלעבאָסטע זיך אומצוקערן מיט אים אין פרילינג צוריק און דאָס איז פאַר אים אַ פאַרזיכערונג אַז ער וועט ווידער קריגן זיין דזשאַב.

— מילא, — האָט ענדלעך אַ ברום געטון דער סטאַליניסט — זאָל זיך אַרומשפּאַצירן נאָך אַ טראָצקיסט איבערן צימער. — אַ געשעפּט האָט ער.

איוואַן האָט נישט פאַרשטאַנען דעם סאַרקאַזם און באַדאַנקט. נאָר דער קרענקלעכער יונגערמאַן האָט זיך אַנגעצונדן ווי אַ פייער און דער רוס האָט געמיינט אַז אָט־אָט וועט האַלטן ביי קלעפּ.

אין גאָר קאַלטע ווינטער־אָוונטן, אַז דער רויש פון ים פלעגט זיך דערטראָגן באַזונדערס שטאַרק און אומעטיק, האָבן אַלע דריי קוואַרטיראַנטן זיך פרי געלייגט אין די בעטן. די צוויי יידן פלעגן פאַמעלעך אָנהויבן אַ פּאָליטישן שמועס, וואָס פלעגט גיך אַריבערגיין אין אַ הייסער דיסקוסיע און זיי האָבן איבערגעשריען איינער דעם צווייטן.

איוואַן דער דיש-וואַשער האָט אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין וואָס זיי קאָכן זיך אַזוי, און האָט זיך געוועבט זיינע חלומות פון אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַן אמתער „כאָזאַין" (באַלעבאָס), געהאַט אַ ווייב, צוויי זין און איז געווען אַ גוטער סטאָליער. אָבער די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אַלץ איבערגעקערט. זיין פרוי איז געשטאָרבן, די זין זענען אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי און זענען געפאַלן אין בירגער־קריג און ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין יאַפּאַן און פון דאָרט געקומען קיין אַמעריקע. די דאָזיקע און ענלעכע געדאַנקען האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט און ער פלעגט אַפילו נישט באַמערקן אַז מייק, וועלכער ליגט אַ צוזאַמענגעדרייטער צוגעטוליעט צו אים, שטעלט אָן זיינע דורכזיכטיקע רויטע אויערן, פינטלט אָט מיט איין אויג און אָט מיט אַ צווייטן, ווי ווענדיק אָפּלאַכן דאָ פון דעם סטאַליניסט און דאָ פון דעם טראָצקיסט.

אין דעם צימער האָט איוואַן לאַנג נישט געקענט פאַרבלייבן. אים פלעגט אויסקומען אָפּט זוכן אַ נייעם צימערל פאַר זיך און מייקן, וועלכן נישט אַלע באַלעבאָסטעס פון שטעטעלע ביים ים האָבן געוואָלט האָבן אין הויז. דער רויטער קאָטער האָט אים פאַרשאַפט גענוג זאָרג. עטלעכע מאָל איז „מייק" פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן און איוואַן איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער און אים נישט געקענט געפינען. ער פלעגט קוקן אויף אַלע קעץ אין די גאַסן מיט אומעטיקע אויגן און טראַכטן וואָס וועט ער זאָגן מרס. גאַריסאָן, ווען זי וועט זיך אין פרילינג אומקערן אין דער ווילע? אָבער „מייק" איז תמיד צוריקגעקומען. אמת, זיין אויסזען פלעגט דאַן זיין זייער אַ טרויעריקער, די האָר פון זיין עלאַסטישן קערפּער ערטערווייז אויסגעריסן און אין שוואַרצע פלעקן, די טונקל־גרינע אויגן

מוטנעוואַטע און אַמאָל פלעגט ער נאָך אונטערהינקען אויף אַ פוס און מיאַוקען מיט אַ געוויין ווי אַ שוואַך קליין קעצעלע. דאַן פלעגט איוואַן שטיין איבער אים, זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און אים אויסגעמוסרט, אַז ער, „מייק״, ווייסט נישט ווי זיך צו פירן און איז אַן אומדאַנקבאַרע גאַטס באַשעפעניש.

אין פעברואַר זענען געווען גרויסע שניי־זאַווערוכעס און בייזע קעלטן. דער ים האָט געשליידערט מיט מוטנע גרינלעכע שוימיקע כוואַליעס, אַנגעוואָרפן אַ שרעק מיט זיינע אָפּגרונטן און געזונגען דאָס ליד פון אייביקייט. איוואַן און „מייק״ פלעגן זעלטן אַרויסגיין פון חדרל, וואָס האָט זיך געפונען אונטער אַ דאַך. באַר אָט האָט ער זיך פון עמעצן דערוווסט, אַז מרס. גאַריסאָוו דאַרף דורכמאַכן אַ שווערע אָפּעראַציע און ליגט שוין אין האָספּיטאַל. ער האָט באַשלאָסן נעמען מיט זיך „מייקן״ און גיין צום פּראָפעסאָר פרעגן וואָס מאַכט זיין פרוי און אויב מעגלעך אויך איר באַזוכן.

כמעט אַ גאַנצע שעה האָט ער געהאַלטן אין איין וואַשן דעם רויטן קאָטער און דערביי אים דערציילט, אַז זיי פאָרן היינט „דאַון־טאַון״ און אַז מרס. גאַריסאָוו, די באַלעבאָסטע זייערע הייסט עס, איז זייער קראַנק. יאָ, ער וועט אים מוזן אָנטאָן אַ שטריקל אויפן האַלדז און איינהאַלטן פעסט, כדי ער זאָל נישט אַנטלויפן. זאָל ער אים מוחל זיין דערפאַר, אָבער ער מוז עס טון, אַזוי איז עס, בראַטישקאַ (ברודערל). עס דאַרף זיין אָרדענונג אויף דער וועלט. מען קען זיך נישט לאָזן לויפן פלוצלינג, דיר נישט, מיר נישט, אָן אַ טאָלק. „מייק״ האָט אָנגעשטעלט די רויטע דורכזיכטיקע אויערן, געפינטלט מיט די אויגן און אַלע ווײַלע פּרובירט אָפּטרייסלען פון זיך דאָס וואַסער. איוואַן האָט געוואַרט ביז ער וועט זיך איבגאַנצן אָפּטריקענען און טראָגנדיק „מייקן״ אויף דער האַנט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צום סאָבוויי.

אין אַ שעה אַרום איז ער געקומען צו גאַריסאָוון אין הויז און צו זיין גרויסער איבעררעשונג האָט ער און „מייק״ באַקומען אַ גוטע אויפנאַמע. יאָ, דער פּראָפעסאָר איז געווען שטיל, אַ ביסל אומעטיק און האָט גערעדט געלאַסן, געפרעגט וואָס ער, איוואַן, מאַכט און ווי לעבט זיך אים. און אויב איוואַן וויל באַזוכן אין האָספּיטאַל זיין פרוי, קען ער עס טון, נאָר „מייקן״ וועט ער מוזן לאָזן ביי אים, ווייל קיין קעץ לאָזט מען דאָרט נישט אַריין. דערנאָך האָט ער דעם דיש־וואַשער מכבד געווען מיט אַ שנאַפּס און דעם קאָטער אונטערגעטראָגן אַ ביסל מילך אין אַ שיסעלע. איוואַן איז געשטאַנען און אומעטיק געשמייכלט. ביין, דער פּראָפעסאָר איז שוין גאַרנישט אַזאַ בייזער מענטש ווי ער האָט געדענקט.

— ספּאַסיבאָ, כאַזאַין, ספּאַסיבאָ (אַ דאַנק באַלעבאָס, אַ דאַנק) — האָט ער געזאָגט.

דער פּראָפעסאָר האָט אויך געגעבן אָנצוהערן איוואַנען, דאָס אים וואָלט נישט געאַרט, אַז „מײק" זאָל בלײַבן בײַ אים פאַר דער צײַט וואָס זײַן פרוי ליגט אין האָספּיטאַל. ער פילט זיך אַ ביסל אײַנזאַם אין די שלאָפלאָזע נעכט און „מײק" איז פאַרט אַ לעבעדיקע קלוגע באַשעפעניש. אמת, בעסער וואָלט געווען אַ הונט, נאָר זאָל שוין זײַן אַ קאַץ...

דער דיש־וואַשער האָט זיך פאַרלוירן. אָבער ענדלעך אַרויסגערעדט:

— נו, און מײַן דזשאַב?

דער פּראָפעסאָר האָט אַ מאַך געטון מיט דער רעכטער האַנט און איוואַן האָט פאַרשטאַנען, אַז וועגן דעם דאַרף ער זיך מער נישט זאָרגן. ער וועט קענען ווידער שטײן אין קיך בײַ מרס. גאַריסאָן, וואַשן גרויסע טעפּ און מיט אַ שמײכל אויסהערן „געזאַלצענע" וויצן פון דער פעטער קעכין, וועלכע האָט ליב אָפּצו־לאַכן פון אַלעמען. דאָך איז אים געוואָרן אַ ביסל אומעטיק אויפן האַרצן. איצט וועט ער זײַן אײַנזאַם אין זײַן קלײן חדרל אונטער דעם דאַך.

אין אָוונט איז דער פּראָפעסאָר געזעסן בײַ זײַן שרײַבטיש און איבערגעקוקט די טעגלעכע צײַטונגען. „מײק" איז געלעגן אַ צוזאַמענגעדרײטער אָנטקעגן אים אויף אַ װײכער פּלושענער קושעטקע און געקוקט אויף אים. דער פּראָפעסאָר האָט עס באַמערקט און האָט אַ שמײכל געטון. ער האָט פּלוצלינג דערזען אַז „מײק" איז אַ פאַרשוין אַ קאַץ. זײַנע רויטע האָר גלאַנצן און די טונקל־גרינע אויגן לויכטן קלוג און טיף. דערצו האָט ער דערפילט, אַז מיט „מײקן" וועט דאָס בלײַבן אַלײן אין די אָוונטן אין הויז שוין נישט זײַן אַזוי שווער. באַקאַנטע קומען אַלץ זעלטענער און פאַרבלײַבן אַמאָל בײַ אים נעכטיקן וויל קײנער נישט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט און פאַרזיכטיק אַ גלעט געטון „מײקן" איבערן קעפּל. דער קאָטער האָט זיך לאַסטשענדיק אויסגעצויגן און פאַרזשמורעט די אויגן.

— אָ'קעי, אָ'קעי! — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, און אין קאָפּ איז אים דורכגעלאָפן דער געדאַנק פון קהלת, אַז עס איז נישטאָ קײן אונטערשיד צווישן מענטשן און אַ חיה. בײדע דאַרפן שטאַרבן. און אַלע, אַלע זענען גאָטס באַשע־פעניש. ער האָט זיך צוריק געזעצט אויף זײַן פּלאַץ און געעפנט אַ בוך, נאָר לײענען האָט ער נישט געקענט. ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן זײַן קראַנקער פרוי, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט דורכגעמאַכט די שווערע אָפּעראַציע.

אַ באַנגעניש אין אַ לבנה־נאַכט

איך האָב געהאַט אַ מאָדנע באַגעגעניש, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק.

דאָס איז געווען אַנהייב מערץ, אין אַ לבנה־נאַכט. איך בין שפּעט אין אָוונט אַרויס פון מיין חדרל און פּאַמעלעך אַוועק אַרומבלאָנקען איבער די זייטיקע געסלעך פון סאַוט ביטש.

איך בין אַוועק צו דער דריטער גאַס, צו די בענק, וואָס שטייען אונטער די פּאַלמען ביים ים, און זיך דאָרט אַוועקגעזעצט. אַרום איז געווען שטיל. פון די עטלעכע אַלטע פּאָרלעך, וואָס זענען געזעסן אויף די בענק, האָט מען קיין וואָרט נישט געהערט. אויך דער ים איז געווען רויק, מיט אַ פאַרשלאָפענעם געמורמל האָבן זיך געוויגט זיינע באַזילבערטע כוואַליעס.

אין דער גרויסער געביידע פון דעם „מיליאָן דאָלאַר פּיר‟, ווו מען גיט בורלעסק פאָרשטעלונגען, זענען שוין די לאָקנדיקע פייערלעך אויסגעלאָשן געוואָרן. דער לעצטער ספּעקטאַקל האָט זיך געענדיקט.

איך בין געזעסן און געטראַכט, אַז אייגנטלעך איז דאָ אין די אָוונטן נישטאָ זיך ווו אַהינצוטון. עס איז אַפילו נישטאָ צו וועמען אַריינצוגיין, כאָטש מען האָט אַ סך באַקאַנטע. טייל לעבן אין ענגשאַפט, צוזאַמענגעפּאָרט מיט פרעמדע מענטשן. ווי נאָר דער אָוונט פאַלט צו, זעצט מען זיך שפּילן אין קאָרטן. מען פטרט די צייט אויף פערד־ און הינט־געיעגן, בינגאָ, קאָרטן און אַנדערע אַזאַרטנע שפּילן. עפּעס זענען די מערסטע ייִדן וואָס קומען אַהער, צעטומלטע, היסטערישע און ווילן נישט וויסן, אַז זיי האָבן געדאַרפט האָבן גאָר אַנדערע אינטערעסן.

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן מיר נישט געגעבן קיין רו. און אַזוי טראַכטנדיק, האָב איך נישט באַמערקט ווי אַ פרוי איז צוגעקומען צו מיין באַנק און זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר.

איך האָב פאַרוווּנדערט אַ קוק געטון אויף איר מאָדנעם הילוך. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסע זומער־קלייד, עפּעס טשיקאַווע און אַלט־מאָדיש געניית. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ ברייטע שוואַרצע שטרויענע הוט און

פאַרביקע, קענטיק ביליקע, קרעלן אויפן האַלדז. אויסגעזען האָט זי צו זיין אַלט אַ יאָר פופציק, נאָר איר פּנים איז נאָך געווען צאַרט און שיין. אַ ווײַלע האָט זי געקוקט אויף מיר און געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— איך קען אייך — און אָנגערופן מיין נאָמען.

— זייער מעגלעך.

— און איר דערקענט מיך נישט?

איך האָב זי גוט אָנגעקוקט, ווי זי זיצט נעבן מיר אַ באַלויכטענע פון לבנה-שיין.

— ניין. איך קען זיך עפּעס נישט דערמאָנען ווו איך האָב אייך געזען.

— נו, יאָ, איך האָב זיך שטאַרק געביטן. אַ פערטל יאָרהונדערט איז שוין פון דאַן אָן פאַרביי. איין קליינינקייט, פינף און צוואַנציק יאָר אין לעבן פון אַ פרוי, אָבער איך געדענק אייך זייער גוט און בין אַ לעזערין פון אייערע געשיכטעס.

— אַזוי, איר זייט מיינע אַ לייענערין!

— נעמט זיך נישט איבער, ווייל נישט שטענדיק געפעלן מיר אייערע מעשיות.

— איז ווער זשע זייט איר פאַרט?

— רעגינאַ פּינקוס, אָבער ווען איך האָב זיך מיט אייך באַקאַנט, האָט מען מיך גערופן רעגינאַ טאָקער.

— רעגינאַ טאָקער, רעגינאַ טאָקער, — האָב איך אַ פּאָר מאָל ווידערהאָלט און אָנגעשטרענגט דאָס געדעכעניש, אָבער אַלץ אומזיסט.

— עס איז טאַקע אַ חידוש, — האָט זי אַ מאָדנעם שמייכל געטון, — אַ שרייבער זאָל האָבן אַזאַ קורצן זכרון. פיר מאָל אין איין נאַכט זיך מיר דערקלערט אין ליבע און — האָט מיך פאַרט פאַרגעסן. אַך, די מענער, די מענער. עס איז נישט אויסצוהאַלטן פון זיי.

— אָבער דאָך... דערמאָנט מיר ווו מיר האָבן זיך געזען.

איך האָב באַמערקט, אַז זי זעט אויס עפּעס צערודערט, ווי איינע וואָס איז נישט איינגאַנצן נאָרמאַל.

— דערמאָנט זיך אַליין, — האָט זי געזאָגט.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן און זי האָט אַלץ נייגעריק געקוקט אויף מיר.

— נו, מען דאַרף גיין שלאָפן, — האָב איך אומישנע געזאָגט און אָנגעטריבן געניצן.

די פרוי האָט זיך אַ צאַפּל געטון און כמעט אויסגעשריען:

— ניין, ניין, גייט נישט אַוועק. איך בעט אייך. איך וועל אייך אַלץ דערמאָנען...

ווי ווונדער שיין איז די פרוי געווען מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. זי האָט דאַן אויסגעזען אַזוי געזונט פיזיש און גייסטיק, אַזוי פריש און פול מיט פרייד.

איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אויף אַ שמחהלע, וואָס מיינע פריינט האָבן אַראַנזשירט לכבוד מיר. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אין אַ טונקל סאַמעטענעם קלייד, וואָס האָט פעסט אַרומגענומען איר יונגן קערפּער, האָט זי אינגאַנצן פאַרכאַפּט מיין אויפמערקזאַמקייט. מען האָט אונדז פאַרגעשטעלט; און איך בין דעם גאַנצן אָוונט פון איר נישט אָפּגעטראָטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט אַ סך געלייענט און איז גוט באַקאַנט מיט די שאַפונגען פון עטלעכע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן; שוין אָפּגערעדט פון דער רוסישער און יידישער ליטעראַטור. זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז קיין אַמעריקע איז זי געקומען מיט איר פאַמיליע אַלס קליין מיידעלע און אַז זי איז שוין פאַרהייראַט. אָבער איר מאַן פאַרטרעט אַ געוויסע פירמע, פאָרט אַרום איבערן לאַנד און זי איז אָפּט אַליין.

— איר וועט מיר דערלויבן אייך באַגלייטן אַהיים? — האָב איך איר געפרעגט.

— איך ווין זייער ווייט, — האָט זי געזאָגט. — איר וועט זיך דאַרפן אומקערן אין דער פרי.

— ווועמען אַרט עס. איר געפעלט מיר.

— גאָר אַזוי, — האָט זי געלאַכט און זיך לייכט צו מיר צוגעטוליעט, — די פּאָעטן זענען ווונדערבאַרע מענער. ווער נאָך ווי אַ דיכטער קען אָפּשאַצן די פּראַכט פון אַ פרוי.

אַזייגער פיר פאַרטאָג האָב איך איר באַגלייט אַהיים. אין סאָבווײ האָט זי אַלע ווײַלע מיד און פאַרשלאָפן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף מיין פּלייצע, געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן; און אויף איר ליבן צאַרטן פּנים האָט געשוועבט אַ צופרידענער שמייכל.

— איר שלאָפט? — פלעג איך יעדעס מאָל שטילערהייט אַ פרעג טון און גלעטן אירע האָר. זי פלעגט באַוועגן מיט די פולע רויטע ליפּן, אָבער גאָר־נישט זאָגן.

שפּעטער זענען מיר געשטאַנען ביי איר הויז. איך האָב זיך איר דערקלערט אין ליבע דאָס פערטע מאָל און געקושט אירע הענט. יאָ, דאָס איז טאַקע געווען אַזוי. פיר מאָל האָב איך זיך איר דערקלערט אין ליבע: אין יענעם אָוונט אויף דער שמחהלע און אין דער ווונדערלעכער פרילינג־נאַכט.

איבער די הויכע געביידעס, ווייט אין הימל איז געוואָרן ליכטיק. אַ ראָזעווע שיין איז אָפּגעגאַנגען אין מזרח.

— קען איך אייך באַגעגענען נאָך אַמאָל?
— ניין. צו וואָס?
— וועל איך אייך מער קיינמאָל נישט זען?
— ווער ווייס, — האָט זיך דערהערט איר מידער קול אין דער פּאַרטאַ־גיקער שטילקייט.

איך בין לאַנגזאַם אַוועק צוריק צו דער סאַבווי. אַ נייער פּרילינג־טאָג האָט געהאַלטן אין אָנקומען.

און אָט האָב איך זי געטראָפן אין דעם ווינטער גן־עדן פון אַמעריקע. ווען דער אומעט האָט מיך אַזוי געניאָגט אין דער שטילער לבנה־נאַכט האָבן מיר זיך דאָ צונויפגעטראָפן אויף אַ באַנק. אַלץ האָט עפּעס אויסגעזען ווי אין אַ חלום, דער טרויעריקער חלום פון לעבן.

— איר זייט שוין דאָ לאַנג? — האָב איך איר געפרעגט. — און וואָס טוט איר אין מיאַמי ביטש?

— איך בין קראַנק, — האָט זי געזאָגט.
— וואָס איז אייך?
— איך האָב געהאַט אַ נערוון־צוזאַמענברוך און מיין האַרץ איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט.
— און ווו איז אייער מאַן?

— ער איז געשטאָרבן נאָך מיט פופצן יאָר צוריק. אין אַ פרימאָרגן האָט מען מיך אָפּגערופן פון „פּענסילווייניע סטיישאַן", איך זאָל קומען אָפּנעמען זיין קערפּער. מען האָט אים געפונען אין באַן אַ טויטן. ער איז אויסגעגאַנגען אין אַ פולמאַן קאַר, אין שלאָף.

— און איר האָט מער נישט חתונה געהאַט?
זי האָט זיך ביטער צעלאַכט:

— וואָס האָט איר געוואָלט — איך זאָל חתונה האָבן אַלע מאָנטיק און דאָ־נערשטיק? גענוג פאַר מיר געווען איינמאָל.
— איז ווי זשע לעבט זיך אייך?

— אַ, זייער גוט, — האָבן אַ בלישטשע געטון אירע עטוואָס אויסגעשטאַר־טשעטע אויגן. — איך האָב אַ סך דערגרייכט נאָך מיין מאַנט טויט. אַזוי פלעג איך דאַרפן תמיד זיצן אין הויז און וואַרטן אויף אים. און איצט קומט ער ווען איך וויל...

— אַבי איר זייט צופרידן, — האָב איך געזאָגט, און גענומען פילן ווי פון

דער פרוי ווייעט אויף מיר אַ שרעק; מיין אומעט ווערט נאָך שאַרפער און דריקנדיקער.

— האָט איר אַ באַקוועמען צימער?

— זיכער, זיכער... אַלע טאָג דאַרף איך זיך קריגן מיט אַן אַנדער פרוי. מיר זענען פיר אין איין צימער. די עלטערע פון זיי דערגייט מיר די יאָרן.

איר פנים איז פלוצלינג געוואָרן בייז און זיך פאַרצויגן מיט אַ געדיכטן שאָטן.

— וואָס ווילן זיי פון אייך?

— זיי טראַכטן אויס, אַז איך גנבע שפּייז פון אייז־באָקס. זיי זאָגן, אַז איך בין אַ משוגענע. אָבער מיין טויטער מאַן קומט שטענדיק און טרייסט מיך, ווייל ער האָט מיך זייער ליב. „פאַרגיב זיי" — זאָגט ער — „זיי ווייסן נישט וואָס זיי טוען". איך פאַרגיב זיי, אָבער זיי שרייען אַלץ אַז איך בין אַ משוגענע.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך האָט זי מיר דערציילט, אַז נאָך איר מאַנס טויט האָט זי צען יאָר נאָכאַנאַנד געאַרבעט אין אַ שאָפּ און גוט פאַרדינט. דערצו איז איר פאַרבליבן אַ גוטע פּאָליסי פון אים. זי האָט געוווינט אין אַ קליינעם חדרל און אין די אָוונטן אַ סך געלייענט. אין די נעכט האָט זי גערעדט מיט גרויסע גייסטער פון אַמאָליקע דורות. דערביי האָט זי אָנגערופן נעמען פון באַוווּסטע דענקער און קינסטלער. עס איז קענטיק געווען, אַז זי האָט נישט פאַרגעסן וואָס זי האָט געלייענט.

— אַזוי, אַזוי, — האָב איך שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — און ווי פאַרברענגט איר איצט?

זי האָט זיך פלוצלינג צעלאַכט און איר פנים איז ווידער געוואָרן צאַרט און שיין, זי האָט אָנגעהויבן רעדן גאַנץ נאָרמאַל און אַפילו מיט הומאָר.

— איך וויל אייך עפּעס דערציילן וועגן אייערן אַ קאָלעגע, אַ דיכטער.

— ווי איז זיין נאָמען?

— איך געדענק נישט ווי מען רופט אים, נאָר ער איז זייער אַ טשיקאַווער ייִד און שוין גאָרנישט קיין יונגער מענטש. מסתמא קענט איר אים. ער האָלט זיך זייער וואַזשנע און טראָגט דעם נאָמען „פּאָעט" מיט אַ סך שטאָלץ און ווירדע. געקומען איז ער קיין מיאַמי ביטש אָנהויב ווינטער פאַרקויפן זיינע צוויי בענד לידער און סקיצן. האָב איך ביי אים געקויפט די ביכער און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען פון צייט צו צייט. אָ, מיין גאָט, וואָס פאַר אַ טראַגי־קאָמישע פּערזאָן דאָס איז. שטענדיק האָט ער נאָר גערעדט וועגן זיך און געגלעט דאָס בייכל, וואָס איז ביי אים גאַנץ היפּש. איז אָט זיץ איך מיט אים איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט ביים ביטש אונטער אַ פּאַלמע און מיר רעדן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. פּליִענדיק האָט אַ קאָלירטע פייגעלע אַפּנים דערהערט אונדזער געשפּרעך

און זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ צווייג פון דער פּאַלמע צווישערן. דערנאָך איז איר מסתמא נישט געפעלן געוואָרן זיינע בייזע מיינונגען וועגן אַנדערע קאָלעגן, וואָס ער האָט פאַר מיר אַרויסגעזאָגט, און דאָס פייגעלע האָט אים עפּעס אָפּגעטון גלייך אויפן מיטן פּליך. איז פּרעגט שוין גאַרנישט ווי ער איז געוואָרן אין כעס. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, אַוועקגעשטעלט זיך אין אַ פּאָזע, האַלטנדיק דעם שווערן קערפּער אַ ביסל אויף אַ זייט, און פּאַטעטיש אויסגעשריען, ווישנדיק זיך דעם פּליך:

— געהערט אַ חוצפּה פון אַ פויגל. קיין אַנדער אָרט האָט ער נישט געפונען ווי נאָר דעם קאָפּ פון אַ פּאָעט!

— איך האָב זיך אַזוי צעלאַכט, אַז מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אונדז אָנקוקן. ער האָט זיך אויף מיר אָנגעבלאָזן און איז אַוועק. מער האָב איך אים שוין נישט געזען.

— טאַקע טשיקאַווע.

— אָט אַזוי זייט איר אַלע, — האָט איר קול שוין געקלונגען ערנסט. — טראַגי־קאָמישע פיגורן.

איך האָב פּאַרזיכטיק פּרובירט איר דערקלערן, אַז די געשיכטע מיט דעם דיכטער און דאָס פייגעלע געפעלט מיר, אָבער אַזוי רעדט זי נישט צו דער זאַך. האָט זי זיך אַ צאַפּל געטון, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און זי האָט גענומען זשעסטיקולירן מיט די הענט און זיך פּאַרטיידיקן הויך אויפן קול. פּאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אונדז אָנגעקוקט, ווי איינער זאָגט: „מאַן און ווייב האָבן געפונען דעם ריכטיקן פּלאַץ און צייט צו קריגן זיך".

— באַרויִקט זיך, — האָב איך זיך ביי איר געבעטן.

— איר רעדט אַזוי ווי די ווייבער, ווי די יאַכנעס, מיט וועלכע איך שלאָף אין איין צימער.

דערנאָך איז זי געזעסן שטיל און געקוקט אויפן ים.

איך האָב זיך אויפגעהויבן און געזאָגט, אַז איך מוז גיין שלאָפן. איך האָב גענומען איר אַדרעס און צוגעזאָגט קומען צו איר אָדער מיר וועלן זיך טרעפן אויף דער זעלבער באַנק. איך האָב געדריקט איר האַנט.

— אַ גוטע נאַכט, מיין אַלטער פריינט!

זי האָט אַ שמייכל געטון און אַ ציטער איז דורך מיין לייב.

— איך וועל וואַרטן אויף אייך, — האָט זי געזאָגט. — ווען וועט איר קומען?

— דאָס ווייס איך נישט. אפשר מאָרגן און אפשר אין אַ וואָך אַרום. איך בין אַזוי פאַרנומען.

— גוט, גוט. קומט ווען איר ווילט. איך בין כמעט אַלע אָוונט דאָ ביים ים.

תלוש (איסר מוסעלעוויטש)

איך בין פּאַמעלעך אָפּגעטראָטן פון איר און זיך געלאָזט גיין צוריק. איך האָב געטראַכט וועגן די שווערע אומשטענדן וואָס האָבן געבראַכט די אומגליקלעכע פרוי צו איר קרענקלעכן צושטאַנד. איך האָב זיך דערמאָנט סצענקעס פון יענער פרילינג־נאַכט, מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אויף דער שמחהלע, וואָס מען האָט אַראַנזשירט לכבוד מיר. דער אומעט האָט מיך נאָך שטאַרקער געדריקט.

דער בוים רוישט

איך האָב געוווסט, אַז די דיכטערין מאַשאַ געפינט זיך אין קאַליפאָרניע. אָבער אָט זיץ איך ביי באַקאַנטע און מען זאָגט מיר, אַז באַלד וועט זי קומען צו זיי. וואָס, זי איז שוין צוריק אין ניו־יאָרק?

נישט לאַנג דאַרף איך וואַרטן, מאַשאַ קומט אַריין. זי איז געקומען זיך געזעגענען. מאָרגן פאָרט זי אַוועק קיין פלאָרידאַ אויפן גאַנצן ווינטער. נייע מענטשן, נייע באַגעגענישן. די ווונדערבאַרע שטאָט מיאַמי ביטש, וואָס זי האָט שוין אַזוי לאַנג געוואָלט זען. מאַשאַ איז גוט געשטימט און וויצלט זיך מיט אַלעמען. זי דערציילט, אַז געלט האָט זי גענוג. די לעצטע צייט האָט זי געאַרבעט ביי קליידער און נישט שלעכט פאַרדינט. דערצו האָט זי באַקומען גאַנצע פינף דאָלאַר פאַר אַ ליד פון אַ רוסישער צייטונג. קורץ, זי איז רייך און באַרימט. אַלע ווינטשן איר אַ גליקלעכע רייזע און זי גייט אַוועק אין איילעניש. די באַלעבאָסטע דערמאָנט מאַשאַס געליבטע. אָ, זי האָט זיי געהאַט אַזוי פיל! מסתמא האָט זי אויך עמעצן אין פלאָרידאַ. מען רעדט אַ ביסל ציניש און דערנאָך פאַרגעסט מען אָן איר.

דער ווינטער איז אַוועק. אָנהויב פרילינג דערציילט מען מיר, אַז מאַשאַ איז שוין דאָ צוריק פון פלאָרידאַ און ליגט אין שפּיטאָל. עפּעס איז נישט גוט מיט איר האַרץ. איך זע זי פאַר מיינע אויגן, ווי זי איז געווען ביי מיינע באַקאַנטע און זיך געזעגנט מיט זיי פאַרן אַוועקפאָרן. איר קלוגער, רונדער פּנים שמייכלט ליב און די קליינינקע פיגור איז לייכט, באַוועגלעך, און אין שיין פון די טונקל־בלוילעכע אויגן אַ סך ראָזעווע האָפענונגען און נישט פאַרענדיקטע צאַרטע לידער וועגן ליבע און פרייד. יאָ, דער וואַרעמער קלימאַט פון פלאָרידאַ וועט אויפטון ווונדער פאַר איר. זי האָט שוין אַפּנים דאַן פאַרדעכטיקט, אַז זי איז אַ חולה מסוכן און נישט געוואָלט מען זאָל וויסן וואָס איר איז.

מיינע באַקאַנטע האָבן מיך איינמאָל גענומען צו איר אין שפּיטאָל. זי האָט זיך געהאַלטן בראַוו, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי פאָרשט מיט אַ קוים מערקבאַרן בייזן בליק אונדזערע פּנימער: ווי קוקן מיר אויף איר? זי האָט אויך

נישט געוואָלט הערן אונדזערע טרייסט־ווערטער און מיט אַן אומעטיקן מידן שמייכל געענטפערט:

— זיכער וועל איך ווערן געזונט. איך וויל נאָך אַרויסגעבן אַ בוך פון מיינע נאַטור־לידער. אַט וועל איך אייך מיט אַמאָל איבערלאָזן אַזאַ שיינע וועלט און אַוועקשטאַרבן. ניין, אַזאַ נאַרישקייט וועל איך נישט אָפּטון!

אין מיטן זומער איז זי אַרויס פון שפּיטאָל און מיר האָבן זיך געזעגנט באַגעגענען אָפטער ביי אונדזערע אַלגעמיינע באַקאַנטע. זי האָט פאַרלוירן אין וואָג און דאָס פּנים אירער האָט אויסגעזען ווי ביי אַ קראַנקער מיידעלע.

זי האָט זיך אַלץ געוויצלט, אַז זי ווערט וואָס אַ יאָר יינגער און וועט באַלד קריגן אַ „פיגורקע" פון אַ שלאַנקער זעכצן־יעריקער מיידל. אַט דער אַלטער דאָקטאָר פון שפּיטאָל האָט איר געהייסן זיך פאַרליבן אין אַ יונגן בחור. אָדער זי פלעגט מיט אַמאָל אויפלעבן, מאַכן אַלעמען פריילעך און מיט זשעדנעקייט איינזויגן אין זיך דאָס אַרומיקע לעבן און אָפּנים זוכן אַלץ צו פאַרטומלען דעם שרעקלעכן געדאַנק, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געעגבערט איר מוח, אַז דער סוף איז אפשר אַזוי נאָענט.

קיין עלטערן האָט מאַשאַ נישט געהאַט. זיי זענען געשטאָרבן. די ברידער און שוועסטער האָבן זיך געפונען אין דער וויטער וועסט. דערצו זענען זיי איר געווען כמעט ווי פרעמדע. יענע האָבן שטענדיק געזוכט וואָס מער צו פאַרדינען געלט און זי האָט געלעבט אָן אַ תכלית. זי האָט אויך נאָר געוואָלט זיין פריי און נישט ווערן אָפּגעריסן פון דער ניו־יאָרקער רוסישער שרייבער־משפחה, וווּ מען האָט איר געהאַלטן פאַר אַ באַגאַבטער דיכטערין. פלעגט זי זייער זעלטן הערן פון אירע אייגענע. אויך זי האָט זיי נישט געשריבן. גיי דערצייל זיי, אַז זי איז שוין באַלד אַלט פערציק יאָר און נאָך אַלץ נישט חתונה געהאַט!...

אין יולי זענען געשטאַנען שווערע היצן. מאַשאַ האָט זיך געפילט שלעכט אין דאַון־טאַון, וווּ זי האָט געהאַט אַ קליינעם חדרל. אַרבעטן האָט זי שוין נישט גע־קענט. נאָר זי פלעגט אָפטער דרוקן לידער און קריגן נישט שלעכט באַצאָלט. דער רעדאַקטאָר איז געווען אַ ליבער מענטש און פאַרשטאַנען איר לאַגע. ער האָט אויך פאַר איר כלומרשט געקראָגן אַ פאַרלעגער, וועלכער האָט איר געגעבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר אַן אַוואַנס, אַז זי זאָל פאָרן צום ים און נישט אַזוי ליידן פון די היצן.

— קריגט פאַר מיר אַ צימערל ביים וואַסער און איך וועל קומען צו זיך, — פלעגט זי מיר זאָגן.

זי האָט געדונגען אַ צימער אין אַ גרויסן אַלטן הויז, נישט ווייט פון ים. זי פלעגט אַלע טאָג זיצן אַ ביסל אויפן ביטש און זיך וואַרעמען אַנטקעגן דער זון.

זי האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע און זיי פּלעגן איר נישט לאָזן בלייבן אַליין. זי פּלעגט גיך ווערן באַפריינדעט מיט מענטשן, וועלכע זי האָט נישט אַלע מאָל פאַרשטאַנען און געקענט אָפּשאַצן. עס איז געווען גענוג פאַר איר אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט, אַ קאָמפּלימענט פאַר אירס אַ ליד, און זי איז שוין געווען באַגייסטערט. כמעט אַלע אָוונט האָט זי עמעצער איינגעלאַדן צו זיך אַ ביסל פאַרברענגען. זי איז אומעטום גערן געגאַנגען. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. זי האָט געמוזט אַלץ אָפּטער פאַרבלייבן אין בעט.

— מיין גאָט, — פלעגט זי זאָגן, — די זון איז פאַר מיר געוואָרן נישט גוט, די זון מאַכט מיך מיד. ווי וועל איך איצט לעבן?

איצט האָבן שוין אַלע אירע פריינט און באַקאַנטע געוווּסט אין וואָס פאַר אַ געפאַר זי איז. אייניקע פרויען, וואָס פלעגן זי תמיד באַריידן פאַר איר פרייען לעבן, האָבן זיך שטאַרק גענומען אינטערעסירן מיט איר. זיי פלעגן איר ברענגען מתנות: זיידענע אונטערוועש, קאָלירטע קליידלעך און געפאַרבטע שאַלן, וואָס האָבן מיט זייערע בונטע פאַרבן זי גערייצט צום לעבן ביז ווייטיק.

קומען פלעגן זיי צו איר כמעט שטענדיק פאַרנאַכט, נאָכן באָדן זיך, אָפּגעברענטע פון דער זון, פרישע פון וואַסער, אין לייכטע דורכזיכטיקע קליידער, מיט אַ סך הייסע פאַרלאַנגען אין די וואַרעמע גלידער, און רעדן צו איר שטיל און גוט. דערנאָך פלעגן זיי פאַמעלעך זיך אַרויסשאַרן איינע נאָך דער אַנדערער.

— די כוחות גייען מיר אויס, — פלעגט זי רעדן צו מיר מיט פאַרביטערונג — וואָס קומען זיי צו מיר אַלע מיט אַמאָל און איילן זיך אַוועקצוגיין.

דערנאָך ליגט זי אויף דער וויכער קושעטקע און שווייגט אַ ווײַלע. אין צימער איז שוין האַלב טונקל. דער הויכער, ברייט־פאַרצווייגטער בוים הינטער אירע פענצטער רוישט שטיל. איך קוק אויף איר און טראַכט: מיט וואָסערע ווערטער זאָל איך זי טרייסטן און נעם זיך קלאָגן, אַז איך אַליין בין אויך קראַנק. שוין אַזויפיל מאָל געלעגן אין שפיטאָל. און ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן קען ברענגען. אָבער אָט לעבט מען דאָך. זי גיט נייגעריק אַ קער דעם קאָפּ צו מיר און קוקט מיך אָן מיט אַ לאַנגן פאַרשנדיקן, אַ ביסל פאַרקרימטן בליק. איך זע גוט דעם אויסדרוק פון איר פּנים. די שטריכן זענען אַזוינע מאָדנע, פרעמדע און קוים מערקבאַר־שפּיציקע. אַ ציטער גייט דורך מיין לייב. דאָס געדויערט אַ פּאָר מינוט.

— דאָס לעבן איז אַ טרויעריקע מעשהלע, — זאָגט זי דערנאָך שטיל און קוקט ווידער צום פענצטער, ווו דער הויכער בוים רוישט.

אַ ווײַלע זיצן מיר אין דעמערונג. מאַשאַ פּאָעטיזירט עפּעס וועגן בוים, וואָס דערציילט מיט זיין רוישן כלומרשט וועגן איר לעבן. דאָס פאַרפאַסט זי אַ ליד.

איך ווייס, אַז באַלד וועט אָנקלאַפּן אין טיר אירער אַן אַלטער פריינט, אַ רוסישער זשורנאַליסט, מיט וועמען זי האָט אַמאָל געפירט אַ ליבע. צום סוף האָט זי אים פאַרראַטן און ער איז פאַרבליבן אַ בחור. דאָס איז אַ מאַן שוין אַריבער די זעכ־ציק. איצט האָט ער זיך דערוווּסט וועגן איר קראַנקייט און איר אַלץ פאַרגעבן. ער קומט אַריין מיט שטילע טריט, גייט צו צו מאַשאַן, פרעגט זי ווי זי פילט? זי נעמט זיך פעשטשען פאַר אים און ער גיט איר עסן פון זיין האַנט.

— איך בין אַזאַ נאַריש מיידל, — דערהער איך ווידער איר שוואַכן קול, — אַט פראָסטע פרויען האָבן מענער, קינדער און אַ היים, אַן אייגן ווינקל, און איך וועל שטאַרבן אין אַ פרעמדער בעט. אָך, וואַסילי פעטראָוויטש האָט מיך אַזוי ליב געהאַט און פאַר מיר ממש געוויינט, אַז איך זאָל מיט אים חתונה האָבן. און ער איז מיר געווען געפעלן, נאָר דער טייוול האָט מיך פאַרדרייט ווי אין אַ זאַווערוכע, אַז איך האָב נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. און ער איז אַזאַ פיינער מענטש. טראָגט נישט קיין כעס אויף מיר. קומט אַלע אָוונט, אַלע אָוונט.

דערנאָך פאַנטאַזירט זי ווידער וועגן דעם בוים הינטער איר פענצטער, וואָס מיט זיין רוישן דערציילט ער כלומרשט די טרויעריקע מעשהלע וועגן איר לעבן.

מיר אַלע זענען געווען אויסערגעוויינלעך גוט צו איר און אין דער זעלבער צייט האָט מען ווי געוואַרט אויף איר טויט. אומעט האָט זיך נאָכאַנאַנד געטראָגן אַרום איר און אונדז געשטערט צו זיין פריילעך און לאַכן זאָרגלאָז. פאַרזיכטיק פלעגט מען איר ראַטן אַוועקצוגיין אין אַ האָספּיטאַל, ווו זי זאָל האָבן אַלע באַקוועמלעכקייטן.

מאַשאַ פלעגט פון די דאָזיקע גוטע עצות ווערן שטאַרק פאַרביטערט. זי וויל נישט ליגן מיט קראַנקע. זי האָט עס שוין געהאַט גענוג. זי האָט איצט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָלט לעבן. עפּעס האָט זיך אין איר אָנגעצונדן אַ מאָדנע האָפענונג, אַז מיט איר וועט געשען אַ נס און זי וועט ווערן געזונט. דאַן וועט זי גלייך חתונה האָבן מיט וואַסילי פעטראָוויטשן. זי פלעגט אונדז בעטן מאַכן ביי איר אין צימער קליינע שמחהלעך און מיר פלעגן דאַרפן זינגען פאַר איר אין כאָר רוסישע און ייִדישע פאָלקס־לידער און סענטימענטאַלע ראָ־מאַנסן. דער רוסישער זשורנאַליסט פלעגט יעדעס מאָל ברענגען גענוג פאַר־בייסנס און משקה.

מאַשאַ, אָנגעטאָן אין אַ פאַרביק קליידל, אַ קליינינקע און אַן אויסגעדאַרטע, פלעגט זיצן אויף דער ווייכער קושעטקע, אָטעמען שווער און זוכן צו שמייכלען מיט די שטאַרק אָנגעפאַרבטע ליפּן.

די לויה, אויף וועלכער מיר האָבן אַלע נישט ווילנדיק געוואַרט, איז נישט

פאַרגעקומען. אייניקע פון אירע פריינט זענען זיך צעפאָרן פון ים. זיי זענען געווען צופרידן וואָס מאַשאַ לעבט און דאָך אַ ביסל ווי אַנטוישט. די דאָקטוירים האָבן אָפּגענאַרט. פריִער האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז מער ווי נאָך אַ פּאָר וואָכן קען זי נישט לעבן און עס זענען שוין פאַרביי צוויי חדשים.

עס איז געקומען דער האַרבסט. אין גרויסן אַלטן הויז זענען פאַרבליבן איך, מאַשאַ און אַן אַלטע פאַרפאַלק. דערצו האָט זיך אויך באַזעצט דאָרט דער רוסי־שער זשורנאַליסט וואַסילי פּעטראָוויטש, וועלכער האָט גענומען אַ חודש וואַקאַ־ציע פון זיין צייטונג. אַ פרוי פלעגט אויך קומען אויפפּאַסן אויף דער קראַנקער אַ גאַנצן טאָג (דאָס איז אַלץ געווען אויפן זשורנאַליסטס חשבון). מאַשאַ פלעגט מערסטנס ליגן אין בעט און דער בוים הינטער איר פענצטער האָט פון צייט צו צייט געררוישט אַלץ אומעטיקער.

איך האָב ליב געהאַט צו קוקן ווי וואַסילי פּעטראָוויטש דערלאַנגט מאַשאַן עסן. דערביי האָט ער תמיד דערציילט אַ שפּאַס, אָדער אַ וויץ, און זי פלעגט שמייכלען אָדער שטיל לאַכן. אויפלעבן אויף אַ ווײַלע. דאָס פּנים פלעגט פּלוצלינג פאַרלירן דעם מאָדנעם שאַרפן אויסדרוק און איך האָב נישט איינמאָל געטראַכט: אפשר וועט זי טאַקע ווערן געזונט. זי האָלט זיך אַזוי שטאַרק אָן לעבן, ווער ווייסט?...

און עס האָט טאַקע אויסגעזען, אַז מאַשאַן איז בעסער געוואָרן.

זי האָט אָנגעהויבן אָפּטער אַראָפּגיין פון בעט.

— וואָט ווידיש, דאַראָגאַיאַ, — האָט זיך געפרייט וואַסילי פּעטראָוויטש.

— מיר וועלן נאָך דעם ווינטער צוזאַמען אַוועקפאָרן קיין פלאָרידאַ.

— איך וועל געזונט ווערן, — פלעגט מאַשאַ צושאָקלען מיטן קאָפּ אַן אויסגעדאַרטע און אַ קליינינקע מיט אַ ווייטן שיין אין די אויגן.

— —

עס האָט זיך אָנגערוקט אַ כמאַרנער פאַרנאַכט. די פרוי, וואָס האָט אויפ־געפּאַסט אויף מאַשאַן, איז אַרויס עפּעס איינקויפן און זי האָט מיר געבעטן אַז איך זאָל אויף אַ ווײַלע אַריינגיין צו דער קראַנקער. מאַשאַ איז געלעגן אַ פאַר־טראַכטע. נאָר פּלוצלינג האָט זי מיך אַ רוף געטון. איך בין צוגעקומען.

זי האָט עפּעס געזאָגט. איך האָב נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס ווילט איר, מאַשעטשקאַ?

— ליבער וואַסילי פּעטראָוויטש, גיב מיר אַ קוש! — האָב איך קלאָר דער־הערט איר קול, — נעם מיך אַרום. איצט וועל איך אויף אייביק זיין דיינע.

זי האָט זיך אַ ביסל אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט אירע ציטערנדיקע הענט, ווי וועלנדיק אַרומכאַפּן איר געליבטן, וואָס זי האָט אַמאָל פאַרראַטן.

אַ שווידער איז דורך מיין לייב. איך האָב איר געזאָגט, אַז וואַסילי פּעטראָ־וויטש וועט באַלד אַריינקומען און בין שטיל צוגעגאַנגען צום פענצטער. אָבער זי האָט מיך ווידער גערופן.

— אַך, וואָס טוט זיך עס מיט מיר. איך האָב אייך נישט דערקענט. ברענגט מיר אַ ביסל הייסע קאַווע פון קיך.

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך זיך צוריקגעקערט און איר דערלאַנגט צום מויל די טאַס קאַווע. זי האָט אַ זופּ געטון.

— די קאַווע איז קאַלט, — האָט זי געזאָגט און אַ שמייכל געטון.

— גוט, איך וועל עס אויפקאָכן.

— מען דאַרף נישט. איך וויל אַ ביסל איינשלאָפן. זיצט דאָ מיט מיר ביז וואַסילי פּעטראָוויטש וועט קומען.

זי האָט זיך אויסגעצויגן און פאַרמאַכט די אויגן...

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און זיך דערמאָנט פאַרשידענע געשיכטעס פון אירע פילע ליבעס, וואָס מען האָט מיר דערציילט, און געטראַכט: ווו זענען איצט די אַלע מענער, וועלכע זי האָט געלאַסטשעט און געליבט? טאַקע פאַרברענט געוואָרן ווי אַ שמעטערלינג אַרום פייער פון לעבן, ווי די באַלעבאָסטע פון הויז, ווו איך האָב זיך באַקענט מיט מאַשאַן, פלעגט זיך אָפּט אויסדריקן.

און דער בוים הינטער אירע פענצטער האָט אַלץ טרויעריקער גערוישט.

דער קוש

1

ביידע זענען געווען נאָך גאָר יונגע מענטשן. דאָס מיידל איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר און האָט שוין אַ לענגערע צייט געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער אין אַ יידישן האָספּיטאַל. און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן „אינטעליגענט”. זיך געשאַרט אַרום שרייבער, אַקטיאָרן און מאַלער, אַרויסגעזאָגט מיינונגען וועגן קונסט, געטראָגן לאַנגע האָר און פלעגט אָפט, דיר נישט מיר נישט, קנייטשן זיין אָפּענעם הויכן שטערן און זשמורען די אויגן, אָט ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס האָט עפּעס אין מאַרך און פאַרשטייט אַ סך אין די „קליינע אותיות”...

די מערסטע צייט פון יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען ליידיק אָדער כלומרשט געזוכט אַ באַשעפטיקונג און ווי עס איז זיך דורכגעשלאָגן. עס זענען געווען גוטע ברידער און דערצו האָט ער געהאַט רייכע קרובים ביי וועלכע ער האָט שטענדיק אין אַ נויט געקענט כאַפּן אַ פינף און צוואַנציקער און מער. וועגן חתונה האָבן האָט ער ווייניק געטראַכט, ווייל די מיידלעך, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפן אין די קיבעצאַרניעס און קאַפעטעריעס, זענען אים נישט געווען צום האַרצן. דיסקוטירן מיט זיי וועגן פאַרשידענע פּאָליטישע און ליטעראַרישע פראַגן — דאָס יאָ, כאָטש ביז פאַרטאָג. און אַ שפּיל טון זיך איז אויך נישט געפערלעך. אָבער זיך פאַרליבן און חתונה האָבן מיט אַזאַ, האָט אים זיין בירגערלעך האַרץ נישט דערלאָזט. אַ פרוי האָט ער געוואָלט האָבן אַ ריינע, אַ שטילע און אַ שעמעוודיקע. עס וואָלט אויך נישט געשאַדט זי זאָל זיין אַ ביסעלע פרום און אַפילו פרייטיק צו נאַכטס בענטשן ליכט. עס איז פאַראַן אַן אייגנאַרטיקע שיינקייט אין דעם. מען דאַרף קוקן מיט אויגן פון אַ קינסטלער אויף אַלץ. וואָס האָט ער נישט קיין צייט? אינגאַנצן האַלט ער ביי די דרייסיקער.

יאָ, ער איז אויך געווען גאַנץ גוט געוואָקסן, נאָר זיין פּנים האָט פאַרמאָגט עטוואָס ווייבלעכס און דאָס האָט אים אָפט געמאַכט אויסזען ווי אַ „זיידע־

נער יונגערמאַנטשיק״ און פאַרשאַפט פאַרדרוס. אַ מאַן דאַרף האָבן אַ שטאַרקן פּנים און זיין פאַרהאַרטעוועט. נאָר ער פלעגט זיך טרייסטן, אַז ווען ער גיט נאָר אַ ווונק ווערט יעדע מיידל פון זיין קרייז זיין געליבטע און דאָס פלעגט אים אַ ביסל באַרויקן.

2

איינמאָל האָט מיט אים פּאַסירט אַ מערקווירדיקער צופאַל. ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער קראַנקן־שוועסטער דאַשעווסקי גאָר אומדערוואַרט און צופע־ליק. דאָס מיידל האָט געהאַט אַ פרייען אָוונט און איז אַריין אין דער קאַפעטעריע, ווו ער איז געזעסן ביי אַ טישל אַ ביסל אַ פאַרחלומטער און געקנייטשט דעם שטערן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים ביים זעלבן טישל, געוואָלט אויף גיך אויסטרינקען איר טאַס קאַווע און אַוועקגיין. קיין מאָל איז זי נאָך דאָ נישט געווען, כאָטש נישט איין מאָל האָט איר געצויגן אַהער אָנקוקן די אַלע „אינטערעסאַנטע״ טיפּן, וואָס פילן אָן יעדן אָוונט דעם פּלאַץ, ריידן הויך און פילן זיך פריי. נאָר די אַביסל פאַרשטיקטע לופט האָט איר גענומען מאַכן ענג אין האַלדז און אין ברוסט.

דערווייל האָט זי באַמערקט, אַז דער מאַן וואָס זיצט מיט איר האָט אָנגעהויבן זשעדנע צו קוקן אויף איר בויגיקן שלאַנקן קערפּער. זי האָט זיך דערפילט אָנגע־נעם אויפגערעגט און נישט געקענט רויק איינזיצן אויפן שטול. זי האָט אָנגעקוקט זיינע לאַנגע האָר, דעם הויכן שטערן און אַ טראַכט געטון, אַז ער איז זיכער אַ באַוווסטער שרייבער. דערנאָך האָט זי זיך פלוצלינג צעשמייכלט, פון וואָס איר פּנים, מיט די עמוואָס כינעזישע שטריכן, איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך ליב.

— זי איז נישט קיין ייִדישע, — האָט געטראַכט דער יונגערמאַן, — זעט אויס ווי אַ מאָנגאָלישער טיפּ. עפּעס זענען זייערע פּנימער ווי פאַרצויגן מיט דורכ־זיכטיקן, ליכטיקן און דאָך אַ ביסל אומעטיקן וואָלקנדל און דאָס מאַכט זיי נאָך וווּנדערבאַרער ווען זיי שמייכלען.

— איר זייט אַ ייִדישע? — האָט ער אַ פרעג געטון און זיך אַפילו נישט אַנטשולדיקט, וואָס ער הויבט אָן צו ריידן מיט אַן אומבאַקאַנטער מיידל.

— אַ ייִדישע, אַ ייִדישע, — האָט זי זיך צעלאַכט.

אַזוי האָבן זיי זיך באַקאַנט, דערנאָך דערפילט פריי און מען איז אָפּגעזעסן אין קאַפעטעריע מער ווי צוויי שעה. מען האָט גערעדט וועגן פּאָליטיק און ליטע־ראַטור און גלאַט אַזוי וועגן אַלץ אין דער וועלט.

דאָס מיידל האָט אויך אגב אורחא געוואָלט וויסן מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך, נאָר ער האָט נישט געענטפערט. איז דען וויכטיק וואָס מען טוט?!

נאַרישקייטן, דער מענטש אַליין דאַרף פאַרמאָגן אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט אים אינטערעסאַנט און גייסטיק רייך. מיס דאַשעווסקי האָט צוגעשטימט, אָבער אירע מאַנגאַלישע אויגן האָבן קוים מערקבאַר געשמייכלט און אַפילו אומבאַמערקט אָפּגעלאַכט פון דעם יונגן מאַן, וועלכער זעט אויס נישט באַזונ־דערס קלוג. זי, דאָס פּראַקטישע מיידל, וועלכע האָט זיך שוין אָנגעזען מיט אַזוי פיל צרות אין האָספּיטאַל, האָט געמיינט, אַז זי וויס מיט וועמען זי האָט צו טון. אַזעלכע מענער זענען אָפט גוטע פאַרדינער, איז איר דורכגעלאָפן אין קאָפּ, און עס איז נישט שלעכט מיט זיי חתונה צו האָבן. מען קען תמיד הערשן איבער זיי און פאַר וויבערישע טרערן ציטערן זיי, ווי פאַרן גרעסטן אומגליק און וועלן אַלץ נאָכגעבן. דערצו איז ער אַ שיינער און זעט אויס צו זיין אַ שטאַרקער מאַן.

פון קאַפעטעריע זענען זיי אַרויס צוזאַמען. אַריינגיין אין אַ מוווי איז געווען צו שפּעט, האָבן זיי פּאַמעלעך אַרומגעשפּאַצירט איבער די ברייטע טראָטואַרן פון יוניאָן סקווער. עס איז געווען אָנהייב האַרבסט. דער אָוונט איז געשטאַנען אַ קי־לער. ביידע זענען זיך אַלץ מער געפעלן געוואָרן. דער יונגער מאַן איז גאָר געווען באַגייסטערט פון דער מיידל. (אמת, דערביי האָט זיך טיף אין אים ערגעץ פאַר־קליבן אַ געדאַנק, אַז ווען מען האָט חתונה מיט אַ נוירס, קען מען שוין ווי עס איז זיך דורכשלאָגן, ווייל זי וועט שטענדיק עפּעס פאַרדינען. קראַנקע זענען פאַראַן אַ סך). אָבער גערעדט האָט ער וועגן שעקספּירן, טאָלסטאָיען און דאָסטאָ־יעווסקין. ער האָט געוואָלט זיין נייע באַקאַנטע נעמען מיט אין „קלאַפּ‟, אַז זי זאָל ווערן אַ צעטומלטע פון זיין „גרויסקייט‟. ער טראַכט אַפילו אָנצושרייבן אַ בוך וועגן די דריי גייסטיקע ריזן. פעלט נאָר די נויטיקע שטימונג, די רו און באַק־ווועמלעכקייט.

אַז זיי האָבן זיך געזעגנט ביים אַריינגאַנג פון אַ סאָבוויי איז שוין געווען נאָענט צו האַלב נאַכט. זיי האָבן אָפּגערעדט קומענדיקע וואָך ווידער צו טרעפן זיך אין דעם זעלבן אָוונט און אין דער זעלבער קאַפעטעריע. אמת, פאַר אים איז עס צו לאַנג צו וואַרטן. ער וואָלט זי געוואָלט זען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן. אָבער זי האָט נאָר איין פרייען טאָג אין דער וואָך. דאַרף זי זיין ביי אירע עלטערן, באַזוכן אַ פּאָר פריינט און אַ ביסל גלאָט אַזוי גיין איבער די גאַסן און זיך אַריינ־כאַפּן אין אייניקע סטאָרס, כדי עפּעס צו קויפן.

זי האָט געדריקט זיין האַנט, אַזוי ליב געשמייכלט, אַז ער האָט מער גאָר־נישט געקענט זאָגן.

3

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען אַלע וואָך. דער יונגער מאַן האָט זיך גיך

פאַרליבט אין דער נוירס מיטן אַ ביסל מאַנגאַלישן פּנים און שלאַנקן בויגיקן קערפּער. ער האָט וועגן איר כמעט נאָכאַנאַנד געטראַכט, אָבער דאָך האָט ער נישט געהאַט אַ מינוט קיין רו און זיך געפילט צעריצט. און אַלץ איבער אַ קליי־ניקייט, וואָס אַן אַנדער מיידל, מיט וועלכער ער טרעפט זיך אין קאַפעטעריע, וואָלט גליך דערפילט זיין ווונטש און אים אַזוי נישט געמאַטערט. ער האָט גע־וואָלט אַז מיס דאַשעווסקי זאָל אים אַ קוש טון אויף די ליפּן. זי זאָגט דאָך אַליין, אַז ער געפעלט איר „זייער און זייער שטאַרק". אָט זיצט ער מיט איר אַלע דינסטיק אָוונט אויף יוניאָן סקווער, ערגעץ אַן אַ זייט אויף אַ באַנק. זי טוליעט זיך צו אים און ער האַלט איר אַרומגענומען, שעפּטשעט לאַסטשענדיקע ווערטער און בעט זיך, אַז זי זאָל אים אַ קוש טון אויף די ליפּן (עס איז שוין די דריטע וואָך ווי ער האָט פאַרגעסן אַן די גייסטיקע ריזן: שעקספּיר, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי). זי וועט אים גערן אַ קוש טון אין שטערן, אָבער נישט אויף די ליפּן.

— פאַרוואָס? — פילט זיך באַליידיקט דער יונגער מאַן. איז דען פאַראַן אַ געפאַר אין דעם, אַז זי, אַלס נוירס, וויל עס נישט טון? ער איז דאָך געזונט.

— ניין, ניין! — ווידערהאַלט דאָס מיידל. מען דאַרף עס נישט איצט. מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען.

— אָבער ווען? — פרעגט ער אומגעדולדיק. — פאַרן טויט?! — און ציטערנ־דיק מיטן גאַנצן קערפּער, גיט ער זי פּלוצלינג אַ צי צו זיך און זוכט אירע ליפּן מיט געוואַלט. נאָר דאָס מיידל איז שטאַרק, פלינק ווי אַ קאַץ און גליטשט זיך לייכט אַרויס פון זיינע הענט.

— סעם, טו עס נישט מער, — זאָגט זי, און גלעט צו אירע האָר פון קאָפּ.

— האָב געדולד.

— איך וועל אַראָפּ פון זינען, — פאַלט ער צו מיטן קאָפּ צו איר ברוסט.

— נו, נו, נישט געפערלעך, — ווערט זי צאַרט צו אים און גלעט זיין פּנים.

— זיי אַ גוטער יינגל.

ענדלעך האָט דער יונגער מאַן באַשלאָסן צערייסן זיין פריינטשאַפט מיט דער נוירס. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט אַלע מיידלעך און וואַרט נאָר אויף איר. דאָס איז נאַריש. זי שפּילט זיך מיט אים ווי „אַ קאַץ מיט אַ מויז" און צום סוף וועט זי אים אָוועקוואַרפן. דאָס נישט וועלן אים אַ קוש טון אין מויל איז ביי איר אַ פּשוטער קאַפּריז, אַן איינגעשפּאַרטקייט.

איינמאָל געזאָגט אַז נישט — איז פאַרפאַלן. זי מוז שוין האַלטן וואָרט. ער איז גרייט חתונה צו האָבן מיט איר, אָבער זי וויל נישט און הייסט וואַרטן. ניין, ער וועט מער נישט וואַרטן. ער דאַרף זיך נעמען אין די הענט.

און אַט זיצן זיי ווידער אויף יוניאָן סקווער. דער יונגער מאַן האַלט זיך זייער שטאָלץ. זי איז גראָד גוט געשטימט, לאַכט אַ סך און בייגט זיך צו אים מיט איר שיינעם קערפּער. אים קאָסט אַ סך כּוח איינצוהאַלטן זיין „ערנסטע לאַגע", ווייל אַלע ווילע ווילט זיך אים שרעקלעך אַ פּאָל טון צו אירע פּיס. באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די פאַלדן פון איר קלייד און זיך פּשוט צעוויינען, וואָס זיי וועלן זיך מוזן פאַנאַנדערגיין. נאָר ער האָט אויסגעהאַלטן און צום סוף האָבן זיי זיך גאַנץ קאַלט געזעגנט.

— אַלץ צוליב דיין עקשנות, — האָט ער באַמערקט.

— דו וועסט קריגן דעם קוש.

— ווען?

— ביי דער לעצטער באַגעגעניש, — האָט זי, אַליין נישט וויסנדיק וואָס זי זאָגט, אויסגערעדט.

גייענדיק אַ היים האָט זי געטראַכט, אַז דאָס איז נאָך נישט די ענדע. דער מאַן וועט נאָך קומען צו איר. ער האָט זי ליב.

אָבער עס זענען אַוועק עטלעכע חדשים און זי האָט מער דעם יונגן מאַן נישט געזען. זי האָט אים אַ פּאָר מאָל געזוכט אין קאַפעטעריע און נישט געפונען. האָט עס איר שטאַרק ווי געטון. דאָס מאָל האָט זי מיט אַ קאַפּריז פאַרטריבן פון זיך אַ ווילן בחור, וואָס וואָלט געקענט זיין פאַר איר אַ גוטער מאַן. נאָר ער איז פאַרשוווּנדן און זי האָט אויפגעהערט צו קלערן וועגן אים.

4

מיס דאַשעווסקי איז אַריין פונקט האַלב נאָך דריי אין האָספּיטאַל־פּאַלאַטע און גענומען אויסהערן דעם פּולס און נעמען טעמפּעראַטור ביי די קראַנקע. זי האָט געדאַרפט אַרבעטן זעקס שעה. איר איז עס אויסגעקומען אַ ביסל צו לאַנג, ווייל זי האָט זיך געפילט עטוואָס מיד. נעכטן איז געווען איר „אויסגאַנג"־טאָג און זי האָט זיך אומגעקערט אין האָספּיטאַל גאַנץ שפּעט. אייניקע פון די חולאים האָבן איר באַמערקט, אַז זי שמייכלט נישט אַזוי ליב ווי שטענדיק און דאָס פאַרדריסט זיי. ווען די קראַנקן־שוועסטער דאַשעווסקי באַווייזט זיך ווערט דאָך אַלע מאָל ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך און היינט איז זי עפּעס אַ ביסל אומעטיק. נאָר זי האָט זיי באַרויִקט און ווייטער געטון איר אַרבעט. און אַזוי איז אָנגעקומען דער אָוונט. דערנאָך האָבן צוויי דינער פון אַן אַמבולאַנס אַריינגעטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל אַ יונגן מאַן אין אַ פּאַלאַטע און מען האָט אים אַריינגעלייגט אין בעט, וואָס איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי, כּמעטביים אַרויסגאַנג. עטלעכע

יונגע „אינטוירנס", דער הויז־דאָקטאָר און די הויפּט־נוירס האָבן דעם נייעם פּאַציענט אַרומגערינגלט און באַלד האָט מען איבער דעם בעטל פון דעם חולה אָנגעטאָן אַ גרינעם צודעק, מיט צוויי מאַטע פּענצטערלעך און מען האָט ביים זייט אַוועקגעשטעלט אַ צילינדער מיט אָקסידזשען, וואָס זאָל שטראָמען נאָכאַנאַנד אין אים.

מיס דאַשעווסקי האָט געפרעגט ביי אַן „אינטוירן" ווער איז דער נייער פּאַציענט און וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. מען האָט איר געענטפערט, אַז אַ יונגער מאַן האָט אין גאַס פּלוצלינג געקראַגן אַ שווערע האַרץ־אַטאַקע און ווי עס זעט אויס, האָט ער קליינע שאַנסן צו בלייבן לעבן. די לעצטע ווערטער האָט זי אַפילו נישט געהערט און אַוועק ווייטער טון איר אַרבעט.

אָבער שפּעטער האָט זי זיך צופעליק דערוווסט ווער דער פּאַציענט איז. עס זענען געקומען אַ פּאָר נאָענטע פון חולה און אָנגערופן זיין נאָמען. זי איז פּלוצלינג געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענע. אירע קניען האָבן זיך אַ בויג געטון פון שוואַכקייט, נאָר זי איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען און אים אָנגעקוקט. דאָס איז געווען סעם. איר פּנים האָט זיך פאַרקרימט ווי צום וויינען. דערביי זענען געשטאַנען פרעמדע מענטשן און זי איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט. זי האָט נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. אַז מען וועט אים ברענגען אין האָספּיטאַל אין אַ שטאַרבנדיקן צושטאַנד, האָט זי זיך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט. זייער יעדע באַגעגעניש איז דורכגעלאָפן אין אירע געדאַנקען. אָך, ווי קינדיש זי האָט דאַן געהאַנדלט, נישט וועלנדיק אים געבן אַ קוש אין מויל. ער האָט זי ליב געהאַט און געקענט קראַנק ווערן איבער איר קאַפּריז. איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון אינערלעכן פּיין און פאַרדרוס. זי האָט נישט געוווסט צו וועלכן חולה צו גיין, ווער עס רופט איר פריער. זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז זיינע נאָענטע זאָלן אַוועקגיין און דאַן וועט זי ווידער קענען צוגיין צו אים, אָנרופן אים ביים נאָמען און געבן דעם קוש, וועלכן ער האָט שטענדיק אַזוי געבעטן. יאָ, זי האָט עס אים צוגעזאָגט געבן ביי דער לעצטער באַגעגעניש. זי געדענקט עס גוט. גרויסער גאָט, וואָס האָט זי דאַן אַרויסגערעדט? זי האָט ערגעץ געלייענט, אַז נוירסעס האָבן געקושט שטאַרבנדיקע, וועלכע זיי האָבן אַפילו נישט געקענט, געוואָלט פאַרלייכטערן זייערע לעצטע מינוטן...

עס זענען פאַרביי צוויי לאַנגע שעהן ביז די קרובים פון חולה זענען אַוועק. מיס דאַשעווסקי האָט זיך אַרומגעקוקט. אין פּאַלאַטע איז געווען שטיל. זי איז צוגעגאַנגען צו סעמס בעט און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין צודעק. דער חולה איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. זיין פּנים האָט זיך שטאַרק געביטן, אויסגעזען בלוילעך, אויסגעמאַטערט. זיינע ליפּן זענען געווען פאַרטריקנט, ווי ער וואָלט

געליטן פון דורשט. זי האָט אים אַ רוף געטון ביי זיין נאָמען איין מאָל און נאָך אַמאָל, געזאָגט, אַז דאָס שטייט נעבן אים רעגינאַ, די נוירס, וואָס ער האָט פריִער אַזוי געליבט. דער שטאַרבנדיקער האָט אויף אַ רגע אויפגעעפנט די אויגן, איר אָנגעקוקט און אַ קוים מערקבאַרער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. ער האָט אָבער ווידער גלייך זיך דערפילט שלעכט, זיין אָטעם איז געוואָרן שווערער. די נוירס איז פלוצלינג אָפּגעטראָטן פון זיין בעט, קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט.

דאָס איז געווען זייער לעצטע באַגעגעניש און מער איז איר נישט געלונגען אים צו זען און געבן אַ קוש אויף די ליפּן, ווייל אויף מאָרגן האָט זי אים שוין מער נישט געפונען אין דער פּאַלאַטע...

באַנעז

(דעם אָנדענק פון משה טשודנאָווסקי)

מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט אַמאָל שטודירט אין שווייצאַריע, דער־ציילט מיר:

— שטעלט זיך פאָר אַ נידעריקע הילצערנע הויז מיט אַ ברייטן גרינעם דאַך, ווו עס וווינען אָרעמע פּאָליטישע אימיגראַנטן. דאָס הויז געפינט זיך נעבן דער מוטנער און רוישנדיקער אַרווע וואָס לויפט פון די אַלפּן בערג. ביי די ברעגן פון טייך זעען זיך דאָ און דאָרט פּלאַטאַנען־ביימער מיט זייערע מאָדנע דיקע צווייגן, וואָס דערמאָנען אויסגעשטרעקטע הענט מיט קרומע פינגער, און ווייטער הינטערן וואַסער קלענערע און גרעסערע בערג, אָנגעכמורעטע און שווייגנדיקע ווי די גרויסע פעלזן אויף זייערע שפּיצן.

די באַלעבאָסטע פון דעם אַלטן הויז איז געווען אַן איטאַליענערקע, אַ וועש־וואַשערין, אַ פרוי מיט אַ גוטן כאַראַקטער, וואָס פלעגט זיך זייער האַרציק באַציִען צו די אָרעמע פּאַרוואָגלטע. דערצו פלעגט זי שטאָלצירן מיט דעם, וואָס ביי איר האָבן געוווינט איינִיקע פון די גאָר באַוווּסטע רעוואָלוציאָנערן, און גערן דערציילט ווי אַזוי יענע האָבן זיך אויפגעפירט און פאַרבראַכט זייערע טעג און אָוונטן.

און אָט האָב איך זיך אויך באַזעצט אין דעם דאָזיקן אַלטן הויז. איך האָב דאַן געלערנט געשיכטע און פילאָזאָפיע. מען פלעגט אויף מיר זאָגן, אַז איך בין אַ שטילער און איינזאַמער מענטש. נישט קיין באַוועגלעכער, מיט אַ ברייטן מויל און גראָבע רויטע ליפּן, וואָס האָבן תּמיד געבליט אויף מיין בלאַסן פּנים ווי פּרישע טולפּאַנען.

אין מיינע פרייען שעהן האָב איך ליב געהאַט זיך אַרומצודרייען אַרום וואָקזאַל און באַגעגענען די אָנקומענדיקע באַנען. אָסיען־צייט איז פאַר מיר געווען אַ פאַרגעניגן צו טרעפן די נייע אָנגעפאָרענע רוסישע און ייִדישע מיידלעך, וואָס פלעגן קומען לערנען אין דער שווייץ. אָט די דאָזיקע יונגע פרויען פלעגן ברענגען

מיט זיך אַ געשמאַקן ריח פון די רוסישע פעלדער, פון די קליינע אָרעמע ייִדישע שטעטלעך, פון דער היים. איך פלעג תמיד שליסן גיך באַקאַנטשאַפט מיט זיי און סטאַרען זיך זיי אַרויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר איך האָב געקענט: געפינען אַ צימער, אָפּזוכן באַקאַנטע און אָנווייזן ווו דער אוניווערסיטעט געפינט זיך. און דאָס אַלץ האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פרייד. דערצו האָט אין מיין האַרצן געבליט אַ האָפע־נונג, אַז אפשר וועט דאָך איינע פון די נייע באַקאַנטע מיידלעך מיך ליב באַקומען, ווייל קיין דערפאָלג ביי פרויען האָב איך נישט געהאַט און פלעג פאַרברענגען איינזאַם מיינע אָוונטן און נעכט.

אָבער די נייע אָנגעקומענע פלעגן מיך גיך פאַרגעסן. עפּעס האָב איך נישט אויסגענומען ביי זיי. און אין דער קאָלאָניע זענען געווען אַ סך אַנדערע יונגע־לייט, שענערע און רייכערע פון מיר, וואָס האָבן גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען, געשאָטן מיט קלינגענדיקע פראַזן און געטומלט, און איך פלעגט אַלץ בלייבן אַליין און ווייטער אין די פרייע שעהן זיך אַרומדרייען אַרום וואָקזאַל און באַגעגענען די באַנען.

אַזוי זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר. עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און דערנאָך איז געקומען די גרויסע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. פילע אימיגראַנטן האָבן פאַרלאָזן די שווייץ און אין דעם אַלטן הילצערנעם הויז איז געוואָרן אַלץ שטילער און רויִקער. איינמאָל — דאָס איז געווען ענדע אָקטאָבער — האָב איך זיך אין דער פרי אויפגעכאַפּט פון שלאָף פריִער ווי געוויינלעך און גלייך אַ קוק געטון אין פענצטער. דרויסן האָט געשפּריצט אַ דריבנער רעגנדל און עס האָט זיך געהערט דאָס רוישן פון דער ארווע וואָס האָט געטראָגן ערגעץ־ווו אירע מוטנע כוואַליעס. פון די פּלאַטאַנען־ביימער זענען שוין אַראָפּגעפאַלן די לעצטע בלעטער. די שפּיצן פון די בערג הינטערן טייך האָבן כמורנע אַרויס־געקוקט פון אַ געדיכטן נעפּל. איך בין אַראָפּ פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן.

מיך האָט ווידער אַ ציי געטון צום וואָקזאַל. די לעצטע פּאָר וואָכן בין איך דאָרט נישט געווען. קיינער פלעגט שוין נישט קומען פון רוסלאַנד לערנען אין דער שווייץ, נאָר די נאַכט האָב איך געזען מאָדנע חלומות און ס׳האָט זיך מיר אַלץ געפלאָנטערט דער וואָקזאַל מיט אַ סך מענטשן וואָס זענען אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער, פאַרהאַוועט און פאַרזאָרגט, און איינע זייער אַ הויכע פרוי, האָט מיך אָפּגעשטעלט און גענומען צו מיר ריידן רוסיש, געזאָגט אַז זי קומט פון פראַנקרייך און וויל דאָ לערנען מעדיצין. און אפשר קען איך פאַר איר קריגן אַ ביליקן צימער, ווייל זי איז זייער אָרעם און אַלע אירע אייגענע זענען אומ־געקומען אין דער רעוואָלוציע און זי האָט קיינעם נישט. ווען איך האָב איר געפרעגט ווי אַזוי רופט מען זי, האָט די פרוי זיך צעלאַכט און איז אַוועק פון

מיר. דערנאָך האָב איך איר געזוכט צווישן דעם טומלדיקן עולם און זי נישט געקענט געפינען. און אַזוי ביז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

אָבער פאַרשידענע חלומות פלעג איך האָבן אַלע נאַכט און אַלע פאַרטאָג, באַזונדערס, ווען איך פלעג עסן שפּעט אין אָוונט אָדער פאַרן שלאָף. נו, האָב איך עס באַלד פאַרגעסן. דערנאָך האָב איך פאַרקאָכט טיי אויף מיין ספּירט־מאַשינקע און בין אַרויס אָנקלאַפּן אין טיר פון מיין חבר מיט וועלכן איך האָב זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן.

איך האָב אָפּגעגעסן פרישטיק מיט מיין חבר און אים געזאָגט, אַז איך קלייב זיך גיין צום וואָקזאַל. עס איז מיר עפּעס אומעטיק. וועל איך זיך כאָטש אַרומדרייען צווישן מענטשן.

— וואָס הייסט אומעטיק? — האָט געענטפערט דער געוועזענער ישיבה־בחור, אַ דאַרער און אַ קליינער וואָס האָט געהאַט גרויסע שוואַרצע אויגן און פלעגט קענען לעבן וואָכן לאַנג מיט אַ פונט עפּל אַ טאָג און אַ ביסל ראַזשינקעס.

— מען קוקט אַריין אין אַ פילאָזאָפישן ספר. עס רעגנט דאָך.

שפּעטער, ווען דער רעגנדל האָט אויפגעהערט בין איך אַרויס אין גאַס. די באַלעבאָסטע האָט מיך באַגעגנט ביים אַרויסגאַנג און געפרעגט וווהין איך גיי אין אַזאַ שלעכטן וועטער? עס וואָלט בעסער געווען פאַר מיר צו בלייבן אין הויז, און זי וועט איינהייצן דאָס אויוועלע אין מיין צימער.

— איר וועט זיך צוקילן, מאָסיע גוטמאַן, — האָט זי געזאָגט. — איר טראָגט צעריסענע שיך און איר הוסט אונטער. די גוטע פרוי האָט מיך אַ ווײַלע פאַר־טראַכט אָנגעקוקט און זיך אַפּנים געוווּנדערט, פון וואָס לעבן אָט די מענטשן וואָס קריגן שוין נישט פון רוסלאַנד אַזוי לאַנג קיין שטיצע און קענען אויך קיין אַרבעט נישט קריגן?

— עס וועט מיר גאָרנישט זיין, שער מאַדאַם (טייערע מאַדאַם) — איך האָב געשמייכלט און בין אַוועק.

איך האָב אָן דעם חלום פאַרגעסן און דאָך האָט עס מיך געצויגן מער און שטאַרקער ווי אַלע מאָל צו די אָנקומענדיקע באַנען, צום וואָקזאַל. דאָך בין איך אויפן וועג אַריין אין שטאָטישן גאָרטן און זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. דער ווינט האָט צעריסן די וואָלקנס און דאָ און דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ שטיקל בלויער הימל. אַ פרוי אין שוואַרצן, מיט אַ שירעם אין האַנט, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטילער אַלעע. זי האָט קענטיק אויף עמעצן געוואַרט. אַ ווײַלע בין איך אַזוי געזעסן און געקוקט אויף דער פרוי און אין קאָפּ האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אַלערליי געדאַנקען. אָט נאָך אַ פּאָר חדשים און אין דער קאָלאָניע וועט שוין נישט בלייבן קיין איין אַלטער אימיגראַנט. אַלע וועלן אַוועקגיין צוריק קיין

רוסלאַנד. און פֿאַרוואָס ציט מיך נישט אַהין? עפּעס האַלט מיך דאָ און לאָזט מיך נישט פֿאָרן, און איך ווייס אַלײן נישט פֿאַרוואָס. איך לעב דאָ שטיל און אײנזאַם און קען זיך נישט אויפֿכאַפּן פֿון דעם האַלבן־דרעמל, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט פֿון ערשטן טאָג אָן וואָס איך בין אַהער געקומען.

— נו, מסתּמא בין איך נישט דער מענטש וואָס האָט ליב צו פֿירן טומלדיקן לעבן. בלוטיקע רעוואָלוציעס זענען מיר אָפּנים נישט צום האַרצן, — האָב איך זיך איבערגעשלאָגן מײַנע געדאַנקען. איך וועל זיצן איבער מײַנע ביכער און זוכן דעם אמת אינעם זין פֿון לעבן. די גרויסע רו נאָך וועלכער עס בענקט מײַן נשמה, עס מוז דאָך זײַן ערגעץ יענער רײנער אמת, וואָס וועט איבערלעבן אַלע מלחמות, רעוואָלוציעס און איבערקערענישן און די מענטשן וועלן האָבן רעכט צו עקזיסטירן. נאָר אַ פּאָר יאָר און איך וועל ענדיקן דעם פֿילאָזאָפֿישן פֿאַקול־טעט און דאַן וועל איך שטודירן ווײַטער. איך האָב דאָך בײַ די היגע ייִדן עטלעכע העברעיִשע שטונדן און דאָס איז פֿאַר מיר גענוג.

צו דער פֿרוי אין שוואַרצן איז צוגעקומען אַ יונגער מאַן. זי האָט אים שווײַגנדיק גענומען אונטערן אָרעם און בײדע זענען אַוועק צום אַרויסגאַנג פֿון גאָרטן. איך האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון באַנק און בין זײ נאָכגעגאַנגען.

צום וואָקזאַל בין איך צוגעקומען ערשט שפּעט נאָכמיטאָג. איך האָב גע־טראָפֿן אַ באַקאַנטן און יענער האָט מיך אײַנגעלאַדן אין אַ קאַפֿע, ווו אַ גוטער אָרקעסטער האָט געשפּילט. עס זענען פֿאַרבײַ אַ פּאָר שעה אין אַ שטילן, אינטע־רעסאַנטן געשפּרעך, אונטער די טענער פֿון קלאַסישע מוזיק. און ווען איך בין אַרויס פֿון קאַפֿע האָט ווידער געשפּריצט אַ דריבנער רעגנדל און דער קורצער אָסיען־טאָג האָט געהאַלטן בײַם פֿאַרגײן.

איך האָב פֿאַרבראַכט אויפֿן וואָקזאַל אַ דרײַ שעה און דורך דער צײַט זענען עטלעכע באַנען אָנגעקומען. איך האָב שוין געהאַט באַשלאָסן צו גײן אַהײם, נאָר איך האָב זיך דערמאָנט, אַז באַלד דאַרף אָנקומען אַ צוג פֿון פֿראַנקרײַך און בין פֿאַרבליבן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע וואַרטן. אין אַ צען מינוט אַרום איז דער באַן אָנגעלאָפֿן און געבליבן שטײן. אַ פּאָר צענדליק פֿרויען און מענער מיט פּעק־לעך און טשעמאָדאַנען אין די הענט זענען אַרויס פֿון די וואַגאָנען און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פֿון וואָקזאַל.

ווי מײַן שטײגער איז געווען, האָב איך געקוקט אין אַלע זײַטן ווי איך וואָלט עמעצן געזוכט, ווי איך וואָלט געהאָפֿט אַז די אויף וועלכע איך וואַרט שוין אַזוי לאַנג, מיט אַזאַ טיפֿן פֿאַרבאָרגענעם אומעט, איז ענדלעך איצט געקומען. נאָר די פֿרעמדע מענטשן האָבן געאײַלט צו זײערע נאָענטע און קײנער, דאַכט זיך, איז נישט פֿאַרבליבן שטײן אויפֿן וואָקזאַל צו פֿרעגן די אָנגעשטעלטע ווו עס געפֿינט

זיך די רוסישע קאָלאָניע און וואָס פאַר אַ טראַמווי מען דאַרף נעמען צו קומען אַהין, ווי דאָס פלעגן אין מערסטע פאַלן טון אַלע ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן.

— וואָס מיר קען איינפאַלן! — איז מיר דורכגעלאָפן אין קאָפּ — וואָס פאַר אימיגראַנטן: קענען איצט אָנקומען אין דער שווייץ, אַז די גרענעצן פון רוסלאַנד זענען געשלאָסן און דאָרט קומט פאַר אַ בירגער קריג? מען דאַרף גיין אַהיים, איינהייצן דאָס טשוגון־אייוועלע און זיך אָוועקזעצן ביים פייער לייענען שפּינאָזאָס „עטיק".

איך האָב אָנגעשטעלט דעם קאָלנער פון מיין אַלטן מאַנטל, זיך אַ ביסל איינגעהויקערט פון קעלט און בין אַרויס פון וואָקזאַל. איך בין אָפּגעגאַנגען אַ צוואַנציק טריט און פּלוצלינג דערהערט ווי עמעצער רופט מיך.

— מאָסיע, מאָסיע, זייט אַזוי גוט.

דאָס איז געווען אַן אָנגעשטעלטער פון וואָקזאַל, וואָס האָט מיך געקענט שוין פון לאַנג, ווייל ער האָט אָפט מיך געזען זיך אַרומדרייען דאָ און ריידן מיט די ניי־אָנגעקומענע.

איך האָב זיך אומגעקערט און בין געבליבן אַ רגע ווי צעטומלט. נעבן דעם אָנגעשטעלטן פון וואָקזאַל איז געשטאַנען אַ קליינינקע, בלאַסע בלאָנדע פרוי מיט אַן עטוואָס פאַרריסן נעזל, קענטיק אַ רוסישע. זי האָט געהאַלטן אַ קליינעם לעדערנעם טשעמאָדאַן אין האַנט און האָט געוואָרפן אומרויִקע בליקן אין אַלע זייטן.

— אָט די מאַדאַם איז אַ רוסישע און זוכט אירע לאַנדסלייט, — האָט געזאָגט דער שווייצאַרער און פריינטלעך געשמייכלט.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. מיין האַרץ האָט אויפגעציטערט פון אַ מאָדנעם געפיל. איך האָב זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז די פרוי וואָס איך האָב געזען אין חלום די לעצטע נאַכט איז געווען אַ הויכע און זי זעט אויס ווי אַ מיידעלע וואָס איז מיד און קראַנק...

די קליינינקע פרוי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו מיר און געזאָגט:

— איך בין נאָר־וואָס געקומען צו פאָרן פון פאַריז און קען דאָ קיינעם נישט. איר זייט אַ רוסישער אַ יאָ? אפשר וועט איר זיין אַזוי פריינטלעך און מיר העלפן געפינען נישט קיין טייערן צימער?

זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז געקומען פון רוסלאַנד נאָך פאַר דער מלחמה און איצט וויל זי פאַרבלייבן אין דער שווייץ און ענדיקן דאָ דעם מעדי־ציניש פאַקולטעט.

איך האָב זיך פּלוצלינג דערפילט גליקלעך. זי דאַרף נישט זאָרגן וועגן אַזאַ קלייניקייט ווי געפינען אַ ביליקן צימער. איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן. איך האָב

אַ סך צייט. אַט וועלן מיר נעמען דעם טראַמוויי וואָס וועט אונדז ברענגען אין דער רוסישער קאָלאָניע. זאָל זי מיר געבן איר טשעמאָדאַן. מיין נאָמען איז גוטמאַן. בערל איסאַקאָוויטש גוטמאַן.

— און מיך רופט מען נינאַ, — האָט געזאָגט די קליינינקע פרוי און מיך נייגעריק און לאַסטשענדיק אָנגעקוקט. נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ און מיין פאַמיליען־נאָמען איז סאַרמאַטאָווא. נו, אַט זענען מיר שוין באַקאַנט. דאָס איז אַ וווּנדער־באַרע באַגעגעניש. אַזוי אומדערוואַרטעט.

מיר זענען געפאָרן אין דער רוסישער קאָלאָניע. איך האָב גערעדט וועגן קלייניקייטן און געקוקט אויף נינאַן. איר עטוואָס פאַרריסן נעזל האָט איר צוגע־געבן אַ סך חן.

איך האָב פאַר נינאַן געקראָגן אַ גוטן אָבער נישט קיין טייערן צימער און זי איז געווען זייער צופרידן. זי האָט מיר געדאַנקט און געבעטן קומען צו איר.

— אַן צערעמאָניעס, — האָט זי געזאָגט. — אַט אַזוי פשוט. איך בין דאָך דאָ אַן עלנטע.

איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים מיט אַ פול האַרץ מאָדנע און אומרויקע געפילן. איך בין אַריין צו מיין חבר, וואָס איז געזעסן און געלייענט באַדלערס לידער און פאַמעלעך געקייט ראַזשינקעס. דאָס נאַפט־לעמפל האָט געברענט בלאַס און אין חדר מיט די פאַרפלעקטע ווענט און סטעליע האָבן זיך געטוליעט שאָטנס. מיין חבר האָט אויסגעטאָן די ברילן און געפרעגט ווו בין איך דאָס פאַרפאַלן געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין נייער באַקאַנטער. געשילדערט מיט אַלע איינצלהייטן אונדזער באַגעגעניש און וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרן איינדרוק זי האָט געמאַכט אויף מיר. און פאַרענדיקט, אַז עפּעס איז נישט גלאַט מיט דער פרוי. זי פאַרטראַכט זיך אַלע ווײַלע און אירע בלוילעכע אויגן ווערן אַזוי אומעטיק. איך האָב זיך מיט אַ סך רוסישע פרויען באַקאַנט אַרום וואָקזאַל, נאָר נינאַ איז גאָר אַן אַנדערע, אַזוי נישט ענלעך אויף יענע...

און מיר האָבן גערעדט וועגן איר ביז שפעט אין אָוונט אַריין.

אויף מאָרגן נאָך מיטאָג האָב איך געדאַרפט גיין זען נינאַן און פון אין דער פרי אָן בין איך געווען אומגעדולדיק און נישט געקענט זיצן רויק און לייענען. איך האָב אַלע ווײַלע געקוקט אויפן זייגער, פאַרטראַכט געשפּאַנט איבערן חדר און געשטערט מיין חבר אין זיין לערנען. ענדלעך האָב איך זיך איבערגעטאָן אין אַ זומערדיקן גרויען אָנצוג, וואָס איז נאָך געווען גאַנץ. איך האָב אַ קוק געטון אין שפיגל און געזען ווי מיאוס איך בין. באַזונדערס די גראָבע רויטע ליפּן וואָס זענען ווי אָפענע בלוטיקע ווונדן. נאָר איך בין דאָך נעכטן איר געפעלן

געוואָרן. איך האָב עס געפילט מיט מיין גאַנצן וועזן. זי האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז איך האָב אַן אינטערעסאַנטן, שטאַרקן, איינדרוקספולן פנים און דערנאָך האָט זי אַ ווײַלע אַ פאַרטראַכטע געשוויגן. היינט וועל איך איר פרעגן וועגן אַ סך זאַכן. זי זעט אויס צו זיין פאַרהייראַט. זי האָט עפּעס דערמאָנט וועגן אירן אַ נאָענטן מענטש; וואָס געפינט זיך איצט אין פּאַריז. זי האָט זיך אָבער גלייך פאַרכאַפּט און מער נישט גערעדט וועגן אים...

איך בין אַרויס אין גאַס. עס איז געווען האַלב נאָך דריי. דער טאָג איז געשטאַנען אַ זוניקער און אַ גאָלדענער. אַ שטילע קעלט האָט געוויעט פון די ווייטע שניי־ווייסע אַלפּן־בערג. נאָך אַ ווײַלע און איך בין צוגעקומען צום הויז, וווּ נינאַ האָט געוווינט.

זי האָט מיך דערזען פון באַלקאָן און פריינטלעך באַגריסט און אַ מינוט שפּעטער איז זי מיר אַרויס אַנטקעגן עפענען די טיר.

— בין איך געקומען אין צייט? — האָב איך זי געפרעגט, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן פון שטילער פרייד.

זי האָט מיר אַריינגעפירט אין צימער און געבעטן זיצן. אויפן טיש האָב איך באַמערקט אַ קליינינקע שוואַרצע רעמל מיט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַן אינטעליגענטן פנים און לאַנגע געדיכטע האָר אויפן קאָפּ. מיר האָט זיך געוואָלט אַ פרעג טון ווער דאָס איז, נאָר איך האָב גאָרנישט געזאָגט. איך וועל עס אַן אַנדערש מאָל דערגיין. — האָב איך געטראַכט און זיך גוט איינגעקוקט אינעם בילד.

נינאַ האָט עס ווי נישט באַמערקט און געשוויגן.

דערנאָך האָבן מיר געטרונקען טיי צוזאַמען. זי איז געזעסן נאָענט נעבן מיר און געהאַלטן אירע צאַרטע הענט אויף די קני. אַ דינער רייצנדיקער ריח פון גוטן פאַרפיום האָט זיך געטראָגן פון איר און געוועקט אין מיין האַרץ מאָדנע זיסע האָפענונגען, אַז די בלאָנדע, יונגע פרוי וועט מיך אַמאָל ליב באַקומען. זי איז מיר געווען אַזוי געפעלן, אָט ווי זי זיצט און רעדט וועגן רוסלאַנד און אירע אייגענע, וואָס אייניקע פון זיי זענען אומגעקומען אין דער רעוואָלוציע און די פאַרבליבענע געפינען זיך ערגעץ אויף דער וואָלגע, האָבן פאַרלוירן זייער רייכטום און לעבן מסתמא אין גרויסער נויט. איר קול איז געווען טרויעריק, ווי איר וואָלט זייער וויי געטון, וואָס דאָס אַלץ האָט פּאַסירט.

— יאָ, — האָט זי צוגעגעבן, — מיינע אייגענע זענען געווען פּאַמעסטשיקעס.

— דאָס פאָלק האָט גענומען נקמה פון די רייכע און צופרידענע אין רוסלאַנד. עס וועלן אפשר אַמאָל קומען בעסערע צייטן פאַר אַלעמען.

— אפשר, אפשר, מיר האָבן אַ סך געזינדיקט.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— פֿאַר וואָס האָט איר פֿאַרלאָזן פּאַריז? — האָב איך זי מיט אַמאָל אַ פֿרעג געטון. נינאַ האָט אַ קוק געטון אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש.

— איך בין דאָרטן זייער מיד געוואָרן. און דאָ בײַ אײַך איז אַזוי רויק. בערג און אַ סך טײַכן און די שטעט זענען קלײנע און שטילע... איך וועל דאָ אָפּרוען... איך מוז האָבן רו.

איך האָב געפֿילט, אַז נינאַ זאָגט מיר נישט דעם אמת און מיך האָט פֿאַרדראָסן פֿאַר וואָס איך האָב איר געפֿרעגט וועגן פּאַריז. וואָס איז דער אונטערשייד פֿון וואַנען ס'איז געקומען די דאָזיקע ליבע קלײנינקע פֿרוי, וואָס איז אַזוי פֿרײַנטלעך צו מיר? גוט איז וואָס זי איז דאָ! איך בין אויפֿגעשטאַנען און געפֿרעגט צי זי וויל זיך אַ ביסל דורכגיין.

איך האָב אויף איר געוואַרט אין דרויסן. זי האָט זיך איבערגעטאָן אין אַ שוואַרצן קלייד, די בלאָנדע האָר גלאַט פֿאַרקעמט ווי בײַ אַ מאַנאַשקע, און מיר זענען אַוועק צום וואַלד, וואָס האָט זיך געפֿונען אַ צוואַנציק מינוט גאַנג פֿון דעם הויז.

עס איז שוין צוגעפֿאַלן דער אָונט. פֿון הינטער די בערג איז אַרויסגעשוווּמען אַ גרויסע, קופּער־רויטע לבֿנה. זי האָט מיר דערלויבט צו האַלטן איר אונטערן אָרעם. איך האָב געהאַט דאָס געפֿיל אַז עפּעס גרויסעס און זייער וויכטיקס איז פֿאַרגעקומען אין מײַן לעבן. נאָך אָט אַזאַ שטילע, האַרציקע, שײנע פֿרוי האָב איך תּמיד געבענקט און האָב נישט געקענט טרעפֿן, און אָט איצט גייט זי מיט מיר טריט בײַ טריט און טוליעט זיך צו מיר פֿון קעלט...

מיר זענען געוואָרן נאָך מער באַפֿרײַנדעט. אָבער וועגן זיך האָט זי נישט גערעדט. און ווען איך האָב איר געבראַכט צוריק אַהיים איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט און מיר האָבן אָפּגערעדט אין אַ טאָג אַרום זיך ווידער צו באַגעגענען און ווידער אַרומשפּאַצירן אין וואַלד. אַזוי איז אויך געווען. עס איז געקומען אַ וווּנדערבאַרע צײַט פֿאַר מיר, כאָטש אָפֿט פֿלעג איך טראַכטן, אַז נינאַ איז עלנט און צעבראָכן איבער דעם וואָס וועמען זי האָט געליבט האָט איר פֿאַרלאָזן און זי איז דערפֿאַר אַנטלאָפֿן פֿון פּאַריז, ווו זי האָט שטודירט מעדיצין. און צו מיר ווײַזט זי אַרויס אַ סך צאַרטקייט, ווײַל זי וויל אַ ביסל פֿאַרגעסן אָן איר גרויסן צער, לאַסטשענדיק אָן אַנדערן. זי פֿלעגט צו מיר רעדן מיט גוטע ווערטער און דערלויבן זי אַרומנעמען און קושן. און וועגן אַזאַ גליק האָב איך אין יענע יאָרן נאָר געקענט טרוימען...

אַזוי זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. פֿאַר דער צײַט האָב איך שוין אַלץ געוווּסט

זועגן נינאַן. איין מאָל האָט זי מיר דערציילט, אַז דאָס בילד וואָס עס שטייט ביי איר אויפן טיש איז פון דעם מאַן וואָס זי האָט זייער ליב און אַז יענער איז מיט אַן אַנדערער ערגעץ אַוועקגעפאָרן ווייט, ווייט און זי וועט אים שוין קיינמאָל נישט זען אין איר לעבן. און וואָס וועט ווייטער זיין, ווייס איין גאָט. זי האָט שטיל געוויינט פאַר מיר און געמורמלט:

— אָ, טייערער מיינער, האַרציקער, וואָס וועט איצט זיין?

ניין, נישט דער אומגליק פון אירע אייגענע, וואָס די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט ביי זיי אַלץ צוגענומען, און זי איז געבליבן אָן מיטלען, האָט איר צעבראָכן. עס איז גאָר אַ ליבע און זי איז טיף באַליידיקט. צוערשט האָט עס מיך שטאַרק געטראָפן. אמת, איך האָב עס שוין פאַרדעכטיקט פון פריִער, נאָר כ׳האָב אַלץ געהאָפט, אַז עס איז נישט אַזוי, אפשר מאַך איך אַ טעות? אָבער מיין פרייד מיט דער באַגעגעניש איז נישט פאַרטונקלט געוואָרן. איך האָב גע־פילט, אַז נינאַ וועט מיר אַלץ טייערער און איך האָב זי באמת ליב באַקומען.

דערווייל האָט מען שוין געעפנט דעם אוניווערזיטעט און דער ווינטער־סעמעסטער האָט זיך אָנגעהויבן. נינאַ האָט זיך נישט פאַרשריבן אויף די לעק־ציעס און מיר געזאָגט, אַז זי וואַרט נאָך אויף עפּעס...

דאָס איז געווען אַ חודש נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפט. פאַרנאַכט בין איך געקומען צו נינאַן און איר איינגעלאַדן אין דער אָפּערע. מען האָט געשפּילט „קאַרמען".

— היינט אין דער אָפּערע? — האָט זי רויִק געזאָגט, — איך ווייס נישט.

נאָר איך בין צוגעשטאַנען, ווייל אין דער ראָל פון „קאַרמען" האָט געדאַרפט אויפטרעטן אַ באַוווּסטע איטאַליענישע זינגערין און מיר איז זייער שווער אָנגע־קומען צו קריגן די בילעטן. אָבער איך האָב געוואָלט איר פאַרשאַפן פאַרגעניגן. ענדלעך האָט נינאַ שטיל געזאָגט, אַז זי וועט גיין און מיר געהייסן קומען אין צוויי שעה אַרום.

זי האָט מיך באַגלייט ביזן אַרויסגאַנג און איך האָב באַמערקט, אַז זי איז היינט בלאַסער ווי תמיד.

— וואָס איז מיט אייך, נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ?

— גאָרנישט, טייערינקער, גאָרנישט, — האָט זי מיר אַ גלעט געטון איבערן האַנט און איך בין אַ באַרויִקטער אַרויס אין גאַס.

ווען איך האָב אין צוויי שעה אַרום זיך אומגעקערט זי נעמען אין טעאַטער, האָב איך ביים אַריינגאַנג פון הויז געטראָפן אַ גרופּע פרויען און דער באַלעבאָס פון איר צימער, דער שווייצאַרעץ, איז געווען בייז און גערודלט די רוסן, וואָס קומען אַהער באַגיין זעלבסטמאָרד און שטערן זייער רו.

איך האָב געפילט, אַז מיינע קני ברעכן זיך מיר אונטער. איך בין אַריין אין נינאַס צימער. זי איז געלעגן אויף דער ווייכער קאַנאַפּע אין איר שוואַרצן קלייד און לאַקירענע שיך. עס האָט אויסגעקוקט, ווי קלייבנדיק זיך אין טעאַטער איז זי פּלוצלינג מיד געוואָרן און זיך צוגעלייגט איינדרימלען. אויפן טיש האָט געברענט אַ קעראָסין־לאָמפּ מיט אַ ראָזעווען אַבאַזשור און באַלויכטן איר בלוילעכן פּנים, וואָס איז איצט געווען וווּנדערבאַר און ליב...

— —

נאָך נינאַס לויה בין איך געוואָרן קראַנק און געקראָגן אַ נערוון־פיבער. אין היץ האָב איך זיך אַלץ געזען ווי איך גיי נאָכן טויטן־וואָגן אין וועלכן עס ליגט נינאַ, און מיר ווילט זיך וויינען און איך קען נישט. און נאָך אַ מאַן גייט נעבן מיר און ער וויינט הויך אויפן קול און ער איז אַזוי ענלעך אויף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געשטאַנען ביי איר אויפן טיש... די לויה ציט זיך און מען קען אַלץ נישט צוקומען צום קליינעם בית עולם, וואָס ליגט הינטערן וואַלד, ווו איך פלעג אַרומשפּאַצירן מיט איר אין די אָוונטן. און אַזוי ציט זיך די לויה אָן אַ סוף...

דריי וואָכן האָב איך אָפּגעקרענקט. מיין חבר און די גוטע באַלעבאָסטע מיינע האָבן פאַר מיר אַלץ געטון און אַזוי האָב איך פּאַמעלעך אָנגעהויבן קומען צו זיך.

עס איז אַוועק אַ יאָר און ווידער איז געקומען דער אָסיען. כמעט אַלע אימיגראַנטן האָבן פאַרלאָזן די שווייץ און זענען צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. אָבער איך און מיין חבר האָבן נאָך אַלץ געוווינט אין דעם אַלטן, נידעריקן, היל־צערנעם הויז, וואָס איז געשטאַנען ביי דער מוטנער רוישנדיקער ארווע. מיר האָבן געלעבט ווי פריִער, זייער אָרעם און איינזאַם. און ווען מיר איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק, האָב איך זיך ווידער אַרומגעדרייט אַרום וואָקזאַל, געוואַרט אויף די באַנען, און געטראַכט וועגן דער קליינינקער רוסישער פרוי, וואָס האָט אויף אַ ווילע אַריינגעבראַכט אַ סך פרייד און אַ סך צער אין מיין מאָנאָטאָנעם, גרויען אימיגראַנטן־לעבן.

מיין באַקאַנטער האָט געענדיקט די געשיכטע און דערנאָך צוגעגעבן:

— נינאַ איז געווען אַ מערקווירדיקע פרוי, און עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך קען זי נישט פאַרגעסן. און יענע צייט פון מיין לעבן איז מיר טייער און ליב, כאָטש איך האָב אַזוי פיל געליטן. נו, יאָ, מען איז דאַן געווען יונג און די יוגנט האָט אַזאַ געשמאַקן אַראָמאַט, וואָס עס וועפּט זיך קיינמאָל נישט אויס. אַזוי איז עס שוין, אַזוי איז עס...

דער ייִדישער פּאָעט

(פּאַרצייכענונג)

דער ייִדישער פּאָעט יהודה איז אַרומגעפּאָרן איבער דער פּראָווינץ שוין דעם צווייטן חודש און זיך באַמיט פאַרשפּרייטן זיין ערשטן בוך לידער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אויף זיינע אייגענע קאָסטן און מיט גרויסע שוועריקייטן. נאָר דער עולם האָט וויניק געקויפט.

ער האָט נישט געדעקט די אויסגאָבן פון דער רייזע און איז געווען זייער פאַרביטערט. זיך געפילט שרעקלעך דערנידעריקט, און אין האַרצן געזידלט די אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס ווילן נישט לייענען זייערע שרייבער, וואָס זענען אַפילו זייער טאַלאַנטפול, און אַן אַנדער פאָלק וואָלט מיט זיי שטאָלצירט. אָט וועט ער פאָרן צוריק אַהיים, אויפהערן צו דיכטן און ווערן אַ פּשוטער שוסטער אָדער שניידער. דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף נישט קיין טרוימער און פּאָעטן.

אָבער פאָרן אַהיים האָט ער נישט געקענט. ער האָט געמוזט שאַפן אַ ביסל געלט פאַר דעם איינבינדער, ווייל אַנדערש וואָלט ער נישט געקראָגן נאָך ביכער. און אַזוי ווי ער איז געווען נישט ווייט פון ליבערטי, האָט ער באַשלאָסן אַריינ־פאָרן אין דעם דאָזיקן קור־אָרט פון די קעטסקיל בערג, ווו ער האָט געהאַט אייניקע באַקאַנטע. דערצו האָט ער געהאָפט, אַז די פילע לונגען־קראַנקע, וואָס געפינען זיך אין ליבערטי, וועלן זיכער קויפן זיין בוך לידער. קראַנקע מענטשן לייענען גערן לידער. זיי פילן צאַרט און טיף און כאַפּן אויף די דינסטע איבער־לעבונגען פון אַ דיכטער.

ער איז געקומען קיין ליבערטי און אַרומגעבלאָנקעט אַרום די קליינע שיינע גאַסן פון קור־אָרט שטעטל, ווו דאָ און דאָרט אויף די ווערענדעס פון די האָטעלן זענען געלעגן לונגען־קראַנקע מענער און פרויען, איינגעוויקלט אין קאָלדרעס, זיך געוואַרעמט אַנטקעגן דער זון. ביי יעדן האָטעל פלעגט ער בלייבן אַ ווײַלע שטיין, נאָר נישט האָבן קיין מוט צוגיין צו די קראַנקע און פאָרשלאָגן זיין בוך לידער. ער פלעגט שטיין אַ פאַרלוירענער און זייער אַן אומעטיקער, וואָס גאָט האָט אים

באַשאַנקען מיט אַ פּאָעטישן טאַלאַנט. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט זיין נאָמען. זיינער אַ באַקאַנטער יידישער לערער איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַ בוקעט רויטע רויזן אין האַנט און געשמייכלט מיט זיין גאַנצן רונדן סימפּאַטישן פּנים.

— יהודה, וואָס טוסטו דאָ? — האָט געפרעגט דער לערער. — נו, גוט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן. האָסט מיט זיך דיין בוך לידער. אויסגעצייכנט, עס קען גאָר בעסער נישט זיין. היינט אָוונט איז אַ קינדער־יום־טוב אין מיין שול. פאָר מיט מיר, וועסט דאָרט קענען פאַרקויפן אַ צוואַנציק ביכער און פאַרליינען איי־ניקע פון דיינע לידער. דו האָסט פראַכטפולע לידער. און וועגן די ביכער זאָרג זיך נישט. לאָז עס צו מיר. די רויזן זענען פאַר דער אַקטריסע סאַוויטש, וועלכע מיר האָבן איינגעלאַדן ספּעציעל פון ניו־יאָרק, ווייל זי איז אויך אַ טענצערין. די קינדער וועלן גיין אָן אַלטן יידישן קאַראַהאָד אין נאַציאָנאַלע קאָסטיומען. פאָר מיט מיר, עס איז אינגאַנצן עטלעכע סטאַנציעס פון דאַנען.

— וואַרט, — האָט אים אָנגעקוקט יהודה, — עס איז מיר אַלץ נמאס גע־וואָרן. איך קען נישט פאַרקויפן אַליין מיין בוך. איך וועל מוזן פאָרן צוריק אַהיים. און די ביכער וועל איך פאַרברענען. זאָל אַלץ גיין צום טייוול. אַ שוסטער, אַ שניידער וועל איך ווערן. און מיר איז אַזוי אומעטיק.

— ווער איז ביי דיר געשטאָרבן?

— אַלע אַמעריקאַנער יידן, אַלע, אַלע...

— נו, פלאַפּלסט נאַרישקייטן, קום!

דער לערער האָט אַ נעם געטון דעם פּאָעט אונטערן אָרעם און אים אַ שלעפּ געטון מיט זיך. מען האָט געדאַרפט איילן צום סטיישאַן. יהודה איז געגאַנגען און געשוויגן. דער לערער האָט ווידער גערעדט וועגן דער אַקטריסע סאַוויטש. יהודה האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער האָט די אַקטריסע אַמאָל געקענט און אַ געוויסע צייט געזוכט די געלעגנהייט צו ווערן מיט איר מער באַפריינדעט, נאָר אים איז עס אַלץ נישט געלונגען.

זיין דערדריקטע שטימונג האָט זיך געביטן. ער האָט אַפילו גענומען פילן, דאָס ער ווערט אומרויק. די דערוואַרטעטע באַגעגעניש מיט דער אַקטריסע האָט אין אים אויפגעוועקט מאָדנע האָפענונגען.

— אָבער זאָלסט מיך נישט צווינגען אויפטרעטן פאַרן עולם.

— אָלרייט, אָלרייט.

אין אַ פערטל שעה אַרום זענען זייביידע שוין געזעסן אין באַן און דער לערער האָט געהאַלטן אין איין לויבן אַ פּאָר יידן, וואָס טוען אויף זייער פיל פאַר דער קינדער־שול און אויך דערציילט אין קורצן דעם קאַמף, וואָס מען האָט

דאָרט געהאַט מיט די אַלטע ייִדן און אַז איצט האָט די שול אַן אייגענע געביידע מיט אַ ביבליאָטעק און די קינדער ריידן אַלע גוט ייִדיש.

— אַ טראָפּן אין ים, אַ טראָפּן אין ים, — האָט געטראַכט יהודה און געשוויגן.

זיי זענען געפאָרן אַ מינוט צוואַנציק און באַלד האָט זיך באַוויזן דאָס שטעטל. באַרג אַרויף האָט זיך געצויגן אַ גאַס און ביימער זענען געשטאַנען ביי די פענצטער פון נייע הילצערנע הייזער. אומעטום האָבן זיך געזען ייִדן און אַ סך פון זיי מיט בערד און אין לאַנגע קאַפּאָטעס. אַ ווײַלע האָט זיך יהודהן געדוכט, אַז ער איז אין דער אַלטער היים. געקומען אין אַ קליין שטעטל און אָט וועט צוקומען צו אים אַ ייִד און וועט אים רופן אין בית־המדרש אַריין דאַוונען מנחה. שטיל און גוט איז אים געוואָרן אויפן האַרצן.

דער לערער האָט אָוועקגעטראָגן די רוויזן אין שול און איז דערנאָך אַוועק מיט יהודהן צו דער אַקטריסע סאַוויטש.

זי איז געווען איבערראַשט אים צו טרעפן דאָ און איז אַזש רויט געוואָרן — אַפּנים, פון פרייד. אירע אויגן האָבן זיך נייגעריק אָנגעצונדן. זי האָט אים פאַר־וואָרפן מיט פראַגן. ווי אַזוי קומט ער איצט אין די קעטסקיל בערג און פאַרוואָס האָט זי אים שוין אַזוי לאַנג נישט געזען אין קאַפּע ראָיאַל. געוואָרן באַרימט, אַבי זי האָט געלייענט אַלע לויב-געזאַנגען וועגן זיין בוך לידער. די קריטיקער זענען באַגייסטערט. יהודה האָט עפּעס געשטאַמלט וועגן זיין קומען אַהער און געזאָגט אַ ליגן, אַז מען האָט אים אַרויסגערופן פאַר אייניקע פאַרלעזונגען קיין ליבערטי. נו, האָט אים דער לערער געטראָפן און פאַרשלעפּט אַהער. דערנאָך האָט די אַקטריסע גענומען ריידן וועגן די קינדער און ווי אַזוי זיי וועלן טאַנצן היינט אָוונט אין שול און אַז זי איז פּשוט גליקלעך וואָס מען האָט זי איינגעלאַדן אַהער.

יהודה האָט נישט דערוואַרט אַזאַ פריינטלעכע באַגעגעניש פון דער אַקטריסע. דאָס איז געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט. ער האָט זיך דערפילט גוט און אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זיין בוך לידער קויפט מען נישט און ער האָט נאָך נישט באַצאָלט די חובות דעם זעצער און איינבינדער, וועלכע ווילן נישט וואַרטן און האַלטן אין איין מאָנען דאָס געלט. און ער אַליין לעבט אויף רעליף.

דער לערער האָט געדאַרפט אַוועקגיין און יהודה איז געבליבן אין דעם הויז, וווּ די אַקטריסע האָט געהאָלפן עטלעכע פרויען אויפנייען די קאָסטיומען פאַר די קינדער צום אָוונט. געענדיקט די אַרבעט האָט זי אים פאַרגעשלאָגן נעמען אַ קליינעם שפּאַציר איבערן שטעטל.

זיי זענען אַרויס פון הויז. די זון האָט זיך געזעצט. אַ בלויער בין השמשות איז צוגעפאַלן צו דער ערד. אַ גרופּע ייִדן זענען געשטאַנען אין מיטן גאַס, וועגן עפּעס געשמועסט און הינטער זיי דורך געדיכטע צווייגן פון אַ פּאָר ביימער

האָט זיך געזען ווי דער מערב פלאַמט אין אַלערליי קאָלירן. יהודה האָט גענומען די אַקטריסע אונטערן אָרעם און זיי האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבערן גאַס הין און צוריק. און ווידער האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז אין דער אַלטער היים און אַז דאָס איז ער אַרויס שפּאַצירן מיט זיין געליבטער. אָבער גלייך זיך דערמאָנט, אַז פון יענע שטילע פרומע שטעטלעך איז קיין זכר נישט פאַרבליבן און די ייִדן האָט היטלער פאַרטריבן אָדער אויסגעהרגעט. און אויך קיינער איז נישט פאַרבליבן פון זיין משפחה.

— איר ווייסט, יהודה, — האָט געזאָגט די אַקטריסע מיט בענקשאַפט אין קול. — אייניקע פרויען זענען מיר דאָ מקנא, וואָס איך לעב אין ניו־יאָרק און שפּיל אין ייִדישן טעאַטער. זיי האַלטן עס פאַר אַזאַ גליק. אַך, ווען זיי ווייסן אַלץ וואָס עס קומט פאַר אין אונדזער טעאַטער־וועלט. נאַרישע פרויען! מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איך וואָלט זיך געביטן מיט זיי. זיי פירן אַזאַ רויִק לעבן, האָבן געזעצלעכע מענער און קינדער, ווייסן נישט פון קיין נויט און זענען פאַרזאָרגט אויף אַ רעגנדיקן טאָג, אויף דער עלטער. אַך, פאַרוואָס האָב איך פריִער קיין שכל נישט געהאַט, אַז איך בין נאָך געווען יונג. אַזוי פיל פיינע באַלעבאַטישע רייכע מענער האָבן מיך געליבט, נאָר זיי זענען מיר נישט געווען צום האַרצן. טאַנצן האָט זיך מיר געוואָלט, און שפּילן טעאַטער. דאָס וואָרט קונסט האָט פאַר מיר געהאַט אַ באַזונדערן צויבער. ווי נאַריש איך בין געווען, איצט קען מען שוין נישט גיין אויף צוריק. זאָגט קיינעם נישט אויס, טייערער, נאָר איך בין שוין אין די טיפע פערציקער, — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַן אומעטיקן שמייכל.

יהודהן האָט זיך אויך געוואָלט ריידן וועגן זיך, איר דערציילן ווי אַזוי ער פילט זיך דערשלאָגן און דערנידעריקט, וואָס ער איז געצוווּנגען אַרומפאָרן „פעדלען" מיט זיין בוך און אַז ער איז אויך שוין נישט יונג און דערצו אָרעם און קראַנק, נאָר געשוויגן. עס איז טונקעלער געוואָרן. זיי זענען אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט, זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, און אָן רייד אַלץ מער באַפריינדעט געוואָרן.

שפּעטער זענען זיי אַוועק צוזאַמען צום יום־טוב. אין דער געביידע פון דעם „קינדער־קלוב" איז געווען ליכטיק. דאָרט האָט זיך שוין צוזאַמענגעקליבן אַ היפּשער עולם — אָנגעפּאַרענע פאַרמער פון די אַרומיקע בערג מיט זייערע פרויען און קינדער און האָטעל־באַלעבאַטים. די ווענט פון קלוב זענען געווען פאַרפּוצט מיט פּאַפּירענע פילפאַרביקע לענטעס. די קליינע קאַפּעליע, — אַ פידל, אַ פלייט און אַ פּויק, האָט געשפּילט און די אונטערגעוואַקסענע פאַרלעך האָבן זיך געדרייט אין אַ טאַנץ. נאָך קינדער האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען. די פּנימער

ביי דעם קליינוואַרג האָבן געשיינט פון פרייד. דאָס האָבן זיי אַליין אַראַנזשירט דעם יום־טוב, צוזאַמענגעשטעלט די פּראָגראַם און איינגעלאַדן זייערע עלטערן.

עטלעכע קינדער זענען געשטאַנען ביים בופעט און אַ גראַציעזע מיידעלע אין ווייסן איז אַרומגעלאָפן איבער דער געביידע און אַכטונג געגעבן צי אַלץ איז אין אָרדענונג. די עלטערן זענען געזעסן אַן אַ זייט, געקליבן נחת און זיך נישט געמישט.

די פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז אויפגעטראָטן אַ קליין מיידעלע און געהאַלטן אַ רעדע פאַר די עלטערן אין אַ גוטן גלאַטן ייִדיש. זי האָט אַלעמען געדאַנקט, וואָס מען איז געקומען צו זייער יום־טוב און דערציילט וואָס זיי האָבן אויפגעטון פאַר די קינדער יתומים אין אייראָפּע. דערנאָך האָט אַ ייִנגעלע דעקלאַמירט אברהם רייזענס „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן” און ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן די ייִדישע טענץ. אַלע קינדער זענען געווען אָנגעטאָן אין לייכטע, גרינע און בלויע שאַלן, זענען געגאַנגען באָרוועס. דער עולם האָט אָנגעהויבן שטאַרק אַפּלאָדירן. נאָר באַלד איז געוואָרן שטיל. און די קינדער האָבן גענומען באַוועגן גראַציעז און ליב זייערע שלאַנקע קערפּערס. זיי זענען געגאַנגען אַ קאַראַהאָד און געזונגען:

„וויז מיר, וויז מיר, מאַמע,
ווי פלאַקס זייט מען״.

און זיי האָבן אָנגעהויבן באַוועגן מיט די הענט, ווי מען זייט, רייסט און ווי מען שפּרייט, שטויבט און און מ׳שפּינט פלאַקס. די פאַרמער און זייערע פרויען זענען געוואָרן שטאַרק באַגייסטערט און אַלע ווילע האָט זיך דערהערט אַן אַנדער פריילעכער אויסגעשריי. דערנאָך זענען די קינדער געגאַנגען אַ בלומען־טאַנץ, געמאַכט אַלערליי שיינע פיגורן און האָבן טאַקע אויסגעזען ווי גרויסע, לעבעדיקע, פילפאַרביקע קווייטן פון ערגעץ אַ ווייטער פאַנטאַסטישער וועלט.

אַלע טענץ האָבן זיך איינגעגעבן און די אַקטריסע האָט געשיינט פון פרייד. יהודה איז צו איר צוגעלאָפן און אַ באַגייסטערטער איר שטאַרק געדריקטביידע הענט.

— איר זייט אַ גאָט געבענטשטע קינסטלערין, איר זייט אַזאַ טייערע, אַזאַ האַרציקע, — האָט ער זיך אַזש פאַרכלינעט. איך האָב אייך גאָרנישט געקענט. איר האָט מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד און פאַרגעניגן. ווער האָט דאָס דערוואַרטעט, אַז מיר וועט היינט זיין אַזוי גוט. ניין, דאָס ייִדישע לעבן וועט נישט אונטערגיין אין אַמעריקע. מען מוז בויען וואָס מער ייִדישע שולן. אַלע כוחות דאַרפן אַוועקגעגעבן ווערן צו בויען ייִדישע שולן. די קינדער וועלן שוין קומען,

מען דאַרף בויען שולן אין די פּראָווינציעלע ווינקלען פון לאַנד, אין טאָלן און אויף הויכע בערג, ווו עס זענען נאָר פאַראַן אַ ביסל ייִדן. אַלע אַנדערע זאַכן זאָל מען אָפּלייגן אויף אַ זייט, ווייל בויען שולן איז דאָס וויכטיקסטע. און דאַן וועלן מיר אין אַמעריקע האָבן אַ נייעם יונגן דור לייענער. יונגע מיידלעך וועלן לייענען אונדזערע פּאָעטן. אָ, ווי וווּנדערבאַר דאָס וועט זיין. און מיר וועלן נישט דאַרפן אַרומפאָרן „פּעדלען" מיט אונדזערע ביכער, וואָס פאַרשאַפט אונדז פּיין.

און איר ווערט אַ ייִדישע לערערין. גיט אויף דעם טעאַטער. צו וואָס דאַרפט איר שפּילן און טאַנצן אין אידיאָטישע, שונדיסטישע מאַכערייקעס, וואָס מען רופט אָן פּיעסן. איך בעט אייך. איר מוזט עס טון. ווייזט אַ ביישפּיל. גייט אין פעלד. איר זייט אַזאַ טייערע!

די אַקטריסע האָט געלאַכט און אים געדאַנקט. דערנאָך האָט מען פאַרבראַכט ביי געדעקטע טישן מיט משקה און פאַרבייסנס ביז שפּעט אין דער נאַכט. יהודה האָט אויסגעטרונקען אַ ביסל צופּיל און זיך דערפילט אויסערגעוויינלעך גוט, און אַפילו גליקלעך. ער האָט געקוקט אויף די ייִדישע פאַרמער מיט ליבע און איז געווען גרייט יעדן פון זיי געבן אַ מתנה זיין בוך לידער, נאָר דער לערער האָט אים אָפּגעהאַלטן עס צו טון. נישקשה, די וואָס ווילן אַ בוך קענען באַצאָלן. זיי זענען, ברוך השם, אַלע גוט אָפּ און מעגן קויפן אַ בוך פון אַ ייִדישן דיכטער. דערנאָך האָט ער פאַר די פאַרמער געלייענט זיינע נאַטור־לידער און ווידער גערעדט, אַז מען מוז בויען וואָס מער שולן, דאָס אונדזער האַרציקער ייִדיש זאָל נישט אונטערגיין אין אַמעריקע. ענדלעך האָט ער געזעגנט מיט דער אַקטריסע פאָלקס־מאַטיוון און אַלע האָבן זיי אונטערגעהאָלפן. און אַז דער יום־טוב האָט זיך געענדיקט, האָבן שוין ערגעץ געקרייעט הענער. דער מזרח איז ליכטיק געוואָרן. יהודה איז אַרויס פון קינדער־קלוב מיט דער אַקטריסע. ער האָט זי געפירט צום הויז ווו זי איז איינגעשטאַנען. זיין באַגייסטערונג האָט זיך נאָך אַלץ נישט אויסגעוועבט און ער האָט געפילט אַ זיסע מידקייט אין אַלע גלידער. דרויסן האָט דער ריח פון פרילינג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די בערג, גרינע לאָנקעס און פעלדער, פון דער אַקטריסע וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים, אים אינגאַנצן פאַרשיכורט. ער האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט און זי ליידנשאַפטלעך געקושט אין די אויגן און אין מויל. און זי האָט אַ צופרידענע געלאַכט און זיך כלומרשט געבעטן:

— נו, גענוג שוין, נאַרישער בחור, גענוג. די פאַרמער וועלן עס נאָך דערזען. מער פעלט מיר נישט... מער פעלט מיר נישט...

דריי װעגן...

דער אַלטער בחור װיליאַם לאַװלעס, אַ דאַרער און אַ הױכער מיט בלױע קינדערשע אױגן, איז געשטאַנען נעבן זײַן הױז און געהאַקט האָלץ אױף װינטער. זײַן פאַרם איז געלעגן אױף אַ באַרג עטלעכע מײַל פֿון אַ דאָרף, אין אַ װאַלדיקן געגנט, פֿון װאַנען דרײַ װעגן זענען געלאָפֿן אין טאָל אַרײַן צו די רײַכע ייִדישע האָטעלן מיט זײערע ליכטיקע פֿײַערן אין די שטילע זומער־נעכט און רופנדיקע טענער פֿון געזאַנג און מוזיק.

אַהין פֿלעגט ער קומען זײער זעלטן, װײַל דער טומל פֿון די מענטשן װאָס קלײַבן זיך צונױף אין די האָטעלן האָבן אים געמאַכט אומרויִק און טרױעריק און ער האָט געלעבט אײנזאַם אױף זײַן פאַרם, װאָס איז אים בירושה געבליבן פֿון זײַנע עלטערן, און פֿלעגט גאַנצע װאָכן נישט זען קײן מענטשן אַרום זיך.

די ערשטע צײַט נאָך זײַן פאָטערס טױט איז אים געװען שװער צו זײַן אַלײן (ער איז געװען אַן אײנאונאײנציקער בײַ זײַנע עלטערן און די מוטער איז שױן געשטאָרבן פֿון לאַנג). די װינטער־נעכט פֿלעגן זיך ציִען אָן אַ סוף, אַ שנײ־זאַװערוכע פֿלעגט פֿאַרשיטן די דרײַ װעגן װאָס פֿירן אין טאָל אַרײַן און אין װאַלד האָבן געהוליעט מכשפֿות: געפֿײַפֿט אױף פֿײַפֿלעך, געקלאַפּט אין פּױקן און גע־גאַנגען אַ קאַראַהאָד אַרום זײַן הױז, אַלע װײלע שרײַענדיק זײַן נאָמען און רופֿנ־דיק אים צו זיך. און ער פֿלעגט אין שרעק ליגן אױף זײַן בעטל מיט אָפֿענע אױגן און האַלטן אין אײן שעפּטשען די אײנציקע תּפֿילה, װאָס ער האָט געקענט און װעלכע האָט געהאַט די קראַפֿט צו פֿאַרטרײַבן שלעכטע גײַסטער, װי זײַן מוטער האָט אים אין די קינדער־יאָרן דערצײלט.

אָבער דערנאָך האָט ער זיך צוגעװױנט צו זײַן אײנזאַמקײט און אים פֿלעגט שױן נישט אַרן װען דער װאַלד האָט געררושט אין די שװאַרצע אָסיען־ און װינטער־נעכט. ער פֿלעגט רויִק זיצן בײַם אױװן, צוהערן זיך װי די האָלץ ברענט און פֿאַרטראַכט רױכערן זײַן ליולקע. און װען עמעצער װאָלט אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער און אָנגערופֿן זײַן נאָמען, װאָלט ער געעפֿנט די טיר און געבעטן אַרײַנ־קומען. נאָר קײנער פֿלעגט נישט קומען צו אים, װײַל די אַרומיקע פֿאַרמערס

האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ האַלבן משוגענעם און ווען זייערע פרויען פלעגן וועלן אַנשרעקן זייערע קינדער, האָבן זיי געזאָגט, אַז אויף אַ רויטן פערד רייט וויליאַם לאַוולעס פון וואַלד און באַלד וועט ער צוקומען צום הויז און עס הערט זיך שוין ווי זיין פערד קלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבערן וועג.

ער איז געווען רייך און קיינער האָט נישט געוווסט, ווו איז זיין געלט. מען האָט דערציילט, אַז ערגעץ אין דער ערד האַלט ער באַהאַלטן גרויסע לײמענע און קופּערנע טעפּ מיט גאָלדענע מטבעות און נישט איין אָרעמער פּאַרמער פלעגט חלומען אין די נעכט, אַז וויליאַם לאַוולעס איז פּלוצלינג געשטאָרבן און ער שטייט מיט אַ לאָפּעטע און גראָבט אויס דעם אַלטן בחורס אוצר.

נאָר אַ פרילינג נאָך אַ פרילינג פלעגט קומען און וויליאַם לאַוולעס האָט געאַקערט זיין פעלד, אָסיען־צייט צוזאַמענגעקליבן די תבואות, גרינסן און ווידער רויק געוואַרט אויפן לאַנגן און קאַלטן ווינטער אין די בערג.

וויליאַם לאַוולעס האָט אַוועקגעלייגט די האַק און האָט זיך געזעצט אַ ווײלע אָפּרוען. ער האָט פאַררויכערט זיין ליולקע און זיך אַרומגעקוקט. אויפן קליינעם פעלד ביים וואַלד האָט שוין דער ווינט געוויגט די גאָלדענע זאַנגען, אין גאָרטן זענען שוין אייניקע גרינסן פאַרטיק געוואָרן און אויף פילע ביימער האָבן זיך גערויטלט עפּל. עס איז געווען אין מיטן זומער און דעם גאַנצן חודש האָט גאָט געשיקט דעם רעגן אין צייט.

אַ גרויסער פויגל האָט דורכגעשניטן די לופט הויך איבער זיין קאָפּ און דער פאַרמער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף איינעם פון די דריי וועגן, וואָס פירן פון טאָל און מיט אַמאָל האָט ער דערזען, אַז צוויי פרויען מיט אַ יונגן מאַן גייען צו זיין הויז. איז ער געבליבן רויק זיצן און געוואַרט. דערווייל זענען די פרעמדע אַריבער דעם שמאָלן וואַסער, וואָס איז געלאָפן פון דער הויך און זיך דערנענ־טערט צו אים. ער איז אויפגעשטאַנען און באַגריסט די געסט פון טאָל.

— מיר זענען געקומען צו אייך דינגען אַ צימער, — האָט געזאָגט איינע פון די פרויען. — אונדז געפעלט דער ווינקל. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז איר ווינט דאָ אַליין און דאָס הויז איז אַ גרויסע.

דער אַלטער בחור איז געשטאַנען און געטראַכט וואָס צו ענטפערן. מיט אַזעלכע שיינע און פאַרפוצטע ליידיס האָט ער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט גערעדט.ביידע זענען געווען יונג און אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער. זייערע פּנימער רונד און פריש און די וואָס האָט געפרעגט וועגן צימער, האָט געהאַט אַ לאַסטשענ־דיקן קוק און גרויסע ליכטיקע אויגן.

— מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן דעם גאַנצן זומער, — האָט געזאָגט די אַנדערע פרוי פון די צוויי — און דערצו וועלן מיר אַלץ קויפן ביי אייך און איר וועט גוט

פֿאַרדינען ביי אונדז. מיר טרינקען אַ סך מילך און איך זע איר האָט אין גאָרטן אַלע גרינסן.

וויליאַם לאָוולעס האָט ענדלעך אַרויסגערעדט:

— איך ווייס נישט. איך וועל אַ טראַכט טון. קומט מאָרגן.

ער האָט געפֿילט אַז ער זאָגט נישט דאָס וואָס ער קלערט, זיי וועלן קומען די פֿרויען פֿון טאָל, און צעשטערן זיין רו און ער האָט געדאַרפֿט זיי ענטפֿערן, אַז ער וויל נישט.

— דערלויבט אונדז אַ קוק טון אין אייערע צימערן, — האָט אים געבעטן די פֿרוי מיט די ליכטיקע אויגן און זיי זענען אַלע אַריין אין הויז ריידנדיק הויך, אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך און דער פֿאַרמער איז זיי נאָכגעגאַנגען און מינוטנווייז האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס זענען צו אים געקומען אַ פּאָר פֿאַרשטעלטע יונגע מכשפֿות פֿון וואַלד, וואָס גייען אין די אומרויִקע ווינטער־נעכט אַ קאַראַהאָד אַרום די פֿענצטער פֿון זיין הויז, פּייפֿן אויף פּייפֿעלעך, קלאַפּן און פּויקן און שרייען אויס זיין נאָמען און דאָס זענען זיי געקומען אים פֿאַרפֿירן און צונעמען זיין רו.

די פֿרויען מיט דעם יונגן מאַן זענען דורכגעגאַנגען אַלע צימערן פֿון אַלטן הויז, וווּ אַלץ איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקן שטויב און שפּינען האָבן געוועבט זייערע נעצן אין אַלע ווינקלען. דערנאָך זענען זיי אַרויס און געזאָגט דעם פֿאַרמער, אַז די טעג וועלן זיי קומען און זאָל ער זיי געבן אַ ריכטיקן ענטפֿער.

— איך וועל אַ טראַכט טון, — האָט ווידערהאָלט וויליאַם לאָוולעס און האָט די געסט באַגלייט ביזן וואַלד און נאָכדעם געקוקט ווי זיי פֿאַרשווינדן הינטער דיביימער און לאַכן הילכיק און רייצנדיק ווי אמתע פֿאַרפֿירערינס.

— צום טייוול, — האָט ער זיך אויסגעזידלט און איז אַוועק ווידער האַקן האָלץ, נאָך מיט מער אימפּעט, איז גיך מיד געוואָרן און אים האָט זיך פֿאַרוואָלט אַ טרונק. ער איז אַריין אין הויז און אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער סיידער. די טירן פֿון די צימערן וואָס זענען לאַנג געשטאַנען פֿאַרמאַכט, זענען איצט געווען אָפֿן און אַ שווייגנדיקער אומעט האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיי. דער פֿאַרמער האָט צוגעמאַכט די טירן און איז ווידער אַרויס אין דרויסן צו זיין אַרבעט. עפּעס האָט ער מיט אַמאָל פֿאַרלוירן זיין רו און אַלץ געטראַכט פֿון די פֿרויען: ווי זיי זענען שיין און פֿריש און גוט געקליידעט און אים האָט פֿאַרדראָסן פֿאַרוואָס ער האָט זיי גלייך נישט אָפּגעגעבן אַ צימער אין זיין הויז. ער האָט גענומען מורא האָבן, אַז זיי וועלן זיך נישט אומקערן און האָט אָפֿט געקוקט אויף די דריי וועגן וואָס פֿירן אין טאָל אַריין. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז שוין אַלט פֿופֿציק יאָר און האָט נאָך קיינמאָל קיין פֿרוי נישט געהאַט. יענע מיידל מיט די

פלאַקסענע האָר, פון הינטער די בערג, מיט וועלכע זיינע עלטערן האָבן אים אַמאָל געוואָלט חתונה מאַכן, איז געווען אַ צעלאָזענע און האָט זיך פון אים אויסגע־לאַכט ווען ער איז געקומען ריידן צו איר האַרץ. און דאָס האָט אים דעמאָלט שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט געזאָגט צו זיין מוטער, אַז דאָס מיידל איז ערגער פון אַ טייוול און עס איז אים ליבער צו בלייבן אַליין. נאָר דאָס איז געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק. און איצט האָט שוין יענע בלאָנדע מיידל גרויסע קינ־דער און זיי אַקערן און זייען און עסן אַרום איר טיש און ער איז איינזאַם.

אַט אַזעלכע און ענלעכע געדאַנקען זענען געקומען דעם אַלטן בחור אין קאָפּ און ער, אַן אומרויקער האָט זיך אַלע ווייַלע גענומען פאַר אַן אַנדער אַרבעט, ביז די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט הינטער די בערג. און ווען די פאַרנאַכטיקע שאָטנס זענען געוואָרן געדיכטער און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם טונקעלן סאַמעט פון די אָוונט־גראָזן און די גרילן און פרעש פון די אַרומיקע זומפּן האָבן הילכיק אַנגעהויבן זייער נאַכט־געזאַנג, איז וויליאַם לאַוולעס אַרויס פון זיין הויז און איז אַוועק מיט איינעם פון די דריי וועגן אין טאָל אַריין.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פרויען מוזן זיך געפינען אין איינעם פון די רייכע האָטעלן און האָט באַשלאָסן צו גיין זוכן און זאָגן, אַז ער איז גרייט זיי אָפּגעבן אַ צימער אויף זיין פאַרם און זאָלן זיי קומען צו אים.

און ווען ער איז געקומען אין טאָל איז שוין געוואָרן פינצטער און די פענצ־טער פון די האָטעלן האָבן העל געלויכטן און פון דאָרטן האָט זיך געהערט מוזיק און געזאַנג און פרויען האָבן אויפן קול און רייצנדיק געלאַכט און געדרייט זיך אין טענץ מיט מענער. און אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ טיפער אומעט, אַ פאַר־דרוס פאַרוואָס ער איז געקומען אַהער.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געטראַכט, אַז אין אַלץ איז שולדיק דער טייוול, וואָס האָט אים היינט פאַרדרייט זיין קאָפּ און ער דאַרף גלייך זיך אומ־קערן אַהיים צו זיין פאַרם אויפן באַרג. נאָר ער איז געגאַנגען ווייטער צו די ליכטיקע פייערן וואָס האָבן אים גערופן און געלאָקט און געוועקט אין אים מאָדנע פאַרלאַנגען און זיסע האָפענונגען, אַז ער וועט די שיינע ליידיס געפינען און זיי וועלן וווינען אין זיין הויז און טאָג איין טאָג אויס וועט ער זיי קענען זען.

צוקומענדיק צו אַ קאַסינאָ האָט ער באַגעגנט עטלעכע פאַרלעך, וואָס האָבן שפּאַצירט אַרומגענומען און ער האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט און עפּעס געשעפּטשעט פאַר זיך.

אין קאַסינאָ האָט מען געטאַנצט. אין אַ ווינקל האָט אַ מיידל געשפּילט פּיאַנאָ און צוויי מענער אויף פידל. קיינער האָט נישט באַמערקט ווי דער פאַרמער איז אַריין, אַ ווײַלע געשטאַנען, אַנגעקוקט די פרויען און איז אַרויס. די צוויי

פרויען וועלכע ער האָט געוואָלט זען, האָט ער נישט געפונען. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אויף דעם באַרג. ביינאַכט איז ער געשלאָפן אומרויק. איז עטלעכע מאָל אויפגעשטאַנען, געטרונקען סיידער און אָנגעצונדן ליכט צו זען וויפל עס האַלט דער אַלטער זייגער אויפן וואַנט און דערנאָך ווידער געלעגן מיט אָפענע אויגן און געזען ווי עמעצער, אַ גרויסער און אַ שוואַרצער רוקט זיך אָן אויף אים און ער האָט שווער געאָטעמט ווי ווערנדיק דערשטיקט און נאָכאַנאַנד דערמאָנט דעם טייוול. נאָר אויף מאָרגן זענען די פרויען ווידער געקומען. ער האָט זיי געטראָפן געבן וואַלד. זיי האָבן אים פריינטלעך באַגריסט און די וואָס האָט געהאַט ליכטיקע אויגן האָט אים אָנגערופן מיט דעם נאָמען און געפרעגט צי ער האָט שוין באַשלאָסן זיי פאַרדינגען אַ צימער.

ער האָט אַ ווײלע געשוויגן און ווידער געענטפערט נישט דאָס וואָס ער האָט געטראַכט.

— אָבער איר וועט מיר מוזן גוט באַצאָלן.

— וויפל? — האָבן די פרויען געפרעגט.

— דריי דאָלאַר אַ וואָך, — האָט געזאָגט דער פאַרמער, טראַכטנדיק, אַז עס איז אַ סך און זיי קענען נאָך חרטה קריגן.

נאָר די לײדיס האָבן פריינטלעך געשמייכלט, אַז ער וועט קריגן מער און זאָל ער גלייך איינשפאַנען זיין פערד און פאָרן אין טאָל נאָך זייערע זאַכן, ווייל אין האָטעל איז געפאַקט און זיי האָבן נישט קיין פלאַץ אַפילו איבערצונעכטיקן. און אין דעם זעלבן טאָג האָבן שוין די פרויען אויסגעוואַשן אַ גרויסן צימער און געמאַכט ריין די קיך. דער פאַרמער האָט געהאָלפן און דאָס הויז איז אויפגעלעבט געוואָרן פון זייערע יונגע קלינגענדיקע שטימען. זיי האָבן אים געזאָגט זייערע נעמען. די עלטסטע, מיט דעם לאַסטשענדיקן קול, האָט געהייסן סילוויאַ און איז געווען פאַרהייראַט. די צווייטע, מרים, איז נאָך געווען אַ מיידל און אירע עלטערן האָבן זיך געפונען אין אַן אַנדער לאַנד.

וויליאַם לאָוולעס האָט אַלץ אויסגעהערט, לאַנג און גוט געקוקט אויף דאָס מיידל מיט זיינע גרויסע קינדערשע אויגן און איז דערנאָך אַוועק אין וואַלד. און ווען ער האָט זיך אומגעקערט איז שוין געווען פינצטער און אין די פענצטער פון הויז האָט געברענט ליכט און עס האָט אויסגעזען, אַז דאָרט איז איצט היימלעך און אָנגענעם, און די פרויען קאָכן אין קיך. און ווידער איז ער שלעכט געשלאָפן די נאַכט, און עמעצער אַ שוואַרצער האָט זיך גערוקט אויף אים און געמאַכט שווער אָטעמען און געוואָלט דערשטיקן, און אויבן, אין דיין מוטערס צימער איז געלעגן דאָס מיידל, וועמענס עלטערן עס געפינען זיך אין אַ וויטן לאַנד און זי

איז שיין און יונג און האָט ווייסע שטאַרקע ציין. און ווען זי וויל, וואָלט ער גע־גאַנגען אויסגראָבן פון דער ערד זיין גאָלד און זאָגן:

— אָט דאָס אַלץ וועט זיין דיינס. דאָס הויז, די ביימער פון וואַלד און די לאַנקעס אַרום. אַזוי וואָלט ער איר געזאָגט. און זאָל זי ווערן די באַלעבאָסטע. אַזוי האָט ער געטראַכט בייטאָג און ביינאַכט און איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַר־פאַלענער. מיט די פרויען האָט ער כמעט אויפגעהערט צו ריידן און פלעגט ווייניק זיין אין הויז, ווזהין עס האָט אים שטאַרק געצויגן. און זיי האָבן געמיינט, אַז דער פאַרמער איז זייער פאַרנומען און האָט נישט קיין צייט צו פאַרברענגען מיט זיי, פלעגן זיי אים לאָזן צורו. און אַזוי איז אַוועק אַ פאָר וואָכן.

איינמאָל אין אָוונט איז אָנגעלאָפן אַ שטורעם אין די בערג. די פרויען האָבן שטאַרק מורא געהאַט צו בלייבן אַליין אין הויז און זיי האָבן אַריינגערופן צו זיך דעם פאַרמער. ער איז אַרויף און זיך געזעצט ביים טיר, אַ דאַרער, אַ הויכער מיט אַן אָפּגעגאָלט פּנים און גרויסע שטילע בלויע אויגן. דאָס מיידל האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער גייט אַרום אַזוי פאַרזאָרגט און וויל נישט זיצן אַמאָל אין אָוונט און פאַרברענגען מיט זיי, ביי אַ גלאָז קאַפע. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און ענדלעך אַרויסגערעדט:

— ער האָט צופיל אַרבעט. ער איז אַליין און די פאַרם איז גרויס. אָט אַזוי איז עס. אַליין איז ער.

מער האָט דער אַלטער בחור נישט גערעדט. און דער שטורעם האָט זיך געטראָגן איבער די בערג און געוואָרפן אַ פּחד אויף די איינוווינער פון די איינ־זאַמע פאַרמס, מיט זיינע שטאַרקע דונערן און בליצן, און אַזוי האָט זיך עס גע־צויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

דערנאָך איז געווען זונטיק. דער פאַרמער האָט זיך אָנגעטאָן אין זיינע יום־טובדיקע קליידער, איינגעשפּאַנט ביידע פערד אין בריטשקע און פאַרגע־לייגט די ליידיס אַ „היטש״. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט אין יענעם טאָג. געשפּאַסט מיט דער מיידל און איר געזאָגט, אַז זי וואָלט געווען אַ גוטע פרוי פאַר אים. ביידע ליידיס האָבן געלאַכט און דאָס מיידל האָט געענטפערט, אַז זי האָט שוין אַ געליבטן, נאָר ער, וויליאַם לאָוועס, געפעלט איר זייער. ער האָט בלויע אויגן. דער אַלטער בחור האָט זיך דערפילט גליקלעך, און באַלד זענען אַלע געזעסן אויף דער בריטשקע און די פערד זענען אַוועק צום וואַלד, פון וואַנען די דריי וועגן האָבן געפירט אין טאָל אַריין. און דער פאַרמער איז געפאָרן און געטראַכט: אָט, אויב די פערד וועלן אַ לויף טון מיט דעם מיטלסטן וועג, וועט דאָס מיידל זיין זיינע און ער דאַרף נאָך היינט איר זאָגן וועגן אַלץ, און אויב נישט — איז נישטאָ קיין פרייד פאַר אים אין לעבן און ער וועט בלייבן אַלע מאָל אַליין.

ער האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס און די פערד זענען אַוועק מיטן זייטיקן לינקן וועג און אַ טראַג געטון די בריטשקע אַראָפּ פון באַרג. ער האָט אויפגעציטערט פון איבערלעכן שרעק. און דערנאָך האָט ער דעם גאַנצן וועג געשוויגן און אַפילו דאָס מיידל האָט אים נישט געקענט מאַכן צו ריידן. ביינאַכט איז ער געקומען אַהיים מיט נאָך אַן אַלטן פּאַרמער, וואָס האָט געהינקט אויף אַ פוס און ביידע זענען געווען שיכור.

וויליאַם לאָוולעס האָט געוועדט פרעך און זיך באַרימט, אַז ער קען טון מיט די לידיס וואָס ער וויל. דערביי האָט איינער דעם צווייטן געשיקט אָנקלאַפּן אין זייער טיר. נאָר די פרויען האָבן זיך פאַרשפאַרט און מורא געהאַט אַרויס־צוגיין און אַ גאַנצע נאַכט האָבן די צוויי פאַרמער געטרונקען און געזונגען און אַ פּאָר מאָל דאָך אַרויפגעגאַנגען אין דער הויך און גערופן די לידיס פאַר־ברענגען מיט זיי.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די פרויען פון טאָל פאַרלאָזן די פאַרם און וויליאַם לאָוולעס איז ווידער געבליבן אַליין. ער האָט זיי געלאָזט גיין און האָט אַליין אָפּגעפירט זייערע זאַכן צוריק אין האָטעל. אַז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט און אַ שווערע מרה־שחורה האָט אַרומגענומען זיין נשמה.

ער איז אַריין אין הויז. דאָרט איז געווען פּוסט, שטיל און פינצטער און פון די אָפענע טירן האָט אַרויסגעקוקט אַ בייזער אומעט. ער האָט פאַרמאַכט די טירן און אָנגעצונדן די ליכט אין קיך. די שטילקייט האָט אים געגומען שרעקן און אָנפילן זיין האַרץ מיט בענקשאַפט. פאַרוואָס האָט ער יענעם אָוונט זיך אָנגעשיכורט און פאַריאָגט די לידיס? דאָס מיידל איז געשטאַנען פאַר אים ווי אַ לעבע־דיקע מיט איר רונדן און פרישן פּנים און ווייסע שטאַרקע ציין, און האָט געלאַכט און געזאָגט, אַז ער, וויליאַם לאָוולעס, האָט גוטע בלויע אויגן און געפעלט איר.

און אין אַלץ איז שולדיק דער הינקענדיקער שכן, וועלכער האָט שוין געהאַט צוויי ווייבער און זוכט אַ דריטע. ווען נישט יענער, וואָלט ער זיך נישט געפירט אַזוי שלעכט און באַליידיקט די לידיס. זיי האָבן זיך דערשראָקן און אַוועק פון זיין הויז. און איצט וועט ער דאָס מיידל קיינמאָל מער נישט זען.

וויליאַם לאָוולעס האָט זיך קיין פּלאַץ נישט געפונען אין הויז, האָט פאַר־לאָשן דעם פייער אין קיך און איז אַרויס צום וואַלד. אַרום איז געווען שטיל און פינצטער און דער וואָסער וואָס לויפט פון דער הויך האָט גערוישט און געמורמלט. אים האָט זיך געוואָלט גיין אין טאָל צום האָטעל, צו די לידיס און בעטן זיי זאָלן אים אַנטשולדיקן און זיך אומקערן צוריק אין זיין הויז. פאַרוואָס האָט ער עס נישט געטון גלייך און געלאָזט אַוועקגיין? ער וועט זיי זאָגן, אַז אין אַלץ איז שול־

דיק זיין שכן, און דערנאָך וועט ער דער מיידל דערציילן פון זיין געלט, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער ערד און נאָך וועט ער איר זאָגן, אַז אויב זי וויל, וועט ער פאַרקויפן די פאַרם און זיך באַזעצן מיט איר אין שטאָט. ער האָט גענוג געלט.

אָבער וויליאַם לאָוולעס האָט פּלוצלינג באַמערקט, אַז ער גייט מיטן לינקן וועג און דאָס האָט געמיינט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. און ער האָט זיך אומגעקערט אין הויז. פאַנאַנדערגעעפנט אַלע טירן, זיך ווידער אָנגעשיכורט און ביז שפּעט אין דער נאַכט געזונגען און געוויינט.

דערנאָך איז ער אַ קורצע צייט געלעגן קראַנק און דער הינקענדיקער שכן פלעגט אָפט אַריינקומען צו אים און אַרויסהעלפן אין דער באַלעבאַטישקייט. דער־וויל איז אָנגעקומען דער אָסיען און דער קאָרן האָט זיך געבויגן צו דער ערד, אויך די קאַרטאָפל־בלעטער זענען פאַרטריקנט געוואָרן און אויף די ביימער זענען געהאַנגען צייטיקע עפּל. וויליאַם לאָוולעס האָט ווידער געטון זיין אַרבעט געלאַסן און רויק, נאָר אין האַרצן האָט ביי אים עפּעס גענאָגט און גענאָגט, כאָטש ער האָט שוין זעלטן געטראַכט וועגן די ליידיס, וואָס האָבן אַוועקגערויבט זיין רו. ער האָט גענומען פילן אַלץ אָפטער און אָפטער, אַז דאָ, אויף זיין פאַרם, וואָס ליגט פאַרוואָרפן אויף אַ באַרג, אין וואַלדיקן געגנט קען מען אין איינזאַמקייט אַראָפּ פון זינען און ער וועט אַמאָל מוזן אַנטלויפן פון דעם פּלאַץ.

און די נעכט זענען געוואָרן אַלץ לענגער און פינצטערער און אונטן אין טאָל, ווו עס זענען געשטאַנען די רייכע ייִדישע האָטעלן, האָבן שוין מער נישט געברענט קיין ליכטיקע פייערן אין די אָוונטן און מענער מיט פרויען האָבן שוין נישט געטאַנצט אונטער די טענער פון מוזיק און אָפט פלעגט אַ פאַרמער זען, ווי וויליאַם לאָוולעס, אַ באַוואָקסענער, מיט אַ באָרד, דרייט זיך אַרום איבער דעם טאָל, נעבן די פאַרמאַכטע האָטעלן און רעדט צו זיך און דערמאָנט אַלע ווײַלע דעם טיִול, און די מאַמעס פלעגן ווייטער שרעקן די וויינענדיקע קינדער אין די נעכט און זאָגן זיי, אַז וויליאַם לאָוולעס רייט פון וואַלד, אויף אַ רויטן פערד און באַלד וועט ער צוקומען צום הויז און עס הערט זיך שוין ווי דער פערד קלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבער דעם וועג.

צווי ברידער

צוויי יונגע ברידער זענען געגאַנגען איבערן וועג און גערעדט, אַז מאָרגן דאַרפֿן זיי פֿאָרן אין וואַלד האַקן ביימער פֿאַר אַ רייכן האָטעל קיפּער, וועלכער קלייבט זיך אין פֿרילינג בויען אַ נײַ הויז פֿאַר זײַן טאָכטער, וואָס גייט חתונה האָבן.

די צוויי ברידער זענען געווען קינדער פֿון אַ דייטש, אַ פֿאַרמער, וואָס האָט שוין יאָרן געוווינט אין די קעטסקיל־בערג, נאָר ער איז געווען נישט רייך און האָט פֿאַרמאָגט ווייניק קי, עופֿות און ערד.

דערפֿאַר פֿלעגן די בחורים גיין אָפּט אַרבעטן צו פֿרעמדע, צוזאַמען אַקערן און זייען, שנײַדן די הויכע גראָזן און צוזאַמענקלייבן די היי אין שייער. אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן פֿלעגן זיי פֿאַרברענגען צוזאַמען בײַם פֿײַער און הערן וואָס עס דערציילן די אַלטע פֿאַרמער, וועלכע האָבן אין זייער לעבן געררייזט איבער אַנדערע לענדער און געזען אַ וועלט.

פֿיליפּ איז געווען מיט אַ פֿאַר יאָר עלטער פֿון הענרין און אויך שטאַרקער פֿון אים און האָט געהאַט אַ פֿעסטן כאַראַקטער און אַ בייזן, פֿאַרכמורעטן פּנים מיט טונקעלע קאַלטע אויגן, רויִקע און טיפֿע ווי צוויי שלאָפֿנדיקע זומפּן אין די בערג.

אָבער הענרי האָט אויסגעזען ווי אַ יונגער בוים, שלאַנק און דין, האָט געהאַט אַ פֿריינטלעכן שמייכל אויף די פֿולע ליפּן און זײַן פּנים פֿלעגט אָפּט זײַן פֿאַרטראַכט פֿון אַלערליי פֿאַנטאַזיעס און יוגנט־חלומות.

די ברידער האָבן באַמערקט אַ פֿייערל אויף אַ באַרג און געבליבן שטיין פֿאַרוווּנדערט. אין אַלטן, פּוסטן הויז, וואָס איז שוין לאַנג געשטאַנען אויפֿן באַרג מיט פֿאַרמאַכטע טירן און פֿענצטער, איז געוואָרן ליכטיק, און דאָס פֿייערל לאַקט און רופֿט. אפֿשר איז אַ „נישט גוטער" געקומען אין פּוסטן הויז און אָנגעצונדן ליכט, האָט געשפּאָסט הענרי, ווײַל זיי האָבן גאָרנישט געהערט, אַז עמעצער זאָל זיך אַרײַנקלייבן אַהין.

דער הונדערט־יאָריקער זקן אײַקאָוו, צו וועמען די פֿאַרם האָט באַלאַנגט,

איז שוין פון לאַנג באַגראָבן אויפן באַרג און ליגט רויִק אונטערן גרויסן שטיי־נערנעם צלם נעבן די היילן, ווו אינדיאַנער האָבן אַמאָל געוווינט. און זיינע אייניק־לעך פון שטאָט זענען נאָך קיינמאָל נישט געקומען באַארבעטן זיינע פעלדער.

פיליפּ און הענרי זענען אַוועק ווייטער, אַלץ געקוקט אויפן באַרג פון וואַנען דאָס איינזאַמע פייערל האָט געלאָקט און פריינטלעך געפינטלט צו די איינזאַמע יידישע פאַרמער פון דעם קליינעם שטילן טאָל.

אין דערפל זענען זיי אַריין אין „דעפּאַרטמענט סטאָר און פּאָסט אָפיס״. דאָרט זענען געשטאַנען עטלעכע קריסטלעכע פאַרמער, און איינער פון זיי האָט דערציילט, אַז אין פּוסטן הויז האָט זיך אַריבערגעקליבן אַ רייכער „שיני״ און ער וועט בויען אַ גרויסן האָטעל פאַר אַ סך אַנדערע רייכע „שיניס״ פון שטאָט. ער האָט אָפּגעקויפט דאָס הויז און די ערד אַרום ביי אייקאָווס אייניקלעך, און אַז דער ייִד האָט אַ שיינע יונגע טאָכטער, וועלכע ער האָט אַליין געזען מיט זיינע אויגן און האָט זיך נישט געקענט געזעטיקן אָנקוקן אויף איר. אַזוי, כע־כע־כע, האָט זי דערוואָרעמט זיין אַלט בלוט, און אַז איצט וועלן שוין די באַיעס אויסטרעטן אַ פאַרבאַרגענע כטעזשקע צום פּוסטן הויז.

הענרי האָט געשמייכלט און געשפּאַסט פון דעם אַלטן פאַרמער. אָט באַלד וועט ער זיך אָנטאָן אין זיינע זונטיקדיקע קליידער און מיט די שוואַכע פיס זיך שלעפּן אויפן באַרג צום יידן נאָך אַ מאָל אַ קוק טון אויף זיין יונגע טאָכטער און פיליפּ האָט געשוויגן און געקוקט רויִק מיט זיינע קאַלטע אויגן, און דערנאָך זענען די צוויי ברידער אַוועק צום רייכן האָטעל־קיפּער און ווידער גערעדט מיט אים, אַז מאָרגן וועלן זיי פאָרן אין וואַלד האַקן ביימער פאַרן נייעם הויז, וואָס ער וויל אין פרילינג בויען פאַר זיין טאָכטער.

שפּעט אין אָוונט האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים. דאָס פייערל האָט שוין מער נישט געלויכטן אויפן באַרג, נאָר ביידע ברידער זענען אַ ווילע געשטאַנען ביים טיר פון זייער הויז און שוויגנדיק געקוקט אין דער שוואַרצער ווייטקייט, אין דער הויך צום באַרג, און ביידע האָבן געטראַכט פון דער אומבאַקאַנטער יידישער מיידל, וועגן וועלכער דער אַלטער פאַרמער האָט גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג. און יעדער האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז מאָרגן ווען ער וועט קומען פון וואַלד, זאָל ער גיין צום נייעם איינוווינער און פרעגן ביי אים אויף אַרבעט.

אויף מאָרגן האָט אין וואַלד, אויפן קאַלטן, ווייסן שניי און אויף די הויכע גרינע סאָסנעס, געשיינט מיט פאַנטאַסטישע אוזאָרן די זון, און די ברידער זענען געשטאַנען מיט העק אין די הענט און געהאַקט אַ בוים נאָך אַ בוים, וואָס פלעגן קרעכצנדיק, מיט אַ שטילן געוויין פאַלן צו דער ערד און זיך אויסציִען אַן לעבן און בלייבן פאַרגליווערט ווי מתים.

ביידע ברידער האָבן געאַרבעט מיטן גאַנצן כוח און ווייניק גערעדט און נאָר אָפט געטרונקען סיידער ווי אויסגעמאַטערטע פון דורשט און אַלץ זיך גע־סטאַרעט צו דערמאָנען יענע סמוטנע רייצנדע פרויען־געשטאַלט, וואָס האָט זיך זיי געפּלאָנטערט ביינאַכט אין שלאָף.

פריִער ווען די ברידער פלעגן אַמאָל פאַרברענגען מיט מיידלעך, פלעגן זיי אויף מאָרגן און איבערמאָרגן האַלטן אין איין ריידן וועגן דעם און הילכיק לאַכן מיט אַ געזונטן געלעכטער, וואָס פלעגט אָפּקלינגען אַרום ווי אַ ווידער־קול. נאָר איצט האָבן ביידע געשוויגן און יעדערער האָט געהאַלטן אין זיך זיינע באַכטיקע חלומות און דעם געדאַנק צו גיין אין אָוונט בעטן אַרבעט אויפן באַרג. דאָס ייִדישע מיידל, וועלכע זיי האָבן נאָך נישט געזען, האָט זיי שטאַרק פאַר־כאַפּט. דער אַלטער פאַרמער איז נישט אומזיסט באַגייסטערט פון איר שיינקייט. ער האָט געהאַט אַ סך געליבטע אין זיין יוגנט און דריי מאָל חתונה געהאַט אין זיין לעבן, און אַלע זיינע פרויען, זאָגט מען, זענען געווען שיינע, געראָטענע. נאָר דער טויט פלעגט זיי פרי ביי אים צונעמען. יאָ, ער איז אַ מבין אויף מייד־לעך און פרויען. דאָס איז אַן אמתער טייוול. און אַזוי האָבן די ברידער אויס־געהאַקט אַ סאָסנע נאָך אַ סאָסנע, ביז די זון האָט זיך געזעצט און אין וואַלד איז געוואָרן פינצטער. אין אָוונט האָט זיך ווידער אָנגעצונדן דאָס פייערל אויפן באַרג און פיליפּ איז דער ערשטער אַרויס פון הויז און זיך געלאָזט גיין צו דעם ייִדן. אויפן וועג האָט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס ער האָט מיט זיך נישט גערופן הענריק. ער האָט זיך ווי אַרויסגעגנבעט פון הויז. וואָס וועט טראַכטן זיין ברודער? נאָר ער איז געגאַנגען ווייטער און זיך גענומען אַרויפהויבן אויפן באַרג. דער וועג צווישן אַלטע ביימער איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי, און פיליפּ האָט גע־שטעלט שווערע טריט, זיך געזידלט אַלע ווילע, אָנשטויסנדיק זיך אויף אַ שטאַם פון אַ בוים. דערנאָך האָט ער אין דער פינצטער באַמערקט אַ גרויסן שטיינערנעם צלם וואָס איז געשטאַנען אין דער הויך ביי אַן אָפּגרונט, און אַ ביסל ווייטער — ליכט אין די פענצטער פון דעם ייִדנס הויז. פיליפּ האָט זיך דערמאָנט, אַז פון יענער זייט באַרג איז דאָ אַ ברייטער וועג און פון דאָרטן איז דאָס דער ייִד געקומען אַהער און דערפאַר אַפנים האָט ער אים מיט הענריקן גאָרנישט באַמערקט.

פיליפּ איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון הויז און אָנגעקלאַפּט. וואָס צו זאָגן האָט ער שוין באַטראַכט אויפן וועג, ווייל מען האָט געדאַרפט וויסן ווי צו ריידן מיטן ייִדן, אַז ער זאָל אים איינלאָדן אין הויז.

אַ הויכער, שטאַרקער מאַן האָט אויפגעמאַכט די טיר און געבעטן דעם יונגן פאַרמער אַריינקומען.

פיליפּ האָט אָפּגעקלאַפּט ביים שוועל דעם שניי פון די שיך, זיך באַגריסט און איז אַריין אין הויז.

ער איז אַ מינוט געשטאַנען מיט דעם היטל אין האַנט און געשוויגן. אין צימער ביים טיש איז געזעסן אַ יינגל פון אַ יאָר צען און אַריינגעקוקט אין אַ ביכל, און צוויי פרויען־שטימען האָבן גערעדט און געקלונגען מיט געפּעס הינטער דער וואַנט אין קיך.

דער ייִד האָט אים אויך באַגריסט און געוואַרט וואָס דער גאַסט וועט זאָגן. פיליפּ האָט אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער איז פון טאָל און ער זוכט אַרבעט. ער קען אַלץ וואָס אַ פאַרמער דאַרף קענען און האָט נישט איינמאָל אַפילו געבויט בייע הייזער.

דער ייִד האָט אים פריינטלעך געבעטן זיצן און געזאָגט, אַז איצט איז נאָך פרי פאַר אַרבעט, אָבער אַ ביסל שפּעטער וועט זיין אַ סך צו טון אויף זיין פאַרם און ער וועט דאַרפן האָבן אַרבעטער. עס איז גוט וואָס ער איז אַרויפגעקומען, זיי זענען דאָך איצט שכנים. ער וועט אים מיט פאַרגעניגן געבן צו פאַרדינען, זאָל זיך נאָר באַוויזן דער פרילינג. ער האָט ליב צו לעבן מיט שכנים גוט.

אָט אַזוי האָט דער ייִד געזאָגט, און פיליפּ האָט זיך איינגעהערט ווי איינע פון די פרויען אין קיך הויבט אָן זינגען און הערט אויף, און איר קול איז געשמאַק און הילכיק, און דאָס מוז זיין דעם ייִדנס טאָכטער, — האָט ער גע־טראַכט. אָבער אָט איז דאָס מיידל אַריין אין צימער און פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט דעם פרעמדן בחור וואָס איז געזעסן מיט איר פאָטער און גערעדט.

פיליפּ האָט אָנגעשטעלט אויף איר זיין קאַלטן, רויקן בליק. יאָ, דער אַלטער פאַרמער איז געווען גערעכט. דאָס מיידל איז אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק און האָט געהאַט רויטע ווי פייער, געדיכטע האָר, זומער־שפּרינקלעך אויפן פּנים, קעציש־לייכטנדיקע גרינלעכע אויגן און אַ שטאַרק אָנטוויקלטן, זייער ווייסן קער־פּער. פיליפּ האָט אינערלעך אויפגעציטערט. אָט אַזאַ האָט זי זיך אים געפּלאָנ־טערט אין שלאָף אַ גאַנצע נאַכט. זי האָט גאָרנישט געזאָגט און איז צוריק אַריין אין קיך.

פיליפּ איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן און דערציילט דעם ייִדן פאַרוואָס דער הונדערט־יעריקער אייקאָוו האָט געבעטן פאַרן טויט מען זאָל אים באַגראָבן אויף זיין פאַרם ביים אָפּגרונט און אַוועקשטעלן אַ גרויסן שטיינערנעם צלם אויף זיין קבר. דערנאָך האָט ער זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן אַ ווײַלע געשטאַנען מיטן היטל אין האַנט און איז אַרויס אין דרויסן.

אַראָפּגייענדיק פון באַרג האָט ער אין דער פינצטער געטראָפן זיין ברודער הענרין און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בוים.

— דו האָסט פאַרכאַפּט דער ערשטער, — האָט אַ לאַך געטון העגרי. — ווי זעט זי אויס?

נאָר פּיליפּ האָט עפּעס אַנדערש געענטפערט.

— דער ייִד וועט אונדז געבן אַרבעט. מיר וועלן ביי אים גוט פאַרדינען.

אָבער ווען זיי זענען געקומען צוריק אין דערפל האָט פּיליפּ דערציילט, אַז ער האָט דאָס מיידל געזען אינגאַנצן אַ פּאָר מינוט און אירע אויגן לויכטן ווי ביי אַ ווילדער קאַץ, און אַז איר קערפּער איז ווייס ווי שניי, און אַז די האָר האָבן דעם קאָליר פון גאָלד, און אַז זי פלעגט אַלע ווילע אַנהויבן זינגען און אויפהערן, און אַז איר קול איז אָנגענעם און קלינגענדיק. זי וואָלט אַפילו געקענט זינגען אין אַ קלויסטער.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט העגרי געלאַכט. — דו ביסט שוין פאַרליבט אין איר.

ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזוי ריידנדיק זיין ברודער וועגן אַ מיידל, אוןביידע האָבן ווידער געקוקט צום פייערל אויפן באַרג, ביז עס איז שפּעט געוואָרן און אַ קאַלטער ווינט איז אַנגעלאָפן מיט אַ שניי־זאַווערוכע און האָט זיי פאַרטריבן אין הויז.

צום צווייטן מאָל איז פּיליפּ געגאַנגען אויפן באַרג מיט העגרין, ווייל דער ייִד האָט אים געבעטן אַמאָל אַזוי אַרויפקומען אַ ביסל פאַרברענגען און כאַפּן אַ שמועס. מען איז איינזאַם אויפן באַרג.

דער ייִד איז געווען צופרידן מיט זיינע געסט. מען דאַרף זיך באַקענען נענטער מיט די שכנים. ער האָט די בחורים פריינטלעך אויפגענומען, געבעטן זיצן און דערלאַנגט צום טיש כיבוד.

דאָס מיידל איז איצט נישט אַרויס פון צימער און זיך צוגעהערט וועגן וואָס די מענער שמועסן. זי איז געזעסןביים פענצטער און עפּעס געשטריקט און פּיליפּ האָט באַמערקט, אַז פון צייט צו צייט וואַרפט זי אויף העגרין בגנבה לאַסטשנדיקע בליקן און לאָזט דערנאָך ליידנשאַפטלעך אַראָפּ די אויגן־דעקלעך מיט די לאַנגע, גאָלדענע וויִעס. דאָס האָט אים פאַרדראָסן און ער פלעגט זיך אַנכמורען ווען זיין ברודער פלעגט פלוצלינג נעמען לאַכן אַ שיינער און אַ שלאַנקער.

ווען זיי זענען געגאַנגען אַהיים האָט פּיליפּ געשוויגן און העגרי האָט אים נישט געקענט מאַכן פריילעך, כאָטש ער האָט געהאַלטן אין איין שפּאַסן און דערציילן קאָמישע זאַכן וועגן אַן אַלטן פאַרמער־בחור, וואָס פלעגט צו זיך אַליין שרייבן ליבע־בריוו און זיי אָפּטראָגן אין פּאָסט־אָפּיס.

פּיליפּ האָט אַפילו נישט געהערט וואָס זיין ברודער רעדט. די אייפערזוכט האָט אים געגריזשעט. דאָס מיידל האָט דעם גאַנצן אָוונט געקוקט אויף זיין ברודער און אים אַ סך צוגעזאָגט מיט אירע בליקן. ער האָט דאָס געזען. אָט אַזוי

איז עס שטענדיק. אַלע מיידלעך קלעפּן זיך צו העברין, און ער בלייבט אײנזאַם מיט זיינע נישט באַפרידיקטע פאַרלאַנגען. מיט זיין שרעקלעכער בענקשאַפט נאָך ליבע. דאָס קען זיך אַזוי ווייטער נישט ציִען. איצט וועט ער עס נישט דערלאָזן, און ער האָט אין האַרצן דערפילט אַ בייזקייט צו זיין ברודער, און אַ סמוטנער געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ, אַז ער וועט אַמאָל זיך אָפּרעכענען מיט אים דערפאַר.

אויף מאָרגן האָבן די ברידער ווידער געהאַקט סאָסנעס אין וואַלד און געפירט דיביימער צו דעם רייכן פּאַרמער, וואָס האָט זיך געקליבן אין פרילינג בויען אַ הויז פאַר זיין טאָכטער.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. די ברידער פלעגן אָפּט פאַרברענגען די וואָנטן אויפן באַרג. דאָס מיידל איז געוואָרן היימישער מיט זיי און אַלע האַרציקער געקוקט אויף העברין. דער יונגער שלאַנקער פּאַרמער איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. אין אירע אויגן איז ער געווען ליבער פון די בחורים פון שטאָט. און פיליפּ האָט געשוויגן און באַהאַלטן זיין שנאה צו זיין ברודער.

און איינמאָל האָט דער ייִד אַ קלאַפּ געטון די בחורים איבער דער פּלייצע און געזאָגט, אַז מאָרגן פרי קענען זיי קומען צו דער אַרבעט. דער פרילינג איז שוין נאָענט. און צו ערשט וויל ער אַראָפּוואַרפן די אַלטע שטאַל און דעם שייער. און דערנאָך וועט מען זען וואָס מען האָט צו טון. אַלזאָ, זאָלן די באַיעס וועלן אויפשטיין מאָרגן פאַרטאָג און קומען אויפן באַרג.

אויף מאָרגן האָבן זיי אָנגעהויבן די אַרבעט. דאָס מיידל פלעגט אַלע ווײַלע אַרויסלויפן פון הויז און צוקוקן ווי זיי נעמען פונאַנדער די אַלטע שטאַל אַ ברעט נאָך אַ ברעט. אירע רויטע האָר פלעגן ברענען אַנטקעגן דער זון, די אויגן לויכטן און די ליפּן ווי בעטן אַ קוש. זי פלעגט אַריין אין הויז און ווידער קומען. אָט האָט זי פאַרגעסן צו פרעגן ביי העברין ווי אַזוי פלאַנצט מען די און די גרינסן און בלומען. עס איז נאָך נישט די צייט, אָבער זי וויל וויסן גלייך, ווייל זי קלייבט זיך האָבן אַ גרויסן גאָרטן אָט דאָ אונטער די פענצטער פון הויז. און נאָך וויל זי וויסן, ווי רופן זיך אָן די פייגל וואָס שרייען דאָ דורך די נעכט און פון וואַנען קומען זיי צופליִען אַהער. העברי פלעגט האַרציק לאַכן און איר דער־ציילן פאַנטאַסטישע זאַכן. זי פלעגט זיך וווּנדערן ווי אַ קינד. פיליפּ האָט זיך צוגעהערט, געשוויגן און נישט געהאַט קיין רו אַ מינוט.

איין מאָל אין אַ זונטיק־פאַרנאַכט איז פיליפּ אַליין אַרויס אויפן וועג און האָט נישט געוווּסט וווּהין ער גייט. ער איז געגאַנגען און געגאַנגען ביז עס איז געוואָרן שטאַרק פינצטער. האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. אים איז געווען

שווער אויפֿן האַרצן. דאָס איז אמת, אַז זיין ברודער העברי שטערט אים צו האָבן גליק אין לעבן. טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז.

ווהין העברי איז פֿאַרשוווּנדן פון זינט נאָכמיטאָג. האָט ער נישט געוווּסט און מיט אַמאָל האָט ער באַשלאָסן צו גיין אים זוכן אויפֿן באַרג. אַ ווײַלע שפּעטער איז ער אַריין צווישן דיביימער און האָט גענומען שפּאַנען אין שניי.

פלוצלינג האָט ער דערהערט אַ שאָרך און איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט זוכנדיק מיט די אויגן אין דער פינצטערניש. דערנאָך האָט ער דערהערט זיין ברודערס קול. ער איז געזעסן מיט דער יידישער מיידל אויף אַ שטיין אונטער די ביימער און זיי האָבן זיך געקושט און געהאַלדזט. דאָס איז געווען זיכער אַזוי. ער האָט געהערט ווי זי האָט אים אַ פּאָר מאָל אָנגערופן מיטן נאָמען און איר שטימע האָט געציטערט פון ליידנשאַפט.

פיליפּ האָט צוזאַמענגעדריקט זיינע פויסטן און אים האָט זיך פאַרוואָלט זיי ביידן דערהרגענען, נאָר זיינע פיס זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן און ער האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. דערנאָך איז ער שטיל אַרונטער צוריק פון באַרג, און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין אַליין אַרומגעבלאָנקעט איבער די וועגן.

אויף מאָרגן נאָכמיטאָג האָט זיך צעשפּילט אַ ווינט מיט אַ שניי, כאָטש דער פרילינג איז שוין געווען נאָענט, און זיך צעיאָמערט מיט טויזנטער קולות פון אַלט און יונג, ווי עמעצער אַ הייליקער בעל־רחמים וואָלט געשטאָרבן און מען וואָלט אים באַגלייט צום וויסטן בית־עולם פון קליין ביז גרויס.

די ברידער האָבן געוואָרפן די אַרבעט און זענען אַריין אין הויז. דאָס מיידל האָט זיי דערלאַנגט קאַווע, און זיי האָבן געוואַרט די זאַווערוכע זאָל זיך איינשטילן און דאַן וועלן זיי זיך אַראָפּלאָזן אין טאָל אַהיים. נאָר דער ווינט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן.

די ברידער האָבן שוין פון לאַנג געוואָלט גיין, נאָר דאָס מיידל פלעגט העברין אָפּריידן און בעטן זיי נאָך זיצן, ביז עס איז ענדלעך פינצטער געוואָרן און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און געזאָגט אַלעמען אַ גוטע נאַכט.

דאָס מיידל איז געשטאַנען אויפֿן שוועל און געקוקט ווי די ברידער ווערן פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט אַריין, איינגעהילטע אין אַ ווילדן געיאָמער און געוויין פון דער זאַווערוכע.

העברי האָט עפּעס שפּאַסיקס געזאָגט. דאָס מיידל האָט זיך הילכיק צעלאַכט און דער ווינט האָט אונטערגעכאַפּט איר געלעכטער און אַוועקגעטראָגן אויף זיינע פליגלען. דערנאָך האָט זי פאַרמאַכט די טיר. פיליפּ האָט גענומען העברין פאַרן האַנט און אים געפירט, ווי וויזנדיק דעם וועג. די לאַנגע שנאה וואָס ער האָט

געטראָגן אויף זיין שיינעם ברודער האָט איצט געשטיקט זיין האַרץ און פאַר־טומלט זיין מוח.

העברי איז געגאַנגען נאָך אים, זייענדיק זיכער, אַז זיין ברודער ווייס גוט דעם וועג אַפילו אין דער זאַווערוכע, וואָס האָט געשמיסן אין זייערע פּנימער הויפּנס שניי.

מיט אַמאָל האָט זיך העברי דערזען ביים שטיינערנעם צלם און אַ געשריי געטון צו פיליפּן, אַז דאָ איז אַן אָפּגרונט און זיי וועלן מוזן גיין צוריק. פיליפּ האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָך שטאַרקער צוזאַמענגעדריקט זיין האַנט. דער ווינט האָט געפייפט און געיאָמערט. העברי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם צלם. אָבער אין דער רגע האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן שטויס אין ברוסט, איז אומ־געפאַלן און גענומען זיך קייקלען צום אָפּגרונט. און פיליפּ איז אַוועקגעלאָפן אין טאָל דערציילן זיינע עלטערן, אַז גייענדיק פון באַרג, פון יידן, האָבן זיי אין דער זאַווערוכע פאַרלוירן דעם וועג און העברי איז אַראָפּגעפאַלן אין אָפּגרונט, ביי דעם גרויסן שטיינערנעם צלם וואָס שטייט איבער אייקאָווס קבר. ער האָט אים נישט געקענט ראַטעווען. ער איז געלאָפן און דער ווינט האָט אויף זיינע פליגלען אים נאָכגעטראָגן דעם מיידלס געלעכטער, און שטימען וואָס האָבן געשריען, אַז ער וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין רו, ווייל ער האָט דערהרגעט זיין אומשולדיקן ברודער.

מיין טאַטנס ניגון

איך האָב געלעבט אין דער שווייץ גאַנצע צען יאָר און אָפּט אַרומגעוואַנדערט איבער די אַלפּן־בערג. וואָס פאַר אַ שיין לאַנד דאָס איז! אָבער איך וויל עפּעס דערציילן פון מיין יוגנט, ווען איך האָב נאָר־וואָס אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין אין בערן.

עס איז אָנגעקומען מיין ערשטע זומערדיקע וואַקאַציע, און איך בין אַוועק אין די בערג. אַ בחור בין איך געווען אַ שטאַרקער, אַ שלאַנקער, מיט שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן און געקרייזלטע געדיכטע האָר אויפן קאָפּ. קורץ, שוין איינמאָל אַ יאַט מיט ביינער!

אַ וואָך האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט איבער די אַלפּן־בערג און דערנאָך, אָנהויב האַרבסט, ווען די היצן זענען שוין אַוועק און אין דעם קליינעם וואַנדער־באַרן לאַנד האָבן זיך אַוועקגעשטעלט גאָלדענע טעג, האָב איך זיך אויף די לעצטע צוויי וואָכן אָפּגעשטעלט אין אַ קליינעם דערפל מיטן נאָמען „צוויי טייכלעך", און זיך באַזעצט אין אַ פּויערישער כאַטע ביים וועג, וואָס האָט געפירט צו אַ באַרג, ווו עס האָבן געבליט די צאַרטע, סאַמעטענע, קיינמאָל נישט־וועלקנדיקע, עדעלוויס־בלימלעך.

גאַנצע טעג האָב איך אַרומגעוואַנדערט איבער דעם געגנט אַ גליקלעכער, וואָס איך בין פריי און דאַרף נישט זיין פאַרשפּאַרט אין דער כעמישער לאַבאָראַ־טאָריע פון אוניווערזיטעט. איך פלעג שפּאַצירן אין וואַלד און זינגען און ריידן צו זיך אַליין, אַז עס איז אַ פריידּ צו לעבן אויף דער וועלט און מיט דער פולער ברוסט איינאָטעמען דעם געשמאַקן ריח פון סמאָלע, וואָס האָט געטריפט פון די ביימער. דערצו פלעג איך זיך אָפּט אַריינקלייבן אין די פּאַסטוכשעביידלעך און דערציילן די אַלטע בערגיקע פּאַסטוכער וועגן די וואונדער פון רוסלאַנד, פון מיין היים.

אַזוי האָב איך פאַרבראַכט מיין וואַקאַציע אַ פריילעכער, אַ געזונטער, און איך האָב געהאַט אַ סך הנאה פון יעדער שעה, פון יעדער מינוט, פון יעדער רגע

פֿון מײן לעבן, אַט אַזױ װי מען קען הנאה האָבן אַז מען איז אַלט עטלעכע און צװאַנציק יאָר.

בײ דער פֿױערטע, װוּ איך האָב געװױנט, זענען געװען דרײ זין. אײנמאָל איז דער ייִנגסטער פֿון זײ אַװעק אין די בערג קלײבן עדעלװײס־בלימעלעך און זיך מער נישט צוריקגעקערט. דער פֿאָטער און די ברידער זענען אַװעק אים זוכן און ערשט אױפֿן צװײטן טאָג, פֿאַרנאַכט צו, האָבן זײ געפֿונען זײן טױטן צעקאַליעטשעטן קערפּער אין שנײ.

די אײנװױנער פֿון דעם קלײנעם דערפֿל „צװײ טײכלעך" האָבן שטיל און טרױעריק מקבר געװען דאָס ייִנגל. נאָכן אָרון זענען געגאַנגען די עלטערן און די ברידער אין שװאַרצן, און די פֿױערים און פֿױערטעס — אין זײערע יום־טובדיקע קלײדער, און אַרום זענען געשטאַנען די הױכע אַלפּן. זײערע שנײ־שפּיצן האָבן פֿאַרבלענדט געבלאַנקט אין דער זון, און זײער שײנקײט איז געװען אַן אײביקע.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך אירע צװײ זין װידער אַװעקגעלאָזט אין די בערג רײסן עדעלװײס־בלימלעך. איך בין געגאַנגען מיט זײ. זײער מוטער איז געשטאַנען אױפֿן שװעל און, באַגלײטנדיק אונדז, האָט זי שטיל געװײנט און תּפֿילה געטון, אַז גאָט זאָל אירע זין ברענגען בשלום צוריק. אַלע אירע רײד, אַז זײ זאָלן נישט גײן, האָבן נישט געהאָלפֿן. און מיר דרײ, מיט די ראַנצעס און שטריק אױף די פּלײצעס, אָנגעטאָן אין גרױסע באַרג־שיך, האָבן זיך אַװעק־געלאָזט מיט הילכיקע טריט אַלץ העכער אין די בערג, און אַלע װײלע אױסגע־שריען אין דער נאַכט און געזונגען שװײצאַרישע פֿאָלקס־לידער, װי אַ פּאַסטוך רופֿט צונױפֿמען אַ טשערעדע בהמות. װי זײ אַלײן רופֿן זיך אָפּ אױף זײן רוף, קלינ־גענדיק מיט די גלעקלעך דין־דין־דין; װי אַ מײדל באַגעגנט זיך מיט איר געליבטן בײם באַרג־קװאַל און װי אַ װינטערדיקער שטורעם טראָגט זיך פֿון די אַלפּן און לאַכט מיט אַ טײװלשן געלעכטער און קלאָגט און יאָמערט און פֿאַרװאַרפֿט מיט שנײ די קלײנע דערפֿלעך. שפּעט בײנאַכט האָבן מיר געטראָפֿן אַ קאָמפּאַניע שװײצאַריער, אָבער צװישן זײ האָב איך דערקענט אַ ייִדישע מײדל, װעלכע איז געקומען פֿון רוסלאַנד צו גאַסט צו אירן אַ ברודער, אַ פּאָליטישן אימיגראַנט. די קאָמפּאַניע איז געגאַנגען צום „שװאַרצן" טײך, נאָר זײ זענען אַראָפּ פֿון װעג.

די קאָמפּאַניע איז צוגעשטאַנען צו אונדז און איך האָב זיך דערפֿרײט מיט דער צופֿעליקער באַגעגעניש. װײל דאָס מײדל האָט אױסגעזען צו זײן זײער אַ שײנע. זי האָט מיר דערצײלט אַ גאַנצע געשיכטע, װי אַזױ זי איז אַרײנגעפֿאַלן אין דער שװײצאַרישער קאָמפּאַניע. אין יענע פּלעצער, װוּ אונדז פֿלעגט אױסקומען צו נעמען אַ קירצערן װעג, האָבן איך איר געהאָלפֿן אַריבערשפּרינגען די

וואַסערלעך, וואָס לויפן פון אַלע זייטן פון דער הויך און מורמלען און זינגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

זי האָט מיט צוטרוי יעדער מאָל געלאָזט זיך אָננעמען ביי דער האַנט און אַ פּאָר מאָל איז זי, ווי נישט ווילנדיק, אַריינגעפאַלן אין מיינע אָרעמס. מיר האָבן ביידע געלאַכט. איך האָב איר דערציילט וועגן זיך, וועגן מיין שטודיר־אַרבעט אין בערן און ווי וווּנדערבאַר איך פאַרברענג מיין וואַקאַציע אין די בערג. איך האָב נישט אויפגעהערט צו רעדן: ווי עס ווילט זיך מיר זען גוט איר פּנים, און פאַרוואָס איז די נאַכט אַזוי פינצטער? וואָלט כאָטש די לבנה אַרויסגעקומען! אָבער זי האָט מיר אַלץ געענטפערט: אַזוי איז בעסער. איך קען נאָך מיינען, אַז זי איז אַ „קראַסאַוויצע" און דער פרימאָרגן וועט ברענגען אַ שרעקלעכע אַנטוישונג. איך וועל דערזען אַ מיאוסע מויד, מיט געלע קעצישע אויגן, מיט אַ צעקנייטשט פּנים און אַ פויגלשן נאָז, און דאַן וועל איך פון איר אַנטלויפן. נאָר ביז באַגינען מוז איך זי היטן פון אַלע בייזע בערג־גייסטער.

אַך, די יונגע יאָרן, די יוגנט!

איינמאָל האָב איך זי גענומען אויף די הענט און ווי אַ קינד אַריבערגעטראָגן איבער אַ וואַסערל. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, דאָס בלוט האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ. איך האָב אַ געשריי געטון אין דער נאַכט אַריין, ווי אַ ווילדער, און איר אָנגעהויבן קושן. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון אין מיינע אָרעמס. דערווייל האָט גענומען שאַריען אויף טאָג. שטיל האָבן זיך גענומען אויסלעשן די שטערן אין הימל. עס האָט זיך אָנגעצונדן דער מזרח. און די שפּיצן פון די בערג האָבן זיך באַגאָסן מיט גאָלד און פּורפּור. און אָט איז געוואָרן אינגאַנצן ליכטיק.

— נו, ווי געפעל איך אייך? — האָט זי קאָקעטיש געפרעגט.

איך בין געווען באַגייסטערט פון איר יידישן חן, פון איר שיינעם פּנים, מיט די שוואַרצע ווייכע אויגן. און געבויט איז זי אויך געווען גוט.

— אַ ליבע יידישע טאָכטער, — האָב איך געזאָגט.

— אַ רבס אַ טאָכטער.

— גאָר אַזוי, און ווי רופט מען אייך?

— רחל.

שפּעטער איז רחל געזעסן אויף אַ שטיין און געקוקט אויף די פעלזן, ווו איך און מיין באַלעבאָסטעס צוויי זין האָבן געריסן עדעלוויס־בלימלעך, צוגע־בונדן מיט אַ לאַנגן שטריק איינער צום צווייטן. און פּלוצלינג האָט זיך דערטראָגן צו מיר מיין טאַטנס ניגון. אַ מאַנאָטאָנער און זייער אַן אומעטיקער. דעם דאַזיקן

ניגון פלעגט זינגען מיין טאַטע אין שעהן פון בענקשאַפט און פרייד, אין יום־טובדיקע טעג.

עס זענען פאַראַן געפילן וואָס מען קען נישט איבערגעבן מיט ווערטער. אפשר געלינגט עס גרויסע דיכטער. איך האָב מיט באַגייסטערונג אונטערגעכאַפּט דעם ניגון. דאַן האָט רחל גענומען זינגען נאָך העכער, געשמאַקער, מיין באַלעבאָסטעס צוויי זין האָבן זיך גענומען צוהערן און אויסגעדריקט זייער באַוווּנדערונג, וואָס דאָס מיידל זינגט אַזוי שיין. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך זיך אומגעקערט צו רחלען און איר דערלאַנגט עטלעכע עדעלווייס־בלימעלעך. אויף איינעם האָבן זיך, אָבער, געטונקלט אַ פּאָר טראָפּן בלוט פון מיינעם אַ צעקראַצטן פינגער. מיר האָבן גערעדט וועגן דעם ניגון און איך האָב איר דערציילט וועגן מיין טאַטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר פאָטער, דער רב, פלעגט אויך זינגען דעם זעלביקן ניגון און אים אַריינגעטאָן טיף אין איר נשמה, אַזוי ווי מיין פאָטער האָט עס געטון מיט מיר.

די זון איז אויפגעגאַנגען איבער די אַלפּן־בערג און די קאָמפּאַניע שווייצאַריער האָבן זיך גענומען קלייבן צום „שוואַרצן" טייכל, און רחל האָט מיר געזאָגט ביים געזעגענען זיך:

— אין אַ וואָך אַרום מוז איך זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, נאָר דעם קומענדיקן יאָר האָף איך דאָ ווידער צו זיין און מיר וועלן זיך דאַן מסתמא נאָך אַמאָל באַגעגענען.

איך האָב שטאַרק געדריקט איר האַנט און זי איז אַוועק מיט דער קאָמפּאַניע.

עס זענען געקומען די שפּעטע האַרבסט־רעגנס מיט די ווינטן, נאָך זיי האָבן גענומען ברויזן די ווינטערדיקע שטורעמס און פאַרוואָרפן מיט שניי די וועגן און קליינע דערפלעך. איך בין שוין לאַנג געווען אין שטאָט. געגאַנגען הערן לעקציעס. האָב שוין געשניטן טויטע קערפּערס אין אַנאַטאָמישן טעאַטער. אין די אָוונטן האָב איך אַ סך געלייענט, אָדער פלעג באַזוכן אַלערליי פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, אָבער וועגן רחלען פלעג איך אָפט טראַכטן און אונטערברומען מיין טאַטנס ניגון. מיין טאַטע און רחל פלעגן מיר קומען אויפן זינען אין דער זעלבער צייט.

און אָט האָב איך איינמאָל אויפן אַדרעס פון אוניווערזיטעט באַקומען פון איר אַ בריוו. זי האָט מיר דערמאָנט אָן אונדזער באַגעגעניש אין די שווייצאַרישע אַלפּן־בערג און אָן דעם ניגון, און געבעטן איך זאָל איר שרייבן ווי עס לעבט זיך מיר. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך דורכשרייבן. מיט יעדן טאָג האָב איך אַלץ מער און שטאַרקער גענומען בענקען נאָך איר.

איך האָב איר געשריבן פון מיינע טראַכטונגען און פאַנטאַזיעס. איך האָב

פאַר איר געמאָלן דאָס לעבן פון יידישע פּאָליטישע אימיגראַנטן און סטודענטן אין בערן, און ווי איך קען זיך נישט געפינען קיין אָרט צווישן זיי; און זי פלעגט מיר שרייבן וועגן אירע אומקלאָרע מיידלשע פאַרלאַנגען, וועגן מוזיק און פּאָעזיע און וועגן דעם, אַז זי זוכט שיינע מענטשן, נאָר קען זיי נישט געפינען און דער־פאַר ווייַנט זי אָפט אין די נעכט ווען קיינער הערט נישט און קיינער זעט נישט.

ווידער איז געקומען דער פרילינג מיט זיינע רופנדע ווייטקייטן. דערנאָך דער צייטיקער זומער, און איך האָב געקראָגן אַ בריוו פון רחלען, אַז זי פאָרט אַרויס קיין אויסלאַנד. זי וועט זיין אין זשענעווע און איך זאָל קומען זי זען.

זי איז געקומען און איך בין געפאָרן צו איר. פאָרנדיק אין באַן האָט מיר אין די אויערן אַלץ געקלונגען דער אַלטער ניגון, וואָס אונדזערע טאַטעס פלעגן זינגען אין שעהן פון בענקשאַפט און פרייד. ווען איך בין אָנגעקומען קיין זשע־נעווע האָב איך אויף איר געוואָרט פאַרנאַכט אויף אַ געוויסער בריק.

אָט זעצט זיך שוין די זון. איך שטיי אויף דער בריק און, אָנגעשפּאַרט אויף די פאַרענטשעס, קוק איך אַראָפּ אונטן, ווו עס טראָגן זיך די קליינע כוואַליעס פון דער אָזערע. אַ בונט־רויטער פּאַס אין מערב איז שוין אויך פאַרלאָשן געוואָרן. דער אָוונט פאַלט צו. פוןביידע זייטן בריק האָבן זיך אָנגעצונדן עלעקטרישע לעמפּלעך. די גאַסן האָבן זיך באַלויכטן. דער טראַמוויי שאַרט זיך אַ טומלדיקער. עמעצער שרייט, לאַכט, און פון די רעסטאָראַנען ביי דער אָזערע הערט זיך מוזיק. איך קוק אַלץ אויף די קליינע כוואַליעס, און אָט איז שטיל צוגעגאַנגען צו מיר רחל און לייכט אָנגערירט מיין אַקסל, דערביי האָט זי אָנגעהויבן זינגען דעם אַלטן ניגון פון אונדזערע טאַטעס. איך האָב זיך אַ קער געטון צו איר. זי איז געשטאַנען פאַר מיר אַ שלאַנקע, אַ שיינע, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן זומער־קלייד. איך האָב זי אַ כאַפּ געטון פאַר ביידע הענט.

זי איז געווען זייער רויק, אַזוי ווי זי וואָלט מיך געזען ערשט נעכטן און אייערנעכטן, און איך, פון אויפרעגונג, האָב גערעדט ווי פון וועג און ביז ווייטיק האָט זיך מיר געוואָלט צוזאַמענדריקן איר אין מיינע אָרעמס.

זי האָט מיך אַוועקגעפירט אויפן קליינעם האַלב־אינדזל ביים טייכוויזער. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט דאָרט אין אַ שטילן ווינקל, ביים סאַמע ברעג. פון אירע רייד האָב איך זיך אָנגעשלאָגן, אַז זי איז אַ רעוואָלוציאָנערקע און קומט קיין אויסלאַנד צוליב פּאַרטיי־ענינים. זי האָט, דאַכט זיך, געהערט צום „בונד".

אַ ווייסער שוואַן איז אַלע ווײַלע בגבהה צוגעשווומען ווי אונטערצוהערן זיך וועגן וואָס מיר ריידן און דערנאָך ווייטער געשווומען אַ שטאָלצער און אַ רויקער. אומבאַמערקט זענען אַוועק אַ פּאָר שעה. מיר האָבן זיך געדאַרפט באַלד צעשיידן, ווייל איך האָב זיך געמוזט אומקערן קיין בערן.

— ווועלן מיר זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען?

— ווער ווייס? — האָט זי שטיל געענטפערט. — אין רוסלאַנד איז איצט אַזאַ אומרויִקע צייט.

מיר זענען אויפגעשטאַנען, פאַרלאָזן דעם האַלבן אינדזל און מיט מידע טריט אַוועק צום וואָקזאַל.

— איר זאָלט מיר שרייבן, — האָט מיין שטימע געציטערט.

— זיכער, זיכער, און איר פאַרגעסט נישט צו ענטפערן גלייך.

אויפן וואָקזאַל זענען מיר געזעסן אין אַ ווינקל און געשוויגן. נאָר אָט איז אָנגעקומען דער צוג. מיר זענען אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרם. איך האָב איר דער־לאַנגט די האַנט.

רחל האָט אַרומגענומען מיין קאָפּ און מיר געגעבן אַ קוש אויף די ליפּן.

איך בין ווי אַ פאַרשיכורטער אַריין אין וואַגאָן. איך האָב אַרום זיך גאָר־נישט געזען.

און דאָס מיידל האָב איך מער קיינמאָל נישט געזען. זי איז אומגעקומען אויף אַ דעמאָנסטראַציע, ערגעץ אין דער ליטע, ווו זי איז געבוירן געוואָרן.

— —

דער אַלטער דאָקטאָר מעדיצין, וואָס האָט מיר דערציילט די געשיכטע, האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— שרייבט עס אָן, און דערמאָנט מיין טאַטנס ניגון, דאָס איז דער עיקר. אַז איך זינג מיין טאַטנס ניגון, זע איך איר שטענדיק פאַר מיינע אויגן, ווי זי זיצט אויף דעם שטיין אין די אַלפּן־בערג. איך קען עס נישט פאַרגעסן. עס איז אַ וווּנדערבאַרע דערינערונג. אַך, די יונגע יאָרן, די יוגנט!

די גענעראַלשע

מיך האָט מיט איר באַקאַנט מײַנער אַ פֿרײַנט, אַן אַמעריקאַנער שרײַבער.

— איר זײַט פֿון רוסלאַנד? — האָט זי זיך מיט מיר דערפֿרײַט און גענומען רעדן רוסיש.

די פֿרוי איז שוין געווען אין די טיפֿע פֿופֿציקער, נאָר פֿון דער נאַטור אַ פֿריילעכע און אַ ביסל אַ צעלאָזענע, האָט זי אויסגעזען ייִנגער, און דערמאָנט אַן אַ חנעוודיקער ציגײַנערין. אין דער קאַפֿעטעריע, ווו מיר האָבן זיך געטראָפֿן, איז זי געווען באַליבט צווישן אירע לאַנדסלײַט און אַלע פֿלעגן גערן פֿאַרברענגען מיט איר.

איך האָב אָנגעהויבן אָפֿט אַרײַנקומען אין דער דאָזיקער קאַפֿעטעריע און בין גיך באַפֿרײַנדעט געוואָרן מיט דער געוועזענער גענעראַלשע.

אײנמאָל, אין אַ רעגנדיקן טאָג, ווען איך האָב זיך געקליבן צו גיין אַהײם, האָט זי זיך אָנגערופֿן צו מיר:

— וווהין וועט איר גיין אין אַזאַ שלעכטן וועטער?

— אַהײם.

— וואַרט איבער דעם רעגן און קומט צו מיר אויף אַ גלאָז טיי. מיר איז אַזוי אומעטיק צו זיצן אַליין אין הויז. קומט, גאָלובטשיק.

— עס קען אַזוי אָפּרעגענען אַ גאַנצן אָוונט.

— ניטשעוואָ פּאָדאָבנאָוואָ.

— נו, גוט, מיר וועלן גיין צו אײַך.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז זי איז אַנטלאָפֿן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד מיט איר אײן־און־אײנציקער טאָכטער אַניוטאַ, וואָס האָט געהאַט אַ פּנים פֿון אַ הייליקער מאַדאָנאַ. איר מאַן, אַ באַרימטער גענעראַל, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ פּאָר דערפֿער און אַ גרויסן פּאַלאַץ אין די קאַווקאַזער בערג, איז אומגעקומען אין דער צײַט פֿון דער גרויסער און גרויזאַמער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. אין איר טאָכטער האָט זיך פֿאַרליבט אַ יונגער אַמעריקאַנער אַקטיאָר, און בײדע זענען אַוועק קײן קאַליפֿאָרניע זוכן גליק אין האָליוווּד און ווערן סטאַרס אין די מוּוויס. נאָר קריגן

פלעגט זי פון זיי זייער טרויעריקע בריוו: אַז אַלע זייערע האָפענונגען האָבן זיך מיט גאָרנישט אויסגעלאָזט און זיי האָבן נישט קיין געלט מיט וואָס צוריקצו־קומען קיין ניו־יאָרק.

אין אַ שעה אַרום האָט דער רעגן טאַקע אויפגעהערט. מיר זענען לאַנג געפאָרן מיט דער סאַבוויי.

זי האָט געוווינט אין אַ רייכער געגנט. מיר זענען אַריין אין הויז און זי האָט אָנגעצונדן ליכט. דערביי האָט זי אַ זאָג געטון:

— אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט מען מיך פון דאַנען אויך אַרויסטרייבן. די רייכע ענגלישע אַריסטאָקראַטקע האָט מיר געגעבן די וווינונג אויף עטלעכע חדשים. איך וועל מיט דער צייט טאַקע ווערן אַן אמתע ציגיינערין און וועל דאַרפן זוכן פאַר זיך אַביידל ערגעץ אין אַ וואַלד.

אין אַ פּאָר גרויסע צימערן איז געווען שטיל, פּוסט און מאָדנע אומעטיק, ווי דאָרטן וואָלטן זיך באַהאַלטן שוואַרצע פאַרוויינטע גייסטער און געטרויערט אויף עפּעס גוטס, וואָס איז אַוועק פון זיי אויף אייביק.

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין איר שלאָפצימער. אויפן וואַנט איבערן בעט איז געהאָנגען אין אַ טונקל־ברוינער ראַם אַ גרויסער פּאָרטרעט פון אַן אַלטן מאַן, מיט באַקן־בערד, אין אַ גענעראַלסקן מונדיר, געמאָלט פון אַ באַוווּסטן רו־סישן קינסטלער. דאָס איז געווען דאָס בילד פון איר מאַן. איך האָב זיך פאַר־קוקט אויפן פּאָרטרעט. זי האָט עס באַמערקט און געזאָגט, אַז ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט אים איז זי נאָך געווען כמעט אַ קינד און האָט נישט פאַרשטאַנען ווי שווער עס קען זיין דאָס לעבן מיט אַן אַלטן מאַן.

— ער איז געווען אַלעמאָל גוט צו מיר, — האָט זי אויך געוואָרפן אַ בליק אויפן פּאָרטרעט. — איך בין אַרומגעפלויגן, ווי אַ פרייער פויגל, פון לאַנד צו לאַנד און האָב געקענט אַלץ טון, וואָס נאָר מיין האַרץ האָט געוואָלט. אַך, מיין גאָט, איך האָב דאַן געהאַט אַזויפיל געלט, אַזויפיל געלט, און איצט...

— פאַרוואָס קערט איר זיך נישט אום קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

זי האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אירע שוואַרצע אויגן.

— איך האָב אַליין וועגן דעם אַ סך מאָל געטראַכט. עס איז געקומען אַ נייע צייט און די באָלשעוויקעס האָבן אויפגעטון וווּנדער. אָבער עפּעס קען איך זיך נישט אַרויסרייסן פון דעם זומפּ. וואָלט איך געזאָגט, אַז וועלכן איך בין פאַר־זונקען געוואָרן. דערצו בין איך שוין אַלט און וואָס קען איך אויפטון? וועל איך שוין שטאַרבן אין דער פרעמד. נו, און מיין טאָכטער? קען איך איר דען לאָזן אַליין? זי האַסט די באָלשעוויקעס. ניין, דאָס איז נישט אַזוי פשוט, גאָלובטשיק.

— יאָ, עס איז שווער אַזוי צו לעבן.

האָב איך איר נייגעריק אָנגעקוקט, ווי זי לויבט די סאָוועטישע מאַכט, וואָס האָט אומגעבראַכט איר מאַן און אירע אַלע אייגענע.

— פרעגט בעסער נישט. אַפילו פאַר אַ וויטערס וויל מען מיך שוין נישט נעמען. עס זענען פאַראַן אַזויפיל יונגע. נאָר לאָמיר עס פאַרגעסן.

זי האָט געמאַכט טיי און מיר האָבן זיך בײדע געזעצט ביי אַ קליין רונד טישל אין אַ ווינקל. דאָס ליכט אין צימער איז געווען אַ שוואַכס און די אויגן אויפן פאָרטרעט פון אַלטן גענעראַל האָבן געקוקט שטרענג און טרוקן גלייך אויף אונדז. זי האָט מיר געגעבן אַ סיגאַר און אַליין פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. דינע און בלויע שלאַנגען פון רויך האָבן זיך געוויקלט אַרום אונדזערע קעפּ. זי האָט זיך צוגערוקט צו מיר, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין מיין אַקסל און קאַפּריזנע געזאָגט:

— איר זייט אַ קאַלטער מאַן.

— וואָס פאַלט אייך איין, — האָב איך געלאַכט. — דערציילט מיר עפּעס פון אייערע יונגע יאָרן. איר האָט דאָך אַזויפיל דורכגעמאַכט.

אַ פּאָר מינוט האָט זי געשוויגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, דערנאָך האָט זי אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

— אַך, באַזשע מאַי, וואָס טוט זיך עס היינט מיט מיר. אַזאַ אומעט, אַזאַ אומעט!... נו, גוט, איך וועל אייך דערציילן אַ וווּנדערבאַר אמתע מעשה.

— דערציילט.

דאָס איז טאַקע געווען אַ מאָדנע און פאַנטאַסטישע געשיכטע, וואָס האָט מיט איר כלומרשט פּאַסירט אין איטאַליע אין אַ קור־אָרט. זי איז דאַן אַלט געווען איינאַנצוואַנציק יאָר און האָט געמאַכט איר ערשטע רייזע קיין אויסלאַנד. איר מיידעלע פלעגט אָפט קרענקען און די דאָקטוירים האָבן איר געראָטן אַוועקצופירן דאָס קינד קיין איטאַליע. דאָס קוראָרט־שטעטל האָט זיך געפונען אין די בערג. זי האָט געוווינט אין אַ רייכן האָטעל וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן גאָרטן. די טעג האָט זי פאַרבראַכט אין פרייד און אין פאַרגעניגן, נאָר אָט איז איינמאָל איר טעכטערל געקומען צו לויפן פון גאָרטן און זיך גענומען קלאָגן, אַז זי פילט נישט גוט. דאָס קינד האָט פלוצלינג געקראָגן אַ הויכן פיבער. זי האָט זי אַריינגעלייגט אין בעט און גלייך גערופן דעם בעסטן דאָקטאָר פון שטעטל. ער האָט איר געזאָגט, אַז ביים קינד אַנטוויקלט זיך אַן ערנסטע קראַנקהייט. און אַזוי זענען אַוועק עטלעכע טעג און איר טעכטערל איז געוואָרן אַלץ ערגער. זי האָט נישט אָפּגעטראָטן פון קינדס בעט און אָפט ביטער געוויינט אין דער שטיל. איז צו איר אַריין אַן אַלטע פרוי, אַ דינסט פון האָטעל און געזאָגט:

— טייערע סינאָראַ, דאָ נישט ווייט מיטן וועג, וואָס פירט צו מיין דאָרף,

שטייט אַן אַלטער שלאָס. שוין לאַנג אַז קיינער וווינט נישט אין אים. נעבן שלאָס געפינט זיך אַ קליין הייזקע און דאָרטן לעבט אַ יונגער היילי‏קער, וואָס איז ריין ווי אַ מלאך. גיי און דערצייל אים דיינע ליידן. ער איז אַ גוטער און העלפט אַלעמען. ער וועט אויך בעטן גאָט פאַר דיין קינד.

פאַרנאַכט האָט זי געלאָזט איר קינד מיט דער קראַנקן־שוועסטער און אַליין איז זי אַוועק צום היילי‏קן. די זון האָט זיך געזעצט הינטער די בערג. אַרום איז געווען זייער שטיל, און נאָר אַ בעטלער האָט זיך געשלעפּט מיטן וועג, וואָס האָט געפירט אין אָרעמען דאָרף אַריין.

זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון „היילי‏קן״ און איז אַריין אין זיין הייזקע. אין אַ ווינקל איז געזעסן דער יונגער „היילי‏קער״ און איבער אים אויף דער וואַנט האָבן געברענט און געלויכטן גאָלדענע פלעקן פון דער פאַרגייענדיקער זון. זי האָט אים אָנגעקוקט און אַ מאָדנער גוטער געפיל האָט דורכגענומען איר גאַנצן קערפּער. איר האָט זיך פאַרוואָלט קני‏ען פאַר אים און בעטן מיט פאַרמאַכטע אויגן ער זאָל גלייך נעמען תפילה טון פאַר איר קינד. נאָר דער יונגער „היילי‏קער״ האָט זי אָנגעקוקט מיט רחמנות און צער, און ער האָט אויסגעזען אַזוי וווּנדער־שיין, אַז אַ מיסטיש מורא־געפיל האָט זי אַרומגענומען.

— וואָס ווילסטו, סינאָרא? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— מיין קינד איז זייער קראַנק. העלף מיר.

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן און גענומען וויינען. די טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז.

— קער זיך אום אַהיים, — האָט געזאָגט דער „היילי‏קער״ און אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ.

זי איז גיך אַרויס פון זיין הייזקע און איז געלאָפן צוריק צום האָטעל. און אַ וווּנדער איז געשען — איר קינד איז געזונט געוואָרן און זיך ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן אין גאָרטן מיט אַנדערע קינדער. אָבער זי האָט נישט געקענט פאַר־געסן דאָס פּנים פון דעם יונגן היילי‏קן. איר האָבן גענומען פאַרפאָלגן האַלוצי־נאַציעס. אָפט האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז דער היילי‏קער שטייט נעבן איר, האַלט זיינע הענט אויף איר קאָפּ, ווי ער וואָלט זי בענטשן און רעדט מיט אַ שטיל קול: אַז עס איז אים אומעטיק דאָ נעבן אַלטן פאַרמאַכטן שלאָס, און זי זאָל אָפּטער קומען צו אים. און אַלעמאָל איז ער געווען אָנגעטאָן אין דעם זעלבן לאַנגן מאַנטל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, אין סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פיס. ער פלעגט האַלטן אירע הענט אין זיינע, זיי גלעטן און איר שטענדיק דער־ציילן, אַז ער איז איצט געקומען פון אַ וויטן אָרעמען דאָרף, וווּ ער האָט געהאָט געבעטן פאַר אַן אָרעמען פויער, וואָס האַלט ביים שטאַרבן, און גאָט האָט דער־

הערט זיין תפילה און דער פויער איז געזונט געוואָרן. און איינמאָל האָט ער איר אַ קוש געטון אין קאָפּ, און פון דאַן אָן האָט זיך אין איר דערוועקט אַזאַ אומרויִקער און שטאַרקער געפיל צום יונגן הייליקן, אַזאַ פיינלעכע ליידנשאַפט, אַז זי האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ און אַוועקפאָרן.

די געוועזענע גענעראַלשע איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווידער פאַרמאַכט די אויגן און אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

איך האָב זיך דערמאָנט וואָס מיין פריינט, דער אַמעריקאַנער שרייבער, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אויך אים האָט זי דערציילט אַן ענלעכע מיסטישע געשיכ־טע, וואָס מיט איר האָט כלומרשט פּאַסירט אין פראַנקרייך. דאָרט האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ בילד פון אַ מאָנאַך. דאָס בילד האָט זיך געפונען אין אַן אַלטן מאָנאַסטיר, וווהין זי פלעגט אָפט קומען בעטן גאָט.

— אין דער יוגנט קען אַלץ פּאַסירן, — האָב איך געזאָגט.

זי האָט זיך ווידער אַ צאַפּל געטון מיטן גאַנצן קערפּער.

— אָך, די יוגנט מיינע מיט דעם אַלטן גענעראַל! אָבער איצט רוקט זיך אַלץ נענטער אונטער די אייביקע פינצטערע נאַכט. ווו וועט מען מיך באַגראָבן, אַז איך בין אַזוי אָרעם.

— עס לוינט זיך נישט צו זאָרגן וועגן דעם...

זי האָט זיך פּלוצלינג צעלאַכט און דערנאָך אָנגעהויבן זינגען אַ רוסיש ליד, וואָס האָט געקלונגען מוטיק און פריילעך.

איך בין אַוועק פון איר יענעם אָוונט גאַנץ שפּעט. זי האָט מיר דערציילט נאָך אַ פּאָר אינטערעסאַנטע געשיכטעס, וואָס זענען זיך מיט איר פאַרלאָפן אין נאָרוועגיע און אין האָלאַנד.

דערנאָך האָב איך זי אין דער קאַפעטעריע אַ לאַנגע צייט נישט געזען. עס זענען פאַרביי מער ווי צוויי יאָר. און אָט האָב איך זי ווידער געטראָפן אויף דער פינפטער עוועניו. זי האָט מיך דערקענט די ערשטע און אָפּגעשטעלט.

זי איז געווען אָרעם אָנגעטאָן, דאָס פּנים פאַרזאָרגט און געלבלעך. איך האָב זי איינגעלאָדן אין אַ רעסטאָראַן. זי האָט זשעדנע געגעסן און זיך אָפּן געקלאָגט, אַז זי קען שוין נישט אַריבערטראָגן די נויט. און איר טאָכטער מיטן מאַן גייט אויך נישט גוט. זיי שפּילן ערגעץ אויף דער פּראָווינץ אין אַ ביליקן וואָדעוויל. העלפן איר קענען זיי נישט.

פּלוצלינג האָט זי זיך פאַרטראַכט און מיך לאַנג אָנגעקוקט.

— וואָס איז, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ?

— ניטשעוואָ, גאָלובטשיק. אויב איר זענט פריי, לאָמיר פאַרברענגען צו־זאַמען דעם אָוונט. איך האָב אייך צו דערציילן וווּנדערבאַרע זאַכן, וואָס האָבן

פאַסירט מיט מיר פאַר די צוויי יאָר וואָס איך האָב אייך נישט געזען. איר וועט עס קענען אויסנוצן פאַר אייער צייטונג. איך פאַרזיכער אייך, אַז עס איז געווען וווּנדער איבער וווּנדער. קומט צו מיר. איך וווין אין אַ קליינעם חדרל גאַנץ אַליין.

איך האָב איר אײדל געגעבן אָנצוהערן, אַז איך בין פאַרנומען. איך האָב גענומען דעם אַדרעס און צוגעזאָגט צו קומען אַן אַנדערש מאָל. גייענדיק אַהיים, האָט זי מיך ביי דער סאָבוויי אָפּגעשטעלט און מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטון שטיל און פאַרשעמט:

— וואָס דענקט איר, עמעצער וואָלט געוואָלט קויפן מיין מאַנס פאָרטרעט? אמת, עס איז נישט שיין פון מיר, נאָר איך מוז. דאָס בילד איז געמאָלן פון אַ באַוווּסטן מאָלער.

איך האָב צוגעזאָגט זיך פאַנאַנדערפרעגן און איר לאָזן וויסן. איך האָב פריינטלעך געדריקט איר האַנט און בין אַריין אין סאָבוויי.

די מוטער

(פאַרצייכענונג)

דער קינסטלער, וואָס האָט מיר דערציילט די דאָזיקע געשיכטע, איז געווען אַ דיקער מרה־שחורהדיקער מאַן, עפּעס תמיד פאַרטראַכט און פאַרבאַהאַלטן אין זיך. איך און אַ יונגער סקולפּטאָר פלעגן אָפט אַריינקומען צו אים אין סטודיאָ פאַרברענגען אַ ביסל און אָנקוקן זיינע נייע בילדער, וואָס האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיטן אומעט פון לעבן. ער האָט ליב געהאַט צו מאָלן טרויעריקע געשטאַלטן און פּייזאַזשן, ווי אויף דער וועלט וואָלט גאָר קיין פריידי נישט עקזיסטירט. נאָר אַזאַ איז ער געווען, אונדזער פריינט, און מיר האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין טאַלאַנט און ערלעכן כאַראַקטער.

עס האָט זיך אָנגערוקט אַ כמורנער ווינטערדיקער בין השמשות. איך, דער יונגער סקולפּטאָר און אַ מאָדעל־מיידל זענען געזעסן אין דעם קינסטלערס סטודיאָ, דער קינסטלער האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און געשוויגן. ביים קאַמין, ווו עס האָבן געברענט עטלעכע פאָלענעס האָלץ, האָט זיך געוואַרעמט דאָס מאָדעל־מיידל, טוליענדיק איר האַלב־נאַקעטן קערפּער אין אַ גרין־ראָזאָווען שאַל. זי האָט זיך פאַרטראַכט איינגעהערט, וואָס עס האָט דערציילט דער יונגער סקולפּטאָר וועגן אונדזערער אַ באַקאַנטער יונגער מיידל, וועלכע איז די טעג געשטאָרבן און האָט אויסגעזעען רייצנדיק שיין ליגנדיק אַ טויטע אין איר טרונע.

— מערקווירדיק, — האָט שטיל פאָרגעזעצט דער סקולפּטאָר, — ביים לעבן איז זי, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געווען שיין, פאַרקערט, אַלע האָבן איר געהאַלטן פאַר אַ מיאוסע. איך פלעג זי זען כמעט יעדן טאָג, ריידן מיט איר, שפּאַסן און אַמאָל אויך אַ שטיף געטון און קיינמאָל האָט די פאַרשטאָרבענע נישט דערוועקט אין מיר אַזעלכע אומרויִקע געפילן, ווי נעכטן, ווען איך בין אַ טרויעריקער געשטאַנען ביי איר אָרון. מיין גאָט, איך האָב נישט געקענט אָפּרייסן מיין בליק פון איר וואַקסן פּנים מיט די בלויע איינגעצויגענע ליפּן און מיט די טונקעלע לאַנגע ווִיעס. אין איר פּנים איז געווען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט מיך לאַנגזאַם

געגומען ווי פאַרכישופן, און מינוטנווײַז האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אָט, אָט וועט זי זיך אויפכאַפּן פון איר טיפן שלאָף און אַ זעלטענע שײנקייט און אַ פאַרבאָרגענע נישט אַרויסגעוויזענע לײַדנשאַפט וועט אויפלויכטן אין איר יונגן קערפּער און מיך אײַנגאַנצן באַהערשן.

דער יונגער סקולפּטאָר איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין דער סטודיאָ איז געוואָרן אַלץ טונקעלער. דאָס מאָדעל־מיידל האָט אונטערגעוואָרפן אין קאַמין שטיקלעך האָלץ און פּאַפּיר. דאָס פײַער האָט אויפגעפלאַקערט און באַלויכטן אַנטקעגן אויפן וואַנט אַ גרופּע קלײנע בילדער פון אומגליקלעכע געשטאַלטן און אומעטיקע פּייזאַזשן.

— איך ווייס פון דעם געפיל, — האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן דער קינסטלער פון זײַן ווינקל. — איך וועל אײַך דערציילן אַ מערקווירדיקן עפּיזאָד, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט מיט אַ יונגער מוטער, מיט אַ פּשוטער פראַנצויזישער פרוי, בײַ וועלכער איר אײנציק קינד איז געשטאָרבן. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צען צוריק. איך האָב דאַן געוווינט אין פּאַריז, אין לאַטײנישן קוואַרטל און געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. אויף אײנער פון די זײַטיקע גאַסן, וואָס איז געווען באַזעצט מיט אַרבעטער, קלײטניקעס און פּראָסטיטוטקעס, האָב איך געהאַט מײַן קלײנע סטודיאָ. זי האָט זיך געפונען אויפן בוידעם פון אַן אַלטן פינף עטאַזשנעם הויז. די זון פלעגט אָנברענען דעם גלעזערנעם דאַך און פון עלף אינדערפרי ביז פיר נאָכמיטאָג און אַמאָל נאָך אַ ביסל שפּעטער פלעגט זײַן זייער דושנע אין מײַן סטודיאָ און איך האָב דאָרט נישט געקענט אַרבעטן. פלעג איך מערסטנס אין די שעהן אַרומגיין מיט אַן אַלבאָם איבער די אָרעמע גאַסן און מאַכן צייכענונגען פון פאַרשידענע טיפּן אָדער גאָר זיצן אין שאָטן בײַם אַרײַנגאַנג פון הויז און פּלאַפּלען מיט אַ פּאָר עלטערע קראַנקע שכנים און מיט דער אויפפּאַסערין פון הויז, אַ דיקע פרוי מיט לעבעדיקע אויגן, וועלכע האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט רוסלאַנד און נאָר געוואָלט איך זאָל איר דערציילן ווי דאָס פאָלק לעבט זיך דאָרט.

אײנמאָל, — דאָס איז געווען אין אַ זייער הייסן, שטיקנדיקן זומער־טאָג, — זיץ איך אַזוי אין שאָטן בײַם אַרײַנגאַנג פון הויז און רייד מיט אײנעם פון די עלטערע קראַנקע שכנים. אַנטקעגן אונדז האָבן זיך אָרעמע בלאַסע קינדער געשפּילט מיט אַ גרויסן קודלאַטן פאַרשלאָפענעם הונט, וועמען זייערע שטיפערייען האָבן שטאַרק דערעסן און ער פלעגט אַלע ווײַלע זיך הייזעריק צעבילן, ווי אײנער זאָגט: קלײנע באַנדיטן, איר וועט אַמאָל מיך לאָזן צו־רו אָדער נישט?! עס איז דאָך נישט אַריבערצוטראָגן. מיט אַמאָל האָב איך באַמערקט, אַז צו אונדז גייט צו אַ פרוי. זי איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט און אויסגעזען צו זײַן זייער

פאַרטרויערט און דערשלאָגן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אונדז און געפרעגט צי איך בין דאָס דער קינסטלער, וואָס וווינט אין דעם הויז.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, מאַדאַם? — האָב איך געפרעגט און אָנגעקוקט איר פאַרוויינטן שיינעם טונקעלן פּנים און עטוואָס פולן און גראַציעזן קערפּער. אָנגעטאָן איז זי געווען זייער איינפאַך, אפילו אָרעם. קענטיק אַ פרוי פון אַן אַרבעטער אָדער אַ קליינהענדלער.

— מאָסיע, — האָט זי שטיל געזאָגט, — ביי מיר איז נעכטן געשטאָרבן מיין קליינע טעכטערל און עס איז מיר פון איר נישט פאַרבליבן קיין איין בילד, קיין איין פאָטאָגראַפיע.

— איז וואָס זשע קען איך טון פאַר אייך, מאַדאַם?

— אָ, מאָסיע, איך האָב געהערט, אַז איר זייט אַ גוטער קינסטלער. מאַכט אַ צייכענונג פון מיין קינד, ווי זי ליגט אין איר טרונעלע. טוט עס פאַר אַן אָרעמער פרוי.

— אָבער רופט בעסער אַ פאָטאָגראַפער.

— ניין, מאָסיע, איך וואָלט געוואָלט האָבן אַ צייכענונג פון אַ קינסטלער. איך בעט אייך.

איך האָב נישט געוווסט וואָס צו טון און ווידער אָנגעקוקט די אומגליקלעכע מוטער. אין איר פולן, רייפן קערפּער און אין איר טונקל מאַטעוון פּנים מיט די גרויסע שוואַרצע פאַרוויינטע אויגן איז געווען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון אָפּזאָגן איר. זי וואָלט זיך דערפילט נאָך מער דערשלאָגן און אומגליקלעך.

— נו, גוט, מאַדאַם, — האָב איך צוגעשטימט און גענומען מיין אַלבאָם, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, אונטערן אָרעם. — קומט!

מיר זענען געגאַנגען אַ צוואַנציק מינוט מיט זייטיקע גאַסן. די פרוי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. איך האָב געקוקט אויף אירע מידע טרויעריקע באַוועגונגען און נישט געוואָלט שטערן איר פאַרטראַכטקייט. איך האָט געטראַכט וועגן איר טויט קינד. אַזאַ מאָדנער צופאַל. אַ פּשוטע פרוי פון פאָלק זאָל וועלן נאָר אַ צייכענונג פון אַ קינסטלער. זי האָט דאָך געקענט פאָטאָגראַפירן דאָס קינד. און ווי וועל איך עס קענען רויק צייכענען. נאָר די פרוי האָט מיך געצויגן אַלץ ווייטער נאָך זיך.

מיר זענען צוגעקומען צו אַן אַלטן הויז און גענומען אַרויפגיין איבער שמוציקע געדרייטע טרעפּ. דערנאָך האָט זי געעפנט אַ טיר און מיר זענען אַריין אין אַ זייער אָרעמער אָבער ריינער דירהלע. איך האָב גלייך דערפילט דעם שאַרפן ריח פון רפואות אויסגעמישט מיט אַ פרישן אַראָמאַט פון גרינע יעלאָווע צווייגלעך.

אין אַ טיפן שטול איז געזעסן אַ גרויע אַלטיטשקע און שטיל געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז געווען פאַרזונקען אין זיך און מיך ווי נישט באַמערקט. פון הינטער אַ שפּאַנישער ווענטל האָט זיך געהערט עמעצנס אַ מאָנאָטאָנע ציַענדיקע שטימע, ווי דאָרט וואָלט עמעצער זייער טרויעריק אויסגעזונגען פּסוקים פון תהילים.

די פרוי האָט מיך אריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער און פאַרמאַכט הינטער אונדז די טיר. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען אַ קליינע שוואַרצע טרונע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און אין איר אַ שיין טויט פּנימל פון אַ זיבן־אַכט יעריק מיידעלע. עטלעכע ווייסע ליליען און אַ רויטע ראָזע זענען געלעגן אויף איר טויט קערפּערל.

יאָ, צוויי ליכט האָבן געברענט ביי איר צוקאָפּנס, און זייערע שוואַכע פלע־מעלעך האָבן קוים, קוים זיך געזען אין שטאַרקן זונען־שיין, וואָס האָט אָנגעפילט דעם צימער.

עפּעס אַ מאָדנער מיסטישער מורא־געפיל האָט מיך אַרומגענומען. אָבער איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול אַנטקעגן דער טרונע, און מיט אַ ציטער אין האַרצן אָנגעהויבן צייכענען דאָס פּנימל פון קינד.

אָן אַ זייט און שטיל איז געשטאַנען די מוטער און אויך געקוקט מיט איר פאַרוויינטן בליק אויפן וואַקסענעם בלויען פּנימל פון איר טויטער טעכטערל. זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי זי וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן אין איר גרויסן פּיין.

דאָס האָט זיך געצויגן מער ווי אַ האַלבע שעה. די צייכענונג האָט זיך מיר אַלץ נישט איינגעגעבן. איך האָב אָנגעהויבן פילן, אַז די פרוי מיט איר טויטן שוויי־גענדיקן טרויער נעמט מיך ווי איינהילן אין אַ שלייער פון אַ שטאַרקן תאווה־געפיל. איך פלעג אַלע ווײַלע וואַרפן אויף איר פאַרבענקטע בליקן, נאָר זי האָט אַלץ נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון דער טויטער טעכטערל און מיין נשמה איז געוואָרן אומרויקער און אומרויקער. און פון דעם צווייטן צימער האָט נישט אויפ־געהערט צו הערן זיך דאָס יאָמערדיקע געזאַנג. ענדלעך האָב איך די צייכענונג געמאַכט און עס דערלאַנגט דער מוטער. זי האָט מיט שטילן דאַנק געדריקט מיין האַנט.

אַז איך בין אַרויס פון דער דירהלע איז די פרוי מיר שטיל נאָכגעגאַנגען.

אין פינצטערן קאָרידאָר האָבן מיר זיך ווי נישט ווילנדיקביידע אין דער זעלבער רגע אָפּגעשטעלט. זי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט און ווי נישט באַמערקטערהייט זיך אַ טוליע געטון צו מיר מיט איר גאַנצן רייפן שיינעם קערפּער פון אַ יונגער מוטער.

— אָ, מאָסיע, ווי אומגליקלעך איך בין.

ביי מיר האָבן געגומען ציטערן די קני. איך האָב געוואָלט איר עפּעס זאָגן, נאָר אַ נעם געטון איר פּנים מיטביידע הענט און עס צוזאַמענגעדריקט מיט מיינע פיבערדיקע פינגער.

— מאַדאַם, איר זייט אַזוי שיין.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט ווי אין אַ ליידנ־שאַפטלעכער אונמאַכט. מיר האָט זיך פאַרוואָלט זי אַרומנעמען און קושן, נאָר פאַר מיר האָט אַ שוועב געטון דאָס פּנימל פון טויטן קינד און איך האָב זיך שטיל ווי אַ שאָטן אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ.

דער מרה־שחורהדיקער קינסטלער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

מער האָט ער יענעם אָוונט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

איזי

איזי איז געוואקסן אויפן פֿאַרם ווי אַ ווילד פֿערדל אונטער אַלע פֿרייע ווינטן. שוין צו דרייצן יאָר איז ער געווען הויך און ברייט אין די אַקסלען און נאָר זיין פּנים מיט די פולע פּוכקע ליפּן און בלויע אויגן האָט אויסגעזען קינדיש און נאַיוו.

אַלע ווײַלע פֿלעגט ער אָפּטון אַן אַנדער שפּיצל און מיט דעם פֿאַרשאַפֿן אַ סך פּאַרדרוס זייַנע עלטערן, ביי וועלכע ער איז געווען אַ בן־יחיד, און וואָס האָבן שטאַרק געוואָלט זייער זון זאָל זיך לערנען ווי אַלע אַנדערע באַיעס און אויסוואַקסן אַ מענטש. נאָר פֿון סקול האָט מען אים אַרויסגעטריבן, ווייל ער האָט געשלאָגן דעם לערער און ד׳ער ייִנגל האָט פֿאַרוואָרפֿן די ביכער און איז אַרומגעגאַנגען פֿריי איבער דער וואַלדיקער געגנט, ווו זייער פֿאַרם האָט זיך געפֿונען.

איינמאָל האָט אים דער פֿאָטער פֿאַר עפּעס געשלאָגן, האָט איזי פֿון כעס צע־בראָכן פֿינף יונגע עפּל־ביימער. דאָס האָט דעם פֿאָטער אַזוי אויפֿגערייצט, אַז ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף זיין קינד מיט אַ שטעקן. נאָר אין איין רגע האָט אים דער ייִנגל אונטערגעהאַקט אַן אויג און דער פֿאָטער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. דערנאָך איז איזי אַנטלאָפֿן און זיך באַהאַלטן אין שטאַל אין די היי. מען האָט אים לאַנג אַרומגעזוכט און נישט געקענט געפֿינען. דאָס איז געווען אין אַ פֿינצטערע נאַכט, טיף אין אָסיען. דער ווינט האָט געוויגט די ביימער אַרום הויז. די עלטערן זענען געוואָרן אַלץ אומרויִקער און נערוועזער. די מוטער, וואָס איז געווען אין די „היכּע מאַנאַטן", האָט מורא געהאַט דער ייִנגל זאָל נישט אַרויפֿלייגן אויף זיך אַ האַנט. זי איז אַרומגעגאַנגען איבערן וועג נישט ווייט פֿון פֿאַרם און נאָכאַנאַנד פֿאַרצווייפֿלט גערופֿן:

— איזי! מיין קינד! איזי! ווו ביסטו?

אָבער קיינער האָט נישט געענטפֿערט און נאָר אַן איינזאַמער נאַכט־פֿויגל איז מיט אַ געשריי אַריבערגעפֿלויגן פֿון איין בוים אויפֿן צווייטן.

ערשט שפּעט אין אָוונט האָט מען אים געפֿונען אין שטאַל און אין דער זעלבער נאַכט האָט די פֿאַרמערקע געהאַט אַ טויט קינד.

פון דאַן אָן פלעגן די עלטערן זוכן „אויסמיידן״ צו רייצן און מאַכן בייז דעם ייִנגל. אויך איזי אַליין, האָט זיך געדאַכט, איז געוואָרן שטילער. ער פלעגט איצט אַ סך אַרבעטן און נאָר וועלן אַרויסהעלפן דער מאַמען. ער איז געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס אויפן פאַרם. פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג, אַליין אויסמעלקן אַכט קי, דורכזייען די מילך און עס אָנגיסן אין גרויסע קאַנען. דערנאָך אַריינגיין אין הויז און איינהייצן דעם אויוון און ערשט דאַן זיך אַ נעם טון צו דער אַכילה. געגעסן האָט איזי אַ סך און זשעדנע, ווי ער וואָלט תמיד געווען אויסגעהונגערט. דערווייל פלעגט די פינצטערניש אין די פענצטער ווערן אַלץ גרויער און שיטערער. די הענער האָבן געקרייעט אין שטאַל און פון אויבערשטן שטאָק, פון זייער נייעם הויז, אַ פאַרשלאָפענע אַ וואַרעמע, נאָך מיט נאַכט־חלומות אין די וויִעס און אין די מוטערלעכע גלידער, מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע האָר און אַן אָפענער פולער ברוסט, פלעגט זיך באַווייזן די מאַמע. פריִער פון אַלץ האָט זי אַריינגעקוקט אין די טעפּ און זיך געבייזערט וואָס איזי האָט אויפגעפרעסן וואָס איז פאַרבליבן פון דער נעכטיקער זאַטער וועטשערע. נאָר דער ייִנגל האָט זיך געלאַסטשעט צו איר און זי פלעגט אָנהויבן שמייכלען און אים כלומרשט אָפּשטויסן פון זיך:

— גיי שוין, גיי, תכשיט מיינער. פרעסט ווי אַ הונגעריקער וואָלף. וועסט נאָך קראַנק ווערן.

— מאַ, איך דיר געבן נאָר איין קוש. איין קוש, מאַ!

— נו, גוט. לאָז מיך אָפּ. קושט זיך ווי אַ ווילדער.

— איך האָב דיך ליב, מאַ!

— גוט, גוט.

ווינטער האָט איזי ליב געהאַט שאַרן שניי אַרום הויז. ווען אין דרויסן איז געווען פראָסטיק און טרוקן, האָט ער געאַרבעט מיט אַ באַזונדערן חשק און געשמאַק און מיט פרייד געקוקט ווי פון רייַנעם הימל קומט אָן דער טאָג, אַ זוניקער און אַ פולער מיט הילכיקע זילבערנע קלאַנגען אין דער לופט און ער האָט געשעפּט הנאה פון דעם וואָס מען וועט זיך קענען שליטלען מיט די באַיעס ביז דער מערב וועט זיך אָנצינדן הינטערן וואַלד פון דער פאַרגייענדיקער זון.

אין אָוונט אַ מידער האָט ער גערן געהאַט צו זיצן ביים אויוון, וואַרעמען די גרויסע באָרוועסע פיס, דרעמלען און זיך סמוטנע דערמאָנען אָן קינדער־מעשה־לעך וואָס ער האָט געלייענט און אַזוי אַנטשלאָפן ווערן ביים פייער און זען אַלערליי פאַנטאַסטישע חלומות ביז עס פלעגט ווערן שפּעט און די מוטער האָט אים געשלעפּט פאַרן אַרבל און געשריען:

— איזי, וועסט פאַרברענען די פיס, גיי שלאָפן.

אַזוי האָט דער ייִנגל געלעבט און אַליין נישט געוווּסט, וואָס עס פייניקט

אַזוי אָפּט זיין גרויסן געזונטן קערפּער, ווייל עס האָט אים אַלץ געצויגן אָפּטון שפּיצלעך און לאָזן פריי זיין ווילדע נאַטור.

און אָט איז, אין מיטן זומער, אויפן פאַרם געקומען צופאָרן אַ יונגע פרוי, אַן אלמנה, וואָס האָט נישט באַזונדערס שטאַרק געבענקט נאָך איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי איז געווען דעם פאַרמערס אַ ווייטע קרובה און גערופן האָט מען זי מיטן ערשטן נאָמען: דעבי.

אַז איזי האָט זי דערזען איז ער געבליבן שטיין ווי פאַרכישופט מיט אַן אָפענעם מויל. אַזאַ וווּנדערבאַרע שיינע פרוי האָט ער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען. זי איז געווען הויך געוואַקסן און שלאַנק, דאָס פּנים טונקל־מאָט און צאַרט, די אויגן גרויסע, שוואַרצע און ממש אַ צויבער־שמייכל אַרום מויל מיט די ווייסע קליינינקע ציין. ער האָט זיך פלוצלינג פאַרשעמט, וואָס זיינע קליידער זענען שמוציקע און פון אים שמעקט מיט פערדיש מיסט. ער איז אַוועק אין קיך צו דער מומער און זיך גענומען בעטן מען זאָל אים גלייך קויפן אַ נייעם אָנצוג. די „טאַנטע" וואָס איז געקומען צו זיי גלייכט נישט קיין באַיעס וואָס טראָגן אַלטע קליידער. די פאַרמערקע האָט זיך צעלאַכט און אים אַלץ צוגעזאָגט. דערנאָך האָט ער אויסגעוואַשן פאַר דעבין אַ צימער, אָנגעריסן אין פעלד ווייסע און געלע ראָמאַשקעס און איר עס דערלאַנגט. זי האָט אים שטיפעריש אַ קניפּ געטון אין באַק און געזאָגט, אַז ער איז אַ ליבער באַי.

— איך וועל אַלץ טון פאַר דיר, טאַנטע, — האָט זיך דער יינגל פאַרשעמט און זיין האַרץ האָט געגומען קלאַפּן מיט פרייד. — זאָג נאָר וואָס דו ווילסט.

— אַ קעי, מאַי באַי, — האָט אַביסל פאַרוווּנדערט אָנגעשטעלט אויף אים אירע שוואַרצע אויגן דעבי און געשמייכלט. — דאָס איז פיין.

עס זענען פאַרביי אַ פּאָר טעג און איזי האָט שוין פשוט נישט געקענט לעבן אָן דער שיינער דעבין. עס האָט אים נאָכאַנאַנד געצויגן צו איר. זיין נשמה האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ מאָדנעם דרעמל און גענומען פּייניקן נאָך מיט מער קראַפט זיין גרויסן שטאַרקן קערפּער. ער פלעגט איר נאָכגיין ווי אַ שאָטן און אַלץ בלינד אויספאָלגן וואָס זי האָט אים נאָר געהייסן. און די קאַפּריזנע לייכטזיניקע און אַ ביסל ברוטאַלע יונגע פרוי פלעגט מיט אַ פאַרבאָרגענעם ליידנ־שאַפטלעכן פאַרגעניגן זיך צוקוקן ווי דער יינגל ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַר־קער פאַרליבט אין איר. זי פלעגט קאָקעטירן מיט אים און אים רייצן מיט איר קערפּער. אָדער אָט האָט זיך איר גאָר פאַרוואָלט עסן אייז־קרים. עס איז אַ הייסער נאָכמיטאָג. איזי שפּאַנט איין דעם פערד אין אַ לייכטע דראָזשקע און פירט זי אין שטעטל אַריין. דער וועג לויפט דורך אַ וועלדל. דעבי האַלט די לייצעס און טרייבט דאָס פערד. דער יינגל האַלט דעבין אַרומגענומען ביי דער טאַליע ווי

ער וואָלט מורא געהאַט, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן פון וואָגן. אויף זיין פּנים רוט אַ גליקלעכער שמייכל און ווען עמעצער וואָלט געקומען און פּרובירט צונעמען ביי אים די פרוי, וואָלט ער יענעם גלייך דערהרגעט. און דעבי שטיפט מיט אים, גלעט זיינע ברייטע אַקסל, שעפּטשעט אים אין אויער לאַסטשענדיקע ווערטער, אָטעמט האַסטיק און באַוועגט אומרויִק די דינע ראַזעווע נאַזלעכער. און אין וואַלד איז קיל. עס שמעקט מיט פּאַזשימקעס, שוואַרצע יאַגדעס און פרישע שוועמלעך און אַ לייכט ווינטעלע וויגט די שפּיצן פון דיביימער, זוכט עפּעס אין די צווייגן און קען נישט געפינען.

— איזי, האָסט מיך ליב? — גיט פּלוצלינג אַ פרעג דעבי, לאָזט אָפּ די לייצעס און פאַרמאַכט האַלב די אויגן, אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אָן זיין אַקסל. דאָס פערד בלייבט שטיין און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און דער יינגל, אויפציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף פון אַ פיינליך זיסן געפיל, ענטפערט:

— יאָ, יאָ, טאַנטע. איך האָב דיך ליב. יאָ, יאָ.

— שטאַרק, טייערער? — פרעגט ווי פון שלאָף דעבי.

— אָט אַזוי! — און ער דריקט זי צוזאַמען אין זיינע אָרעמס, אַז זי דערפילט אַ וויטיק... און דער פאָטער פלעגט שרייען אויף אים, וואָס ער ווערט פאַרפאַלן אין מיטן טאָג, ווען עס איז פאַראַן אַזוי פיל אַרבעט אין פעלד. אָבער דעבי האָט דעם יינגל אַלע מאָל אַרויסגעהאָלפן און געשפּאַסט מיטן פאָטער, אַז עס מאַכט נישט: איזי מעג מיט אַ „טאַנטע" זיך דורכפאָרן עסן אייז־קרים. דערצו פלעגט זיך כמעט שטענדיק אַריינמישן די מוטער און געבן געוועכט דעם יינגל.

— ער וועט נאָך גענוג צייט האָבן צו ווערן „פאַרשוואַרצט" אין פעלד. זאָל ער האָבן אַ ביסל פלעזשור אויך. נישקשה, עס וועט אים נישט שאַטן.

— בעליוו מי — פלעגט לאַכן די פריילעכע אלמנה.

אָבער דעבי איז געקומען אויף דער פאַרם נישט נאָר צו פאַרברענגען מיטן יינגל. זי האָט געהאַט אירע פּלענער און אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג ביי אַ שכן אַ פאַרמער, אַן אַלטער בחור, וועגן וועלכן מען האָט גערעדט, אַז ער האָט אַ סך געלט.

איזי האָט שרעקלעך געליטן פון איפערזוכט און ווידער אָנגעהויבן צו וויל־דעווען און אָנטון פאַרדרוס זיינע עלטערן. ער האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט און אָפט געוויינט אין שלאָף. אַ ביסל פלעגט אים באַרויִקן דאָס ארומ־רייטן שעהן לאַנג אויף אַ יונגן ווייסן פערד. אָן אַ היטל, מיט צעפּאַטלטע האָר האָט ער זיך געטראָגן אויפן פערד איבער אַלע פאַרוואָרפענע וועגן און סטעזשקעס פון דער געגנט און אָפט זיך אומגעקערט אַ היים פאַרנאַכט אַ טויט מידער און הונגעריקער.

ער האָט פאַרלוירן אין וואָג. דער ליבער קינדישער שיין פון זיינע בלויע אויגן איז פאַרשוווּנדן. אומרו האָט געלויכטן אין זיי און אים האָט זיך אַלץ גע־וואָלט עפּעס אָפּטון אַזאַ שפּיצל, אַז די עלטערן זאָלן אים אַרויסטרייבן פון הויז און דאַן וועט ער צופוס אַוועקגיין קיין ניו־יאָרק און דאָרט זיך פאַרליבן אין אַן אַנדער שיינער פרוי, וואָס וועט נישט זיין ווי די „טאַנטע״ דעבי, וואָס איז פּלוצלינג געוואָרן אַזוי שלעכט צו אים.

נאָר די עלטערן זענען געווען גוט צום יינגל. באַזונדערס די מוטער, וועלכע האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז מיט איר קינד קומט עפּעס פאָר. ער איז שוין אויסגעוואָקסן און איצט איז זומער אויף דער ערד. אַלץ רייסט זיך צום לעבן. די קלענסטע לעבעדיקע באַשעפעניש זוכט איר גליקן. איר יינגל האָט זיך פאַר־ליבט אין דעבין. דאָס איז זיכער, אָבער וואָס טוט מען דאָ? זאָל אַ כּפּרה פאַלן דער ווייסער פערד, אויף וועלכן ער טראָגט זיך אַרום גאַנצע טעג. וואָס קען זי העלפן? דאָס איז שוין אין זייער בלוט. אַזאַ משפּחה־פעלער...

אַזוי האָט געטראַכט די פאַרמערקע און געשיילט בולבעס אויף וועטשערע.

עס איז געווען פאַרנאַכט, און די פלאַמיקע רויטע זומער־זון האָט זיך געזעצט הינטערן וואַלד. די ביימער אַרום הויז זענען געשטאַנען אין פולער בליִונג און אַ פּאָר שוואַרצע נאַכט־פייגל האָבן געשריִען אויפן דאַך און אַוועקגעפלויגן אין די פעלדער.

די פאַרמערקע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און אַ קוק געטון אין פענצטער. צום הויז איז צוגעריטן איר יינגל אויפן ווייסן פערד, וואָס האָט שווער געסאָ־פּעט און געשפּריצט מיט שוים אין מויל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געעפנט די טיר און איזי איז אַריין אין קיך. זיין פּנים איז געווען צעדראָפּעט אין אַ פּאָר פלעצער און די אויגן האָבן געקוקט ווילד.

— מאַ, גיב מיר עסן, — האָט ער אַ זאָג געטון און איז צוגעגאַנגען צום אויוון עפּעס זוכן אין די טעפּ.

די מוטער האָט אים אַוועקגעזעצט ביים טיש און דערלאַנגט אַ שיסל סמע־טענע מיט קעז. איזי האָט אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט און גענומען זשעדנע עסן.

דערנאָך האָט זי מיט אַ נאַסן האַנטוך אָפּגעווישט זיין פּנים און אים געקושט אין די אויגן. ער האָט גענומען שמייכלען און איר דערציילט, אַז רייטנדיק אין וואַלד האָט אַ צווייג פון אַ גרויסן בוים פאַרטשעפּעט זיינע באַקן און אים צעדראַפּעט ביז בלוט. די מוטער האָט גאַרנישט געענטפערט און אים אַלץ געגלעט און גע־לאַשטשעט. דער יינגל האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען און אַ פּאָר מאָל געזאָגט:

— מאַ, דו היינט זייער אַ גוטע, מאַ!

די פּאַרמערקע האָט אַרומגענומען איר בן־יחיד און צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איר ברוסט. דאַן האָט דער יינגל פלוצלינג אָנגעהויבן צוקן מיט די אַקסלען, טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קלאָגן, אַז אים איז שטאַרק אומעטיק אויפן פאַרם און ער ווייסט נישט וואָס צו טון מיט זיך. דערצו פּלאָגט אים די „טאַנטע" דעבי אַלע נאַכט אין חלום, און אַזוי בענקט ער נאָך איר. ער וויל אַז איר פאַרגעסן און קען נישט.

די פּאַרמערקע האָט עס גענומען צו האַרציק. מאַלע וואָס אַ יונגן באַלי חלומט זיך. ער דאַרף נישט טראַכטן וועגן דעם. עס וועט אַוועק נאָך אַ פּאָר יאָר און זי וועט שוין פאַר אים קריגן אַ שיינע כלה, און די „טאַנטע" דעבי פאַרט אינגיכן אַוועק. דער אַלטער רייכער בחור וויל מיט איר נישט חתונה האָבן. ער איז גענוג קלוג און פאַרשטייט, אַז זי זוכט זיין געלט. נישקשה, דער מאַרך איז ביי אים נישט אויסגעטריקנט, כאָטש ער זעט אויס ווי אַ מת. אַזוי האָט גערעדט די פּאַרמערקע און איזי האָט זיך פּלוצלינג צעלאַכט און ווידער געזאָגט:

— מאַ, דו היינט זייער אַ גוטע, מאַ!

עס איז געווען אַ כמאַרנער טאָג. דער פּאַרמער מיט דער פּאַרמערקע זענען אַוועקגעפאָרן אין שטעטל איינקויפן אייניקע זאַכן. דערנאָך האָבן זיי געדאַרפט באַזוכן באַקאַנטע און האָבן צוגעזאָגט זיך אומקערן אין אָוונט. די „טאַנטע" דעבי האָט זיך געקליבן צו וואַשן וועש. איזי האָט פון אין דער פרי אָן געהאַקט האָלץ ביים שטאַל און יעדע פּאָלענע האַסטיק אָפּגעוואָרפן אַן אַ זייט. ער האָט שוין געוווּסט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום פאַרלאָזט דעבי די פאַרם און דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים געמאַכט ווילד. נאָר פּלוצלינג האָט ער זי דערזען נעבן זיך. ער האָט אַוועקגעלייגט די האַק און פאַרכמורעט זי אָנגעקוקט.

— איזי, קום אַריין אין הויז און איך וועל דיר געבן עסן.

ער איז שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען אין קיך.

זי האָט אים דערלאַנגט עסן און דערנאָך גענומען ווייקן די וועש אין אַ באַליע הייסע וואַסער.

מיט אַמאָל האָט זי אים אַ רוף געטון:

— איזי, פאַרשאַר מיר העכער די אַרבל.

דער יינגל האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו איר.

דעבי האָט זיך אויסגעגלייכט און אויסגעשטרעקט אירע פולע ראָזעווע הענט.

איזי איז געבליבן שטיין און פאַרלוירן געשמייכלט.

— נו, וואָס חלומסטו? — האָט געפרעגט דעבי און זיך דערנענטערט צו אים. דער יינגל האָט שווער געאָטעמט. זיינע הענט האָבן גענומען ציטערן. אים איז

געוואָרן ענג אין האַרצן. און פּלוצלינג אינגאַנצן אַ צעטומלטער איז ער אַרויסגעלאָפן פון קיך.

דעבי האָט זיך הילכיק צעלאַכט און איר פרײלעכער געלעכטער האָט אים נאָכגעיאָגט און גערײצט. ער איז אַוועק אין פעלד. ער האָט געשפּאַנט מיט גרויסע טריט און זיך געוואָלט באַפרײַען פון דעם אינערלעכן פײַער וואָס האָט געברענט אין אים. נאָר אומזיסט. האָט ער זיך אומגעקערט צוריק, איז אַרײַן אין שטאַל, אונטערגעוואָרפן הײ אַ קראַנקע קו און געגעבן האָבער דעם װײַסן פערד. אים האָט שרעקלעך געצויגן צוריק אין קיך און ער איז געװען בײז אויף די עלטערן וואָס זײ זענען מיט אַמאָל אַוועקגעפאָרן און אים איבערגעלאָזט אַלײן מיט דער „טאַנטע", וואָס מאַטערט אים נאָכאַנאַנד.

ער איז אַרײַן צוריק אין הויז. דעבי האָט אים באַגעגנט מיט אַ שמײכל און זיך געוואַשן איר׳ע וועש. אַזוי האָט זיך געזעצט אויפן לאַנגן הילצערנעם באַנק בײַם טיש, אַרײַנגעלײגט דעם קאָפּ צווישן בײדע הענט און פאַרכמורעט געשוויגן.

עס איז אַוועק אַ פינף מינוט און ער האָט נישט געהערט ווי דעבי האָט זיך אויף די שפּיץ־פינגער אונטערגעגנבעט צו אים, אַרומגעכאַפּט זײַן האַלדז און זיך אײַנגעזויגן אין זײַנע פולע פוכקע ליפּן. זי האָט עס געטון אויף שפּאַס, געװען נײַגעריק צו זען ווי עס וועט ווירקן אויפן ייִנגל. דער קוש איז געווען אַ לאַנגער. דאָס האַרץ איז אים פאַרגאַנגען, אַראָפּגעפאַלן ערגעץ אין אַ טיפן אָפּגרונט און אים האָט זיך געוואָלט זי אַרומכאַפּן און צוזאַמענדריקן אין זײַנע אָרעמס ביז די נשמה וועט פון איר אַרויס. נאָר אַז זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אים האָט ער ווי פאַרלוירן זײַנע כּוחות און זײַנע אויגן האָבן געקוקט אויף איר ווילד. דעבי האָט זיך דערשראָקן, הרטה געקראָגן אויפן גאַנצן שפּיל און גענומען אים באַרויִקן מיט גוטע ווערטער און שטילע לאַסקעס.

— נו, נו, גוטער ייִנגל, — האָט זי געשעפּטשעט און געגלעט אים איבערן קאָפּ. — איך בין דאָך דײַנע אַ „טאַנטע" און האָב געמעגט דיר אַ קוש טאָן. און דו ביזט געוואָרן אַזוי צערודערט. נו, נו, באַרויִק זיך. און זאָג קײנעם נישט קײן וואָרט וועגן דעם. עס איז גאָרנישט געווען, נו, נו...

שפּעטער איז דער ייִנגל געלעגן בײַ זיך אין צימער און לאַנג געכליפּעט, באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין קישן.

„אליהו הנביא“

(דעראינערונגען)

דער שענק איז געשטאַנען אויף אַ באַרג פריי און איינזאַם, ווי אַ פאַרוואָרפענע קרעטשמע, צווישן דער נייער שטאָט און די „פלעצער“, ווי מען האָט גערופן דעם זאַמדיקן געגנט אין דער אַמאָליקער דינאַבורג, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן. פון דער ווייטנס האָבן זיך געזען אַ פאָר אייזנבאַנען, פאַבריקן, די ״טורמע, גרויסע דויטע קאַזאַרמעס און אַן אַלטער משוגענער מיליטערישער קלויסטער מיט אַ זילבערנעם קופאָל און אַ באַגילטן צלם. דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען צעוואָרפן בידעריקע ביימלעך אויף דעם שפיץ פון באַרג.

עס איז געווען אַ דאָנערשטיק, פאַרנאַכט־צו. דער טאַטע איז געזעסן ביים פענצטער הינטער דער „סטאָיקע“ און פאַרטראַכט געקוקט אין דרויסן אַרויס. זיין רונדער סימפּאַטישער פּנים, מיט דער געדיכטער, עטוואָס געקרייזלטער, רויטלעכער באָרד, איז געווען אומעטיק און מילד, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט צו דער שניי־זאַווערוכע, וואָס האָט געבושעוועט פון אין דער פרי אָן און געגאַנגען אַ שדים־טאַנץ, און דערביי געוויינט און געיאָמערט.

אין אַן אַנדער חדר איז אַרומגעגאַנגען מיין מאַמע, אַ קליינינקע, אַ טרויעריקע און געטראַכט און געזאָרגט וווּ און ביי וועמען לייט מען אַ פאָר רובל אויף שבת, ווייל זי האָט שוין נישט צו וועמען זיך צו ווענדן. דערצו דאַרף זי אָט־אָט האָבן נאָך אַ קינד און אין הויז וויינט נאָכאַנאַנד דער דלות.

זי איז אַריין אין שענק, זיך געשטעלט ביי דער „סטאָיקע“, אַרונטערגעקוקט אויף איר גרויסן בויך און אירע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן.

אַ ווײלע האָט זי געשוויגן און דערנאָך שטיל געפרעגט:

— שלמה, וואָס וועט זיין?

דער טאַטע האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון פענצטער און געפרעגט:

— וואָס איז?

— וווּ וועלן מיר נעמען אויף שבת?

ער האָט זי געגומען טרייסטן, אַז גאָט וועט נאָך צושיקן ביז מאָרגן אין דער פרי, ווען זי וועט דאַרפן גיין אויפן מאַרק. ער וועט האַלטן אָפן דעם שענק ביז שפּעט אין אָוונט און אפשר וועט נאָך עמעצער קומען און געבן צו לייזן. מען טאָר נישט זיין אַזוי פאַרצווייפלט.

— עס איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל, — האָט ער צוגעגעבן און ווידער געגומען קוקן אין פענצטער. נאָר די מאַמע האָט זיך נישט געוואָלט באַרויקן.

— איך האָב שוין נישט ביי וועמען צו בעטן. דער מומע נעכען בין איך געבליבן שולדיק און קען פאַר איר מיין פנים נישט ווייזן און ווער וועט אין אַזאַ זאַווערוכע אַריינקומען אין שענק? אַלע וועגן זענען פאַרשאָטן מיט קופּעס שניי און דער ווינט שניידט ווי מיט מעסערס.

— נו, נו, נישט געזאָרגט. עס וועט זיין אויף שבת.

— עס וועט זיין, עס וועט זיין! — האָט פאַרביטערט ווידערהאָלט די מאַמע

— פון שנייאיקן הימל וועלן דיר גאָלדענע רענדלעך אַראָפּפאַלן. קיין נסים פּאַסירן נישט!

— רעדסט נאַרישקייטן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז אַריין אין צווייטן חדר.

דער טאַטע איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן פאַרטראַכט, דערנאָך זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן זיינע שוואַרצע וואַליקעס אויף די קראַנקע, רומאַטישע פיס, אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען דעם מאַנטל און איז אַרויס אויפן גאַניק. די זאַווערוכע האָט אים אַ פּאַטש געטון אין פנים מיט אַ קאַלטער כוואַליע און באַשאָטן מיט שנייעלעך. ער האָט געקוקט אויף אַלע זייטן. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש אויפן באַרג אַרום און אַרום. דער שילד, וואָס איז געהאָנגען איבערן טיר פון שענק און אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט אַ מאַן מיט אַ קרוזשקע שוימיקן ביר אין האַנט און אונטער דעם מיט גרויסע אָפּגעבלאַקעוועטע אותיות: „סטאַנציע סטאָי״, האָט זיך געריסן פון אָרט און רחמנותדיק געסקריפּעט: „סטאַנציע סטאָי״, „סטאַנציע סטאָי!״

דער טאַטע איז אַ ווײַלע געשטאַנען, געהאַט אַ מאָדנע הנאה פון דער זאַווערוכע. אַלע נישט־גוטע בייזע רוחות האָבן זיך צעהוליעט. ער האָט ווי פאַרגעסן אָן אַלע זיינע זאָרגן און צרות, ווייל שטענדיק האָט ער ליב אָט אַזוינע פּראָסטיקע, אומרויִקע טעג און נעכט. נאָר איצט קען ער נישט פאַרטראָגן די קעלט. ווידער געקוקט אַ ווײַלע אין אַלע זייטן און איז אַריין צוריק אין שענק.

עס איז געוואָרן פינצטערלעך. ער האָט געעפנט דאָס טירל פון ברענענדיקן אויוון און אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר שייטלעך האָלץ. אַ ראָזעווע שיין האָט באַלויכטן די אויסגעשטעלטע טונקעלע ביר־פלעשער אויף דער פּאָליצע ביי דער „סטאָיקע״.

דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן דעם גרויסן מעשענעם לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען אין מיטן חדר און איז אַריין מאַכן ליכטיק אין צווייטן צימער, וווּ דער ביליאַרד איז געשטאַנען. דאָרט איז געווען קאַלט און פון די ווענט האָט זיך געפילט אַ פּאַר־שימלטע פייכטקייט. ער האָט געמומען אַרומגיין הין און צוריק, אונטערברומענדיק אַן אומעטיקן מאָנאָטאָנעם ניגון, ווי זיין שטיגער איז געווען, ווען ער פלעגט זיין פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט.

אין דרויסן איז שוין געווען אינגאַנצן פינצטער.

אין קיך איז געשטאַנען ביים פּריפּעטשיק די מאַמע, געקאָכט בולבעס אויף וועטשערע און אַלע ווילע זיך מיט שרעק צוגעהערט ווי די זאַווערוכע רייסט די לאָדנס און וואָיעט ווי הונגעריקע הינט. מיינע דריי שוועסטערלעך, איינע מיט אַ קאָפּ העכער פון דער אַנדערער האָבן זיך געשפּילט אויף דער פּאָדלאָגע און איך אַ יינגל פון אַ יאָר צען, בין געזעסן ביים טיש מיט אַן אָפענעם תנ״ך און געשמאַק, זינגענדיק, געלייענט אַ קאַפּיטל פון שופטים. ווען איך בין אויף אַ ווייל אַנט־שוויגן געוואָרן האָט די מאַמע אַ טיפן זיפץ געטון און געזאָגט:

— דעם רבין דאַרף מען אויך געבן שכר־לימוד. נעבעך אַ קראַנקער און אָרעמער ייִד, און ווו נעמט מען עס אויף אַלץ, טאַטע זיסער, טאַטע האַרציקער.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם און דערמאָנט ווי דער רבי בעט אַלע טאָג געלט און ווי מיר איז שווער דערפאַר צו קומען אַלע טאָג אין חדר מיט ליידיקע הענט. די מאַמע האָט געשוויגן, קוקנדיק ווי דער פייער ווערט פּאַמעלעך אויס־געלאָשן אויפן פּריפּעטשיק.

די זאַווערוכע האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, געפּייפט און געיאָמערט, און קיינער איז נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון שענק.

— גיי, איסערקע, רוף אַריין דעם טאַטן עסן, — האָט געזאָגט די מאַמע צו מיר, ווען די קאַרטאָפל זענען שוין געשטאַנען אויפן טיש און דער אַלטער גרויסער בייכיקער סאַמאָוואַר האָט שטיל און היימלעך געזשומעט.

איך האָב פאַרמאַכט דעם תנ״ך, בין צוגעגאַנגען צום טיר וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם שענק פון וווינונג און בין אַריין אין ביליאַרד־צימער.

— טאַטע, — האָב איך אַ רוף געטון — קום עסן וועטשערע.

דער טאַטע האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע שטילע אויגן און געענטפערט:

— באַלד, מיין קינד.

ער האָט פאַרמאַכט די טיר פון שענק מיטן לאַנגן אייזן און געמאַכט קלענער דאָס פלעמל אין לאָמפּ.

ביים עסן האָט ער ווידער געטרייסט דער מאַמען, אַז ביז מאָרגן איז נאָך ווייט און גאָט וועט צושיקן אויף שבת.

נאָר די מאַמע האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן און איז ווידער געווען זייער פֿאַרביטערט. איר איז שוין מיאוס געוואָרן צו גיין אַלע מאָל לייען און פֿאַר־שוואַרצן איר פּנים פֿאַר פֿרעמדע און אייגענע. פֿאַרוואָס איז ער שטענדיק גרייט צו גיין באָרגן פֿאַר אַן אַנדערן און ווען מען דאַרף פֿאַר זיך — איז נישט פֿון אָרט.

אָט אַלע שענקערס אַרום זענען רייך געוואָרן אין אַ פּאָר יאָר צייט און אים באַגראָבט זיין ערלעכקייט. זי וועט מאָרגן נישט גיין לייען אויף שבת. זי קען עס שוין נישט מער!

דער טאַטע האָט געשוויגן, גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט אָפּגעגעסן די אָרעמע וועטשערע, אויסגעטרונקען צוויי גלעזער טיי, איז אַריין צוריק אין שענק און זיך געזעצט ביי דער „סטאָיקע" וואַרטן, אפֿשר וועט עמיצער אַריינקומען. דערווייל איז די זאַווערוכע געוואָרן שטילער און שטילער, די נישט־גוטע האָבן זיך אָפּגעטראָגן פֿון באַרג און דער ווינט האָט שוין נישט געריסן די אין גריך־געפֿאַרבטע הילצערנע לאָדנס פֿון די פֿענצטער.

באַלד האָט אַ סקריפּע געטון און זיך אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿון שענק. עס האָט זיך דערהערט אַ פֿריילעכע קלינגענדיקע שטימע: אַ שיקסע איז אַריין נאָך אַ פּאָר פֿלעשער ביר, און נאָך איר איז אַריינגעקומען אַן אייזנבאַן־אַרבעטער, אויס־געטרונקען אַ טיי־גלאָז בראָנפֿן, פֿאַרביסן און איז אַוועק און עס איז ווידער געוואָרן שטיל.

דער אָוונט האָט זיך געצויגן. דער טאַטע איז אַלץ געזעסן הינטער דער „סטאָיקע" און געוואַרט, אַז נאָך עמיצער זאָל אַריינקומען און געבן גוט לייזן. אָבער עס איז שוין געוואָרן שפּעט און קיינער איז מער נישט געקומען. דער טאַטע איז געוואָרן טרויעריק און פֿאַרזאָרגט און שטיל זיך אונטערגעברומט זיין מאָנאָ־טאָנעם ניגון. דערווייל האָט די מאַמע אויסגעבעטט די קינדער און אונדז געהייסן גיין שלאָפֿן און האָט זיך אַליין אויך געלייגט. דער רוקן האָט איר וויי־געטאָן און זי האָט זיך געפֿילט שטאַרק מיד און אומגליקלעך. נאָר איינשלאָפֿן האָט זי נישט געקענט. זי איז געלעגן און זיך מסתמא צוגעהערט ווי דאָס קינד וואָס דאַרף קומען לעבט אונטער איר האַרצן. דערנאָך האָב איך געהערט ווי דער טאַטע פֿאַרמאַכט דעם שענק, גייט נאָך אַ ווײַלע שוועך אַרום איבערן ביליאַרד־צימער און אָט איז ער אַריין אין שלאָף־צימער און זיך געזעצט אויף זיין בעט. די מאַמע האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דער שלאָף איז פּלוצלינג אויף איר אָנגעפֿאַלן און זי איז געבליבן ליגן שטיל מיטן שפּיציקן בויך אַרויף.

שפּעט ביינאַכט האָב איך זיך פּלוצלינג אויפֿגעכאַפּט אַ דערשראָקענער און דערהערט ווי די מאַמע וועקט דעם טאַטן.

— שלמה, שטיי אויף! מען קלאַפּט אין שענק! מען קלאַפּט אין טיר!

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען אויף גיך אָנטאָן.

— באַלד, באַלד, איך גיי!

אין טיר האָט מען אַלץ געקלאַפּט און געקלאַפּט.

דער טאַטע האָט גענומען אַ לאָמפּ אין האַנט, איז אַריין אין שענק און צוגעגאַנגען צום טיר. די מאַמע און איך זענען אים נאָכגעגאַנגען, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט אים צו לאָזן אַליין.

— ווער קלאַפּט עס? — האָט געפרעגט דער טאַטע.

— עפן אויף, גוטער מענטש — האָט זיך דערהערט אַ פריילעכע שטימע — עפן אויף.

— וואָס ווילסטו אַזוי שפּעט?

— כע־כע־כע, וואָס איך וויל. אַ טרונק בראָנפן! עפן אויף, „שלאָמקע". נישט אויף לאַנג. איך וועל זיך אַ ביסל דערוואַרעמען און גיין ווייטער מיין וועג.

— איך קען דיר נישט אַריינלאָזן. עס איז שוין שפּעט נאָך האַלבע־נאַכט און איך ווייס נישט ווער דו ביסט — האָט געזאָגט דער טאַטע.

— האָב רחמנות — האָט זיך דערהערט אַ בעטנדיקער קול — איך בין פאַרפרוירן און האָב נאָך צו מאַכן אַ ווייטן וועג. לאָז אַריין, „שלאָמקע".

— קענטיק אַ באַקאַנטער גוי, — האָט זיך באַרויקט דער טאַטע און געהייסן מיך און דער מאַמען גיין צוריק שלאָפן, — יאָ, אַ באַקאַנטער גוי.

אָבער מיר זענען געבליבן וואַרטן און דער טאַטע האָט אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אויף דער „סטאָיקע" און אויפגעמאַכט די טיר.

אין שענק איז אַריין אַן אַלטער בעטלער, אַ קליינינקער און אַ דאַרער, איינגעוויקלט אין שמאַטעס מיט אַ טאָרבע צוגעבונדן אויפן רוקן. זיינע גרויע ברעמען, די וואָנצעס און בערדל זענען געווען פאַרצויגן מיט אַ ווייסן שניי־שטויב און אויף די פיס האָט ער געטראָגן צעריסענע שוואַרצע וואַליקעס.

— אָט אַזוי, „שלאָמקע", ביסטו אַ גוטער מענטש און גאָט וועט דיר העלפן.

— האָט ער פריילעך געזאָגט און אָפּגעווישט דעם נאָסן מויל מיטן אַרבל, — איך איצט גיב מיר אַ טרונק בראָנפן.

דער טאַטע האָט אים אָנגעגאָסן אַ גרויסע גלאָז בראָנפן און דער אַלטער בעטלער האָט עס אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם. ער האָט אַ ווילע געזוכט אין זיינע שמאַטעס און דאַן אַוועקגעלייגט אויף דער „סטאָיקע" אַ זילבערנע מטבע.

— אַ דאַנק, „שלאָמקע". האָסט אַ ביסל דערוואַרעמט מיינע ביינער. כע־כע־כע! איז שוין איינמאָל אַ פּרעסטל. און איצט דאַרף מען גיין ווייטער.

— וווהין שלעפּסטו זיך אַליין אין דער קאַלטער נאַכט?

— אין דאָרף אַריין, אַהיים, גוטער מענטש. אויף יענער זייט דווינע איז מיין דאָרף.

— אַזוי ווייט. און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מען רופט מיין מאַן „שלאָמקע״?

— האָט געפרעגט די מאַמע.

— איך וויס אַלץ, מאַמעלע, — האָט געלאַכט דער אַלטער בעטלער, — אויך אַז דו וועסט געבוירן אַ ווילע מויד, אַ קראַסאַוויצע. זאָלסט זיך גאָרנישט זאָרגן, ווייל אַלץ וועט זיין גוט. וועסט אויך לייכט האָבן דאָס קינד. אָט דאָס זאָג איך דיר, מאַמעלע! און איצט אין וועג אַריין. עך, אַ פּראָסטעלע אין דרויסן, אַ זאַווערוכעלע געווען אַ גאַנצן טאָג. נו, שלאָפט רויק.

דער טאַטע האָט מיטן לאָמפּ אין האַנט צוגעפירט דעם אַלטן בעטלער צו דער טיר און אים אַרויסגעלאָזן. דערנאָך האָט ער פאַררוקט דעם אייזן און געזאָגט צו דער מאַמען:

— איך האָב דעם אַלטן בעטלער פריער קיינמאָל נישט געזען.

— אַ פריילעכער בעטלער, — האָט באַמערקט די מאַמע, — און אַ גוטער.

— ער קען אַזוי פאַרפרוירן ווערן אין וועג, — האָב איך געזאָגט.

— עס איז וואַרעמער געוואָרן, מיין קינד, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט די מאַמע, — גיי שלאָפן. שוין באַלד דריי דער זייגער.

אַ ווילע שפּעטער האָב איך, ליגנדיק אויף מיין געלעגער, געהערט ווי די מאַמע האָט אַלץ גערעדט וועגן אַלטן בעטלער און זיינע גוטע רייד און דער טאַטע האָט עטלעכע מאָל ווידערהאָלט, אַז מען טאָר נישט זאָרגן און גאָט וועט זיי נישט פאַרלאָזן.

צומאָרגנס איז די מאַמע אויפגעשטאַנען און איז אַריין אין שענק אויסקערן די צוויי צימערן. פּלוצלינג האָט זיך פון דאָרט דערהערט אַ געשריי פון פרייד:

— שלמה, קום גיכער אַהער!

דער טאַטע האָט זיך אַ לאָז געטון צו איר, און איך אין מיין העמד נאָך אים.

מיין מאַמעס פּנים האָט געפלאַמט פון גליק.

— זע, שלמה, זע! און זי האָט אים דערלאַנגט אַ גרויסן פאַרשמאַלצעוועטן לעדערנעם טייסטער, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען איבער הונ־ערט רובל אין גאָלד.

— ווּעמענס איז דאָס? — איז דער טאַטע געוואָרן פאַרווּונדערט.

— אָט דאָ ביי דער טיר האָב איך עס געפונען, אַרויסקערנדיק די מיסט — האָט געזאָגט די מאַמע און איר פּנים האָט ניט אויפגעהערט צו פלאַמען פון פרייד.

דער טאַטע האָט זיך פאַרטראַכט:

— דאָס האָט פֿאַרלוירן דער אַלטער בעטלער — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. — אָבער ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט?

די מאַמע האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אויפֿן טאַטן און פֿרום געזאָגט:

— שלמה, דאָס איז צו אונדז געקומען אליהו הנביא. ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן אַלטן בעטלער. גאָט האָט אונדז געהאָלפֿן. דאָס איז געווען אליהו הנביא, אליהו הנביא.

מיר האָבן געהאַט אַ פֿריילעכן שבת און דער אַלטער בעטלער האָט זיך מער קיינמאָל נישט געוויזן אין אונדזער שענק. אָבער די מאַמע האָט אַלץ געגלייבט, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא.

— —

פֿון דאַן אָן זענען פֿאַריבער פֿינף און פֿופֿציק יאָר. איצט, אַז איך האָב פֿאַרצייכנט די דאָזיקע דערמאָנונג, ווילט זיך מיר אויך גלייבן, אַז אין יענער ווינטערנאַכט האָט זיך טאַקע צו אונדז באַוויזן דער גוטער נביא אליהו און געבראַכט אַ סך פֿרייד מיין אָרעמער מוטער.

צימער נומער צען

דאָס הויז איז אַ גאַנץ גרויסע און האָט אַ קליינעם הויף מיט דריי קרומע פאַרשטויבטע אויסגעטריקנטע פאַלמען. דאָס איז אַן אַלטע געביידע, וואָס געפינט זיך אויף סאַוט-ביטש, מיט פיל קליינע טונקעלע רומקעס און אויך עטלעכע גרויסע ליכטיקע צימערן מיט פריוואַטע באַטהרומס. די גוטע צימערן געפינען זיך אויפן צווייטן שטאָק. דער לענדלאָרד פון דעם דאָזיקן הויז איז אַן אַלטער בחור, וואָס האָט עפּעס דאָס אויסזען פון אַ מענטשן מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטער נשמה. אין לעבן איז ער דווקא געניט פּראַקטיש און קאַרג. אַז ער רעדט מיט אַ באָרדער, ביי וועמען ער בעט אַ העכערן פּרייז פאַר אַ צימער, וווהין די זון שיינט קיינמאָל נישט אַריין און ווו ס'איז האַלב־טונקל און פייכט, קען ער אים נישט קוקן גלייך אין די אויגן, קערט אַלע ווייל אָפּ דעם קאָפּ און שמייכלט פאַרשעמט, ווי איינער זאָגט: גיב שוין דאָס געלט און הער זיך אויף צו דינגען. מיר קומט עס אָן שווער...

און אַז ער באַקומט שוין דעם באַשטימטן פּרייז, האָט מען פון אים צרות, ווייל די לאָנדרי שטעלט ער נישט צו אין צייט, און אַ בעזים אויף אויסצוקערן אַ צימער קען מען ביי אים אויך נישט שטענדיק קריגן, אַז ער דינגט זעלטן אַ שוואַרצע, וואָס זאָל רייניקן די אַלגעמיינע קיך און די באַטהרומס. אָבער די אַלע זאַכן פּלעגן באַווייזן, אַז ער איז טאַקע נישט קיין געבוירענער לענדלאָרד, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. עס זענען געקומען צופעליג אין די מלחמה־יאָרן קיין מיאַמי ביטש גאָלדענע פייגעלעך און פון זייערע פּיסקעלעך פלעגן פאַלן באַכאַנאַנד רענדלעך און מיט אַלע אַנדערע לענדלאָרדס, האָטעל־קיפּערס און געשעפטסלייט, האָט ער זיי אויך געכאַפּט און אָנגעשטאָפּט די קעשענעס. אָבער אַזוי איז ער גאָט די נשמה שולדיק. ער איז שטיל און פאַרלוירן ווי אַן אָרעמע שעפעלע און זיינע שעמעוודיקע בליקן ווידערהאָלן נאָכאַנאַנד: גאָט מיינער, וואָס ווילן זיי פון מיר? זיי זעען דאָך, אַז איך ווייס נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין...

די האַלב־טונקעלע רומס אויפן קליינעם הויף מיט ־־י דריי פאַרשטויבטע פאַלמען זענען נומערירט. אָט איז צימער נומער איינס. דאָ וווינען אַ ברודער

מיט אַ שוועסטער. ביידע שוין אַלטע מענטשן. זי איז אַן אַלמנה און „ער איז אַלייך און דאָס אַל", ווי זיין שוועסטער זאָגט. לעבן זיי זיך שטיל און שיין, ווי אַ פּאָר־ליבט פֿאַרפּאַלק, און אַלע פֿרייטיק פֿאַרנאַכט זעט מען אין זייער איינציקן פֿענצטער די שבת־ליכט, וואָס ברענען אויפֿן טיש אין צוויי קופּערנע אַלטע לייכטער. זי איז זייער אַ פֿרומע און גאָט זאָל אָפּהיטן יענע פֿרוי אָדער מאַן, וואָס דערלויבט זיך אַריינברענגען אין דער אַלגעמיינער קיך, וווּ זי קאָכט, אַפֿילו אַ טראָפּן טרפֿות. עס מעג זיין דער לענדלאָרד אַליין, זי ווערט אָנגעצונדן און שרייט, אַז זי קען עס נישט פֿאַרטראָגן און סטראַשעט נישט אַריינצולאָזן אין קיך קאָכן און פּירט שטענדיק אויס. אַלעמען היט זי און אַליין איז זי אַ קליינינקע, אַן אויסגעדאַרטע. מיט אַ שפּיציק פּנימל און אַ שאַרפֿן, עטוואָס קרומען נאָז, ענלעך אויף אַ שטרענגער באָבעניו פֿון אַ קינדער־מעשהלע.

אין רומקע נומער צוויי וווינט אַ מאַן, וואָס איז אַ ייִד אַ גבור. ער האָט אַ קליינעם וואַרשטאַט און פּאַסט צו שליסלען צו טירן. פֿון דעם מאַכט ער אַ פֿיינעם לעבן, און שיקט אַלע וואָך געצוג געלט דער פֿאַמיליע, וועלכע געפֿינט זיך ערגעץ אין די קעטסקיל בערג. ער בענקט שטאַרק נאָך זיין פֿרוי און די קינדער, ווייזט אָפּט די שכנים זייערע פּיקטשערס. דערביי שמייכלט ער אַזוי מאָדנע און וויל קיינעם נישט דערציילן, פֿאַרוואָס ער איז אין מיאַמי ביטש, כאָטש אַלע ווילן עס וויסן. ער איז אויך אַ פֿרומער און אַלע אין דער פֿרי הערט מען ווי ער דאַוונט. ער ברומט שטיל און אַ ביסל אומעטיק, ווי אַ וואַסערל צווישן קוסטעס. עס איז אָנגענעם צו הערן און עס דערמאָנט זיך אָן דער אַלטער היים, אָן שוין פֿון לאַנג־לאַנג פֿאַרשטאָרבענע טאַטעס. אָפּט, שפּעט אין אָוונט, איז די טיר פֿון זיין צימער אָפֿן און ער שטייט אויפֿן שוועל און שמייכלט מיט זיין מאָדנעם פֿאַרבאָרגענעם שמייכל, און ווען אַ מאַן פֿון די שכנים גייט פֿאַרביי, פֿרעגט ער אים וואָס ער מאַכט און צי האָט ער שוין געגעסן וועטשערע. טאָמער נישט, קען מען מיט אים כאַפּן אַ ביס. ער גייט אָפּקאָכן זעקס האַרטע אייער, אַ טאָפּ בולבעס און אין אייז־באָקס האָט ער נאָך כמעט אַ גאַנצע אָפּגעקאָכטע טשיקען און צוויי גרויסע פֿלעשער ביר. מען דאַנקט אים איידל, אַז מען האָט שוין געגעסן סאַפּער, אַן אַנדערש מאָל. קיינער וויל נישט ער זאָל זיך באַליידיקן, וואָס מען זאָגט אים אָפּ. דער ייִד איז טאַקע אַ גאַנץ שטילער, נאָר מאַכן אים אין כעס איז אַ געפֿאַר, ווייל דאַן קען ער, ווי דער לעגענדאַרישער גולם, אָנטון אַ חורבן אַרום זיך. עפּעס ענלעכעס האָבן שוין די שכנים געהערט וועגן אים...

אין צימער נומער דריי וווינט אויך אַן איינזאַמער מאַן, אַן אַלמן, אויפֿן אויסזען איז ער שטאַרק געבויט און הויך אין וווּקס, נאָר זיין האַרץ איז אַ קראַנקס.

איז אַט פּילט ער נישט גוט און בלייבט ממש אָן כוחות. עמיצער פון די שכנים קומט אַריין צו אים און ער רעדט אומגעפער אַזוי:

— אַט בין איך געווען אַ מאַנופאַקטשורער פון קלאָוקס, געמאַכט טויזנטער און געמיינט, אַז די וועלט איז מיינע. אָבער איך האָב אַלץ פאַרקרענקט און מיין ווייב איז געשטאָרבן. איצט קען איך נישט דורכגיין אַ פאָר בלאָק מיט אַ פרוי. זיי רופן מיך, לאָזן נישט צורו... אַזוי פיל אלמנות דאָ, און רייכע. עס האָט מיר געקענט זיין וואויל און גוט, נאָר דאָס האַרץ, דאָס האַרץ.

ער איז אַ גלייכער און נישט קיין שלעכטער מענטש, נאָר די שכנים האַלטן אים פאַר אַ בייזן, אויפגערעגטן און אַפילו די שטרענגע באַבעניו פון אַ קינדער־מעשהלע האָט מורא זיך מיט אים אָנצוהייבן.

און אין דער רומקע נומער פיר און פינף וווינען צוויי שיינע ייִדן. איינער איז אַ רבֿ, דער צווייטער אַפּנים גלאַט אַ גוטער ייִד. ער טראָגט אַ גרויסע געדיכטע באָרד און אַ לאַנגע וואַרעמע קאַפּאָטע, אַפילו אין הייסע טעג. ער זיצט כמעט שטענדיק אין טלית־קטן איבער אַ ספר ביי אַ קליינעם טישל און שאָקלט זיך. און אַמאָל עסט ער פון אַ גרויסן טאָפּ און שאָקלט זיך אויך. מסתמא אַ ייִד אַן אָרעמאַן, און אפשר נאָך אַ האַרץ־קראַנקער. ווער ווייס? ער האַלט זיך אָן אַ זייט פון די שכנים און רעדט מיט קיינעם נישט.

און צוויי פרויען וווינען אין איין צימער. צוויי פרויען מיט איין גט, ווי מען רופט זיי אין שטאָט. איינע האָט אַרויסגעקראָגן פון איר מאַן אַ גט נאָר דער צווייטער קומט עס אָן נישט אַזוי לייכט. האַלטן זיי אין איין רעדן וועגן דעם. די ערשטע, וואָס האָט געקראָגן דעם גט, וואַרפט איר אָפּט אויף:

— אַז דו האָסט נישט קיין שכל צו עקטן און דערפאַר קריגסטו נישט דעם גט.

— נו, וועל איך אָנשטעלן עדי קענטאַר — ענטפערט די צווייטע מיט פאַרדרוס.

האָט אין דעם דאָזיקן אַלטן הויז מיט דעם קליינעם הויף און דריי פאַרשטויבטע פאַלמען זיך אַריינגעקליבן אַ מוטער מיט איר טאָכטער רחלע. זיי האָבן געדונגען דעם צימער נומער 10. דאָס מיידל איז געווען אַן אמתע קראַסאַוויצע, אַ שיינהייט, אַלט אַ יאָר אַכצן. אָבער פון קינדהייט אָן האָט זי געליטן פון רומאַטיק־פיבער און איז שוין אָפּגעלעגן אַכט יאָר אין בעט. די מוטער איז געווען אָרעם און אַן אַלמנה. די פרוי האָט אין מיאַמי ביטש געזוכט און געזוכט אַ פּאַסנדיקע פאַר אירע שוואַכע כוחות אַרבעט און נישט געקענט געפינען איז זי געצווונגען געווען אַוועקצופאָרן אַהיים און לאָזן דאָס קראַנקע מיידל מיט אַ

פרעמדער פרוי, וואָס איז געווען וויליק אויף איר אויפצופּאַסן און פּאַר איר קאָכן און אַלץ אָן אַ פּעני געלט. האָט אָבער די דאָזיקע פרוי געהאַט אַ ראָמאַנטישע נשמה און פלעגט נישט איינזיצן אין צימער, כאָטש זי איז געווען זייער אַ פּעטע, און דאָס אַרומגיין און זוכן געליבטע פלעגט איר אָנקומען שווער, — שלעפּ אַ קערפּער פון איבער צוויי־הונדערט פונט, וואָס בענקט נאָך ליבע. דאָס קראַנקע מיידל האָט געמוזט כמעט אַלץ טון אַליין. דערצו האָט זיך נאָך אַריינגעקליבן אין דעם לאַנגן פינצטערן צימער אַ שיקסע, וואָס האָט נאָר־וואָס חתונה געהאַט מיט אַ סאָלדאַט, וואָס פלעגט קומען פאַרברענגען אַלע אָוונט מיט זיין ווייבל, און די קראַנקע רחלע פלעגט זיצן אויפן הויף און נישט קענען אַריינגיין אין צימער זיך לייגן שלאָפן. די שכנים האָבן געבורטשעט, נאָר מורא געהאַט פאַרן סאָלדאַט צו פּראָטעסטירן אָפן.

אַז וועגן דער געשיכטע האָט זיך דערוווּסט איינער פון די לאָקאַטאָרן פון צווייטן עטאַזש, אַ מאַן וואָס האָט אַמאָל געשריבן און געדרוקט אין יידיש פיינע דערציילונגען און אַרטיקלען, נאָר שוין יאָרן און יאָרן ווי ער האָט זיך אָפּגעריסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און וווינט אַליין אין מיאַמי ביטש, האָבנדיק אַ שטיקל פּרנסה ביי די הינט־רעיסעס — איז ער געוואָרן מלא רציחה. ער האָט רחלען עטלעכע מאָל געזען ביים אַריינגאַנג פון הויז און זי האָט אויף אים געמאַכט אַ מערקווירדיקן איינדרוק. ער איז עפּעס געוואָרן אויף אַ מינוט ווי צעטומלט פון איר שיינקייט און נישט געקענט אָנהויבן רעדן, כאָטש אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט איר עפּעס זאָגן, מאַכן אַ קאָמפּלימענט. ער איז שוין געווען נישט קיין יונגער מענטש און געוווּסט, אַז באַזונדערס נעמט ער נישט אויס ביי פרויען מיט זיין אויסזען. ער האָט אין זיין לעבן געהאַט גענוג „טראָבל“ פון די דאָזיקע צאַרטע באַשעפענישן. שוין אָפּגערעדט פון זיין אייגענער ווייב, מיט וועלכער ער האָט זיך געמוזט שיידן. אַ שאַרפער און וויציקער אין זיינע ענטפערס, שטאָלץ און איינזאַם, האָט ער פאַרמאָגט פיינקייט און ערלעכקייט און אַ סך צאַרטקייט. ער האָט געקענט זיין אַ וואַרעמער גוטער פריינט, ווען עמיצער איז אים געווען צום האַרצן.

דאָס מאָל איז ער אַראָפּ אין הויף און זיך באַקענט מיט רחלען. אַריין פשוט אין איר צימער און זיך פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז דזשייק. אָט אַזוי פשוט רופן מיך אַלע. איך בין אַ לאָקאַטאָר פון צווייטן שטאָק. איך האָב געהערט, דאָס איר האָט „טראָבל“. אפשר קען איך אייך מיט עפּעס אַרויסהעלפן?

רחלע האָט זיך דערפרייט, וואָס עמיצער, און דערצו אַ מאַן, האָט זיך פאַראינטערעסירט אין איר אָרעמער דאָליע און גענומען גערן אַלץ דערציילן

וועגן זיך. פאַר די אַכט יאָר, וואָס זי איז געלעגן אין פאַרשיידענע שפּיטאָלן, האָט זי זיך אָנגעזען אַ סך מענטשלעכע ליידן און איז געוואָרן אַ טיף־פּלנדיקע, אַ פאַרשטענדלעכע און אַ צוגעלאָזטע. דזשייק, וואָס האָט שוין פון לאַנג אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען, אַז ער קען זיך נאָך אַמאָל פאַרליבן, האָט זיך צוגעהערט ווי דאָס מיידל רעדט און נישט געקענט אָפּרייסן זיינע אויגן פון איר בלייכן צאַרטן פּנים. ער איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון אירע אָפנהערציקע רייד און וואַרעמע בליקן. קיין פרוי האָט שוין לאַנג אַזוי נישט געקוקט אויף אים, נישט גערעדט אַזוי צו אים. דערצו האָט ער דערפילט אַ גרויס רחמנות צו רחלען. אַזאַ יונג מיידל און זיך שוין אויסגעמוטשעט אָן אַ שיעור, און איצט דאַרף זי ליגן אין אַ פינצטער צימערל, ווו קיינמאָל גייט נישט אַריין די זון, די זון פון פלאָרידאַ, וואָס שיינט כמעט אַלע טאָג. אַ רונד יאָר. ביינאַכט האָט דזשייק נישט געקענט שלאָפן און אַלץ געטראַכט וועגן דעם קראַנקן מיידל. אָבער די שלאָפלאָזיקייט איז געווען אַ געשמאַקע, מיט וווּנדערבאַרע פאַנטאַזיעס און פאַרלאַנגען. פאַר זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן פלעגט זיך אַלע ווייַלע באַווייזן רחלעס צאַרט געשטאַלט און פריינטלעך שמייכלען צו אים.

— איך וועל עפּעס מוזן טון פאַר איר — האָבן געשעפּטשעט זיינע ליפּן — איך וועל זיך דורכריידן מיטן סאָלדאַט, אַז ער זאָל איר נישט שטערן גיין שלאָפן פרי. און די פרוי, וואָס פאַסט אויף איר אויף, זאָל אויך טון איר אַרבעט.

אָבער דער געוועזענער יידישער שרייבער האָט פאַר רחלען געטון אַ סך מער, ווי ער האָט פון אָנפאַנג געטראַכט. ער האָט געזאָרגט, אַז זי זאָל עסן גוט און אין צייט. ער פלעגט איר ברענגען קליינע מתנות: וויינטרויבן, קענדי, טייטלען, פייגן און אַפילו בלומען, וואָס דאָס מיידל האָט זייער ליב געהאַט. און אַמאָל אויך אַ גרויסן סטעיק, וואָס ער האָט כלומרשט געקראָגן ממש פאַר „נאָטהינג“, ווייל ער האָט אַ פריינט אַ בוטשער. עס האָט אויסגעקוקט, אַז רחלע האָט זיך אַלץ מער צוגעבונדן צו אים. ער פלעגט שוין אַפילו ווערן אייפערזיכטיק, ווען רחלע איז אַמאָל געזעסן ביים אַריינגאַנג פון הויז און גערעדט מיט אַ בחור, מיט אַ באַי אומגעפער פון אירע יאָרן. אָבער איר פלעגט ער גאָרנישט זאָגן, נאָר שעפּטשען צו זיך:

— שאַ, שטיל, שאַראַפּ, אַלטער באָק! הייבסט שוין ווידער אָן מאַכן ווילדע שטיק! מאַך אַ שווייג. שאַ, שטיל.

אין די אָוונטן, ווען דזשייק איז געווען פריי פון די הינט־רעיסעס, פלעגט ער אַמאָל נעמען רחלען פאַר אַ שפּאַציר. ביז לינקאָלן ראָוד איז מען געפאָרן מיט אַ „באָס“, אַז זי זאָל זיך נישט אויסמאַטערן פון גיין צופיל. דערנאָך האָט מען זיך געלאָזט פאַמעלעך שפּאַצירן און קוקן אין די גרויסע וויטרינעס פון גע־

שעפּטן, אָדער גאָר פאַרבלאָנדזשען אין אַ זייטיקער גאַס, ווו עס געפינען זיך שיינע אַפּאַרטמענט־הייזער, אַרומגערינגלט מיט טראָפּישע ביימער און נידעריקע קוסטעס מיט די בלוט־רויטע „אַזאַליעס"־בלימעלעך, וועלכע מען זעט אָפט אויף די וועגן פון פלאָרידאַ.

אָבער רחלע האָט באַזונדערס ליב געהאַט זיך אָפּצושטעלן ביי די פּרוכט־סטאַרס, וואָס האָבן מיט זייערע קאָלירן פאַרכאַפּט איר אויג. די זאַפטיקע זיסע אַפּעלסינען, גרעיפ־פרוכט, קאָקוס־ניס, פּאַפּאַיעס, אַוואָקאַדעס און סאַספּאַרילאַס זע־נען געווען געשמאַק און דערמאָנט אָן שטילן פרידלעכן לעבן.

— מיסטער דזשייק — האָט זיך איינמאָל געקלאָגט רחלע, קוקנדיק אין אַ וויטרינע פון אַ רייכן פרויען־קליידער־געשעפט — פאַרוואָס האָבן דאָ אַלע אַזוי פיל געלט און מיין מאַמע און איך האָבן גאָרנישט און איך בין קראַנק? דאָס איז נישט ריכטיק. פאַרוואָס דאַרף איך וווינען אין אַ פינצטערער שמוציקער רום, אַז אַנדערע האָבן דאָ פּאַלאַצן? ווו איז גערעכטיקייט?

דזשייק האָט אַ טרויעריקן שמייכל געטון, ווי איינער זאָגט: יושר זוכסטו, מיין קינד? לאָז עס בעסער אָפּ. דאָס וועט דיר פאַרשאַפן נאָר עגמת נפש און פאַרדרוס. און דו ביזט קראַנק און טאַרסט זיך נישט אויפרעגן.

אין אַ שטילן וואַרעמען לבנה־אָוונט האָט דזשייק פאַרבראַכט מיט רחלען אויפן הויף, נעבן די דריי פאַרשטויבטע און פאַרטריקנטע פּאַלמען. דאָס מיידל איז האַלב־געלעגן אין אַ באַקוועמען „טשער" און ער איז געזעסן נעבן איר און דערציילט אַנעקדאָטן. רחלע האָט געלאַכט און זיך געפילט אויסערגעוויינלעך גוט. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך באַוויזן פון זייערע רומקעס די שכנים און זיך אויך אַוועקגעזעצט הערן די וויציקע געשיכטעלעך. ס'זענען אַרויס די צוויי פרויען מיט איין גט, דער ייִד דער גבור, וואָס פּאַסט צו שליסלען, אַ פרוי וואָס גיט פּעטש, זי דאַרף זיך נאָר מיט עמיצן צעאַמפּערן און גלייך פּאַרט זי אַריין אין באַק. אַ קלוגע ליבע אַלטיטשקע פון ירושלים, וואָס פרעגט שטענדיק די שכנים אין אַראַביש: „קיף כאַלאַק יאַכאַביבי", און וועלכע פוצט זיך נאָך, פאַרבט די ליפּן מיט רוזש און שמייכלט כמעט שטענדיק, כאָטש דער גאַנצער קערפּער ציי־טערט שוין און פילט דאָס אָנקומען פון טויט. אַ דאַרינקע, קראַנקע ווייבעלע, וואָס קען אַזוי הילכיק און געשמאַק לאַכן, אַז די אַרומיקע קענען עס אַזש נישט פאַר־טראָגן און מען הייסט איר שטענדיק זיין שטיל, און אַפילו די פרומע קליינע אויסגעדאַרטע פרוי מיטן שפּיציקן פּנימל און שאַרפן, עטוואָס קרומען נאָז, וואָס איז ענלעך אויף אַ שטרענגער באַבעניו פון אַ קינדער־מעשהלע, איז אויך צוגע־קומען הערן די אַנעקדאָטן.

אַ פּאָר שעה איז דער הויף געווען מיט געלעכטער. די לבנה האָט באַשיינט

די שטאַמען פון די אויסגעטריקנטע פּאַלמען, די גרופּע לאַכנדיקע מענטשן און, דאַכט זיך, אַליין אויך געשמייכלט פון הויכן ריינעם הימל. דזשייק איז געווען צופרידן, וואָס רחלע און די אַלע אַנדערע שכנים האָבן הנאה פון זיינע וויציקע געשיכטעלעך. ער איז געווען גוט געשטימט און באַוויזן וואָס ער קען ווי אַ דערציילער. און אַז אַלע זענען זיך שוין צעגאַנגען שלאָפן, איז ער נאָך אַ פּאָר מינוט געשטאַנען מיט רחלען ביים טיר פון איר צימער און גערעדט. דערנאָך האָט ער איר געווונטשן אַ גוטע נאַכט און געוואָלט אַוועקגיין, אָבער זי האָט אים פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, אים געגעבן אַ קוש אין שטערן און געזאָגט:

— מיר האָבן היינט געהאַט אַ סך „פאַן".

דזשייק האָט זיך אומגעקערט אין צימער אַ טרויעריקער, ווידער זיך אָנגערופן „אַלטער באָק" און געשעפּטשעט: שאַ, שטיל און שאַראַפּ! ער מוז אַרויסרייסן מיטן וואָרצן דאָס געפיל פון זיין האַרצן. אָבער וואָס ווייטער איז ער אַלץ מער פאַרליבט געוואָרן אין רחלען.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער מאָנאַט יאַנואַר. אין מיאַמי ביטש האָבן אָנגעהויבן צו בליִען די יאַסמין־קוסטעס און אַלץ שטאַרקער, געשמאַקער און זיסער האָט זיך געפילט זייער אַראָמאַט. די אָוונטן זענען געוואָרן וואַרעמער און לאַסטשענדיקער. עס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז אָט וועלן שוין קומען די אמתע צויבער־נעכט פון דעם ווינטער גן־עדן פון אַמעריקע.

רחלע האָט גענומען פילן בעסער און אָנגעהויבן אַלץ אָפטער אַרויסגיין פאַרברענגען מיט יונגע באַיעס, וואָס פלעגן קומען זי אויסנעמען אין גוטע קאַרס אָדער זיצן מיט איר ביים ים. דאָס מיידל האָט ממש אויפגעלעבט. אָבער דזשייק איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער און שטילער. אַ פּאָר מאָל האָט ער איר געוואָרנט, אַז זי זאָל היטן איר געזונט, און איינמאָל האָט ער איר אַפילו געסטראַשעט, אַז ער וועט שרייבן איר מוטער וועגן אַלץ. רחלע האָט זיך אויסגעלאַכט: זאָל ער שרייבן וואָס ער וויל. איר מוטער וועט גאָר זיין צופרידן וואָס זי גייט אַרויס מיט יונגע באַיעס. זי קען דאָך נישט חתונה האָבן מיט אַן אַלטן מאַן, וואָס איז נאָך דערצו אָרעם. ער דאַרף דאָך עס פאַרשטיין, ער איז אַזאַ קלוגער, און זי איז אים דאַנקבאַר פאַר זיין גוטסקייט צו איר. און דאָס מיידל האָט זיך געבעטן, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן גוטע פריינט.

ער האָט איר צוגעזאָגט, נאָר נישט געקענט האַלטן וואָרט. גאָר גיך האָט ער אָנגעהויבן זי אויסמיידן און קאַלט געענטפערט אויף אירע פריינטלעכע באַגרי־

סונגען. דערביי האָט ער זיך געהאַלטן אין איין זידלען און אין האַרצן געגעבן געדעכט רחלען.

און אַז רחלע איז אין חודש מאַי אַוועקגעפאָרן אַהיים אין אַ קאַר מיט אַ בחור, האָט דזשייק פרייער אַפּגעאָטעמט, זיך נאָך מער פאַרטיפט אין זיך און אין זיין איינזאַמקייט איז ער געוואָרן נאָך שאַרפער אין זיינע רייד מיט מענטשן, נאָך עלנטער ווי פריער.

די שכנים האָבן וואָכן-לאַנג גערעדט וועגן רחלען, וואָס האָט געוויינט אין צימער נומער צען, און דערביי שטיל געלאַכט און אַ ביסל באַדויערט דעם קבצן דזשייק, וואָס ער האָט זיך אויף דער עלטער פאַרליבט אין אַ יונג מיידל און אַזוי זיך נאַריש געמאַכט.

דאָס מיידל מיטן הויקער

איך האָב דאָן פאַרלאָזן ארץ־ישראל, ווייל ביי די זומפּן פון חדרה האָב איך געכאַפּט אַ שווערע מאַלאַריע און געהאַפּט, אַז אין אַן אַנדער לאַנד וועל איך פּטור ווערן פון דער אַנשיקעניש און דערנאָך זיך אומקערן צוריק.

פון מאַרסעיל בין איך געקומען קיין פּאַריז און דאָרט געדונגען אַ „מאַנ־סארדע" ערגעץ אין לאַטיינישן קוואַרטאַל. עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן און די מאַלאַריע האָט מיך אויפסניי גענומען פייניקן. איך בין אַוועק אין אַ שטאָטישן האָספּיטאַל, וווּ די דאָקטוירים האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם באַציל, וואָס האָט פאַראורזאַכט מיין קראַנקייט.

איך בין אין האָספּיטאַל געוואָרן אַ שטיקל „תושב". אַלע האָבן מיך דאָרט געקענט. אַמאָל פלעג איך קומען אַהין מיט אַ פּאָר שעה פריִער איידער דער אַנפאַל פון פיבער האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן, און געהאַט גענוג צייט אָפּצועסן אַ מיטאָג און פאַרברענגען מיט אייניקע חולאים. איך פלעג לאַכן און שפּאַסן און זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז איך בין קראַנק. אָבער פּונקט צוויי דעם זייגער פלעגט מיך נעמען וואַרפן אין קעלט און אין היץ און קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. די קראַנקן־שוועסטער פלעגט צולייגן אייז צו מיין קאָפּ און אַ הייסן „בעג" וואַסער צו די פיאַטעס. איך פלעג רעדן פון היץ, די ביינער האָבן געבראָכן, דער מוח האָט געברענט און ווי עמיצער וואָלט געצויגן מיט צוואַנגען די אָדערן פון מיינע פיס נאָכאַנאַנד.

אויף מאָרגן פלעג איך אַראָפּגיין פון בעט און זיך צושלעפּן צו דער טיר פון אַ צווייטער פּאַלאַטע, וווּ עס זענען געלעגן פינף שטאַרק אָפּגעצערטע יונגע לייט, געהוסט, געשפּיגן מיט בלוט אין קליינע, גלעזערנע כלים, וואָס זענען געשטאַנען אויף די טישלעך ביי זייערע בעטן. אַריינגיין צו זיי האָב איך נישט געטאָרט, נאָר מיך האָט שרעקלעך געצויגן צו די דאָזיקע טובערקולאָזע קראַנקע, וועמעס חדשים אָדער וואָכן זענען געווען געציילטע. עס האָט זיך געוואָלט זיי זאָגן טרייסט־ווער־טער. און דערנאָך האָב איך ווידער געוואַרט אויף צוויי דעם זייגער, איך זאָל זיך אַריינלייגן אין בעט און אָנהייבן פיבערן, אַזוי דריי טעג כסדר.

מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער. מען האָט מיר שוין אָפּגע־זאָגט פון צוויי קליינע פאַבריקן, ווייל מען האָט געדאַרפט אַ פשוטן אַרבעטער און נישט קיין „קינסטלער" און פּאָעט. האָב איך אין מיין קליין חדרל, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן דאַך פון אַ צען־גאָרנדיקן הויז, אַריינגענומען אַ „קוואַרטי־ראַנט", אַז עס זאָל מיר זיין לייכטער צו צאָלן די דירה־געלט. דאָס איז געווען אַ ביסל אַ „צעדרייטער" יִדישער בחור, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אין אַ קאַפע, אויף בולוואַר סען מישעל, ווו איך פלעג אָפּט אַריינקומען.

דער דאָזיקער בחור, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אינדיווידואַליסט, האָט געהאַט טשיקאַווע פּרינציפּן. ער האָט, למשל, נישט געהאַלטן פון וואַשן זיך, דערצו האָט ער נאָר געוואָלט שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע מיט די שמוציקע פיס צו מיין פּנים. איך פלעג זיך ביי אים בעטן ער זאָל נעמען אַ וואַנע, אַ שפּריץ, זיך אויסבאָדן אין טייך סענע. אָבער רייד צו דער וואַנט! ער פלעגט זיך נישט רירן פון אָרט און ענטפערן מיט כעס:

— חבר, לאָזט מיך צורו. איך האָב מיינע פּרינציפּן... איך וועל זיך נישט וואַשן, כדי אייך צוליב טון.

און אָט איז מיין „קוואַרטיראַנט" פּלוצלינג פאַרשוווּנדן. צוויי נעכט איז ער נישט געקומען שלאָפן. איך האָב שוין פאַרגעסן אַן אַלע זיינע פּרינציפּן. זאָל ער נאָר קומען און איך זאָל וויסן וואָס מיט אים איז. אָבער ער איז מער נישט געקומען. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין סענע, אין וואַסער, וואָס ער האָט אַזוי פיינט געהאַט. דאָס האָב איך זיך דערוווּסט פון די ציייטונגען אויף דעם דריטן טאָג און דערנאָך געזען זיין טויטן קערפּער אין „מאָרג".

דערווייל איז אונטערגעקומען דער פרילינג. די קאַשטאַנען־ביימער אויף די בולוואַרן האָבן זיך צעבליט און געוואָרפן אויף די טראָטואַרן ליכטיק־גרינע אוזאָרן. איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וווּנדערבאַרער שטאָט און האָב אַלע ווײַלע באַגעגנט אָרעמע יונגע מיידלעך, וואָס פאַרקויפן קליינע, בלויע פיאַלקעס און שמייכלען צו די מענער מיט אַזוי פיל איינגעבוירענעם ליבן חן.

געלעבט האָב איך אויף מילך מיט ברויט, וואָס די „קאָנסערזשקע" פלעגט מיר ברענגען אַלע טאָג, און דערביי דערציילן, אַז דער מאָסיע מילכמאַן איז זייער אַ גוטער מענטש, נאָר ער בעט געלט און וויל מער נישט וואַרטן. דאָס זעלבע איז מיטן בעקער. אמת, איך בין אַרבעטסלאָז און זיי וואָלטן געדאַרפט האָבן געדולד. אָבער אַזוי זענען שוין די מענטשן... מען מוז זיי פאַר אַלץ באַצאָלן אין צייט... איך פלעג טרויעריק צושאָקלען מיטן קאָפּ, אַז איך פאַרשטיי עס גאַנץ גוט. נאָר מסתמא וועל איך אָט־אָט קריגן אַרבעט, מען האָט מיר געהייסן קומען אין עטלעכע פלעצער.

אָבער איך בין ווידער קראַנק געוואָרן און דאָס מאָל נישט געוואָלט גיין אין האָספּיטאַל. דערנאָך האָט עס מיך שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאָל מיר ברענגען אַפילו אַ גלאָז טיי.

דער ווייטער טומל פון פּאַריז, וואָס פלעגט זיך דערטראָגן צו מיר, פלעגט אָנפילן מיין האַרץ מיט אַ מאָדנעם אומעט. אין די שעהן, ווען עס פלעגט מיך אָפּ־לאָזן, האָב איך זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַז עס האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט.

אויפן דריטן טאָג איז אַריינגעקומען צו מיר די „קאָנסערזשקע". זי האָט זיך דערשראָקן פאַר מיין אויסזען און אַ געשריי געטון: „מאָן דיעו!" (מיין גאָט). אָבער איך האָב איר באַרויקט, אַז דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל און מיר איז שוין אַ סך בעסער. זי דאַרף מיר נאָר ברענגען אַ גלאָז טיי מיט לימענע. און אין אַ פּאָר שעה אַרום, שוין פאַרנאַכט־צו, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שטי־לער, שעמעוודיקער קלאַפּ אין טיר. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז ווידער געקומען די „קאָנסערזשקע" און מיר עפּעס געבראַכט.

איז גאָר אַריין אַ מיידל מיט אַ הויקער, וועלכע איך האָב אייניקע מאָל געזען ביי דער „קאָנסערזשקע" ביים אַריינגאַנג פון הויז, וואַרעמענדיק זיך אַנטקעגן דער זון. אַלץ, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן איר, איז, אַז זי איז געקומען פון דער פּראָווינץ זוכן אַרבעט אין פּאַריז און זי וווינט דאָ ביי אַ קרובה.

זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און פאַרוווּנדערט זיך אַרומגעקוקט. איינגעהילט אין פאַרנאַכטיקע שאָטנס, האָט זי אויסגעזען ווי אַ געשטאַלט פון אַ מאָדנעם חלום. איך האָב אויף איר געקוקט און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. און אין קאָפּ איז דורכגעפלויגן עפּעס אַ געדאַנק, אַז די „קאָנסערזשקע" האָט איר אַרויפגעשיקט צו מיר בעטן דירה־געלט.

— מאָסיע, — האָט זי אָנגעהויבן, — איך האָב געהערט, אַז איר זייט שוין אַ פּאָר טעג קראַנק און קיינער קומט נישט צו אייך. אפשר דאַרפט איר עפּעס?

— אָ, מאַדמואַזעל, דאָס איז זייער ליב פון אייך. איך דאַנק אייך זייער. נעמט אַ שטול און זעצט זיך אַוועק, מיר וועלן ריידן אַ ביסל.

— וואָס איז אייך? — האָט זי געפרעגט.

— פּאַלעסטינער מאַלאַריע. אָ, מאַדמואַזעל, עס שוואַכט אַזוי אָפּ.

— זייט איר געבוירן אין פּאַלעסטינע?

— איך בין אַ רוסישער ייִד און בין געפאָרן לעבן אין ארץ־ישראל. מיר, ייִדן, ווילן אויפּסניי אויפּבויען אונדזער לאַנד.

זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו מיר. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן אַ פּעקל אַלטע צייטונגען פון שטול, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיין בעט און זי האָט זיך

אַוועקגעזעצט, נאָך מער איינציִענדיק דעם דינעם, שוואַכן האַלדז אין די הויכע, דאַרע אַקסלען.

מיר האָבן ביידע פאַרשעמט געקוקט איינער אויפן צווייטן און נישט גע־ וווּסט וואָס צו טון ווייטער.

— זאָל איך אָנצינדן אַ לאָמפּ? — האָט זי געפרעגט, זיך אויפגעהויבן, און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, איז זי מיט קליינע טריט צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָנגעצונדן דאָס קליינע קעראָסין־לעמפּל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער עטאַזשערקע.

איצט האָב איך דערזען, אַז זי האָט גרויסע, שוואַרצע, אומעטיקע אויגן. איר בלאַסער פּנים איז אַ ביסל אָנגעפּודערט מיט ראָזעווע פּודער און די אונטער־ שטע ליפּ איז קוים מערקבאַר באַדעקט מיט טונקעלע וואָנצעלעך. זי איז אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק.

— ווי רופט מען אייך, מאַדמואַזעל? — האָב איך זי געפרעגט.

— דאָלאָרעס, — האָט זי צו מיר געשמייכלט און געוויזן ווייסע, קליינינקע ציין אין די ראָזעווע יאַסלעס. — מיין פאָטער איז אַ שפּאַניער און די מוטער — אַ פראַנצויזין.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך צוקלייבן אייער צימער. מען זעט גלייך, אַז איר זייט נישט קיין פאַרהייראַטער מאַן.

זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, צוזאַמענגעלייגט די אַלטע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, איז אַרויס אין קאָרידאָר און אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיך אומגעקערט מיט אַ בעזים און אַ שמאַטע אין האַנט. באַלד איז מיין חדרל געוואָרן ריין, ליכטיקער, און מיר אַליין איז, דאַכט זיך, אויך געוואָרן לייכטער.

זי איז דאַן אַראָפּ אין גאַס און מיר געבראַכט זופּ אין אַ טעפּעלע און אַ לאַנגן, דינעם ברויט. אַזוי זענען מיר אין איין שעה באַפריינדעט געוואָרן. זי האָט מיר דערציילט, אַז אירע עלטערן זענען אָרעם. איר פאָטער איז אַ פּראָסטער האַרעפּאַשניק און פאַרדינט ווייניק, און די מוטער איז אַ קראַנקע פרוי. די על־ טערע שוועסטער איז אַוועק אויף קרומע וועגן. מען האָט זי פאַרפירט. וואָס האָט זי געקענט טון? דאָס האָט זי געזאָגט שטרענג קוקנדיק אויף מיר. איר פּנים האָט פּלוצלינג באַקומען אַ שאַרפן, בייזן אויסדרוק, די טונקעלע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ביי איר.

מיר האָבן נאָך גערעדט און גערעדט. זי האָט נאָר געוואָלט וויסן וועגן ארץ־ ישראל און זיך גערן איינגעהערט צו מיינע שילדערונגען, באַמערקנדיק אַ פּאָר

מאָל, אַז זי האָט געלייענט דעם תנ״ך און דאָס לאַנד איז איר נישט פרעמד. אָבער זי האָט נישט געוווּסט וועגן די נייע קאָלאָניעס. און אַזוי איז די נאַכט צוגעפאַלן. איך האָב זיך געפילט זייער שוואַך. זי האָט עס באַמערקט און געזאָגט, אַז זי וועט זיצן נעבן מיר און וואַרטן ביז איך וועל איינשלאָפן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און באַלד דערפילט ווי זי גלעט מיין קאָפּ מיט אירע דינע, צאַרטע פינגער, ווי זי קושט מיין שטערן און שעפּטשעט:

— מיין אָרעמער, אָרעמער ייִנגל.

און דערנאָך האָבן זיך געצויגן מאָדנע משוגענע שעהן.

אַ מיידל, אַ הויקער, מיט קינדערשע גלידער, איז געלעגן נעבן מיר, מיך געלאַסטשעט, אַרומגענומען און געקושט און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דאָס איז אַ חלום, וואָס פלאָנטערט זיך מיר אין פיבער און ציט זיך אָן אָ סוף...

איינמאָל, ווען איך בין שוין געווען געזונט, איז זי געקומען צו מיר אַ פאַרוויינטע. איר מוטער איז געשטאָרבן און זי מוז פאָרן אַהיים צו דער לויה.

איך האָב איר באַגלייט צום וואָקזאַל און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט.

פון דעמאָלט אָן האָב איך זי מער קיינמאָל נישט געזען, כאָטש זי האָט מיר צוגעזאָגט צו שרייבן און קומען צוריק קיין פּאַריז. אויך די „קאָנסערזשקע״ האָט נישט געוווּסט וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. איך האָב נישט פאַרגעסן די אָרעמע דאָלאָרעס, דאָס מיידל מיטן הויקער, וואָס האָט אַזוי גערן אויסגעהערט מיינע ארץ־ישראל־שילדערונגען און איז געווען אַזוי גוט צו מיר אין טעג פון קראַנקייט און נויט.

פרילינג־צייט...

די געגנט אין די בראנקס, ווו איך וווין, איז אַ שטילע. גאַסן מיט צוויי־גאָרנדיקע אַלטע הילצערנע הייזער. הינטער די פענצטער פון יעדן הויז שטייען ביימער, אויך אַלטע, און זעען אויס ווי תמיד פאַרזונקען אין אַ לאַנגן שלאָף, פון וועלכן, עס דאַכט זיך, זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אויפכאַפּן. און דער איינ־דרוק איז, אַז אויך אין די הייזער וווינען שוין פון לאַנג אָפּגעלעבטע, באַיאָרנטע מענטשן, וואָס וואַרטן שטיל און טרויעריק אויפן סוף.

האָט זיך פאַרלאָפן אַ ראָמאַנטישע געשיכטע אין איינער פון די דאָזיקע גאַסן און פאַסירט האָט עס מיט צוויי באָבעס און אַן אַלטן ייִדן. נאָר צו וואָס פאַרלויפן פאָרויס?

אַלזאַ, די ערשטע באָבע, אַ געבאָרענע אין גאַליציע, איז אַ הויכע, פעטע פרוי פון אַ יאָר אַכציק, זי איז זייער פרום, רעדט נאָך מיט אַ שטאַרקן קול, לייענט ייִדישע צייטונגען אָן שפּאַקולן, עסט אַ סך און גלויבט באמונה שלמה, אַז זי וועט איבערלעבן אַלע אירע שכנים וואָס זענען ייִנגער פון איר. די צווייטע, חנה, איז שוין אויך ווייט אַריבער די זעכציקער און אויך די דאָזיקע באָבע איז פול מיט לעבן, געזונט, האָט אַ נאַטירלעכע פרישע פאַרב אין די באַקן און דער קאָפּ זילבער־גרויע האָר גיט צו אַ סך חן איר סימפּאַטישן פּנים און דער פעסט געבויטער פיגור.

ביידע פרויען זענען שוין פון לאַנג אַלמנות און האָדעווען צוזאַמען אַ קליין אור־אייניקל, אַ ייִנגעלע, וועמענס עלטערן זענען שטענדיק פאַרנומען אויף דער איסט סייד אין זייער געשעפט. דאָס קינד האָלט גאַנצע טעג אין איין אַרומלויפן איבערן שטוב, לאַכט, שטיפט און פאַרשאַפט די באָבעס נחת און פרייד. מיט אַ יאָר צען צוריק האָבן די צוויי באָבעס נאָך געטראַכט חתונה צו האָבן ווען עס וואָלט זיך געמאַכט אַ פּאַסנדיקער שידוך, נאָר איצט האָבן זיי שוין אויפגעהערט צו טרוימען וועגן דעם. אַ געזונטער, נישט גאָר קיין אַלטער מאַן וועט זיי נישט וועלן, און מיט אַ קראַנקן זקן האָט זיך זיי נישט געוואָלט פאַרבינדן...

אָבער דער פרילינג טוט אָפּ שפּיצלעך מיט יונגע און אַלטע נשמות. באַזונ־

דערס מיט אַלטע. נו, איז געקומען דער פרילינג. די שטילע געגנט, די גאַס, ווו איך וווין, האָט אַ ביסל אויפגעלעבט. די ביימער האָבן זיך צעבליט. דאָ און דאָרט ביי אַ טיר איז געזעסן אַ זקנה אָדער אַ זקן און געוואַרעמט זיך אויף דער זון. אַלטע מענער האָבן געריוכערט ווער אַ ליולקע, ווער אַ סיגאַרעט און באַגריסט די פאַרבייגייער. קינדער האָבן זיך געשפּילט אויף די טראָטואַרן און די גאָר קליינע זענען געשלאָפן אין די קערידזשעס. איבערן בלויען הימל זענען געשוואומען פּוכקע דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך.

מיט איין וואָרט, עס האָט זיך אָוועקגעשטעלט די צייט פאַר אמתע ראָמאַנ־טישע אַוואַנטורעס... און טאַקע דעם ערשטן טאָג פּסח האָבן זיךביידע באָבעס אויסגעפּוצט אין זייערע בעסטע קליידער און זענען אַוועק אין שול, און, ווען זיי זענען אַרויס פון דאַוונען מיטן גאַנצן עולם, האָט צווישן די מענער די באָבע חנה באַמערקט איר פאַרשטאָרבענעם מאַנס אַ פריינט, וואָס פלעגט מיט יאָרן צוריק אַריינקומען צו זיי אין הויז, און וועמען זי האָט זייער גערן געהאַט. ביידע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט איינער מיטן צווייטן און חנה איז רויט געוואָרן און זיך אַזש פאַרשעמט ווי אַ מיידל. ווייל מיט אַמאָל זענען אַנגעלאָפן דער:נערונגען שוין לאַנג פאַרגעסענע, גוטע. זיין יעדער באַזוך איז פאַר איר אַמאָל געווען אַ שטילע שמחה און זי פלעגט זיך פילן אין אַ געהויבענער שטימונג. נאָר מיט אַמאָל איז ער פּלוצלינג פאַרשוווּנדן און זי האָט פון אים די גאַנצע צייט נישט געהערט.

— ווי אַזוי קומט איר אַהער, ברוך? — האָט די באָבע חנה געפרעגט און זיך אַליין נישט געקענט באַרו:קן.

— דאָס וועל איך אייך דערציילן שפּעטער, — האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל דער מאַן און איר דערווייל געמאַכט אַ פאָר קאָמפּלימענטן, אַז זי ווערט גאָר נישט עלטער און איז נאָך אַלץ שיין. די באָבע חנה האָט אויף אים געוואָרפן אַ דאַנקבאַרן בליק און דערזען, אַז איר פריינט זעט אויס אַ ביסל אויסגעמאַטערט און עלטער ווי זיינע זיבעציק יאָר. נאָר ווי פרי:ער רוט אויף זיין געגאָלטן, צע־קנייטשטן פּנים אַ גוטמוטיקער שמייכל און דער גלאַנץ אין זיינע בלוילעכע אויגן איז נאָך אַ וואַרעמער.

די באָבע חנה האָט פאַר אים פאָרגעשטעלט די באָבע פון גאַליציע. נאָר יענע האָט זיך אָנגעבלאָזן און געשוויגן. עפּעס איז איר נישט געפעלן געוואָרן דער געגאָלטער מאַן, וואָס זעט גאָר נישט אויס ווי אַ ייִד און רעדט ענגליש בעת ער גייט שבת פון שול. דער מאַן האָט אָבער פון דעם זיך נישט געקימערט. ער האָט גערעדט וועגן פרילינג און די זוניקע גוטע טעג, וואָס זענען מיט אַמאָל

געקומען. געפרעגט ווי עס לעבט זיך איר, וואָס זי מאַכט און דערנאָך דערציילט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז זיין פרוי געשטאָרבן און ער איז איצט אַליין.

ביים געזעגענען זיך האָט די באָבע חנה געבעטן ברוכן אַרויפקומען אַמאָל צו זיי, און האָט גלייך געפרעגט ווען וועט ער קומען? און געזאָגט, אַז זי וועט וואַרטן אויף אים. ער האָט צוגעזאָגט און ביידע האָבן זיך געווונטשן אַ גוטן שבת און דער אַלטער מאַן איז פאַמעלעך אַוועק און אַלע ווילע זיך אומגעקוקט פון דערווייטנס אויף דעם צוויי־גאָרנדיקן הילצערנעם הויז, וווהין די פרויען זענען אַריין.

די דאָזיקע צופעליקע באַגעגעניש האָט אינגאַנצן צערודערט די באָבע חנה. מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אומגעוויינלעכס פאַר אירע יאָרן. ביים יום־טובדיקן עסן האָט זי אַ סך גערעדט, געלאַכט, דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט און אַ זון אירן האָט זי צוגעזאָגט לייען די פאָר הונדערט דאָלאַר וואָס ער האָט שוין לאַנג געפּרוווט בעטן ביי איר. זי האָט אויך פאַרגעשלאָגן איינעם פון אירע אייניקלעך, אַ מיידל, אַ פרילינג־מתנה (דער אויסדרוק „פרילינג־מתנה" איז איר פלוצלינג געקומען אין קאָפּ). שפּעטער איז זי אַריין צו אַ שכנה, אַן אָרעמע פרוי, און איר מיט באַגייסטערונג דערציילט, אַז היינט איז דער בעסטער און גליק־לעכסטער טאָג אין איר לעבן, ווייל אין דעם דאָזיקן טאָג האָט זי געטראָפן אירן אַן אַלטן גוטן פריינט, וועלכן זי האָט שוין יאָרן נישט געזען און שטענדיק געבענקט נאָך אים און ער האָט זיך אויך דערפרייט מיט איר און זי האָט דער שכנה צום ערשטן מאָל פאַרטרויט אַ סך אינטימע איינצלהייטן פון איר פריער־דיקן פאַרהייראַטן לעבן.

איז געקומען דער שבת, ווען ברוך האָט געזאָלט באַזוכן די באָבע חנה. פון פרימאָרגן אָן האָבן ביידע אַלטע פרויען צוגעקליבן דאָס הויז. די באָבע חנה האָט געהאַלטן אין איין זינגען:

„שפּילן אַ ליבע איז טאַקע כדאי, איז טאַקע כדאי.
נאָר ווען איז עס געזאָגט געוואָרן, מיט איינעם, ניט מיט דריי".

די באָבע פון גאַליציע האָט זיך כלומרשט געבייזערט, אַז מען מאַכט אַזאַ רעש און טומל, ווי דער קייזער פראַנץ יאָזעף וואָלט געדאַרפט קומען צו זיי. פונדעסטוועגן האָט זי זיך אויסגעפּוצט אין איר יום־טובדיקער ווייסער בלוזע, אַרומגעצוימט מיט שפּיצן. אָנגעטאָן דעם רויטלעכן פּאַרוק און נאָכמיטאָג האָבן זיך ביידע באָבעס אַוועקגעזעצט אין דרויסן ביים טיר וואַרטן אויפן גאַסט, ווי ער וואָלט צוגעזאָגט קומען צו ביידן.

און ווען דער גאַסט איז ענדלעך געקומען, האָבן אַלע דריי אויף דער קליינער פאַרמאַכטער טעראַסע געטרונקען טיי, געקנאַקט ניס און מאַנדלען, געגעסן באַנאַ־

נעס און אַפּעלסינען. דערביי האָט זיך געשפּילט דאָס אור־אייניקל און די באָבע פון גאַליציע האָט זיך אַלץ געסטאַרעט אַרויסצווייזן פאַר ברוכן, אַז כאָטש זי איז נישט קיין היינטוועלטיקע, פאַרשטייט זי אויך עפּעס. שוין אָפּגערעדט, אַז זי איז אַמאָל געווען אין ווין און דאַרף זיך פאַר קיינעם נישט שעמען. און די באָבע חנה האָט געשיינט, גערעדט פאַר דריי, און געקוקט מיט באַגייסטערטע בליקן אויף איר אַלטן פריינט, און אַלץ געבעטן, אַז ער זאָל דערציילן פון זיין יוגנט און פון זיין אַלטער היים. און אַזוי ריידנדיק, האָט זיך זיי גערדאַכט, אַז זיי האָבן זיך נאָך געקענט אַלס קינדער, ווייל זייערע עלטערן, רוסישע יידן, האָבן צוזאַמען אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע פון איין שטאָט און אין איין צייט, און זענען אַפילו געפאָרן אויף איין שיף. אמת, דאָס איז געווען מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק און זיי האָבן נישט געקענט אָנרופן דעם נאָמען פון דער שיף. אָבער די באָבע חנה איז געוואָרן שטאַרק גערירט און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

און די באָבע פון גאַליציע האָט פרום אַרויסגערעדט:

— דאָס איז אַ מתנה פון גאָט, אַז מען טרעפט זיך געזונטערהייט נאָך אַזוי פיל יאָרן.

און מען האָט ווידער געטרונקען טיי, געקנאַקט ניס, געגעסן באַנאַנעס און אָראַנזשעס און ווען מען האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, איז שוין געווען פאַר־נאַכט־צו און אַ שטילער בין־השמשות איז צוגעפאַלן.

דער גאַסט האָט זיך אויפגעהויבן, די באָבע חנה איז אַרויס אים באַגלייטן אַ ביסל. אַלץ האָט אין איר געזונגען. זי האָט אַ ווילע אָנגערירט זיין אָרעם, אים אַריינגעקוקט אין פּנים און געזאָגט, אַז זי וואָלט געוואָלט זיך פאַרשטעלן ווי זיי האָבן ביידע אויסגעזען אַלס קינדער, נאָר זי קען נישט. איצט זענען זיי אַלט. דער אָוונט איז געקומען. אָבער דער אונטערגאַנג פון טאָג האָט אויך רייכע פאַרבן. דער אָוונט־רויט איז נאָך אַמאָל שענער ווי דער זון־אויפגאַנג.

אָט אַזוי פּאָעטיש האָט די באָבע חנה גערעדט און זיי האָבן אָפּגערעדט זיך ווידער צו טרעפן.

עס איז אַוועק אַ וואָך און זיי האָבן זיך שוין גענומען באַגעגענען אַלע טאָג. אַמאָל איז עס געווען נאָכמיטאָג און אַמאָל פאַרנאַכט. דאָס פלעגט פאָרקומען אין אַ פּאַרק, וואָס געפינט זיך אין מיין געגנט.

איינמאָל, זיצנדיק אין פּאַרק, האָט זיך די באָבע חנה אַזוי פאַרגעסן, אַז זי האָט געכאַפּט קושן איר אַלטן פריינט, און עטלעכע יונגעלייט, וואָס זענען גראַד פאַרבייגעגאַנגען און עס באַמערקט, האָבן זיך אויפן קול צעלאַכט און איינער האָט זיי פאַרגליכן צו ראָמעאָ און דזשוליעט. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז די באָבע חנה איז זיינע אַ שכנה און זי איז „אָל־ראַיט".

נאָר דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק.ביידן איז געווען גוט און טרויעריק, אַז זייערע הערצער זענען פאַרגאַנגען אַזש אין ווײ...

אָבער גאָר גיך האָט דער גאַנצער בלאָק געוואויר געווען ,קאָכן" מיט דער באָבע חנה און איר פריינט. די אָרעמע שכנה, פאַר וועלכער זי פלעגט ,אויסגיסן" איר האַרץ און דערציילן ווי אַזוי איר פריינט האָט זי געלאָסטשעט און אָנגערופן ,זיסע נשמה מיינע", האָט נעבעך נישט געקענט האַלטן קיין סודות. זי האָט איר פשוט מקנא געווען, וואָס אַ פרוי פאַרגינט זיך עס אויף דער עלטער. און די באָבע פון גאַליציע און די זין און די שניר האָבן אויך נישט געשוויגן. דאָס האָט געמיינט, אַז דאָס געלט, וואָס די באָבע חנה פאַרמאָגט, וועט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט — זענען זיי אַלע געוואָרן אָנגעצונדן.

— זע נאָר, וואָס זאָגסטו אויף דער יונגער כלה, — האָט זיך געבייזערט די באָבע פון גאַליציע, און מען האָט ממש געזען, אַז זי איז אײפערזיכטיק — עס האָט זיך איר פאַרוואָלט שפּילן אַ ליבע, ווען מען שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר. קושן זיך אין די פאַרקן, ווי אַ מויד. פע, אַ חרפה פאַר מענטשן...

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף. קומען אין הויז האָט דער אַלטער שוין נישט געקענט. די אַלטע פאַרליבטע האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפן בגנבה. אָבער אַמאָל פלעגט דער אַלטער קריגן מוט און אַפילו שפּעט אין אָוונט צוקומען צום הויז, שטיין הינטערן פענצטער פון באָבע חנהס צימער און רופן:

— קום אַרויס, זיסע נשמה, קום אַרויס!

און זי פלעגט זיך אין פענצטער אַראָפּבויגן צו אים און מיט אַ ציטעריק קול זאָגן, אַז זי האָט מורא פאַר דער באָבע פון גאַליציע און זאָל ער קומען מאָרגן ווידער, וועט זי זיכער אַרויסקומען צו אים, און שטיל שעפּטשען:

— אַ גוטע נאַכט, מיין ליבער, אַ גוטע נאַכט!

קורץ, איך וויל פאַרענדיקן די ראָמאַנטישע געשיכטע וועגן דער ליבער באָבע חנהן, וואָס האָט זיך, אגב, געענדיקט זייער גוט. קיין צרות האָבן איר נישט געפעלט. אַלע האָבן זיך דערוווּסט פון די נאַכטיקע אידיליעס און מען האָט אָנגעהויבן אָפּלאַכן פון איר נאָך מער. באַזונדערס אויפגערעגט זענען געווען די אַלטע לייט, און די באָבעס האָבן גערעדט, אַז עס איז אַ שאַנדע אַזוינס צו דערלאָזן. זאָלן זיי שטעלן אַ חופה. מען האָט דער באָבע חנהן אויך אַריינגעשיקט אַ פּאָר אַנאָנימע בריוו און מען האָט זי געוואָרנט, אַז אויב מען וועט זי נאָך אַמאָל זען ביינאַכט ווי זי פראָוועט ,שטיק" מיט מענער דורכן פענצטער, וועט זיך טון חושך. נאָר די באָבע חנה, צו וועמען די טעג פון ליבע און פרייד זענען געקומען אַזוי שפּעט, האָט געפּרוווט מיט אַלעמען קעמפן. זי האָט געוויינט, גע־

טרוימט, געווען אומגליקלעך און אין דערזעלבער צייט — די גליקלעכסטע אין דער וועלט. זי האָט פּאַרטיידיקט איר רעכט צו באַגעגענען זיך מיט איר פריינט אַזוי לאַנג ווי זי וויל, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. זי האָט געמוזט שטעלן אַ חופּה.

איך בין געווען ביי דער וועטשערע, ווו די באָבע פון גאַליציע איז געגאַנגען אַ מצוה־טאַנץ און דערנאָך געזונגען „נישט קיין געבעטענע, אַליין געקומען". עס איז געווען אַ פראַכטפולע חתונה. דערנאָך האָבן זיך אַלע באַרויִקט און ווידער איז געוואָרן שטיל אין די אַלטע הייזער און דיביימער זענען ווידער געשטאַנען פאַרטיפט אין זייער לאַנגן שלאָף, ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט געוואָלט זיך אויפכאַפּן.

עס פאַלן שנייעלעך

היינט איז אַ כמאַרנעער טאָג און פון קאַלטן הימל פאַלן שנייעלעך. איך זיץ שוין מער ווי אַ שעה אין דער וואַרעמער קאַפעטעריע און קוק אין פענצטער אויף די פאַרבייגייער. דער זייגער איז צווישן צוויי און דריי. איך האָב זיך נישט וווהין צו איילן און צו וואָס? און אָט קומט צו צו מיין טיש אַ יונגערמאַן, וואָס איז פריִער געווען אַ יידישער לערער און עס אויפגעגעבן, ווייל מען האָט אים קיינמאָל נישט באַצאָלט אין גאַנצן זיין קליינעם געהאַלט און ער איז מיד געוואָרן פון די פאַרשיידענע מיטינגען און אונטערנעמונגען, וואָס ער האָט נאָכאַנאַנד געדאַרפט אראַנזשירן, כדי די שול זאָל קענען עקזיסטירן. איצט אַרבעט ער אין אַ שאַפּ פון צייט צו צייט און קומט דורך. אין פרייע טעג און אָוונטן שרייבט ער שטילע, סענטימענטאַלע לידער.

— ווי גייט עס אייך? — פרעג איך אים.

— נישט שלעכט, — ענטפערט ער אַ ביסל צעטראָגן. — אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, פון אַפּאָפּלעקציע קען מען שטאַרבן?

— נאָך ווי! — קוק איך אים אָן.

ער זעצט זיך אַוועק און קוקט פאַרטראַכט אין פענצטער. אַ ווײַלע שווייגן מיר ביידע. דערנאָך הייב איך אָן צו ריידן וועגן די יידישע שולן. יאָ, אייניקע לערער האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי גייען אַוועק אַרבעטן אין שעפּער. זיי קענען מער נישט זיין קיין אידעאַליסטן און לעבן מיט זייערע פאַמיליעס אין שטענדיקער נויט. מען ווערט עלטער און שוואַכער. זיי ווילן מער נישט שמייכלען צו די טוער פון די שולן און זיין אָפּהענגיק פון זייער גוטסקייט אָדער שלעכטסקייט. זיי ווילן נישט.

— אַך, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — דאָס איז אַן אַלטע צרה. לאָמיר עס אָפּלאָזן. זאָגט איר, הייסט עס, אַז פון אַפּאָפּלעקציע קען מען יאָ שטאַרבן. אַ נאַיווע פראַגע פון מיין זייט, אמת? איר פאַרשטייט, מיינע אַ גוטע באַקאַנטע האָט געקראָגן די קראַנקייט, און מען שרייבט מיר, אַז ווען דאָס זאָל

זיך מיט איר טרעפן נאָכאַמאָל, איז זי פֿאַרפֿאַלן. װילט זיך מיר נישט גלויבן אין דעם. זי איז יונג און שײן.

איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר דערצײלן װעגן זײַן באַקאַנטער, װאָס איז יונג און שײן און אַזױ קראַנק. דאָס איז אמת טרויעריק. אָבער ער קוקט אַלץ פֿאַרטראַכט אין פֿענצטער. ענדלעך גיט ער אַ קער דעם קאָפּ צו מיר און זאָגט:

— עס פֿאַלן שנײעלעך און דאָס דערמאָנט מיר אַזױ פֿיל...

איך װידערהאָל:

— דערצײלט, דערצײלט.

— איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז די געשיכטע איז אַן אמתע. אַ שטילער עפּיזאָד, װאָס האָט געלאָזט אויף מיר אַ טיפֿן אײַנדרוק. מיט דרײַ יאָר צוריק בין איך געװען אַ לערער אין דער פּראָװינץ. עס איז נישט װיכטיק פֿאַר אײַך אָנצורופֿן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט און איך קען עס אויך נישט טון. אין די אָװנטן פֿלעג איך אָפּט האַלטן לעקציעס אין מײַן שולע אויף פֿאַר גרויסע. דאָס לעבן אין דער פּראָװינץ איז לאַנגװײַליק. פֿלעג איך שטענדיק האָבן אַ גאַנץ גרויסן עולם. באַזונדערס פֿלעגן קומען מיך הערן די יונגע פֿרויען, װאָס האָבן נאָך געהאַט אַ שטיקל באַציִונג צו ייִדיש. איך פֿלעג אין מײַנע לעקציעס אַרײַנפֿלעכטן אַלערלײ װוּנדערבאַרע מעשהלעך, אַנעקדאָטן און אַפֿילו װיצן און דאָס האָבן די דאַמען זײער ליב געהאַט.

אין פֿיל ייִדישע הײַזער בין איך געװען אַן אײַנגעלײַגטער גאַסט און מען פֿלעגט מיך בעטן אָפֿטער צו קומען. עסן זשאַלעװעט מען אײַך נישט אין דער פּראָװינץ. מײַן באַלעבאָסטע, אַן עלטערע פֿרוי, האָט זיך צו מיר באַצויגן װי צו אַן אײגן קינד. קורץ, איך קען זאָגן, אַז איך בין געװען דער ליבלינג פֿון די ביסל ייִדן, װאָס האָט זיך דאַרט אינטערעסירט מיט דער ייִדישער קולטור. אָבער איך האָב זיך דאָך געלאַנגװײַליקט. עס האָט זיך געבענקט נאָך אַ שטיקל ראָמאַן, נאָך אַן אינטימער פֿרײַנטשאַפֿט מיט אַ פֿרוי. אָבער מיט װעמען פֿאַרפֿירט מען אַ ליבע, אַז אַלע זענען כמעט שטענדיק צוזאַמען. די מענער היטן זײערע פֿרויען און זײ אײנע די אַנדערע. נו, און פֿאַר די ייִדישע מײדלעך בין איך נישט געװען קײן פּאַסנדיקער שידוך, װײל װאָס, מ׳שטײנס געזאָגט, פֿאַרדינט אַ ייִדישער לערער?

אָבער אָט האָט אין מיטן װינטער מײַן שולע אָרגאַניזירט עפּעס אַ יום־טובֿ. מען האָט געדאַרפֿט צוזאַמענקלײַבן אַ ביסל געלט. די קינדער האָבן אויסגעפּוצט די צימערן מיט פֿילפֿאַרביקע פּאַפּירענע גירלאַנדן און בלומען. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם. איך האָב זיך געפֿילט אַ ביסל צעטומלט פֿון דערפֿאַלג. און דאָ איז צו מיר צוגעקומען אַ יונגע פֿרוי, װעלכע איך האָב קײנמאָל נישט באַמערקט אויף מײַנע לעקציעס.

די פרוי איז געווען אַ קליינינקע און אַ שלאַנקע, מיט אַ מיידלשער פיגור און שטילע בלויע אויגן. עפּעס אויסערגעוויינלעך צאַרטעס האָט זיך געפילט אין איר גאַנצן וועזן.

— איך וויל, אַז מיין יינגעלע זאָל קענען יידיש, — האָט זי געזאָגט און פריינטלעך געשמייכלט צו מיר. — איך וויל אים שיקן אין דער שולע.

— אויסגעצייכנט, — האָב איך זיך דערפרייט, — אַוודאי דאַרפט איר אים לערנען יידיש. און פאַרוואָס האָב איך אייך קיינמאָל נישט באַמערקט אויף מיינע לעקציעס?

זי האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט און איז געוואָרן רויט. דאָס איז געווען מיין שולד. איך האָב אָפּנים נישט געוואָלט קוקן אויף איר. זי האָט צוויי מאָל באַזוכט מיינע לעקציעס.

— מיין גאָט, ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַרקומען.

— נו, איר זעט דאָך, — האָט זי שטיל געלאַכט.

עס איז צוגעקומען איר מאַן. זי האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר מיר. עטלעכע מינוט האָבן מיר אַלע גערעדט. ער איז אויך פאַר דעם, אַז זיין יינגעלע זאָל קענען יידיש. שור איז ער פאַר דעם. ער וואָלט אַפילו געוואָלט דער חברה־מאַן זאָל קענען היברו אויך. זאָל מען אים אויסלערנען האַלטן אַ פיינעם „ספּיטש" צו זיין בר־מצוה. איך האָב אים געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר די קינדער האָבן מיך גערופן פון אַלע זייטן און איך בין אַוועק אַרויספירן אויף דער סצענע צוויי מיידלעך, וואָס האָבן געדאַרפט דעקלאַמירן רייזענס און ליעסינס לידער. איך בין געשטאַנען הינטער די קוליסן און געטראַכט, אַז די קליינינקע ליכטיקע פרוי איז אַזוי נישט ענלעך צו די אַנדערע פרויען פון דעם קרייז, אין וועלכן איך פאַר־קער, און זי דערמאָנט אַזוי אַן אַ יונגער בערעזקע, וואָס וואַקסט ערגעץ אויף אַ זוניקן פעלד איינע אַליין.

די קינדער האָבן געענדיקט דעקלאַמירן, און איך בין אַוועק צווישן עולם זי זוכן.

אַט שטייט זי ביים בופעט מיט איר מאַן, וואָס עסט אַ סענדוויטש און לאַכט. די פעטע קנייטשן אויף זיינע באַקן באַוועגן זיך אַזוי העסלעך. עס איז קענטיק, אַז ער האָט שטאַרק הנאה פון דעם פליישיקן סענדוויטש. און זי — אַ דינע און אַ צאַרטע — איז עטוואָס אומעטיק און קוקט אומרויִקט אַרום זיך, ווי זי וואָלט עמיצן געזוכט מיט די אויגן און נישט געקענט געפינען.

איך בין פאַרביי איר פאַרבייגעלאָפן, כלומרשט זייער אַ פאַרנומענער, אַ קער געטון דעם קאָפּ און אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. איר פּנים איז געוואָרן

שטרענג און איך האָב מיטאַמאָל דערפילט אַ פוסטקייט אין האַרצן. איך האָב זי דעם אָוונט שוין מער נישט געזען. זי איז באַלד מיט איר מאַן אַוועק אַהיים.

יענע נאַכט בין איך איינגעשלאָפן ערשט פאַרטאָג, כאָטש די אונטערנעמונג האָט זיך געענדיקט נישט זייער שפּעט. די קינדער האָבן געדאַרפט גיין שלאָפן. איך בין געלעגן אין בעט און געטראַכט וועגן דער קליינינקער צאַרטער פרוי, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אָבער פאַרוואָס האָט זי מיך אַזוי שטרענג אָנגעקוקט, אַז אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט? האָט זי ליב אָט דעם גרויסן פעטן מאַן, וואָס עסט אַזוי זשעדנע? איך האָב זיך עס נישט געקענט פאַרשטעלן. נאָר וועמען אַרט עס, וועמען אַרט עס. מען דאַרף איינשלאָפן, איינשלאָפן.

דערנאָך האָב איך אַלע טאָג געוואַרט זי זאָל ברענגען איר ייִנגל אין שולע, און זי איז אַלץ נישט געקומען. יאָ, אַלע טאָג האָב איך געוואַרט. איך האָב זי נישט געקענט פאַרגעסן. אָט לערן איך מיט די קינדער, און מיטאַמאָל דערהער איך טריט אויף די טרעפּ. דאָס האַרץ גיט אַ פּלאַטער: אפשר זי! נאָר ניין. עס איז אַריין אַ הויכע פעטע פרוי מיט אַ טעמפּן פּנים און האָט גאָר עפּעס טענות צו מיר. ענדלעך האָב איך זיך גענומען נאָכפרעגן ביי מיין באַלעבאָסטע וועגן דער קליינינקער צאַרטער פרוי און זיך דערוווּסט, אַז זי האָט נישט קיין גליקלעכן פאַמיליען־לעבן. איך בין זיך פאַר אייך מודה־ומתודה, אַז דאָס האָט מיך דערפרייט. אַ האָפענונג האָט אויפגעלויכטן... נו, עס איז נישט אַזוי שיין, נאָר אַזוי האָב איך געפילט און דערצייל אייך דעם ריינעם אמת. יאָ, ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף זענען אירע עלטערן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און זי האָט זיך גע־האָדעוועט ביי איר מוטערס אַ שוועסטער, וועלכע האָט געהאַלטן דאָס מיידל ביז זעכצן יאָר און דערנאָך איר איינגערעדט חתונה צו האָבן מיט אַ פאַרמעגלעכן מאַן, וואָס איז געווען פיל עלטער פון איר.

איך האָב אויסגעהערט די געשיכטע און באַמערקט:

— אַ רחמנות. אַזאַ פיינע פרוי.

— שוין איינמאָל אַ צער, — האָט צוגעגעבן מיין באַלעבאָסטע מיט אַ קרעכץ.
— אַ שטילע, ווייסע טייבעלע אוןליידט אין זיך.

טאַקע, אַ שטילע ווייסע טייבעלע. אָט שטייט זי פאַר מיר אַ ביסל אַ פאַר־שעמטע, פאַרוואָס איך האָב זי נישט באַמערקט אויף מיינע לעקציעס.

עס איז געווען אַ כמאַרנער טאָג. עס האָט געשנייט. איך בין געשטאַנען אין דער שולע ביים פענצטער און געקוקט ווי די שנייעלעך פאַלן פון הימל און מאַכן די ווייסע וועלט אַרום נאָך ווייסער. אַ קליינינקע פרוי איז פאַרבייגעגאַנגען. איך האָב זי דערקענט און אַרויסגעלאָפן אין גאַס. די באַגעגעניש האָט איר שטאַרק

דערפרייט. איך האָב געזען ווי אין אַ רגע האָט איר פּנים אויפגעלויכטן. מיר זענען אַ ווײַלע געשטאַנען און גערעדט וועגן זײַטיקע זאַכן. איך האָב איר געפרעגט פאַרוואָס זי ברענגט נישט אין שולע איר יינגל, זי האָט דאָך צוגעזאָגט אים ברענגען, און עס איז שוין אַוועק מער ווי אַ וואָך.

זי פאַרטראַכט זיך אַ מינוט און איר פּנים איז ליב און פריש פון קעלט. די בלויע אויגן קוקן אויף מיר אַזוי וואַרעם! איך גיב אייך מיין ערן וואָרט, אַז דאָס איז געווען אַזוי. יאָ, און דעם יינגל וועט זי ברענגען אין שולע. נאָר איצט מוז זי נאָך וואַרטן. ער האָט זיך געפילט נישט גוט און איז נאָך אָפּגעשוואַכט. און מיט־אַמאָל ווערט זי אומרויק. אָ, זי האָט זיך פאַררעדט. זי מוז גיין. דערצו קען זי נאָך עמיצער באַמערקן און באַריידן דערנאָך. דאָ איז דאָך די פּראָווינץ. זי דריקט זײַן האַנט: אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג, און די שנייעלעך פאַלן אַלץ אויף זיי און די וועלט אַרום און אַרום איז ווי אין אַ צפון־מעשהלע.

עס זענען פאַרביי אַ פּאָר וואָכן. זי איז צוויי מאָל געקומען אויף מיינע לעק־ציעס, נאָר ריידן מיט איר האָב איך נישט געקענט. זי פלעגט זיצן מיט אַנדערע פרויען און איז אויך אַוועקגעגאַנגען מיט זיי.

— מען דאַרף אויפהערן צו קלערן וועגן איר, — האָב איך געטראַכט, — זי האָט דאָך אַ מאַן מיט קינדער. אָבער איר געשטאַלט פלעגט מיך פאַרפאָלגן און ברענגען זיסע חלומות אין די נעכט.

איינמאָל האָב איך זיך צוגעקילט און בין אַ פּאָר טעג געבליבן אין הויז. איך האָב אַ סך געלייענט, געטרוימט און געשריבן לידער. מיין באַלעבאָסטע האָט מיך אָפּגעהיט ווי אַ מוטער און נישט געלאָזט אַרויסגיין אין גאַס ביז איך וועל אינ־גאַנצן ווערן געזונט. עס איז געווען אַזייגער דריי בייטאָג. איך בין געבליבן אַליין אין הויז. אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען כאַלאַט און ווייסע טופליעס, בין איך געלעגן אויף אַ קושעטקע און איבערגעקוקט אַ ביכל לידער פון אַ נייעם יונגן פּאָעט. פּלוצלינג האָט מען שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר. איך בין אויפגעשטאַנען און אַרויס אַנטקעגן. פאַר מיר איז געשטאַנען די קליינינקע צאַרטע פרוי מיט אַ רויטער בלום אין האַנט.

אויף מיין ערן־וואָרט, אַז זי איז געקומען צו מיר. זיך דערוווסט, אַז איך בין קראַנק און איז געקומען. נו, וואָס זאָגט איר אויף דעם. אַזאַ וווּנדערבאַרע שיינע פרוי. איז געקומען די ערשטע. שטייט אויפן שוועל מיט דער רויטער בלום אין האַנט און שעמט זיך אַריינצוגיין.

— אַך, — זאָגט זי, — איך שטער אייך נישט, ווי פילט איר?

איך האָב זי אַריינגעפירט צו זיך און אַזוי געדאַנקט, אַזוי געדאַנקט. דאָס איז געווען אומדערוואַרט פאַר מיר. איך האָב איר געהאָלפן אויסטאָן דעם מאַנטל,

דערפילט דעם רייצנדיקן ריח פון איר יונגן קערפּער און עפּעס געפּלאַפּלט גליקלעכע רייד.

— איר האָט זיך שטאַרק אויסגעבליכט פאַר די פּאָר טעג, — האָט זי געזאָגט און מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— זעצט זיך נעבן מיר, — האָב איך זי געבעטן און מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

מיר האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף דער ווייכער קושעטקע און האָבן אויסגעזען ווי אַ פאַרליבט פּאָרל. איך האָב צוגעצויגן איר קאָפּ צו זיך און איר אַ קוש געטון אין האַלדז נעבן אויער. זי האָט אויפגעציטערט און ביז ווייטיק צוזאַמענגעדריקט מיין האַנט. דערנאָך ווי אין אַ האַלבן־אונמאַכט זיך צוגעטוליעט צו מיר און געשוויגן.

אָבער באַלד האָט זי זיך אויפגעהויבן. זי מוז אַוועקגיין. אַך, וואָס טוט זיך דאָ מיט איר. די באַלעבאָסטע וועט נאָך אַריינקומען און זי טרעפן. זי מוז גלייך אַוועקגיין.

איך האָב זיך ביי איר גענומען בעטן בלייבן כאָטש נאָך אַ ווײַלע מיט מיר. זי האָט נישט געוואָלט. איך האָב איר באַגלייט צום אַרויסגאַנג און אין פינצטערן קאָרידאָר זי אַרומגענומען, זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיינע הענט און איז אַוועק. איך בין אַריין צוריק אין צימער און געפאַלן אַ פאַרשיכורטער אויף דער קושעטקע.

אין אַ מינוט אַרום איז אַריין די באַלעבאָסטע. זי האָט די פרוי געזען אַרויסגייענדיק פון הויז.

אַ וואָך שפּעטער האָט זי געבראַכט איר יינגל צו מיר אין שולע. זי האָט מיך אויך איינגעלאַדן צו זיך אין הויז. איך בין געקומען. עס איז געווען אַ שבת אָוונט. עס זענען געווען נאָך אַ פּאָר געסט. ווען אַלע זענען געזעסן ביים טיש, געטרונקען און געגעסן איז איר עפּעס מיט אַמאָל נישט גוט געוואָרן און זי איז אַריין אין אַ צווייטן חדר און זיך צוגעלייגט. דערנאָך האָט זי געבעטן מען זאָל מיך צורופן.

איר מאַן האָט מיך צוגעפירט צו איר און זיך אומגעקערט צו די געסט. זיין פּנים איז געווען רויט און אָנגעכמורעט.

— זעצט זיך נעבן מיר, — האָט זי געזאָגט, — ליבער מיינער...

— מען וועט עס דערזען.

— ווער מען אַרט עס? וועמען אַרט עס? — האָט זי מיד ווידערהאָלט און אירע ליפּן האָבן געציטערט ווי אין פיבער.

וואָס זאָגט איר אויף דער מאָדנער פרוי? האָט זיך מיט קיינעם נישט געוואָלט

רעכענען. און דענקט איר טאַקע, אַז זי האָט מיך ליב געקראָגן אויף אַן אמת? ווייל אַנדערש וואָלט זי דאָך אַזוי נישט געהאַנדלט. דער מאַן איז אין צווייטן צימער און די טיר איז אָפן.

איך בין אָבער געבליבן שטיין און אומבאַמערקט אַ גלעט געטון איר קליי־נינקע בלייכע האַנט. איר מאַן איז אַריין.

— ווי פילסטו, מיין טייערע? — האָט ער געפרעגט מיט אַ נערוועזן ציטער אין קול. — די געסט ביים טיש וואַרטן אויף דיר.

— איך גיי, איך גיי, — האָט זי זיך אויפגעהויבן. — איך פיל שוין גוט.

דערנאָך האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנץ פריילעכן אָוונט. איר מאַן איז אויך געוואָרן גוט געשטימט, זיך מיט מיר געוויצלט און מיר געמאַכט אַפילו קאָמפּלי־מענטן. אמת, גאַנץ אומגעלומפּערטע. אָבער וואָס האָט מען געקענט דערוואַרטן פון אים...

און איצט וועל איך אייך דערציילן דעם סוף. אין אַ וואָך אַרום האָט מען מיך אַנטזאָגט פון דער שולע און קיין איינער פון די פּאַרוואַלטער האָט מיר נישט געוואָלט זאָגן פאַרוואָס. אַלע האָבן געשטאַמלט: אַזוי און אַזוי. אָבער איך האָב געוווּסט די סיבה. מען האָט אָנגעהויבן טרייבן פּליאָטקעס וועגן אונדז. דעם ערשטן קלאַנג האָט אַרויסגעלאָזט מיין אַלטע באַלעבאָסטע, דערנאָך איז שוין אַוועק אַ גאַנג.

איך בין אַוועקגעפאָרן און זיך מיט איר אַפילו נישט געקענט געזעגענען. און איך האָב זי ליב געהאַט, אָט די קליינינקע פרוי, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ יונגער בערעזקע, וואָס וואַקסט ערגעץ אויף אַ זוניקן פעלד איינע אַליין. און איך בין זיכער, אַז אויך זי האָט מיך ליב געהאַט. נו, האָט מען אַלץ צעשטערט און מיך פאַריאָגט. און איצט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיינעם אַ חבר, אַז — זי איז קראַנק. איז פון אַפּאָפּלעקציע קען מען יאָ שטאַרבן? דאָס וועט זיין שרעקלעך.

דער יונגערמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן און גענומען קוקן אין פענצטער, ווי עס פאַלן פון כמאַרנעם הימל שנייעלעך, וועלכע האָבן אים דערמאָנט אָן דער ליבע־געשיכטע, וואָס ער האָט מיר נאָר־וואָס דערציילט.

בענקשאַפט

דאָס לבנה־ליכט האָט אַריינגעשיינט אין צימער אַרום צען אַזייגער, ווען מרס. ראוז גוואווידאָווסקי האָט זיך שוין געקליבן לייגן שלאָפן. אַ מעלאַנכאָליש זילבערנער פאַס האָט באַלויכטן אַ בילד אויפן וואַנט, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ וואַסערפאַל ערגעץ אין די בערג. זי האָט אַ קוק געטון אויפן בילד און איז געבליבן זיצן אויפן בעט אַ האַלב־אויסגעטאָנענע, אַ שווערע, און איר איז באַפאַלן אַ בענקשאַפט. נעבן איר איז געשטאַנען אַ צווייטע בעט, ווו עס איז שוין געשלאָפן איר מאַן, מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ יאָר צוריק. ער איז געלעגן אויפן רוקן, דער גרויסער בויך אַרויסגעסטאַרטשעט, געכראָפעט און זיך אַלע ווילע ווי געשטיקט אין שלאָף. מרס. גוואווידאָווסקי האָט זיך געהאַט ווי צוגעוווינט צו זיין כראָפען, נאָר איצט האָט זי פלוצלינג דערפילט, אַז זי קען עס נישט הערן און זיין אויסזען האָט איר גענומען שטאַרק נערווירן.

צו וואָס האָט זי עס געטון? איז דורך אַ געדאַנק אין איר קאָפ. וואָס האָט זי פאַר פאַרגעניגנס פון זיין געלט? וואָס גיט ער איר, אָט דער דאָזיקער קאַרגער ייִד, וואָס איז נאָר פאַרקאָכט אין קויפן און פאַרקויפן הייזער און האָטעלן, כאָטש ער איז רייך און איבער גענוג פאַרזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן? אך, וואָס האָט זי אָפגעטון, וואָס האָט זי אָפגעטון! זי האָט דאָך געקענט זיין אַזוי גליקלעך...

מיט דריי יאָר צוריק איז געשטאָרבן איר ערשטער מאַן, מיט וועלכן זי האָט נישט געהאַט קיין לייכטן לעבן, כאָטש זי האָט אים ליב געהאַט. ער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש און זי פלעגט אים אָפט נישט פאַרשטיין. ער האָט זי פאַרנאַכלעסיקט און די גאַנצע זאָרג פון מאַכן אַ לעבן איז כמעט תמיד געפאַלן אויף איר. אמת, ער איז געווען אַ שווערער „הוסטער" און פלעגט זיך שטענדיק באַקלאָגן אויך אויף אַנדערע חולאתן. און דערנאָך איז ער פלוצלינג געשטאָרבן און זי איבערגעלאָזן מיט צוויי קינדער, וועלכע האָבן נאָך געדאַרפט איר שטיצע. וואָס האָט זי נישט דורכגעמאַכט: געהאַט אַ „פייף" און „טען" סטאָר, אַ קענדי־סטאָרקע, געאַרבעט אין אַ שאַפ און געווען אַ פאַרקויפערין אין אַ גרויסן געשעפט פון פרויען־קליידער. אָבער פאַרבלייבן אין די נאָרד האָט זי נישט געקענט,

ווייל איר הארץ איז געווען אָנגעגריפן און זי האָט אויך געליטן פון אַ שלעכטער בלוט־צירקולאַציע און נישט געקענט פאַרטראָגן קיין קאַלטע וועטערן. די דאָקטוירים פלעגן איר ראַטן פאַרלירן וואָג. נאָר זי איז נאָך אַלס מיידל געווען אַ פעטינקע און ליב געהאַט פאַרשיידענע נאַשערייען, פון וואָס זי האָט זיך אויך שפּעטער נישט געקענט אָפּגעווינען, כאָטש זי פלעגט ווערן אַלץ דיקער און דיקער.

איינמאָל איז זי קראַנק געוואָרן און אָפּגעלעגן צוויי וואָכן אין אַ האָספּיטאַל.

איינער פון די דאָקטוירים האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז פאַר איר וואָלט גוט געווען צו וווינען אין אַ וואַרעמען קלימאַט אין פלאָרידאַ. פריִער האָט זי זועגן פלאָרידאַ קיינמאָל נישט געהערט. אָבער פאַרלאָזנדיק דעם האָספּיטאַל האָט זי באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין מיאַמי ביטש. אירע צוויי, שוין אונטערגעוואַקסענע קינדער, זענען נישט געווען דאַקעגן און אַזוי האָט זי געטון.

אין מיאַמי ביטש האָט זי גלייך געקראָגן אַרבעט אין אַ „פייף״ און „טען״, און אויך אירע צוויי מיידלעך האָבן געקראָגן שטעלעס. געוווינט האָט זי אויף סאוט ביטש, נישט ווייט פון ים.

עס איז געווען זומער. מרס. גואווידאָווסקי פלעגט קומען פון דער אַרבעט, אָפּעסן וועטשערע און אַרויסגיין זיצן ביים ים. און אָט האָט זי זיך איינמאָל אויף אַ באַנק באַקענט מיט אַ מאַן, וואָס איז געווען פון דער נאַטור אַ פריילעכער און אַ וויצלינג, כאָטש נישט קיין געזונטער. באַשעפטיקט האָט ער זיך מיט שרייבן אינשורענס פּאָליסיס, אַז עס זענען געווען קאַסטימער, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. ער איז געווען אין אירע יאָרן און גלייך האָט ער זי באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן, וואָס האָבן געהאַט דעם אַראָמאַט פון יאַסמין־בלימעלעך, וואָס בליִען אין מיאַמי ביטש כמעט אַ גאַנצן יאָר. זי איז געווען אַ ביסל צעטומלט פון דערפאָלג און געלאַכט, טרייסלענדיק איר פולע הויכע ברוסט, און יעדעס מאָל ווי צופאַלנדיק מיט איר קאָפּ צו זיין אַקסל. אויף מאָרגן האָבן זיי זיך ווידער באַגעגנט אויפן זעלבן אָרט. און אַזוי כמעט אַלע אָוונטן.

עס זענען נישט אַוועק קיין דריי וואָכן און מרס. גואווידאָווסקי האָט זיך פאַרליבט אין דעם אינשורענס אַגענט. עס וואָלט גאָרנישט זיי געשטערט חתונה צו האָבן, ווייל אויך ער האָט זי ליב געהאַט און איז געווען אַן אַלמן. אָבער די פּראַקטישע פרוי האָט שוין געוווּסט, אַז אין מיאַמי ביטש געפינען זיך אַ סך אַלטע, קראַנקע רייכע מענער, וועלכע זוכן באַגלייטערינס, שטאַרבן גיך פון ליבע און לאָזן איבער גרויסע ירושות זייערע פרויען. האָט זי באַשלאָסן צו וואַרטן. אפשר וועט זי נאָך ווערן אַ מיליאָנערשע... מיט אַזאַ קבצן, ווי דער אינשורענס־אַגענט איז, וועט זי קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקן חתונה צו האָבן. נאָך אַלעמען פאַרמאָגט זי אַליין אויך אַ גוטע פאָר טויזנט דאָלאַר.

האָט זי זיך מיטן אינשורענס־אַגענט דערוויייל געליבט. אַ פּנים האָט מרס. גוואַווידאָווסקי געהאַט אַ סימפּאַטישן און אַ שטילן. אַ מויל אַ פּוכקע, מיט גע־שמאַקע ליפּן וואָס האָבן זיס געקושט, און אויך פּוכקע הענטלעך, וועלכע האָבן ווייך און מוטערלעך געקענט גלעטן. דער אינשורענס־אַגענט איז געווען גרייט אויף אַלץ. זאָל זיין אין אַ קליינער כאַטקע ווייט הינטער מיאַמי, אַבי מיט איר. אָבער זי האָט זיך פּאַרזיכטיק אויסגעדרייט פון אַן ענדגילטיקן ענטפער. אָט, זי וויל פריִער חתונה מאַכן אירע טעכטער, ווייל אַנדערש וועלן זיי שטערן זייער גליק...

דער אינשורענס־אַגענט איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ קורצער צייט צו זיינע קינדער. זי האָט אים געשריבן הייסע בריוו, אַז זי בענקט נאָך אים. און ער פלעגט איר ענטפערן, אַז אָט־אָט קומט ער צוריק.

אָבער דאָס האָט געדויערט אינגאַנצן עטלעכע וואָכן. דערנאָך האָט זי אים מיט אַמאָל קורץ און טרוקן געלאָזט וויסן, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן און אַז ער זאָל פאַרגעסן אָן איר.

צי ער האָט פאַרגעסן אָן איר האָט זי נישט געוווּסט. ער האָט איר נישט געענטפערט און אויך זיך נישט אומגעקערט קיין מיאַמי ביטש.

אין דער לבנה־נאַכט האָט זיך מרס. גוואַווידאָווסקי דערמאָנט אָן אים מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט. זיין געשטאַלט האָט זיך פלוצלינג באַוויזן פאַר אירע אויגן ווי אַ לעבעדיקער און זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט אים אַנצוכאַפּן, אַרומצונעמען און זיך אויסוויינען אויף זיינע אַקסל. די בענקשאַפט וואָס איז פריִער אויף איר אָנגעלאָפן ווי אַ מוטנע כוואַליע, איז געוואָרן אַלץ קלאָרער און פאַרשטענדלעכער. עס איז געווען אַ בענקשאַפט נאָך איר געליבטן, וועלכן זי האָט אַזוי מיאוס אָפּגעשטויסן און אַליין אויף זיך געבראַכט אומעט און פיין.

איר מאַן האָט זיך פלוצלינג אויפגעכאַפּט און אַ געשריי געטון:

— פאַרוואָס לייגסטו זיך נישט שלאָפן?

— איך קען נישט שלאָפן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ קרעכץ. — איך האָב אַ שרעקלעכן קאָפּ־ווייטיק און וואָלט געוואָלט אַרויס אַ ביסל אין גאַס. עס איז נאָך פרי.

— גיי, — האָט ער אַ בורטשע געטון, זיך איבערגעקערט מיטן גרויסן בויך אַראָפּ און ווידער אָנגעהויבן צו כראָפּען און זיך שטיקן אין שלאָף.

מרס. גוואַווידאָווסקי האָט אָנגעטאָן צוריק דאָס דינע זומער־קלייד, אַריין אין באָד־רום, פאַרקעמט אירע געדיכטע לאַנגע קאַשטאַנאָווע האָר, אָנגעפאַרבט די פוכקע ליפּן און איז אַרויס פון דער וווינונג.

ביים אַריינגאַנג פון הויז איז זי געבליבן שטיין. די קליינע גאַס מיט די

רייכע פּריוואַטע הייזער און גערטנער אַרום איז געווען ווי פאַרכישופט פון לבנה־שיין. אַלץ האָט זיך געטונקט אין אַ פאָספאָר־ליכט, וואָס אַ פולע לבנה האָט גע־האַלטן אומבאַמערקט אין איין גיסן פון ריינעם טונקל־בלויען הימל. מרס. גוואווי־דאָווסקי האָט אַ טיפן זיפץ געטון און טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אין לבנה־נעכט פלעגט איר געליבטער זיין באַזונדערס צאַרט צו איר. זיין שטימע האָט געקלונגען פאַרחלומט, זיינע רייד זענען געווען האַרציק און די לאַסקעס אַזוי געשמאַק, אַז זי פלעגט שוין זיין גרייט אים צו זאָגן, אַז זי וויל מיט אים חתונה האָבן. און איצט האָט איר געפייניקט דער געדאַנק פאַרוואָס זי האָט עס אים נישט געזאָגט. זי האָט אַליין פאַרטריבן איר גליק און זיך פאַרבונדן מיט אַ מאַן, וועלכן זי האָט ממש פיינט פיזיש, און איר ווילט זיך שרייען פון פאַרדרוס יעדעס מאָל ווען ער הייבט אָן זיך לאַסטשען צו איר.

מרס. גוואווידאָווסקי האָט פון דערווייטנס דערזען די באַלויכטענע געביידעס פון לינקאָלן ראוד און איז פאַמעלעך אַוועק אַהין. איר איז געווען טרוקן אין מויל און זי האָט געטראַכט אַריינגיין אין אַ דראַג־סטאָר און אויפעסן אַ פאָרציע אייז־קרים.

אָבער אַריינגייענדיק אין דראַג־סטאָר, האָט איר אַ צי געטון צו אַ טעלעפאָן־ביידל. איר האָט זיך שרעקלעך פאַרוואָלט אָפּרופן איר געליבטן, ריידן מיט אים און הערן זיין קול. באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, דאָס זי וויס אפילו נישט ווו ער געפינט זיך איצט. ער האָט זיך שוין געמוזט צוזאַמענקומען מיט אַן אַנדער פרוי, און אפשר לעבט ער שוין גאָר נישט. ער האָט דאָך געהאַט אַ קראַנק האַרץ. דער דאָזיקער געדאַנק האָט איר זייער טרויעריק געמאַכט און די בענקשאַפט נאָך אים איז געוואָרן שטאַרקער און זיך צעגאָסן אין איר בלוט ווי אַ זיסער סם.

זי האָט אויפגעגעסן צוויי פאָרציעס אייז־קרים און מיט אַ טיכעלע געווישט די טרערן פון די אויגן. דערנאָך איז זי אַרויס פון דראַג־סטאָר און אויפן ראָג זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן אויף אַ „באָס״, וואָס לויפט צו סאוט ביטש. זי האָט באַשלאָסן גיין זיצן אויפן באַנק, ביים ים, ווו זי האָט מיט דעם אינשורענס־אַגענט זיך געטראָפן דאָס ערשטע מאָל. איר האָט געצויגן צו דעם פּלאַץ. דאָרט צווישן דער צווייטער און דריטער גאַס. האָט זי פאַר אַ יאָרן איבערגעלעבט דעם וווּנדער־באַרסטן זומער פון איר לעבן. איר גליק האָט זיך געקענט ציִען און ציִען, אָבער איר גייציקייט האָט איר אומגליקלעך געמאַכט און גאָט האָט איר באַשטראָפט מיט אַ בענקשאַפט נאָך אים, וואָס פייניקט אַזוי אָפט איר קערפער און נשמה, אַז זי קען זיך נישט געפינען קיין אָרט.

מרס. גוואווידאָווסקי איז אַראָפּ פון „באָס״ ביי דער דריטער גאַס און פאַ־מעלעך אַוועק צום ים. עס איז געווען אָנהייב אויגוסט און די מערסטע הייזער זענען געשטאַנען פוסטע, מיט פינצטערע פענצטער. זי האָט אויך נישט געטראָפן

קיין איין פאַרבייגייער אין די עטלעכע בלאָק, וואָס האָבן זיך געצויגן צום ביטש.
אָבער אָט איז זי געבליבן שטיין ביים פאַרמאַכטן אַריינגאַנג פון אַ קליינעם האָטעל אויף אָושען דרייוו און אַרויפגעקוקט אויפן צווייטן עטאַזש. איר פולער קערפּער האָט אויפגעציטערט פון אַ זיסער לײַדנשאַפטלעכער דערמאָנונג. דאָס איז געווען פאַר־אַ־יאָרן אין מיטן יולי, שפּעט אין אָוונט. זי איז געזעסן מיט איר געליבטן ביים ים און זיי האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט. פּלוצלינג האָט אָנגע־הויבן בליצן, דונערן און שטאַרק רעגענען. אין אַ מינוט זענען זיי דורכגעווייקט געוואָרן און זענען קוים דערלאָפן צום ערשטן אָפענעם האָטעל.

— לאָמיר דאָ איבערשלאָפן די נאַכט, — האָט ער צו איר געזאָגט. — דאָס איז אַ שטורעם אויף שעהן־לאַנג.

זי האָט אים שוויגנדיק אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע בלויע אויגן און איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן־ביידל אָפּרופן אירע טעכטער, אַז איבערן גרויסן רעגן קען זי נישט קומען אַהיים און וועט אפשר בלייבן נעכטיקן ביי אַ באַקאַנטע.

דערנאָך האָט זיך געצויגן אַ נאַכט ווי אין אַ צויבער־מעשהלע. איר געליב־טער, דער אינשורענס־אַגענט, איז געשטאַנען אויף די קני און איר גערופן „פּרינ־צעסין מיינע". און זי איז געלעגן פאַר אים אַ גליקלעכע און שטיל געלאַכט. און אויך דער שטורעם האָט זיך גיך איינגעשטילט און פון ים האָט אַריינגעבלאָזן אין צימער פון האָטעל אַ ווינטעלע און זיי געלאַסטשעט. און אַז ער איז שפּעטער אַ מידער איינגעשלאָפן, האָט זי נישט אויסגעלאָשן אין גאַנצן די ליכט. געלעגן נעבן אים מיט אָפענע אויגן און געקוקט ווי ער שלאָפט שטיל.

מרס. גואווידאָווסקי האָט ווידער אַ קוק געטון אויפן צווייטן עטאַזש. די צוויי קליינע פענצטער פון דעם צימער, ווו זי האָט פאַרבראַכט די ערשטע און די לעצטע נאַכט מיט איר געליבטן, זענען געווען טונקל, נאָר פאַר איר האָט הינטער זיי נאָך אַלץ געלויכטן אַ נאַכט פון איר לעבן מיט זיבן ליכטיקע לבנות.

אויף די בענק, ביים ים, הינטער די פּאַלמען, זענען געזעסן אינגאַנצן עט־לעכע פאַרליבטע פּאָרלעך און אַ פּאָר איינזאַמע עלטערע מענטשן.

די באַנק ווו זי פלעגט מערסטנס פאַרברענגען מיט איר געליבטן, איז געווען פריי. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און שווער אָפּגעאָטעמט. פון אויפרעגונג און גיין האָט איר גענומען פעלן אָטעם און שטעכן אין האַרצן. זי האָט האַלב־פאַרמאַכט די אויגן און זיך באַמיט צו באַרויקן. און אַז זי האָט די אויגן אויפגעמאַכט און אַ קוק געטון אויפן וואַסער, האָט זי דערזען ווי אויפן פּנים פון ים זילבערט זיך און ציטערט די שיין פון דער לבנה, וואָס איז געשווומען הויך אין הימל. די שיינקייט האָט איר פאַרכאַפּט. זי האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון איר געליבטן, געוואָלט אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם, ווי זי פלעגט עס שטענדיק טון,

באַר גלייך זיך דערמאָנט, אַז זי איז דאָ אַליין און זי האָט אים פאַרשטויסן, פאַר־טריבן פון זיך און חתונה געהאַט מיט אַ מיאוסן רייכן מאַן.

אָט וועט זי דאָ אָפּזיצן אַ גאַנצע נאַכט און נישט קומען אַהיים. זאָל איר מאַן איבערטראַכטן וואָס ער וויל. זי וויל מער אַזוי נישט לעבן און קען מער אַזוי נישט לעבן. זי וועט פאָדערן פון אים אַ גט און אַוועקגיין צו איר עלטסטער פאַר־הייראַטער טאָכטער. און זי וועט אָנהייבן זוכן איר געליבטן. אפשר וועט זי אים געפינען. און אפשר האָט ער נאָך נישט חתונה געהאַט און בענקט אויך נאָך איר. ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט. יאָ, זי וועט עס טון. מאָרגן אין דער פרי וועט זי אָנהייבן אַ „פייט" מיט איר מאַן און דערפירן צו אַ גט.

זי האָט ווידער דערפילט אַ שאַרפן שטאָך אין האַרצן און זיך שטאַרק דערשראָקן:

— מיין גאָט, איך בין גאָר קראַנק, — האָט זי אַ שעפּטשע געטון און גע־בליבן שטיל זיצן.

עס איז צוגעגאַנגען צו איר באַנק אַ מאַן און זיך אַוועקגעזעצט נאָענט נעבן איר. דער מאַן האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ נייגעריקן קוק און געזאָגט:

— מיסעס, איר האָט זיך גאַנץ פיין „געפיקסט" אין מיאַמי ביטש. און וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דער שיינער נאַכטעלע. די אמתע צייט פאַר ליבע און געזאַנג.

מרס. גוואָווידאָווסקי האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און גענומען אויך גיך אַוועקגיין. עס איז איר מיט אַמאָל באַפאַלן אַ שרעק, אַ פּחד, וואָס זי איז פאַר־קראָכן אַזש אויף סאַוט ביטש, אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה פון אָוונט. וואָס טוט זיך מיט איר? מער וואָלט איר נישט געפעלט ווען איר מאַן דערוויסט זיך וועגן דעם.

געפאָרן אַהיים איז זי שוין מיט אַ טעקסי און געטראַכט וואָס פאַר אַ תירוץ זאָל זי זאָגן איר מאַן, אויב ער שלאָפט נישט און וועט פרעגן אַ ווו זי איז געווען. דער אָנפאַל פון בענקשאַפט נאָך איר געליבטן איז געקומען צו איר פּלוצלינג און איז פאַרשוווּנדן פּלוצלינג. אַזוי איז שוין שטענדיק מיט איר. און זי איז נאָך נישט אַראָפּ פון זינען, דאָס זי זאָל בעטן אַ גט ביי איר רייכן מאַן, אַז ער האָט אויף איר נאָמען איבערגעשריבן צוויי הייזער און פוציק טויזנט דאָלאַר „קעש".

מרס. גוואָווידאָווסקי איז אַריין אין הויז שטיל. איר מאַן איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געוואַרט אויף זיין פרוי. דערהערט אירע טריט האָט ער אַ פרעג געטון:

— אָווו ביזטו דאָס געווען אַזוי לאַנג, ראָוזעטשקאַ? איך בין שוין געוואָרן אומרויק. נו, טו זיך אויס און קום אַריין צו מיר אין בעט.

— באַלד, באַלד, דאַרלינג, — האָט געענטפערט מרס. גוואָווידאָווסקי.

אין שלאָפלאָזע נעכט

דער אַלטער דאָקטאָר ראָזענבערג קען נישט איינשלאָפן און פלאגט זיך ממש אויף זיין איינזאַמען געלעגער. ער צינדט אָן דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפל און הייבט אָן לייענען ביאַליקס לידער, וואָס ליגן אויפן קליינעם טישל ביים בעט. און אַזוי בלעטערנדיק דאָס בוך, געפינט ער צווישן די בלעטער אַ פּאָר פּאָרטריקנטע רויזן און אַ בריוו אין אַ קליינעם ראָזעווען קאָנווערט. דעם בריוו האָט ער דערהאַלטן מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט שוין געהאַט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. ער פאַרטראַכט זיך און נעמט לייענען:

„זונטיק, צען אַזייגער אין אָוונט. איך זיץ אַליין אין מיין חדרל און שרייב אייך דעם בריוול. איך ווינטש אייך אַ סך גליק צום נייעם יאָר. איך בין נאָר־וואָס געווען נעבן אייער הויז, נאָר אין אייערע פענצטער איז געווען פינצטער. מיר האָט זיך געוואָלט גיין מיט אייך באַגעגענען ניי יאָר אויף בראָדוויי. איצט איז מיר זייער אומעטיק, אומעטיק, וואָס אַלץ אַרום איז אַזוי וואָכעדיק. מיך ציט אַהיים צו מיינע אייגענע אין ארץ־ישראל. עס דוכט זיך, אַז דאָרט שאַפט זיך אַ פרייער נייער לעבן פאַר אונדזער באַליידיקט פאָלק; אַז דאָרט איז ליכטיק, אָנגענעם און גוט. נאָר גיסטו אַ טראַכט: וויפל דערנער און שטיינער מען לייגט אונדז אין וועג, ווערט נאָך שווערער און טרויעריקער און די נשמה וויינט. לאָמיר זען, וואָס וועט אונדז ברענגען דאָס נייע יאָר. שולמית".

עטלעכע מאָל לייענט ער איבער דעם בריוו און אַ סך אָנגענעמע דעראינערונגען פליִען אָן, אָבער באַלד ווערט ער טרויעריק. וואָס איז איצט מיט איר? איז זי נישט אומגעקומען פון ענגלישע אָדער אַראַבישע מערדער אין ארץ־ישראל, וווהין זי איז אַוועקגעפאָרן היילן אָרעמע קראַנקע, אָדער זי שטייט נאָך אין מיטן דעם שרעקלעכן און געררעכטן קאַמף, וואָס די ייִדן פירן איצט פאַר זייער לאַנד?

דאָקטאָר ראָזענבערג לייגט אַוועק צוריק דאָס בוך אויפן טישל און לעשט אויס דאָס ליכט. ער וויל ליגן אין דער פינצטער און טראַכטן וועגן שולמיתן. יאָ, ער האָט אָפּגעטון אַ נאַרישקייט, אַ גרויסע נאַרישקייט, וואָס ער האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך. געהאַנדלט פשוט ווי אַ יונג און נאַריש בחורל וואָס פאַר־

שטייט נאָך נישט דאָס לעבן. מיט זיין פרוי האָט ער נישט געלעבט גוט און זיך געמוזט פאַנאַנדערגיין. זי איז געווען גייציק און פאַלש. און די צוויי קינדער האָבן שטענדיק געהאַלטן מיט איר און איצט זענען זיי אים ווי פרעמדע. וואָלט ער כאָטש אינערלעך געווען רויק, געהאַט אַן אָנשפּאַר אויף דער עלטער. זענען אָבער אַלע שיינע אידעאַלן פון ברידערלעכקייט און פריַיהייט, פאַר וועלכע ער האָט אַזוי געקעמפט, דערטרונקען געוואָרן אין ימים מענטשלעך בלוט. און אַלס דאָקטאָר האָט ער אויך נישט דערגרייכט קיין גרויסע רעפּוטאַציע.

דאָקטאָר ראָזענבערג דערמאָנט זיך אַן אָוונט שפּעט אין מאַי. אַ גרופּע באַקאַנטע זיצן אויף דעם באַלקאָן פון זיין צימער, וואָס גייט אַרויס צום ים און זיי ריידן וועגן פאַרשיידענע קלייניקייטן. אַרום שמעקט מיט פרישן טויאיקן בעז. פון אַ צווייטן הויז הערט זיך אַ געזאַנג און אַ מיידל לאַכט דאָרט רייצנדיק און הילכיק. און מיט אַמאָל אַ קלאַפּ אין טיר און עס קומט אַריין שולמית. זיי אַלע דערפריַיען זיך מיט איר. זי איז יונג און שוואַרץ־חנעוודיק, זי איז אָנגעטאָן איינ־פאַך, אין ווייסן, און איר פיגור איז ליב און גראַציעז. זיי האָבן זי לאַנג נישט געזען, האָבן זיי איר פאַרוואָרפן מיט פראַגן און זי דערציילט זיי וועגן ארץ־ישראל פון וואַנען זי איז נישט־לאַנג געקומען פון אַ באַזוך ביי אירע עלטערן, וועלכע האָבן געוווינט אין ירושלים.

שולמיתס עלטערן זענען געווען אָרעם. זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישראל פון רוסלאַנד. דאָס מיידל האָט געוואָלט שטודירן. זי האָט באַשלאָסן פאָרן קיין אַמעריקע, ווו זי האָט געהאַט רייכע קרובים. דאָקטאָר ראָזענבערג האָט זיך מיט איר באַקאַנט צופעליק. וועגן איר באַשלוס צו שטודירן מעדיצין האָט זי גערעדט מיט באַגייסטערונג. שולמית, וועלכע האָט אין רוסלאַנד געענדיקט אַ גימנאַזיע, האָט געקענט אין אַמעריקע אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט. פון אָנפאַנג האָבן די רייכע קרובים איר געהאָלפן, נאָר שפּעטער האָט זי געמוזט אַליין פאַרדינען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר אַ שווער לעבן.

דאָס אַלץ האָט דאָקטאָר ראָזענבערג געוווּסט. ער האָט געקענט פאַרלייכטערן אַ סך איר לעבן, נאָר ער האָט עס נישט געטון, כאָטש דאָס מיידל איז אים זייער געפעלן געווען. ער האָט אין יענער צייט געזוכט אַ גוטן שידוך, אַ כלה מיט אַ סך געלט. אַז זיי פלעגן זיך באַגעגענען, האָט זי אים נישט איינמאָל מיט פאַרדרוס געזאָגט אָט די ביטערע בייזע ווערטער:

— די אַמעריקאַנער יידישע מענער זענען טרוקענע קאַריעריסטן און אויס־גערעכנטע קרעמער.

— שולמית, פאַרוואָס רעדט איר אַזוי? — פלעגט ער וועלן פּראָטעסטירן, אָבער געטראַכט, אַז זי איז גערעכט, — אָט ער אַליין...

— איך מיין נישט אַלע, — פלעגט זיך פאַרענטפערן שולמית און קוקן אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן, — אָבער די מערסטע פון זיי זענען פאַרט אַזעלכע.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר. זיי פלעגן זיך פון צייט צו צייט באַגעגענען. אָבער דאָקטאָר ראָזענבערג האָט נאָך אַלץ געזוכט אַ שידוך מיט אַ סך געלט. פּאַר דער צייט האָט שולמית פאַרלוירן אַ ביסל פון איר יוגנטלעכן חן. זי האָט שוין אויסגעהאַלטן דעם האַלב־דאָקטאָרסקן עקזאַמען. אָבער אים איז זי נאָך אַלץ געווען געפעלן. נאָר עפּעס אַ מורא, אַז זיי קענען ווערן אינטים באַפריינדעט און עס קען ווערן צו שפּעט איר צו פאַרלאָזן, האָט אים אָפּגעהאַלטן פון באַזוכן איר אָפט. דערצו פלעגט ער איר זען מיט אַ סטודענט, וואָס האָט געהאַט אַ ברייטן פּראָסטן פּנים און קליינינקע בייזע אויגן. זי האָט אים געזאָגט, אַז דער יונגער־מאַן איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש און אַ טאַלאַנטפולער דיכטער און מיט אים איז איר אָנגענעם צו פאַרברענגען. דערצו האָט ער זי ליב שוין פון לאַנג און ער וועט אפשר פאָרן מיט איר קיין ארץ־ישראל, כאָטש ער איז גאָר אַן איירישער.

— זאָל זיין אַזוי, — האָט געטראַכט דאָקטאָר ראָזענבערג און דאָך האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן די געשיכטע. ער איז אַפילו געוואָרן אייפערזיכטיק, ווייל ער האָט זי דאָך ליב געהאַט און אַליין עס זיך נישט געוואָלט צוגעבן. אָבער איינמאָל האָט ער שולמיתן אַ פרעג געטון:

— איר האָט טאַקע ליב אייער איירישן דיכטער?

זי האָט אומעטיק אַ שמייכל געטון:

— וואָס זאָל איך טון, אַז קיין יידישן בחור קען איך נישט קריגן?

— האַלט עס באמת אַזוי שלעכט?

— איר זעט דאָך, — האָט זי אויף אים אָנגעשטעלט אירע טיפע שוואַר־צע אויגן.

עס איז געווען אין מיטן זומער. דאָקטאָר ראָזענבערג האָט זיך גענויטיקט אין אַ וואַקאַציע, ווייל ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט אַ שווערע פאַרקילונג. ער איז אַוועקגעפאָרן אין די קעטסקיל בערג. דער פאַרמער, ביי וועלכן ער איז איינ־געשטאַנען, האָט געהאַט זיין כאַטע הארט ביי אַ וואַלד, פלעגט ער ליגן אַנטקעגן דער זון, גיין אָפּט אויף לאַנגע שפּאַצירן און זיך כלומרשט געפילט פריי ווי אַ פויגל, כאָטש אַ סך זאָרגן האָבן אים נישט געגעבן קיין רו.

איין נאַכט האָט זיך אים געפלאָנטערט אין חלום שולמית. ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי מיט אַ בענקשאַפט נאָך איר און באַשלאָסן איר אָנשרייבן אַ קורצן בריוול. דאָס בריוול איז אַרויס אַ סך לענגער און פריינטלעכער, ווי ער

האָט געטראַכט צו שרייבן, און אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַן ענט־פער: זי האָט זיך נאָר־וואָס באַפרייט פון איר אַרבעט, איז שרעקלעך אויסגע־מאַטערט און וואָלט זייער וועלן ערגעץ אַוועקפאָרן אָפּרוען, כאָטש אויף אַ פּאָר וואָכן. אויב עס איז מעגלעך צו קריגן פאַר איר אַ צימער ביי דעם זעלבן פּאַרמער ווו ער איז, וועט זי גלייך קומען. זיין האַרץ האָט אין אים אַ פלאַטער געטון פון פרייד און שרעק. אָבער גלייך האָט ער גענומען טראַכטן אַז ער האָט איר נישט געדאַרפט שרייבן. און אפשר איר לאָזן וויסן, אַז אין דער זעלבער כאַטע איז נישטאָ קיין פּלאַץ? אָבער זי קען קומען און זיך דערוויסן דעם אמת, ווייל ביים פּאַרמער זענען נאָך געווען דריי פרייע צימערן. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון און ענדלעך געדונגען פאַר שולמיתן אַ צימער ביי אַ צווייטן פּאַרמער און זי איז געקומען.

זי האָט אויסגעזען זייער מיד, דאָס פּנים איז ביי איר געוואָרן טרוקן און די שוואַרצע אויגן האָבן ווי פאַרלוירן זייער שטילן ווייכן שיין.

אָבער אין אַ וואָך צייט איז זי געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. זי האָט ווידער גע־רעדט אָפּט און מיט אַ סך באַגייסטערונג וועגן ארץ־ישראל, וועגן די בערג פון יהודה און גליל. וועגן איר פריינט, דעם איירישן דיכטער, האָט זי קיין וואָרט נישט דערמאָנט און דאָקטאָר ראָזענבערג האָט אויך געשוויגן. אָבער אין די פאַרנאַכטן פלעגט זי זיין שטיל און זיצן פאַרטראַכט ביי דער טיר און וואַרטן ער זאָל צוקומען.

איין לבנה־נאַכט האָבן זיי זיך אומגעקערט פון אַ שפּאַציר שפּעט אַהיים. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אַלטן בוים נעבן דער טיר פון איר כאַטקע אוןביידע האָבן זיי זיך נישט געוואָלט צעשיידן. זי האָט אים דערציילט, אַז מיט דעם איירישן דיכטער איז זי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, און אַז זי איז קיינמאָל מיט אים נישט געווען אינטים באַפריינדעט. עס איז געווען אַ פשוטע באַקאַנטשאַפט. איצט וויל זי אַפילו נישט טראַכטן פון אים.

— עס פּאַסירן אַזוינע זאַכן, — האָט געזאָגט דאָקטאָר ראָזענבערג.

— איר גלויבט מיר? — האָט זי אים געפרעגט.

— אַוודאי גלויב איך אייך.

זי האָט אים באַגלייט צו זיין צימער און געוואָלט אַריינגיין צו אים.

ער האָט איר אָבער נישט דערמוטיקט, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טיר, און איר געגעבן אַ קאַלטן קוש. שולמית האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעריסן פון אים און האָט גענומען גיין.

—פאַרוואָס גייט איר אַוועק? האָב איך אייך מיט עפּעס באַליידיקט?

— איך וויל גיין אַהיים.

ער האָט זי נאָך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, נאָר שולמית איז שוין געווען קאַלט און פרעמד צו אים. ער האָט פּרובירט אַלץ פאַרגלעטן מיט גוטע רייד און לאַס־קעס, און דערבײַ געטראַכט, אַז אַלץ האָט זיך גוט געענדיקט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שולמית אַוועקגעפאָרן, כאָטש זי איז די גאַנצע צווײַ וואָכן אין די בערג נישט אָפּגעווען.

אין אָסיען האָט דאָקטאָר ראָזענבערג חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער מיידל און געקראָגן דרײַסיק טויזנט דאָלאַר נדן. און שולמית האָט ווײַטער שטו־דירט. זי פלעגט שוין באַזוכן די שטאָט־שפּיטאָלן און פּראַקטיצירן אַרום די קראַנקע. דאָקטאָר ראָזענבערג פלעגט זי זען פון צײַט צו צײַט אויף אַ ציוניס־טישער פאַרזאַמלונג אָדער אַ קאָנצערט, וווהין ער פלעגט שטענדיק גיין. שולמית האָט אויסגעזען בלאַס פון צופיל אַרבעט און נויט, און האָט אַלץ גערעדט, אַז אָט־אָט ענדיקט זי דאָקטאָר און וועט גלײַך אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

איינמאָל, אין מיטן ווינטער, האָט ער זי געטראָפן אויף אַ באַל. זי איז דאָרט געווען מיט אַ יונגן קריסט פון קאַליפאָרניע. שולמית האָט געשיינט און געזאָגט דאָקטאָר ראָזענבערגן, אַז דער קריסט איז איר געליבטער און ער איז אַן אינזשינער. ער פאָרט מיט איר קיין ארץ־ישראל, ווו זיי וועלן חתונה האָבן. איר געליבטער וויל העלפן בויען דאָס יידישע לאַנד. עס איז געווען קלאָר, אַז ער וועט ווערן אַ גר. דאָקטאָר ראָזענבערג האָט געקוקט אויף שולמיתן און אים האָט ביז ווייטיק פאַרדראָסן פאַרוואָס ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך דאָס וווּנדער־באַרע מיידל. ער האָט שוין גענומען איינזען וואָר זײַן פּרוי איז.

נאָך דעם באַל האָט ער שולמיתן שוין מער נישט געזען. אַלץ האָט זיך געענדיקט אַזוי טראַגיש פאַר אים. שולמית האָט טאַקע געענדיקט דאָקטאָר און איז אַוועקגעפאָרן מיט איר אינזשינער קיין ארץ־ישראל.

דאָקטאָר ראָזענבערג צינדט ווידער אָן דאָס ליכט. עס איז שוין שפּעט, אָבער ער קען נישט אײַנשלאָפן און פּרובירט לייענען זײַן ליבלינג־דיכטער.

די צוויי פידל־שפּילער

איך האָב זיך באַקענט מיט אַ ייִדן, וואָס איז אין דער אַלטער היים געווען אַ קלעזמער און געשפּילט פידל. ער און זיין פרוי האָבן געוווינט אין אַ קליינער באַנגעלאָ אפּטאַון, ערגעץ ביי דער פּערציקסטער גאַס, מיאַמי ביטש. געקומען זענען זיי קיין פלאָרידאַ צו פאַרבעסערן זייער געזונט און זוכן אַ שטיקל פּרנסה, ווייל די גראָסערי־סטאָר, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין דעטראָיט, האָבן זיי פאַרקויפט.

זיי האָבן אויך געהאַט בדעה צו קויפן אַ הויז און פאַרדינגען צימערן, נאָר עס האָט זיך עפּעס אַלץ נישט געמאַכט קיין פּאַסנדיק פּאַר זיי הויז, אַז מ׳זאָל עס קענען קויפן מיט אַ קליינער סומע געלט, ווייל קיין סך האָבן זיי נישט פאַרמאָגט.

דער ייִד פלעגט אָפט קומען אין אַ געוויסער פאָלקס־קאַפעטעריע, וואָס געפינט זיך אויף סאַוט־ביטש, און דאָרט פלעג איך מיט אים שמועסן ביי אַ גלאָז קאַווע. ער האָט געהאַט מיר אַ סך צו דערציילן וועגן דעטראָיט, ווו ער האָט אָפּגעלעבט איבער דרייסיק יאָר. אַמאָל האָט ער אויך גערעדט וועגן דער אַלטער היים, וואָס מ׳קען נישט פאַרגעסן, און וואָס ס׳קומט אַלץ אויפן זינען, ווען די עלטער רוקט זיך אונטער...

איך האָב ליב געהאַט צו שמועסן מיט דעם געוועזענעם קלעזמער. פון דער באַטור איז ער געווען אַ קינסטלער, הגם אַ שטילער מענטש. זיין פידעלע האָט ער שוין מיט יאָרן צוריק אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט, און דאָס האָט אים פאַרדראָסן און וויי־געטון.

— אָפּגעפּיגצטערט דרייסיק יאָר אין אַ גראָסערי — פלעגט ער זאָגן מיט אַ זיפץ — און איך האָב אַמאָל גוט געשפּילט פידל.

— עס איז נאָך נישט צו־שפּעט ווידער אָנצוהויבן.

— וואָס רעדט איר? אין מיינע יאָרן! עס איז אַלץ פאַרביי.

איינמאָל האָב איך אים געטראָפן און ער האָט מיר מיט באַגייסטערונג דערציילט, אַז נישט ווייט פון זיין באַנגעלאָ, אין אַ קאָטעדזש, האָט זיך באַזעצט אַן אַלט פאַרפאָלק מיט אַ זון, וועלכער איז אַ גאָט-געבענטשטער פידל-שפּילער. גאַנצע שעהן שטייט ער אונטער די פענצטער פון זיין צימער און הערט אים שפּילן.

— אוי, שפּילט ער, אוי, שפּילט ער!... — האָט ער געהאַלטן אין איין איבער־חזרן.

— איר ווייסט אפשר זיין נאָמען?

ער האָט מיר געזאָגט.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם גייסטיק־קראַנקן פידל־שפּילער, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק דאָ געגעבן אַ קאָנצערט, אין אַ לאָבי פון אַ גרויסן האָ־טעל. דעם קאָנצערט האָט מען אַראַנזשירט פאַר אַן אָרעמען אַלטן מוזיקער, וועלכן מ'האָט געמוזט אַוועקנעמען אין אַ שפּיטאָל, און ער איז געקומען שפּילן אומזיסט. די לאָבי איז געווען געפּאַקט. איידער ער האָט זיך באַוויזן פאַרן עולם האָט מיר עמעצער דערציילט וועגן אים, אַז ער פלעגט אָפט שפּילן פאַר קראַנקע אין אַ משוגעים־הויז, אין ניו־יאָרק, ווו ער איז געווען פאַרשפּאַרט אַ געוויסע צייט. זיין שפּילן האָט אַזוי גוט געווירקט אויף די לײדנדיקע, אַז אייניקע פון זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פילן בעסער און זענען שפּעטער אינגאַנצן אויסגעהיילט געוואָרן.

איך ווייס נישט וויפל אמת עס איז געווען אין דעם, נאָר אַז שטילע ניגונים און זיסע מוזיק ווירקן גוט אויף גייסטיק־קראַנקע, האָב איך שוין ערגעץ פריִער געהאַט געלייענט; און מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דעם יונגן פידל־שפּילער.

און אָט האָט ער זיך באַוויזן. ער איז געווען דאַר און הויך, מיט לאַנגע צאַרטע דינע הענט, מיט אַן אויסגעמאַטערט בלאַס פּנים. זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן נישט גערוט אַ רגע. ער האָט געהאַלטן אין וואַרפן אַרום זיך מאָדנע, טיף־טרויע־ריקע בליקן; און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער זוכט עפּעס וואָס זאָל אים ברענגען האָפענונג אָדער טרייסט.

אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין מיט דער פידל אין האַנט — אַ הויכער, אַ פאַרטראַכטער, אין אַ שוואַרצן אַנצוג. דער עולם איז געוואָרן שטיל, זיך פאַר־טאַיעט. איך האָב אויפגעציטערט פון אַ געפיל, אַז אָט וועט ער זיך צעוויינען, אָדער נעמען ווילד שרייען פון פאַרצווייפלונג און פיין, ווייל דאָס פּאַסירט אַזוי אָפט מיט גייסטיק־קראַנקע. נאָר ער האָט רויִק אָנגעהויבן שפּילן און איבער דער לאָבי האָבן זיך אַ טראָג־געטון צויבערלעכע און שטאַרקע טענער.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס ער שפּילט, נאָר בין געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַזאַ פידל־שפּילער האָב איך שוין לאַנג נישט געהערט. אַ נערוועזער ציטער לויפט דורך אַלע ווײַלע דורך מיין לייב. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט ווי ער פלעגט שפּילן אין דעם משוגעים־הויז פאַר די אַנדערע קראַנקע, און ווי די טענער פון זיין פידל פאַריאָגן די שלעכטע און שוואַרצע גייסטער פון זייערע נשמות און אַ גרויסע פרייד און ליכטיקייט שיינט אויף פאַר זיי. איך האָב געזען ווי עס בייט זיך

דער אויסדרוק אויף זייערע פּנימער און ווי זיי ריִנגלען אים אַרום און בעטן ער זאָל נישט אויפהערן צו שפּילן.

ווען דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט האָב איך לאַנג דערנאָך געטראַכט וועגן דעם מוזיקער. פאַר מיינע אויגן איז אַלץ געשטאַנען זיין הויכע, דאַרע פיגור און ווי ער וואַרפט אַרום זיך אַזוינע מאָדנע, טיף־טרויעריקע בליקן.

מער איז ער יענעם ווינטער נישט אויפגעטראָטן. איך האָב אים נישט געזען און פאַרגעסן אָן אים.

און דער היימישער קלעזמער רעדט אַלץ וועגן דעם יונגן פידל־שפּילער ווי ער וואָלט געווען פאַרליבט אין אים.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום טרעף איך דעם ייִדן ווידער אין קאַפעטעריע און ער איז עפּעס שטאַרק צעטרודערט.

— וואָס האָט פּאַסירט ?

ווידער אָנגעהויבן שפּילן אויף מיין פידעלע.

— פרעגט שוין גאָרנישט. עס האָט פּאַסירט אַ ווונדערבאַרע זאַך. איך האָב

— וואָס איז דאָ דער ווונדער?! איר זענט דאָך אַמאָל געווען אַ קלעזמער.

— אַ גראָסערי־מאַן בין איך געווען און דאָס פידעלע איז געלעגן אַ פאַר־שטויבטע. און אַפילו איצט, אַז איך גיי אַרום און טו גאָרנישט, האָב איך זיך אויך נישט צוגערירט צו איר. אמת, עס האָט מיך שטאַרק געצויגן ווידער אָנצוהייבן שפּילן, נאָר עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטן. איך ווייס אַליין נישט וואָס. אפשר די זאָרג, די עלטערע יאָרן.

— נו, וואָס האָט פּאַסירט ?

און ער האָט מיר דערציילט.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט אַן אַלט פאַרפאַלק אָנגעקלאַפּט אין טיר פון זיין באַנגעלאָ. זיין פרוי האָט זיי אַריינגערופן. דאָס זענען געווען דעם פידל־שפּי־לערס עלטערן. די מוטער האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז זיי זאָלן זיך נישט האַלטן פון דערוויטנס. איר זון איז איצט זייער נערוועז און זיי קענען נישט קריגן קיין פּאַסנדיקע נוירס, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף אים. זיי האָבן אַפילו אָוועקגעשיקט די שוואַרצע דינסט. מ׳וועט זיך נאָך דערוויסן פון זייער אומגליק. וועלן זיי מוזן פאַרלאָזן דעם קאָטעדזש. די שכנים וועלן אָנהייבן מורמלען, אַרום ווינען אַ סך קריסטן. ער פילט צייטווייליק אַזוי... עטלעכע טעג און דאָס וועט אַריבער... זאָל מען זיי העלפן אויף אים אַכטונג געבן און זיי וועלן באַצאָלן וויפל מען וויל.

ער האָט געטרייסט די אומגליקלעכע עלטערן און זיין פרוי איז אַוועק צו זיי. ער

האָט איר צוגערעדט עס צו טון. אַזאַ גאָט־געבענטשטער פידל־שפּילער, אַזאַ וווּנ־דערבאַרער קינסטלער, דאָס האַרץ האָט אים ווײ־געטון פאַר אים.

דער קראַנקער האָט זיך די ערשטע צוויי טעג געהאַלטן רויִק, נאָר איז נישט געשלאָפן דורך די נעכט. אַלע אינדערפרי פלעגט ער אים זען, ווי ער, אַ פּאַר־טראַכטער, שפּאַצירט אַרום מיט זיינע עלטערן ביים ברעג פון ים און וואַרפט אַרום זיך זיינע אומרויִקע בליקן.

עס איז אַוועק אַ וואָך און זיין פרוי האָט אַלץ געהאַלפן זיינע עלטערן איפּ־פּאַסן אויף אים. נאָר אָט האָט ער איינמאָל דערהערט פון דעם קאַטעדזש אַ ווילדן געשריי. ער האָט ווידער געקראַגן אַן אַנפאַל פון זיין משוגעת. פון דעמאָלט אָן האָט מען אים געמוזט היטן טאָג און נאַכט. דער קראַנקער האָט כמעט גאָרנישט גע־געסן; און עס איז געווען אַ ווונדער ווי אַזוי ער האַלט זיך אויף די פיס. עטלעכע מאָל האָט מען אים פשוט געמוזט בינדן, ער זאָל ליגן רויִק. ער פלעגט זיך שטאַרק ראַנגלען און איינמאָל האָט ער צעדראַפּעט זיין פרוי דאָס פנים ביז בלוט. ער האָט גלייך געגומען וויינען און בעטן מען זאָל אים אַנטשולדיקן. אָבער זיין פרוי האָט פאַרט געוואָלט אַוועקגיין.

— שטיי נאָך מיט זיי אַ ביסל, — האָט ער זיך ביי זיין פרוי געבעטן, — ער וועט קומען צו זיך. דער צער פון זיינע עלטערן איז נישט איבערצוגעבן...

אָפט פלעגט ער שטיין הינטער זיין פענצטער, געציטערט ווי אין פיבער און אַלץ מורא געהאַט אַז די אַרומיקע שכנים זאָלן זיך נישט דערוויסן וואָס דאָ קומט פאָר. מ׳וואָלט דאָך דעם ווונדערבאַרן פידל־שפּילער געמוזט אריינגעבן אין אַן אַנשטאַלט. און דאָס וואָלט געווען אַ שרעק.

אַן אָוונט האָט ער שטיל פאַרבראַכט מיט דעם אַלטן פאָרפאָלק. אין צימער פון דעם קראַנקן האָט זיך געפונען זיין פרוי.

פּלוצים האָט זיין פרוי אים אַ רוף־געטון. דאָס אַלטע פאָרפאָלק האָט זיך דערשראָקן איבערגעקוקט, נאָר זיי זענען געבליבן זיצן אויף זייערע פלעצער, ביים טיש, מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ. ער איז אַריין צו דעם קראַנקן אין צימער. יענער איז געזעסן אין אַ ווינקל אין אַ ווייסער שטול. זיינע אויגן האָבן געלויכטן פון אַ ווילדער ליידנשאַפט, וואָס האָט קענטיק געפייניקט זיין קראַנקן גייסט. ער האָט אויסגעזען עלטער פון זיינע פערציק יאָר. זיין פרוי איז געשטאַנען אַן אַ זייט, איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט און גערעדט מיט אַן איינגעהאַלטענעם הייזעריקן קול, וואָס עס איז אים געווען עפּעס אַזוי פרעמד.

— ער מאַכט משוגענע שטיק! ער איז נישט משוגע!

ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין פרוי און זיך באַמיט זי צו באַרויִקן. ער־

האָט געזאָגט, אַז ער וועט בלייבן אַליין מיט דעם קראַנקן, און זי קען די נאַכט זיך אויסרוען.

— איר ווילט איך זאָל בלייבן מיט אייך? — האָט ער געפרעגט דעם מוזיקער.

דער קראַנקער האָט אים אָנגעקוקט און שטיל אויסגערעדט:

— ווער זייט איר ?

— איך בין אַמאָל געווען אַ היימישער קלעזמער. איך קען אויך שפּילן פידל.

— דו ביסט אויך אַראָפּ פון זינען, — האָט אַ שעפּטשע-געטון די פרוי.

אָבער ער איז אַרויס פון הויז און געבראַכט זיין פידעלע. יאָ, דאָ מוז ער מיר צוגעבן אַז ער האָט אַמאָל זייער גוט געשפּילט. מיט אַ סך געפיל פלעגט ער אַרויסברענגען אַלערליי יידישע טרויעריקע ניגונים. די סטרונעס פון זיין פידעלע האָבן געוויינט ביי אים און זיך פאַרגאָנגען אין וויי. נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל און ער האָט נישט געגלייבט, אַז דאָס קען נאָך זיך צו אים אומקערן.

און אָט איז ער געבליבן אַליין מיט דעם קראַנקן (זיין פרוי און זיינע עלטערן זענען געזעסן אין עס-צימער). יענער האָט זיך אָנגעקוועטשט און גענומען קוקן אויף אים. ער האָט געמאַכט מאָדנע באַוועגונגען מיט די הענט און שטיל געלאַכט. דערנאָך האָט ער פלוצים באַמערקט זיין פידעלע און זיין פנים איז געוואָרן ערנסט.

— לייגט זיך צו —האָט ער שטיל געבעטן דעם קראַנקן— און איך וועל שפּילן פאַר אייך.

— אָ, יאָ! —האָט ער אויפגעציטערט,— שפּילט, שפּילט.

— איר וועט באַלד הערן. אָבער פאַרגעסט נישט אַז איך בין אַ פּשוטער קלעזמער. לייגט זיך נאָר צו. איר דאַרפט זיך אויסרוען.

— אָבער איר זאָלט מיך נישט שלאָגן, — האָט געזאָגט דער קראַנקער.

— וואָס פאַלט אייך איין, — האָבן זיך אים באַוויזן טרערן אין די אויגן.

ער האָט אים באַרויִקט מיט גוטע רייד.

— נו, שפּילט, — האָט געזאָגט דער קראַנקער און זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

אַ ווײַלע איז ער געלעגן מיט אָפענע אויגן. דערנאָך גענומען ווי איינדרימלען. דערביי האָט ער אַ שעפּטשע-געטון, אַז מען האָט אים פאַרמוטשעט. פאַרוואָס מאַטערט מען אים אַזוי?! אָבער באַלד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און ווידער געבעטן אַז ער זאָל שפּילן פאַר אים.

ער האָט אַרויסגענומען פון שיידל זיין פידעלע, שטיל אָנגערירט די סטרונעס און עפּעס אַ מאָדנער גוטער געפיל האָט אַרומגענומען זיין גאַנצן וועזן.

וואָס האָט ער פאַרן קראַנקן מוזיקער געשפּילט? אַלטע יידישע מעלאָדיעס און חסידישע ניגונים. איך וועל אפשר לאַכן פון אים, נאָר ער האָט געפירט מיטן

סמיטשיק איבער די סטרונעס און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. ער האָט געוויינט. ער האָט נישט באַמערקט ווי די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און אויפן שוועל פון צימער זענען געשטאַנען דעם מוזיקערס עלטערן און זיין פרוי. זיי זע־נען געשטאַנען שטיל, זיך צוגעהערט און געקוקט אויף דעם קראַנקן, וואָס איז געלעגן רויִק מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויף דער סטעליע.

דערנאָך האָבן זיינע עלטערן זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל פאַרבלייבן מיט זיי די נאַכט. זיין פרוי איז אַוועק זיך אויסרוען.

יענע נאַכט איז דער קראַנקער געשלאָפן. ער איז געזעסן אין אַ טיפער שטול אין זיין צימער און אויך געדרימלט. אָבער פאַרטאָג האָט דער קראַנקער זיך אויפ־געכאַפּט. צו אים איז אַריין זיין אַלטע מוטער.

— מאַמע, ווער איז דער מאַן? —האָט ער שטיל געפרעגט,— זאָל ער אַוועק־גיין.

ער איז אַרויס מיט זיין פידעלע אונטערן אָרעם. ניין, ער האָט נישט פאַרגעסן צו שפּילן ווי אַמאָל, ווי אין דער יוגנט. און אפשר האָט ער איצט געשפּילט נאָך בעסער. און אַלץ אַרום האָט זיך ווי געפרייט מיט אים.

אויף די פּאַלמעס און נאָדל־ביימער ביים ים האָבן געזונגען פייגל. דער מזרח האָט געפלאַמט מיט אַלערליי קאָלירן. ער איז אַרומגעגאַנגען ביים ביטש און זיך אַלץ נישט געקענט באַרויִקן.

און דער אַלטער קלעזמער זאָגט צו מיר:

—איצט בין איך אַן אָפּטער אַריינגייער ביי דעם פידל־שפּילער. ער פילט זיך אַ סך בעסער. ער איז ביים פולן פאַרשטאַנד און עס איז אַ פאַרגעניגן צו רעדן מיט אים. מיר זענען געוואָרן גוטע פריינט און ער לערנט מיך נאָטן. עס קומט אַן שווערלעך, נאָר אַ נייע באמת וווּנדערבאַרע וועלט האָט זיך געעפנט פאַר מיר.

אַט נעכטן אָוונט האָבן מיר אין זיין הויז געהאַט אַ שטיקל קאָנצערט. מיר האָבן געשפּילט דועטן ביי וויאָטי און באכס טאָפּל־קאָנצערט. אין הויז זענען אויך געווען געסט. מיר האָבן פיין פאַרבראַכט. זיינע עלטערן זענען געווען איבער־גליקלעך און דער מוזיקער אַליין האָט אַלץ געשפּאַסט און מיר פאַרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן אַרויס איבער דער וועלט און ווערן וואָגדערנדיקע מוזיקאַנטן.

און דער אַלטער קלעזמער ענדיקט:

— מיינט איר דאָך אַז איך וואָלט עס נישט געוואָלט? נאָר גיי הייב אָן מיט מיין ייִדענע וואָס זוכט נאָך אַלץ תכלית און וויל קויפן הייזער אין מיאַמי־ביטש. אַז דער רוקן איז שוין ביי איר געבויגן און דער קאָפּ גרוי. עס איז שוין צו־שפּעט. אַלץ פאַרביי.

פרייד

איידאַ פלעגט אַלע זומער פאָרן אויף אַ צוויי וואָכן וואַקאַציע צו איר אָנקל, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרם און אַ קליין באָרדינג־הויז אין אַ שיינעם באַרגיקן געגנט.

דאָרט האָט זי זיך באַפריינדעט מיט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט געלערנט ייִדיש מיט איר אָנקלס קינדער, און פלעגט תמיד, זומער און ווינטער, זיך געפינען אויף דעם פאַרם.

כמעט גאַנצע טעג און אָוונטן פלעגן זיי פאַרברענגען צוזאַמען ערגעץ אין אַ ווינקל אָן אַ זייט פון די אַרומיקע געסט. ער, אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט איינגעפאַלענע בלאַסע באַקן און שאַרפע, אַביסל בייזע שטריכן אויפן פנים, האָט שטיל און הייזעריק אַלץ גערעדט, אַז אויף דעם קומענדיקן ווינטער וועט ער אַוועקפאָרן אין שטאָט און אָנהייבן אַ ניי לעבן, אַז זיין געזונט בעסערט זיך וואָס אַ טאָג, און אַז ער האָט צו איר אַ גוטן וואַרעמען געפיל. און זי פלעגט עפּעס שטריקן, אים אויסהערן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און טראַכטן: פאַרוואָס האָט ער אַ קראַנק האַרץ? אַט דער אײנציקער מאַן, וואָס איז אין איר אַזוי פאַרליבט? נאָר די צוויי וואָכן וואַקאַציע פלעגן באַלד פאַרביי און זי האָט געמוזט זיך אומקערן ווידער צו דער אַרבעט, און ווייטער פירן אַ לעבן פון נישט קיין יונגער און נישט קיין שיינער און אַביסל דערשלאָגענער מיידל.

און אַט איז אויפסניי געקומען אַ הייסער זומער. איידאַ האָט שוין געוואָלט דערלעבן דעם טאָג ווען זי זאָל קענען פאַרלאָזן ניו־יאָרק און פאָרן צו איר אָנקל אויפן פאַרם. וועגן איר פריינט האָט זי פריִער געהערט טרויעריקע נייעס. ער איז אָפּגעלעגן זעקס וואָכן אין אַ שפּיטאָל און מ׳האָט שוין פון זיין לעבן גאָר נישט געהאַלטן. נאָר דערנאָך האָט ער זיך גענומען בעסערן, און אַז שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעקערט אויפן פאַרם און פאַמעלעך איז אַלץ אַוועק ווי פריִער. זי האָט אים געוואָלט שרייבן, טרייסטן, נאָר זי האָט אויפגעגעבן דעם געדאַנק. צו וואָס זיך פאַרבינדן מיט אַ קראַנקן מענטשן, וואָס וואָלט איר נאָר געקענט ברענגען צער און פּיין? עס וועט זיין בעסער אינגאַנצן צו פאַרגעסן אָן אים.

ביים סטײשאַן האָט איר באַגעגנט דער אָנקל מיט אַ מאַשין און זי האָט אים גלייך געפרעגט:

— ווי פילט ברוך?

— דער חברה־מאַן וועט אונדז אַלעמען איבערלעבן! — האָט אַ לאַך־געטון דער פאַרמער. — דער מלאך־המות גיט אויף אים אַ קוק און טראָגט זיך אָפּ. אַ פּחד באַפאַלט אים.

אײדאַ האָט געשוויגן. ביים אַריינגאַנג פון הויז האָט זי דערזען ברוכן. ער איז געלעגן אין אַ „העמאַק" מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך שטיל געוויגט.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אים אַ רוף־געטון.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך שטאַרק דערפרייט און צוויי רויטע פלעקן האָבן זיך באַוויזן אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן.

ער האָט שטיל געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר, אײדאַ?

און אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען זיי שוין געזעסן ביידע אין אַ ווינקל אָן אַ זייט, ווי תמיד, און גערעדט.

ער האָט איר דערציילט פון זיינע ליידן, ווי ער האָט געליטן אין שפּיטאָל, און געזאָגט, אַז ער זעט שוין נישט קיין פרייד פאַר זיך אין לעבן.

אײדא האָט אים דערנאָך גענומען אויסמיידן. אַוועקגיין אויף לאַנגע שפּאַצירן איבער דער באַרגיקער געגנט. צו וואָס אים און זיך מאַטערן מיט אומזיסטע פאַרלאַנגען און האָפענונגען? ברוך איז אַ חולה מסוכן. ווי קען זי פאַרבינדן איר לעבן מיט זיינעם? אָבער עפּעס האָט איר גענאָגט און זי האָט נישט געקענט געפינען קיין רו. זי האָט גאָר אָנגעהויבן פילן אַ טיפן רחמנות צו אים און דער פאַרלאַנג צו ווערן אים אַ פרוי, אַ מוטער און אַ שוועסטער, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן אין איר. זי איז נישט אָרעם און וועט אים קענען אָפּהיטן. ער וועט נאָך אפשר ווערן געזונט. און איר לעבן וועט דאַן האָבן אַ זינען און זי וועט נישט זיין אַזוי איינזאַם. אויף וואָס וואַרט זי נאָך?!

— וואָס אַנטלויפט איר פון מיר? — פלעגט ברוך זי פרעגן. — פאַרוואָס ווילט איר נישט פאַרברענגען מיט מיר? אפשר האָב איך אייך מיט עפּעס באַליידיקט, איז אַנטשולדיקט מיר. קומט, אײדאַ, לאָמיר זיך זעצן אונטער אַן עפּלבוים און איך וועל אייך פאַרלעזן אַ קאָמישע געשיכטע פון „פייפער".

אָבער זי פלעגט זיך אַרויסדרייען און ער האָט זיך געפילט שטאַרק געקרענקט און די שטריכן פון זיין בלאַסן פּנים פלעגן ווערן נאָך שאַרפער, בייזער.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען און אין עטלעכע טעג אַרום האָט אײדאַ זיך געדאַרפט שוין צוריקקערן אין שטאָט.

עס איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטאָג און אויפן פּאַרם זענען געקומען אַ סך געסט, און אַלע האָבן פריילעך פאַרבראַכט ביז אין אָוונט. אָוונט־צו זענען די געסט זיך פאַנאַנדערגעפאָרן און אויפן פאַרם איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל. אַ מידע פון טומל איז אידא געלעגן אין אַ „העמאַק" און געדרעמלט. זי האָט געוואָלט זיך אויפהייבן און גיין שלאָפן, ווייל אין די נעכט האָט זי אַלץ געטראַכט וועגן ברוכן, נישט געקענט באַשליסן ווי צו האַנדלען און שלעכט געשלאָפן. נאָר אירע גלידער זענען איצט געווען ווי אָנגעגאָסן מיט אַ זיסער פוילקייט און איר איז געווען שווער זיך צו רירן פון אָרט. אַ פּאָר מאָל האָט זי אויפגעמאַכט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. אין עס־צימער האָבן נאָך געברענט די עלעקטרישע לאָמפּן, נאָר דאָרטן איז שוין קיינער נישט געווען, נאָר דער ווייטער האָט זיך געדרייט אַרום די טישן. עמעצער האָט געקלאַפּט מיט אַ טיר און גערופן אַ קינד שלאָפן. פּלוצים האָט אידאַ דערהערט ברוכס הייזעריקע שטימע:

— וועל איך אייך נישט שטערן?

זי האָט אויפגעציטערט און אויפגעמאַכט די אויגן.

— דאָס זענט איר, ברוך?

— איך, איך.

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער איר און אַ ריר־געטון איר שטערן מיט זיין דאַרער, בלייכער האַנט.

— גוט וואָס איר זענט צוגעקומען.

— ענדלעך, ענדלעך, — האָט ער געזאָגט און געציטערט פון פרייד.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט צו אים אירע הענט.

ער האָט זי אַרומגענומען און זי איז אויף אַ רגע צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו זיין ברוסט.

— אָט אַזוי... — און ער האָט זיך גליקלעך צעלאַכט.

אַזוי לאַכן האָט זי אים נאָך קיינמאָל נישט געהערט. דאָס איז געווען אַ געזונטער האַרציקער געלעכטער.

ער וועט נאָך לעבן און לעבן, — האָט דורכגעדרונגען אַ פרייד אירע אַלע גלידער.

אַ ווײַלע שפּעטער זענען זיי אַרויס פון הויף. די נאַכט איז געווען אַ שטילע. פון די אַרומיקע פעלדער האָט זיך געטראָגן דער אַראָמאַט פון אָפּגעשניטענע היי און האָניק־בלומען.

אַ פּאָר מינוט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. זי האָט נישט געוווסט ווי צו זאָגן אים די עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיי ביידן געזאָלט מאַכן גליקלעך, באַזונדערס אים.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים.

— אָט אַזוי זענט איר אַ ליבע, אַ טײַערע.

זי האָט אַלץ געשוויגן.

ער איז גיך מיד געוואָרן פֿונעם גיין און זיי האָבן זיך געזעצט בײַם ברעג וועג, אונטער אַ גרויסן, אַלטן בוים מיט ברייטע פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע דיקע און לאַנגע צווײַגן.

ער האָט אַוועקגעלייגט זײַן קאָפּ אויף איר אַקסל.

זי האָט אַ גלעט־געטון זײַנע האָר און דאָס דאַרע, בלייכע פּנים און געזאָגט:

— ברוך, וואָס קלערט איר טון ווייטער?

— וואָס ווייס איך, —האָט זיך דערהערט זײַן קול,— מסתמא ווייטער לערנען מיט אײַער אָנקלס קינדער.

— און אַז איך וועל אײַך רופֿן מיט זיך קיין ניו־יאָרק?

ווען ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, האָט זי זיך פּלוצים אײַנגעבויגן און צוגעדריקט אירע ליפּן צו זײַן מויל.

זי האָט דערפֿילט ווי זײַנע לאַנגע הענט דריקן זי צו זיך און ער האָט גענומען רעדן פֿון גליק און פֿרייד נײַע מאָדנע ווערטער, וועלכע ער האָט קיינמאָל עס קיינעם נישט געזאָגט און זי האָט עס אין איר לעבן פֿון קיינעם נישט געהערט.

צוריק אויפֿן פֿאַרם האָבן זיי זיך אומגעקערט נאָך האַלבער נאַכט. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס פֿון שוואַכקייט, נאָר אויף זײַן פּנים האָט געבלאַנדזשעט אַ גליקלעך שמייכל. ער האָט נישט איינמאָל געטראַכט וועגן אַ „האָום" פֿאַר אומהיילבאַרע, ווו ער זאָל פֿאַרענדיקן זײַן לעבן. איצט וועט ער האָבן אַ פֿרוי און אַן אייגן ווינקל. איידא וועט אים זײַן איבערגעגעבן. ער פֿילט עס. זי איז פֿון די פֿײַנע ערלעכע און ערנסטע נאַטורן. עס האָט לאַנג גענומען ביז זי האָט אַלץ באַשלאָסן און איצט וועט עס אַזוי זײַן. זאָל ער נאָר קענען לעבן וואָס לענגער.

נעבן איר טיר האָט ער זי אַרומגענומען און ווידער געזאָגט, אַז ער האָט זי זייער ליב און אַז ער האָט נישט קיין ווערטער אויסצודריקן זײַן פֿרייד און גליק.

— נו, גיי, רו זיך אויס, — האָט זי אַ שעפּטשע־געטון. — אַ גוטע נאַכט, געליבטער, און זײַ גרייט, ווײַל אין עטלעכע טעג אַרום פֿאַרלאָזן מיר דעם פֿאַרם.

— אַ גוטע נאַכט, געליבטע, אַ גוטע נאַכט.

איידא איז אַרײַן אין איר צימער. ברוך האָט זיך צוגעשלעפּט צו זיך אין צימער מיט פֿאַרזיכטיקע קליינע טריט. ער האָט געמאַכט ליכטיק און זיך אַוועקגעלייגט אין די קליידער אין בעט. ער האָט נישט געהאַט קיין כּח זיך אויסצוטאָן.

אַ צוואַנציק מינוט איז ער אַזוי געלעגן. דערנאָך האָט ער צעשפּילעט די העמד אויף דער ברוסט, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט שוואַרצע האָר, האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט די שיך, נאָר ווידער זיך דערפילט זייער מיד און זיך ווייטער אויסגעצויגן אויפן בעט. איין האַנט האָט ער געהאַלטן אויף דער צעשפּילעטער ברוסט און די צווייטע האַנט האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזן פון בעט און די דאַרע לאַנגע פינגער האָבן אָנגערירט די פּאָדלאָגע. די טיר פון זיין צימער איז געווען עטוואָס אָפן און אַ פּאַס ליכט האָט זיך אַרויסגעריסן און באַלויכטן די וואַנט אַנטקעגן.

ברוך האָט אויסגעזען כמעט ווי אַ מת. נאָר ער האָט מיט אַ צופרידענער מינע געקוקט אויף דער סטעליע און געטראַכט וועגן אידאַן, וואָס וועט אין עטלעכע טעג אַרום ווערן געזעצלעך זיין פרוי, וועגן דעם נייעם גוטן לעבן, וואָס איז פּלוצים געקומען צו אים. און אין זיינע אויערן האָבן אַלץ געקלונגען שטיל און שעמעוודיק אירע ווערטער:

— אַ גוטע נאַכט, געליבטער. אַ גוטע נאַכט, געליבטער!

אַ רעגן

דער פרימאָרגן איז געווען אַ כמאַרנער און זייער אַ שטיקנדיקער. מען האָט געפילט, אַז אָט וועט אויסברעכן אַ שטורעם, אַ גרויסער רעגן מיט אַ ווינט און וועט פאַרטרייבן די שווערע היץ, וואָס האָט שוין צוויי מעת־לעת געפייניקט אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן פון דער מוראדיק גרויסער שטאָט.

די אלמנה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערזען, אַז אַלע אירע לאָקאַטאָרן זענען שוין אַוועק צו דער אַרבעט און אין שטוב איז שטיל. זי איז אַראָפּ פון בעט, אַרויפגעצויגן די פאָרהאַנגען פון די פענצטער אין שלאָפצימער, אַ קוק־געטון אויפן וועקזייגער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אויף אַ קליינעם טישל און זיך ווידער געלייגט אין בעט. זי האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו איילן, ווייל פאָרן צום ים, האָט זי געקלערט, האָט זי עפּעס היינט נישט קיין חשק. אָבער איינשלאָפן ווידער האָט זי מער נישט געקענט און איז געלעגן און געגלעט אירע יונגע וואַרעמע גלידער, וואָס האָבן געבענקט נאָך מענערשע לאַסקעס. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט ווי אין מיטן דער נאַכט פלעגט זי זיך אָפט אויפכאַפּן און הערן ווי איינער פון אירע לאָקאַטאָרן, אַ יונגער לערער, אויף וועמען זי האָט שוין פון לאַנג געוואָרפן אַן אויג, שלאָפט נישט און איז אַ פּאָר מאָל געלאָפן אין באָד־צימער זיך אָפּגיסן מיט קאַלטע וואַסער. זי האָט געהערט זיינע טריט אין קאָרידאָר און אַלץ געטראַכט וועגן אים. זיך דערמאָנט ווי באָדנדיק זיך מיט אים אין ים, מאַכט ער איר נאָכאַנאַנד קאָמפּלימענטן און זאָגט, אַז זי האָט זייער אַ שיינעם פּנים, אַ צאַרטע און ווייסע הויט און אַז איר קערפּער איז שלאַנק און בייגיק ווי ביי אַ יונגער מיידל און די טונקל־בלויע אויגן לאַכן תמיד, ווי ביי אַ שטיפערקע, וואָס זוכט אַלץ צו שפּאַסן און אָפּטון עמעצן אַ שפּיצל, און ווי זי פלעגט אים כלומרשט אָפּשטופּן פון זיך אַ שעמעוודיקע, ווערן רויט און זאָגן: „גייט שוין גייט, איר מיינט עס נישט״, און דערנאָך לויפן אין וואַסער זיך אָפּטונקען און ער נאָך איר, אַ דאַרער און נישט קיין באַוועגלעכער, מיט דינע בלאַסע פיס און אַ צעפּודלטן קאָפּ שוואַרצע געקרייזלטע האָר.

אַ מאָדנער יונגערמאַן, אָבער ער געפעלט איר. זיין נישט באַוועגלעכקייט

האָט עפּעס אין אירע אויגן אַ באַזונדערן חן. ער דאַרף האָבן עמעצן וואָס זאָל זאָרגן וועגן אים, אויפּפּאַסן אויף אים. אַ גרויס קינד.

מיט איר מאַן האָט די אלמנה אָפּגעלעבט צען יאָר און קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. די גאַנצע וואַרעמקייט און צערטלעכקייט, וואָס די פרוי האָט געהאַט אין זיך, פלעגט זי אָוועקגעבן איר „איינציקן יינגעלע", ווי זי פלעגט אים רופן אין שטילע פאַרבענקטע מינוטן. נאָר ווען זי פלעגט בלייבן אַליין האָט זי אָפט געוויינט און געטרויערט וואָס זי איז אַן עקרה און וועט קיינמאָל נישט איבערלעבן די פריידן און ליידן פון אַ מוטער. אַזוי איז געווען די ערשטע פּאָר יאָר, שפּעטער האָט זי אַפילו אויפגעהערט צו קלערן וועגן דעם, ווייל זי האָט שוין געוווּסט, אַז די שולד איז זיינע און נישט אירע. אָבער ווערן אים נישט געטריי האָט זי נישט געוואָלט און נישט געקענט. און אַזוי איז געגאַנגען די צייט.

זיי האָבן פריִער געוווינט אין אַ קליין שטעטל, נאָר דער מאַן האָט פאַרלאָרן זיין שטעלע און זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין ניו־יאָרק. דאָ איז זיי אַ צייט געגאַנגען גוט און אין הויז איז תמיד געווען פריילעך אין די אָוונטן, אַז דער מאַן פלעגט קומען פון דער אַרבעט. עס פלעגן אַריינקומען שכנים און באַקאַנטע און מ'האָט שטענדיק דעבאַטירט וועגן אַלערליי פּאָליטישע פראַגן און באַזונדערס וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מ'האָט געזונגען פאָלקס־לידער און אַמאָל אויך אַראַנזשירט אַ שמחהלע און גלאַט אַזוי גוט פאַרבראַכט אָן אַ פאַרוואָס.

די פרוי האָט אָפּגעלעבט. אַ פּאָר דינינקע קנייטשן אויף איר ווייסן סימפּאַטישן פּנים האָבן זיך אויסגעגלייכט און זענען פאַרשוווּנדן ווי דורך אַ צויבער און איר פיגור איז געוואָרן גלייכער און שטייפער. זי האָט אויסגעזען אַ סך יינגער פון אירע יאָרן און דער מאַן האָט זי איצט נאָך מער ליב געהאַט. נאָר אַנהייב פרילינג האָט זיך איר מאַן פאַרקילט און אין עטלעכע טעג אָוועקגעשטאָרבן פון לונגען־אַנטצינדונג.

מער ווי אַ יאָר האָט די פרוי נישט געקענט קומען צו זיך. זי האָט מיט קיינעם זיך נישט געוואָלט באַגעגענען און פלעגט פּשוט אַנטלויפן פון פריינט און באַקאַנטע, ווי זיי אַלע וואָלטן געווען שולדיק אין איר אומגליק. נאָר ענדלעך האָט זי געמוזט עפּעס נעמען טון, ווייל די אינשורענס וואָס איר מאַן האָט געהאַט, איז געווען נישט קיין גרויסע. עס האָט זיך געמאַכט צו דינגען אַ הויז אויף גוטע באַדינגונגען און אַרויסגעבן צימערן און אַזוי האָט זי זיך באַקאַנט מיט דעם לערער.

ער האָט ביי איר אָפּגעוווינט עטלעכע חדשים און זי האָט קיינמאָל אים נישט געשאָנקען קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

אַ לאָקאַטאָר ווי אַלע לאָקאַטאָרן. אמת, ער פלעגט נישט צאָלן אין צייט

דירה־געלט, נאָר דאָס האָט איר נישט געאַרט. סוף חודש איז פאַרן צימער שטענ־דיק געווען באַצאָלט. אָבער אָט אין אַ פרילינג־פאַרנאַכט איז זי געזעסן אויפן גאַניק פון איר הויז און איר איז געווען אומעטיק. דער לערער איז געקומען אַהיים און זי האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואָס ער מאַכט, ווייל ער זעט אויס מיד. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר און גענומען דערציילן וועגן זיינע זאָרגן. זיין אַ לערער אין אַ יידישער שול איז נישט אַזאַ לייכטע זאַך. עס איז פאַרבונדן מיט אַ סך שווערע אַרבעט און די רעזולטאַטן זענען נישט קיין גוטע, און דאָס קרענקט אים.

זי האָט די אַלע זאַכן שוין פון פריִער געוווסט, נאָר עפּעס אַ געפיל פון רחמנות האָט זיך דערוועקט אין איר צו דעם מאַן. זי האָט אָנגעהויבן שענקען אים מער אויפמערקזאַמקייט. אַ פּאָר מאָל איינגעלאַדן עסן מיט איר וועטשערע און דריי מאָל זענען זיי צוזאַמען געווען אין מוּוויס. און אַז דער לערער האָט געקראָגן זיין וואַקאַציע, זענען זיי אָפט געפאָרן אין קוני־איילאַנד זיך באָדן און פלעגן פאַרבלייבן ביים ים ביז פאַרנאַכט. זיי פלעגן טרעפן נאָך פריינט און שפּאַן לאַנג זיך וואַלגערן אין הייסן זאַמד אַקעגן דער זון, שטיפן אין וואַסער און לאַכן ווי געזונטע זאָרגלאָזע קינדער. און אַלץ אַרום — די זינגענדיקע לאַשטשענדיקע כוואַליעס, די ווייטע ווייטקייטן פון אומענדלעכן ים און דער פיל־פאַרביקער גרויסער עולם — פלעגט אָנפילן איר גאַנצן וועזן מיט יוגנט־רייץ און העלפן פאַרגעסן אָן איר מאַנס טויט. צום לערער האָט די פרוי שוין געפילט אַ שטאַרקע פאַרבאָרגענע לײדנשאַפט און געזוכט מיטלען ווי אַזוי אים געווינען פאַר זיך. זי האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, אַז ער זאָל ווערן מיט איר אינטים. אָבער קיין וואָרט אָפן נישט אַרויסגערעדט וועגן דעם, און ער איז געווען אַ שעמעוודיקער און אַ צוריקגעהאַלטענער מיט פרויען, כאָטש ער פלעגט איר פאַרוואַרפן מיט קאָמ־פּלימענטן.

אַזאַ נאַרישער בחור, האָט די אלמנה געשמייכלט און פאַרמאַכט די אויגן, גלעטנדיק זיך די ברוסט. מ׳דאַרף אים הייסן בעסער אויפפּאַסן אויף זיך. אפשר איז ער נישט אינגאַנצן געזונט, ער איז אַזוי דאַר.

אין צימער איז אַלץ טונקעלער געוואָרן. די גאַרדינען אויף די פענצטער האָבן זיך גענומען באַוועגן. אַ זיסע מידקייט האָט אַרומגענומען איר לייב און זי האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען. זי האָט נישט באַגריפן פאַרוואָס איז איר מיט אַמאָל אַזוי גוט און לייכט געוואָרן. זי איז אַראָפּ פון בעט און האָט אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ אין אָפענעם פענצטער, אַ פּאָר טראָפּנס רעגן זענען איר געפאַלן אויפן פנים און דער אָפענער ברוסט. עס איז אַזוי גוט, האָט זי אַ טראַכט־געטון. די היץ איז געוואָרן לייכטער און אַלע וועלן פריי אָפּאָטעמען.

איבערן הימל האָבן זיך געיאָגט טונקל־בלויע וואָלקנס. פּלוצים האָט אַ בליץ אויף אַ רגע באַלויכטן די גאַנצע וועלט און עס האָט זיך גלייך דערהערט אַ שטאַרקער דונער. זי האָט גענומען פאַרמאַכן די פענצטער, ווייל דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער. נאָר אין דער זעלבער סעקונדע איז זי אָפּגעשפּרונגען מיט אַ געשריי, ווי עמעצער וואָלט איר איבערגעשראָקן, אָדער ווײ־געטון. עס האָט ווידער געבליצט און געדונערט און דער רעגן האָט אַלץ געגאָסן. אין טיר האָט זיך באַוויזן דער לערער אַ בלאַסער און אַ דערשראָקענער, אָן אַ רעקל, אַ באָר־וועסער מיט אָן אָפענעם מויל.

— וואָס איז מיט אייך? וואָס האָט פּאַסירט?

זי האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט און זיך שטאַרק דערפרייט. אין אַ רגע איז דורכגעפלויגן אין איר קאָפּ, אַז איצט וועט זי אים האָבן. אָבער דעם קערפּער האָט זי עטוואָס איינגעהויקערט, צוזאַמענגעצויגן די פיס און פאַרדעקט מיט די הענט די ברוסט.

— איך בעט אייך, גייט נישט אַוועק, — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט און גענומען ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער כלומרשט פון שרעק, — איך האָב מורא צו זיין אַליין. איך האָב געוואָלט פאַרמאַכן די פענצטער, האָט מיר דער בליץ געטראָפן אין פּנים און איך האָב געמיינט, אַז איך פאַל אַ טויטע. עס דונערט ווייטער. קומט אַהער, דוד, קומט אַהער.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר, זי אָנגענומען פאַרן האַנט און זיך געזעצט אויפן בעט. זי האָט אַלץ געציטערט. ער האָט זי אַרומגענומען און געגלעט איבערן נאַקעטן לייב. זי האָט אַ טראַכט־געטון, אַז מ׳דאַרף זיך אַביסל ווערן, פּראָטעסטיר׳ן וואָס ער דער־לויבט זיך אַזוינס, נאָר אַ גרויסע פרייד, וואָס איז אָנגעלאָפן פּלוצים. האָט זיך צעזונגען אין אירע אַלע גלידער און פאַרטומלט דעם קאָפּ. זי איז צוגעפאַלן צו זיין ברוסט און אים שטאַרק געקושט. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און איר נאָך שטאַרקער אַרומגענומען. זי האָט עפּעס געשעפּטשעט, אַז איצט וועט ער זיין אירער, אירער אויף שטענדיק. און ער האָט איר עס צוגעזאָגט און ווידער געקושט און אַרומגענומען.

אַ ווײַלע שפּעטער איז דער לערער אַרויס פון צימער. די פרוי איז אַראָפּ פון בעט און געעפנט אַ פענצטער. דער שטורעם איז פאַרביי, דער רעגן איז שטילער געוואָרן און דורך די וואָלקנס האָט אַרויסגעשיינט די זון.

— אַ גאָט געבענטשטער רעגן, — האָט די פרוי געשעפּטשעט. — אַ רעגן וואָס האָט מיר געבראַכט גליק.

און אַ טראַכט־געטון, אַז אפשר וועט זי אויך איצט האָבן אַ קינד און ווערן אַ מוטער...

אַ ווײַב

איך בין אַוועק קיין יהודה און זיך אַוועקגעשטעלט היטן ווײַנגערטנער. עס איז דאַן געווען אַנהייב זומער. דעם פּלאַץ האָב איך געקראָגן לײַכט. די טרויבן האָבן שוין גענומען בליִען. אַלע פּאַרנאַכט פלעג איך זיצן בײַ מײַן ראַגאָזשעווע ביידל און וואַרטן עס זאָל ווערן פינצטער. וואָס פאַר אַ שרעק איך האָב איבער־געלעבט די ערשטע פּאָר נעכט אין אײַנזאַמקייט וועל איך דיר איצט נישט דער־ציילן. אַרום זענען נאָך כמעט קיין וועכטער נישט געווען און יעדער קלאַנג און שאָרך פלעגט מאַכן אויפציטערן מײַן גאַנצן קערפּער. אָבער שפּעטער פלעגן די טיף־בלויע נעכט אַנווייען אויף מיר אַ שטילן זיסן אומעט. איך פלעג אַרומ־גיין איבער די ווײַנגערטנער און בענקען. דער גאַנצער קערפּער איז געווען מיד פון אומרויִקע פאַרלאַנגען און עס פלעגט מיר אַזוי ציִען צו דער מיט טוי־באַ־שפּריצטער ערד, עס האָט זיך מיר געוואָלט אויסציִען אויפן זאַמד און אײַנשלאָפן, כאָטש אויף אַ ווײַלע. נאָר מען מוז זײַן וואַך. און איך פלעג ווײַטער אַרומבלאָנ־קען אַרום גאָרטן ווי אַ שאָטן. און אַזוי נאַכט־אײַן — נאַכט־אויס, ביז עס האָבן זיך ענדלעך באַוויזן נאָך וועכטער און אין די כרמים איז געוואָרן פריילעך.

אויפן צווייטן כרם, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווײַט פון מײַנעם, איז געקומען אַ שומר, אַ שיינער יונגער בחור, אָנגעטאָן ווי אַן אַראַבער. ער איז געווען פאַררעכנט פאַרן בעסטן רײַטער אין דער קאָלאָניע. (אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן אים בעדויִנער דערהרגעט). איז אָט צו דעם בחור האָבן זיך ממש געקלעפּט אַלע מיידלעך פון דער קאָלאָניע. אַלע אָוונט פלעגן זיי קומען צו אים אויפן כרם און פלעגן זינגען און טאַנצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. אַמאָל פלעג איך צוקו־מען אויף אַ ווײַלע, זיך זעצן אין אַ זײַט און זען ווי די מיידלעך גייען אַ קאַראַהאָד אַרום אַ פײַער און זינגען, אָדער ווי די בחורים שפּרינגען איבער די פלאַמען און לאָזן אַרויס ווילדע געשרייען. נאָר אין אַלגעמיין האָב איך זיך געהאַלטן פון דער ווײַטנס פון דער קאָמפּאַניע. דו קענסט דאָך מיך. איך בין פון תמיד געווען אַ שעמעוודיקער. דערצו מײַן קליינער וווּקס און מײַן פּנים האָבן קיינמאָל נישט אויסגענומען בײַ פרויען, און אַפנים דערפאַר האָב איך מיך געפירט אַזוי. קורץ,

עס האָט מיר געפעלט קוראַזש, וואָס פרויען האָבן אַזוי ליב און אָט, איינמאָל אין אַ לבנה־נאַכט זיץ איך נעבן מייןביידל און עס בענקט זיך אַזוי ווי שטענדיק אין די נעכט, אַז די נשמה וויינט אַזש און קען זיך נישט באַרויקן.

עס זענען נישטאָ קיין ווערטער איבערצוגעבן דעם צויבער און מעלאַנכאָליע פון אָט־די נעכט.

פלוצים הער איך אַ געזאַנג פון דער ווייטנס. איך האָב אויפגעציטערט. דאָס זענען געגאַנגען אַ קאָמפּאַניע מיידלעך מיט בחורים צו דעם שיינעם וועכטער אויפן כרם. דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן אַלץ נענטער און באַלד האָב איך די קאָמפּאַניע דערזען אויפן וועג ווי זיי גייען צו זיין ביידל, באַגאָסענע מיט דער זילבערנער ליכט פון דער לבנה. איך בין אויפגעשטאַנען און פּאַמעלעך זיי גע־גאַנגען אַנטקעגן. די קאָמפּאַניע האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר האָבן זיך באַ־גריסט, און די ערשטע וואָס האָט מיר עפּעס געזאָגט מיט אַ געלעכטער איז גע־ווען אַ יונגע פרוי מיטן נאָמען לאה, וועלכע איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן פון ערשטן בליק.

זי איז געווען אַ קליינינקע מיט אַ ליבן טונקעלן רונדן פּנימל און שוואַרצע צעפּ, פאַרפלאָכטן אויפן קאָפּ. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן־זעכצן, כאָטש זי איז געווען אַ סך עלטער. זי איז נישט אָפּגעשטאַנען פון מיר אין אַלץ געשפּאַסט, ווי זי וואָלט מיך שוין פון לאַנג געקענט. איך האָב איר געענט־פערט אין זעלבן טאָן און בין געווען אַנגענעם איבעראַשט. יאָ, זי וויל וויסן צי איך האָב נישט מורא פאַר די שאַקאַלן, וואָס באַהאַלטן זיך צווישן די קוסטעס און וויינען דורך די נעכט. און דערביי האָט זי מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ מאָדנעם בליק פון קאָפּ ביז די פיס און זיך אָן אַ פאַרוואָס אויפן קול צעלאַכט, ווי איינער זאָגט:

— קוקט נאָר אָן דעם העלד, דעם שומר!

איך האָב נישט געוווּסט וואָס איר צו ענטפערן און זיך נאָר איינגעקוקט אין קרייצנדיקן פייערל פון אירע שוואַרצע אויגן. אָבער זי איז מיר געווען געפעלן און איך האָב זי געפרעגט:

— דאָס לאַכט איר פון מיר?

— און אַז יאָ!

— לאַכט געזונטערהייט.

— און איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אַז אַלע ווערטער זענען היבשע, שטאַרקע בחורים. איר האָט טאַקע נישט קיין מורא אַרומצוגיין אַליין אַ גאַנצע נאַכט?

— זיכער האָב איך מורא און איר וואָלט געדאַרפט קומען צו מיר אַלע נאַכט און העלפן מיר היטן דעם כרם.

— גאָר אַזוי, — האָט זי הילכיק זיך צעלאַכט, — דאָס געפעלט מיר.

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט און זי איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן ערנסט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי איז ערשט מיט אַ חודש צוריק געקומען מיט אירע עלטערן קיין ארץ־ישראל און איר פאָטער, אַ רב, האָט זיך באַזעצט אין ירושלים. נאָר זי האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ חלוצה.

דערנאָך האָב איך איר מיין יחוס דערציילט. קורץ: מיין פאָטער איז געווען אַ סטאָליער, און איך האָב ביי אים געאַרבעט ביז מיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיר האָבן צונויפגעזאַמען פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה אויפן כרם ביים שיינעם בחור. פאַר דער צייט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז שוין געווען פאַרהייראַט און זיך געגעט מיט איר מאַן. אירע עלטערן האָבן איר פרי פאַרשלייערט פאַר אַ ישיבה־בחור, נאָר זי האָט אים נאָך דער חתונה פיינט געקראָגן. עפּעס אַ לעקישעוואַטער בחור געווען. און זי האָט פאַרענדיקט:

— אַלץ איז פאַרגעקומען אַזוי נאַריש...

דערווייל האָט מען פאַנאַנדערגעלייגט גרויסע פייערן און געשפּרונגען אי־בער די פלאַמען. לויפנדיק האָב איך זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט, בין אַנידער־געפאַלן און מיינע קליידער האָבן זיך שיער־שיער אָנגעצונדן. זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט און די ערשטע צוגעלאָפן צו מיר.

— ווי קומט איר מיט אייערע קורצע פיס צו שפּרינגען איבער אַזאַ גרויסן „קאַסטיאָר״?

זי האָט מיר געהאָלפן זיך אויפהייבן און צוגעפירט אָן אַ זייט צוםביידל.

איך בין געווען פאַרשעמט און זיך אומגעקערט אין מיין כרם. שטיל בין איך אַרומגעגאַנגען און געטראַכט וועגן לאהן, וואָס האָט אַזוי פיל געלאַכט פון מיר גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש. און זי איז דאָך מיר אַזוי געפעלן! אַזאַ ליבע קאַפּריזנע און שיינע באַשעפעניש, — האָב איך געטראַכט און אַלץ געזען פאַר מיינע אויגן די קליינינקע יונגע פרוי. אויף מאָרגן נאָכמיטאָג, ווען איך בין געלעגן און געדרעמלט אין שאָטן פון מיין ראַגאַזשעווען ביידל, האָב איך דערהערט איר קול. איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן. לאה איז געשטאַנען צווישן די גרינע קוסטעס. זי האָט געטראָגן אַ ווייס קלייד און געהאַלטן אין האַנט אַ ברייטן שטרויענעם הוט.

— איך האָב אייך אויפגעוועקט? — האָט זי געפרעגט, צוגייענדיק צום ביידל. — עס איז אַזוי גוט ביי אייך און שטיל און די קוסטעס שמעקן אַזוי זיס. עס איז אַ פאַרגעניגן צו לעבן אַזוי. וואָס טוט איר אַ גאַנצן טאָג?

איך האָב איר אָנגעקוקט מיט פרייד און איר דערציילט ווי איך פאַרברענג מיינע טעג אויפן כרם. ווי נאָר עס הייבט אָן צו טאָגן און דער מזרח צינדט זיך

אָן מיט כלערליי קאָלירן, לייג איך מיך שלאָפן און אין אַ פינף שעה אַרום רייסט זיך אַריין דורך די ראַגאָזשעווע ווענט די זון אין מיין ביידל און איך שטיי אויף, איך וואַש זיך אײַן מיט אַביסל וואַסער פון אַן אַראַבישן קרוג און קאָך מיר אָפּ אַ טעפּעלע קאַווע. און דערנאָך לייג איך מיך ווידער כאַפּן אַ דרעמל, אָדער איך קוק אויפן וועג וואָס לויפט דאָרט פון דער ווייטנס. אַמאָל ציט זיך דאָרטן אַ קאַראַוואַן פון קעמלען מיט אַראַבער און אַמאָל זעט מען אַן איינזאַמען פוסגייער. איך האָב געגוג פרייע צייט צו לייענען, טראַכטן און פאַנטאַזירן און אַזוי שטיל גייט אַוועק דער טאָג, און דער אָוונט פאַלט צו און מ׳דאַרף שוין אַרויסגיין היטן.

זי האָט מיך ערנסט אויסגעהערט און זיך צוגעזעצט אויף אַ הילצערנעם קעסטל וואָס איז געשטאַנען ביים ביידל. דערנאָך האָט זי געפרעגט:

— איר זייט נעכטן אויף מיר געווען בייז?

איך האָב אָפן געזאָגט, אַז מיך האָט פאַרדראָסן וואָס זי האָט געלאַכט פון מיר. אירע אויגן האָבן רייצנדיק געשיינט.

— נו, פאַרגעסט, — האָט זי געזאָגט. — אָט בין איך דאָך געקומען צו אייך.

מיר זענען געוואָרן אַלץ מער באַפריינדעט, נאָר זי האָט אַלץ געהאַלטן אין איין רייצן זיך מיט מיר, מינוטנווייז אַפילו בייז און ווייציק. דאָס, וואָס איך וואָלט קיינמאָל נישט אויסגעהערט פון קיין אַנדערער, האָב איך איר פאַרשוויגן. און פאַרוואָס, — האָב איך אַליין די ערשטע צייט נישט געוווסט. אמת, זי איז מיר שטאַרק געפעלן. אָבער ערשט שפּעטער איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך האָב זי ליב מיט אַלע אירע קאַפּריזן. עס האָט מיך אויך נישט געאַרט וואָס זי האָט שוין געהאַט אַ מאַן. איך האָב געגומען שרעקלעך בענקען נאָך איר און רופן זי אַלע מאָל צו זיך אויפן כרם און ווען זי איז געקומען, האָב איך נישט געקענט אַ גאַנצע נאַכט אָפּרייסן מיינע אויגן פון דער קאָלאָניע, ווו זי האָט זיך געפונען.

ענדלעך האָב איך איר געזאָגט ווי ליב איך האָב זי און אַלץ זיך געבעטן, זי זאָל חתונה האָבן מיט מיר.

— דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין, — האָט זי מיר געענטפערט.

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט אַ טרויעריקער.

— דערפאַר, מיין ליבער, וואָס איך האָב ליב הויכע געזונטע מענער מיט שיינע מאַניערן.

דאָך האָט זי מיר דערלויבט גלעטן איר קאָפּ און קושן איר פּנים. אָבער פּלוצים האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון מיינע הענט, געגומען לאַכן פון מיינע אומגעלומפּערטע באַוועגונגען און האָט פאַרלאָזט מיין כרם.

איינמאָל, שבת פאַרנאַכט, האָב איך געבעטן אַ צווייטן וועכטער ער זאָל

אויפּפּאַסן אויף מיין כרם און אַליין בין איך אַוועק אין דער קאַלאַניע זי זען. זי האָט פאַרבראַכט מיט אַ קאָמפּאַניע אויפן „גרינעם בערגל״, וווּ מען האָט געטאַנצט און געזונגען. נאָך פון דער וויטנס האָב איך דערהערט פריילעכע אויסגעשרייען און געזען אַ גרופּע בחורים מיט מיידלעך, וועלכע האָבן געטאַנצט אַ „האָרע״. איך בין צוגעגאַנגען און זי באַגריסט. זי האָט מיך פאַרווונדערט אָנגעקוקט און געפרעגט, ווי אַזוי קום איך אַהער אין דער צייט?

— כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר, לאה, —האָב איך שטיל געזאָגט— פאַרוואָס קומסטו נישט צו מיר? וואָס מאַכסטו?

— זעסט דאָך, —האָט זי געלאַכט. זי האָט אַרומגענומען אַ בחור און זיך געלאָזט מיט אים טאַנצן.

— לאה, וואַרט אַ ווײַלע — האָב איך זיך ביי איר געבעטן און אין די אויגן איז מיר געוואָרן פינצטער.

אייניקע פון דער גרופּע האָבן אויף מיר געקוקט און געשמייכלט.

זי האָט אָפּגעלאָזט דעם בחור און איז צוגעגאַנגען צו מיר.

— וואָס ווילסטו? עס איז זייער גראָב צו שטערן ווען מ׳טאַנצט מיט עמעצן, ביסט אַ פּרעכער יונג!

וואָס מיט מיר איז פאַרגעקומען אין דער רגע, ווען זי האָט דאָס אַרויסגערעדט, געדענק איך נישט. איך האָב אַפּנים פאַרלאָרן מיין פאַרשטאַנד. איך האָב איר געגעבן אַ הילכיקן פּאַטש אין פּנים. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן קוויטש און זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן באַק. עס איז געוואָרן אַ טומל און אַ פּאָר בחורים האָבן זיך געוואָרפן מיך שלאָגן.

— טשעפּעט אים נישט! — האָט זי אַ געשריי־געטון און אירע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן. — לאָזט אים אָפּ. זאָל ער גיין. איך האָב אים באַליידיקט.

אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און איך האָב זי אָנגעקוקט מיט האַס.

— לאָזט איב אָפּ! — האָט זי ווידערהאָלט און אָפּגעשטופּט די בחורים, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט.

איך האָב פאַרלאָזן דעם „גרינעם בערגל״ און זיך אומגעקערט צו מיין כרם. איך האָב פאַרבראַכט אַ שווערע נאַכט.

אויף מאָרגן, ווען איך בין געלעגן אין שאָטן פון מייןביידל און געדרעמלט אַ מידער פון דער גרויסער היץ און אויפן האַרצן איז מיר געווען זייער נישט גוט, האָב איך פּלוצים דערהערט לאהס קול.

איך האָב נישט געגלייבט מיינע אויגן און זיך אַ וואָרף־געטון צו איר, אַרומגעכאַפּט אירע קני און גענומען בעטן זי זאָל מיר פאַרגעבן. זי האָט מיט

אירע הענט פאַרמאַכט מיין מויל, זיך איינגעבויגן און מיר געגעבן אַ שטאַרקן קוש אין קאָפּ.

שפּעטער האָבן מיר געפּראַוועט אַ פריילעכע חתונה, און איר טאַטע, דער רב, איז געקומען פון ירושלים צו דער שמחה. און די גאַנצע קאָלאָניע האָט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט.

אָט אַזוי האָב איך געוווינען מיין פרוי און זי איז מיר שוין דרייסיק יאָר אַ געטרייע ווייב. זי האָט מיר געבאָרן פיר זין און דריי טעכטער און אַלע מיינע קינדער זענען זייער געראָטענע און האָבן ליב ארץ־ישראל. מיר זענען קאָלאָניסטן און הלוואי וואָלטן אַלע יידן געלעבט אַזוי ווי מיר.

דער גאַסט

אין קליינינקן צימער פון דעם אָרעמען האָטעל, וווּהין איך בין צופעליק אַריינגעפאַלן נעכטיקן, בעת איך בין אַרומגעפאָרן איבער די קעטסקיל-בערג, איז געווען זייער דושנע. די זומערדיקע נאַכט האָט זיך געשטיקט אין וואָרעמע נעפלען. איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער מיט אָפענע אויגן, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, אַ בייזער, וואָס מען לאָזט מיך נישט איינשלאָפן.

נישט ווילנדיק האָב איך זיך צוגעהערט צום טומל אויף דער וועראַנדע הינטערן פענצטער, ווו די געסט האָבן זיך צונויפגעקליבן. דאָרט האָט דער באַלעבאָס פון פּלאַץ, אַ פעטער מענטשעלע מיט קורצע הענט און פיס און אַ בלייכן אָפּגעלעבטן פּנים, דעקלאַמירט עראָטישע לידלעך פאַר דער יוגנט, וואָס האָט אַלע ווײַלע אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער.

אַזוי האָט זיך געצויגן מער ווי אַ שעה. ענדלעך איז אין הויז געוואָרן שטיל און איך האָב געפּרוווט איינדרעמלען. נאָר פּלוצים האָט מען אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. איך בין אויפגעשפּרונגען און געמאַכט ליכטיק. אין חדרל איז אַריין דער באַלעבאָס און הינטער אים איז געשטאַנען אַ דאַרער יונגערמאַן מיט אַן אויסדרוק פון פאַרלוירנקייט און שרעק אויף זיין שמאָלן פּנים, וואָס איז געווען צעקראַצט אין עטלעכע פלעצער.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן וואָס איך האָב אייך אויפגעוועקט, — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, — נאָר איך האָב אייך געבראַכט אַ גאַסט. מיט אים האָט עפּעס פּאַסירט אין וועג און ער האָט נישט ווו איבערצונעכטיקן. וועט איר אפשר זיין אַזוי גוט און דערלויבן דעם מאַן איבערצושלאָפן די נאַכט אין אייער צימער, אָט דאָ, אויף דער קושעטקע?

איך האָב געזאָגט דעם באַלעבאָס, אַז די קושעטקע שטייט אַ פרייע און ווער עס וויל, קען שלאָפן אויף איר. מיר וועט קיינער נישט שטערן. דער באַלע־באָס איז אַרויס און באַלד זיך אומגעקערט מיט צוויי ליילעכער, אַ קישן און אַ קאָלדרע. דערנאָך האָט ער אונדז געווונטשן אַ גוטע נאַכט און איך בין געבליבן מיט דעם יונגנמאַן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין געלעגער און געזאָגט:
— אַ מענטש איז גאָרנישט ווערט.
— וואָס מיינט איר מיט דעם צו זאָגן? — האָב איך געפרעגט — ווער האָט איך צעקראַצט דאָס פּנים? וואָס האָט מיך אייך פּאַסירט?
דער גאַסט האָט אַ ציטער־געטון און אָנגערירט דעם שטערן מיט דער האַנט.
— אַ גרויסער אומגליק האָט פּאַסירט מיט מיר. איך האָב געטריבן אַ מאַ־שין, זיך אָנגעשטויסן אָן אַ צווייטער און מיינער אַ פריינט, אַ יונגער מאָלער, איז דערביי דערהרגעט געוואָרן, אַ צווייטער שווער פאַרוואונדעט, און אָט איך לעב.
— אַ מאָלער! ווי האָט מען אים גערופן?
דער נאָמען איז מיר געווען אומבאַקאַנט.
— ווען האָט דאָס פּאַסירט?
— היינט פאַרנאַכט. היינט פאַרנאַכט...
איך האָב געשוויגן. צו וואָס אויסהערן אַזוינע געשיכטעס פאַרן שלאָף און דערצו בין איך אַזוי מיד. דער גאַסט האָט זיך פאַמעלעך גענומען אויסטאָן. איך האָב געקוקט אויף זיינע געלאַסענע באַוועגונגען און זיין אויסזען האָט גענומען אַנוואַרפן אַן אומעט אויף מיר. דערנאָך האָט ער אויסגעלאָשן דאָס ליכט און זיך געלייגט. אָבער איך האָב שוין נישט געקענט איינשלאָפן און אַלץ געטראַכט וועגן דעם גאַסט. פּלוצים האָב איך אין דער פינצטער ווידער דערהערט זיין קול. האָט געזאָגט ווי צו זיך:
— וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועט איצט זיין?
— יאָ, עס איז אַ זייער טרויעריקע געשיכטע.
— נו, —האָט ער זיך ווי אָנגעכאַפּט אָן מיינע פאָר ווערטער,— איך קען זיין פרוי נישט לאָזן וויסן וועגן דעם אומגליק. ערשט נעכטן רופט ער מיך אָפּ, איך זאָל גלייך קומען צו אים, ער גאַראַנטירט מיר הונדערט דאָלאַר פאַר דריי טעג און דערצו וועל איך טון זייער אַ גוטע און נוצלעכע זאַך: פאַרשפּרייטן קונסט־בילדער פון יידישע מאָלער צווישן ברייטן עולם.
איך אַליין האָב אַ שוואַכקייט צו מאָלעריי און צו קינסטלער און געפין זיך כמעט שטענדיק אין זייער געזעלשאַפט, כאָטש אַ לעבן מאַך איך גאָר פון אינ־שורענס־ביזנעס. און מיין טויטן פריינט האָב איך געקענט שוין פון לאַנג. ער איז געווען אַזאַ נאַיווער מענטש. אָבער ווי איר זעט האָט ער מיך איבערגערעדט. אמת, איך האָב פון אים געלאַכט: נאַרישער מענטש, דער ברייטער יידישער עולם דאַרף נישט קיין קונסט־בילדער און אינטערעסירט זיך נישט מיט קינסטלער. זיי וועלן בעסער ספּעקולירן מיט „לאָטס” און אויף וואָל־סטריט און דאָרט ברעכן

דעם קאָפּ. ענטפערט ער אין שפּאַס, אַז איך בין אַן אַנטיסעמיט און מען וועט יאָ קויפן. דערנאָך ווערט ער פּלוצים באַגייסטערט און דערוויזט מיר וואָס פאַר אַ פיינפּילנד פאָלק די יידן זענען. מ׳דאַרף נאָר קומען צו זיי מיט די בילדער, דערוועקן אין זיי דאָס געפיל פון שיינקייט. מיך וויל ער נאָר, איך זאָל אים פירן מיט מיין מאַשין אין די קעטסקיל־בערג, דאָס איבעריקע וועט ער שוין אַליין באַזאָרגן. קורץ, איך מוז גלייך קומען צו אים און ער וועט פאַר מיר אַנטוויקלען דעם פּלאַן מיט אַלע איינצלהייטן. עס איז אַ געניאַלע אידייע. מילא, האָב איך אַ טראַכט־געטון: עס איז איצט זומער אויף דער וועלט און פאַרוואָס זיך נישט דורכפאָרן מיט אַ מאַשין איבער די בערג? אין אַ האַלבער שעה אַרום, — ווידער אַ טעלעפאָן פון אים. פאַרוואָס קום איך נישט? אויב איך בין פאַרנומען, פאַרט אַן אַנדערער מיט אים. די זאַך מוז גלייך באַשלאָסן ווערן. אַט־אַזוי האָט דער מלאך־המות אים געאײַלט און גיי זיי אַ חכם און פאַרשטיי וואָס מיט דיר קען פּאַסירן אין אַ טאָג אַרום. שמייכל איך: אַט האָט אים אַ כאַפּ־געטון און זעץ זיך אין מאַשין און פאָר צו אים.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַטעליע. אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר דער רייזע. אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ קופּע זיינע בילדער און אויך פון אייניקע אַנדערע יונגע מאָלער, וועלכע זענען גערן צוגעשטאַנען צו זיין „גע־ניאַלן" פּלאַן. אַלץ קליינע פּייזאַזשן און פּאַרטרעטן אין פּראָסטע גלאַטע ראַמען. ער וועט עס פאַרקויפן ביליק. די קינסטלער זוכן נישט קיין פאַרדינסטן. זאָל נאָר דער עולם זיך פאַראינטערעסירן מיט זייער שאַפן און זיי געבן אַ מעגלעכ־קייט ווי עס איז צו עקזיסטירן, נישט שטאַרבן פון הונגער.

ער האָט גערעדט און זיינע אויגן האָבן געלויכטן פון באַגייסטערונג און דערביי איז געשטאַנען זיין פרוי, אַ קליינינקע, אַ בלאַסע, זיך געפילט פאַרלוירן און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. אפשר איז עס טאַקע אַ גוטער פּלאַן. אַראַנזשירן אויסשטעלונגען איז אַזוי שווער. דאָך האָב איך ווידער דערקלערט מיין פריינט, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג וועט זיין אַ דורכפאַל, אָבער דורכפאָרן זיך קען מען. נאָר ער איז געוואָרן אויף אַן אמת אין כעס און וייטער זיך באַמיט מיך איבער־צייגן, אַז די בילדער וועט מען יאָ קויפן. אין אַלץ זענען שולדיק די מאָלער אַליין, וואָס האַלטן זיך פונדערווייטנס פון פאָלק. ריינע קונסט דאַרף מען אונ־טערטראָגן דעם עולם און דאַן וועט זיך אין אים דערוועקן אַ פאַרלאַנג, אַ בענק־שאַפט נאָך אמתער שיינקייט, נאָך אמתע שאַפונגען.

דער גאַסט איז אויף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן, אַ טיפן זיפץ געטון און געפרעגט:

— איר ווילט אפשר שלאָפן?

— ניין, ניין. איך הער אייך.

— אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן מיר זיך זאַלבעדריט אַרויסגעלאָזט אין וועג. דער דריטער איז געווען אַ יונגער בחור, אַ סקולפּטאָר, וואָס האָט מיך אויך געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן אַז די בילדער וועט מען גיך אויספאַרקויפן. דער געדאַנק איז אַ גאָלדענער. דער קינסטלער מוז קומען צום פאָלק.

נאָכמיטאָג זענען מיר שוין געווען הינטער ניו־יאָרק אויפן וועג צו די בערג. מיין פריינט איז געווען פריילעך. ער האָט געהאַלטן אין איין זינגען, און דער בחור האָט אים אונטערגעהאָלפן. נאָר פּלוצים זענען עפּעס ביידע שטיל געוואָרן, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און געשוויגן.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָב איך געפרעגט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז צוויי גרויסע שוואַרצע ראָבן זענען אונדז דורכגעפלויגן דעם וועג. איך האָב געלאַכט וואָס זיי זענען אַזוי אָבערגלויבעריש. זיי זענען ווידער געוואָרן גוט געשטימט.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אויף אַ פאַרם און גאַנץ־פרי זענען מיר אַרויס־געפאָרן ווייטער. איך האָב אומבאַמערקט זיך פאַרנומען מיט אַן אַנדער וועג, ווי איך האָב געוואָלט און בין פאַרקראָכן אין אַ גוייִשער געגנט. מיר זענען געווען פופציק מייל אָן אַ זייט פון די רייכע ייִדישע האָטעלן, וווהין מיר האָבן געזאָלט אָנקומען. אַ פאַרמער האָט מיר געוויזן דעם וועג אויף צוריק. נאָר איך האָב ווי־דער געבלאָנדזשעט. מיין פריינט האָט זיך גענומען קלאָגן, אַז ער פאַרלירט אומ־זיסט דעם טאָג און דערמאָנט די ראָבן, וואָס זענען אונדז נאָך נעכטן איבער־געפלויגן דעם וועג. ער איז געוואָרן אַלץ נערוועזער און נערוועזער. ענדלעך האָבן מיר דערזען אַ ייִדיש „באָרדינג־הויז" און זיך אָפּגעשטעלט. ווען מ'האָט דאָרט די פאַרמערקע, אַ הויכע, געזונטע ייִדענע, מיט רויטע באַקן, וואָס איז אונדז אַרויס אַנטקעגן מיט אַ וועגעלע מיסט פון שטאַל, געפרעגט צי מען מעג פאַרלייגן די באָרדערס און באָרדערקעס קונסט־בילדער צו פאַרקויפן, האָט זי צוערשט נישט פאַרשטאַנען וואָס מ'וויל פון איר און דערנאָך אַ זאָג־געטון:

— וואָס, פּיקטשעס? גייט און פרעגט זיי.

איך פאַרשטיי דאָך, אַז באַלד האָט מיין פריינט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איך בין פון אָנפאַנג געשטאַנען אָן אַ זייט און געשמייכלט, צוהערנדיק זיך ווי דער בחור, דער סקולפּטאָר, העלפט אים אַרויס און לויבט אין הימל אַריין די מאָלער, וואָס האָבן געשאַפן די בילדער. אָבער גלייך האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ רחמנות־געפיל און איך האָב באַשלאָסן זיי פירן צוריק אַהיים. אָבער מיין פריינט האָט נישט געוואָלט. ער האָט געטענהט, אַז דאָ זענען אָרעמע אַרבעטער־פרויען. פאַר די בילדער זענען זיי באַגייסטערט. זיי האָבן אַפילו אַרויסגעוויזן אַ סך גע־

שמאַק פּאָר קאַלירן. קורץ, אין אַ צווייטן פּלאַץ האָט מען אונדז פּשוט נישט אַרייַנ־געלאָזן און אין דעם דריטן האָט דער באַלעבאָס פון דעם קליינעם האָטעל אונדז אײדל געבעטן זיך אָפּצוטראָגן, ווייל ער וויל נישט מען זאָל „באַדערן" זייַנע געסט. זיי דאַרפן רוען.

— צו די רייכע האָטעלן, צו די רייכע האָטעלן, — האָט מיך געאײַלט מיין פריינט און געהאַלטן פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ. וועגן פּשוטן פאָלק האָט ער שוין נישט גערעדט. אויך דער בחור׳ל האָט געשוויגן. דערווייל איז אָנגעלאָפן אַ ווינט, אָנגעטראָגן וואָלקנס און עס האָט געצומען רעגענען. דער וועג איז געוואָרן גליטשיק, איך האָב פאַרגעשלאָגן זיך ערגעץ ווו אָפּצושטעלן, נאָר מיין פריינט האָט אַלץ געבעטן פאָרן וואָס גיכער צו די רייכע ייִדישע האָטעלן. ער איז געזעסן אין ווינקל פון מאַשין און האָט אויסגעזען מיד און אַביסל פאַרכמורעט. ער האָט שוין, אפנים, פאַרגעפילט אַז זיין „געניאַלער" פּלאַן איז שרעקלעך דורכגעפאַלן.

— נאַרישקייטן, — האָב איך אים געטרייסט. — מיר וועלן אַזוי פאַרברענגען אַ פּאָר טעג אין די בערג. לאָז אָפּ דאָס פאָלק.

מיר זענען צוגעפאָרן צו אַ קליינעם בית־עולם, וואָס איז געלעגן האַרט ביים וועג. אַנטקעגן זענען אָנגעקומען עטלעכע מאַשינען, וואָס האָבן געאײַלט אַריבער־צויאָגן איינע די צווייטע. פּלוצים איז איינע פון זיי אָנגעלאָפן אויף אונדז. אין איין רגע האָבן מיר זיך איבערגעקערט מיט אונדזער אויטאָמאָביל. אין דעם זעלבן מאָמענט האָב איך דערהערט אַ שווערן קרעכץ און אַ געשריי פון אַ פרוי. פון אַלע זייטן האָט מען זיך אַ וואָרף־געטון אונדז ראַטעווען. מיין פריינט האָט מען אַרויסגענומען פון מאַשין מיט פאַרבלוטיקטע אויגן. דער בחור׳ל איז געווען שווער פאַרוווּנדעט און איך מיטן צעקראַצטן פּנים.

דער גאַסט האָט זיך צעכליפּעט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. ער האָט צוערשט נישט באַגריפן, אַז זיין פריינט האָט געקראָגן אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן און איז שוין טויט. ער איז געבליבן ליגן אויף דער ערד, זיין ברוסט איז געשוואָלן געוואָרן. מ׳האָט דעם מת צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, פאַרדעקט דאָס פּנים מיט אַ נאָז־טיכל און אַ פרעמדער קליינער עולם האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום, ביז די פּאָליציי און אַ דאָקטאָר וועלן אָנקומען. יאָ, און די בילדער זענען געלעגן פאַנאַנדערגעוואָרפן און עמעצער איז אויף זיי געטראָטן, פאַרפּאַטשקעט די בונטע פרישע פאַרבן מיט נאַסע בלאָטיקע שיך.

ערשט פאַרטאָג האָט זיך דער גאַסט אַ ביסל באַרויִקט.

אַ יאָרצייט

יעדן דריטן דעצעמבער היט אָפּ פרוי פּאַלאַנסקי דעם יאָרצייט פון איר ערשטן טראַגיש־פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס איז געווען מיט יאָרן און יאָרן צוריק, אַז זי איז נאָך געווען אַ „גרינע" אין לאַנד.

איר מאַן און די דערוואַקסענע קינדער זאָגט זי, אַז דאָס צינדט זי אָן אַ ליכטל נאָך אירן אַ ברודער, וועלכער איז אומגעקומען אין מלחמה. אַלע אין הויז ווייסן שוין, אַז אין יענעם אָוונט דאַרף מען דער מאַמען לאָזן צורו און נישט שטערן טרויערן נאָך איר ברודער...

נאָך וועטשערע, אַז אַלע צעגייען זיך פון הויז, ראַמט פרוי פּאַלאַנסקי צו די קיך און צינדט אָן אין אַ גלאָז אַ יאָרצייט־ליכטל, וואָס זי שטעלט אַוועק אָן אַ זייט אויף אַ פּאָליצע, דאָס פלעמעלע זאָל זיך נישט וואַרפן זייטיקע אין די אויגן, און אַליין זעצט זי זיך אַוועק ביים אָפענעם פענצטער און סטאַרעט זיך פאַרטיפן אין ווייטע דערינערונגען.

עס איז ווידער דער דריטער דעצעמבער און פרוי פּאַלאַנסקי היט ווייטער אָפּ דעם יאָרצייט פון איר ערשטן מאַן, וואָס זי קען נישט פאַרגעסן.

פאַר דער קורצער צייט, וואָס זי האָט מיט אים געלעבט, האָט זי אים נישט געקענט פאַרשטיין, אָבער אין פאַרלויף פון יאָרן, טראַכטנדיק און בענקענדיק אָפּט נאָך אים, איז זיין געשטאַלט אַלץ קלאָרער און פאַרשטענדלעכער איר געוואָרן.

פרוי פּאַלאַנסקי זיצט ביים אָפענעם פענצטער אין קיך. אין הויז איז קיינער נישטאָ. זי וואַרפט פאַרבענקטע בליקן אויף דאָס פלעמעלע פון יאָרצייט־ליכטל און באַמיט זיך אַרויסצורופן אין איר זכרון יעדע קלייניקייט פון זייער קורצן צוזאַמענלעבן, וואָס אַזוי פיל יאָרן פאַרשטעלן עס שוין. צוערשט איז אַלץ נישט קלאָר, נעפּלדיק. סצענקעס און ווערטער פלאַנטערן זיך אין איר קאָפּ. זי דערמאָנט זיך אָן די זיסע וווּנדערבאַרע ווערטער וואָס ער פלעגט רעדן צו איר און טרערן רינען פון אירע אויגן.

איר ערשטן מאַן האָט מען גערופן דוד. זיי זענען ביידע געווען פון איין שטעטל און געוווינט אין איין געסל. אין די קינדער־יאָרן האָבן זיי זיך געשפּילט

צוזאַמען, כאָטש זי איז געווען יינגער פון אים מיט פינף יאָר. דערנאָך זענען זיי ביידע אויסגעוואַקסן און ער איז אַוועקגעפאָרן לערנען אין אַ ישיבה און פלעגט קומען אַהיים נאָר איינמאָל אַ יאָר אויף פסח. ער האָט זיך דאַן געהאַלטן אָן אַ זייט און ווייניק גערעדט מיט איר. אָבער זי פלעגט יעדעס מאָל ווערן באַצויבערט פון זיין אויסזען, ווייל דוד איז געווען שיין געבויט און האָט געהאַט אויסערגע־וויינלעך טיפע אויגן, שוואַרצע ווי פעך און איז תמיד געווען שטיל און פאַרטראַכט.

אירע עלטערן האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע. זי איז שוין אַלט געווען אַ יאָר אַכצן און האָט שווער געאַרבעט אין דעם נייעם לאַנד, אַז די פאַמיליע זאָל זיך לעבן לייכטער און אירע צוויי יינגערע ברידער זאָלן זיך קענען לערנען און עפּעס דערגרייכן, ווייל דער פאָטער, אַ שמש אין אַ שול פון זיינע לאַנדסלייט, האָט ווייניק פאַרדינט און איז אין אַלגעמיין געווען אַ שטיקל לאָ־יוצלח.

פון צייט־צו־צייט, זיצנדיק אין „סוועט שאַפּ", ביי דער ניי־מאַשין, פלעגט פלוצלינג דוד איר קומען אויפן זכרון. זי האָט געזען אַ שלאַנקן יונגן מאַן מיט אַ צאַרטן טונקל־מאַטאָוון פנים, מיט ווייסע קליינינקע ציין, ווי ביי אַ פרוי, און פון די אויגן שטראַלט אַרויס אַ מאָדנע ליכט. ער האָט שוין געמוזט ווערן אַ רב, — פלעגט זי קלערן, זיך פאַרבענקען און דערנאָך ווידער פאַרגעסן אָן אים. און דער־פאַר, אַז אין אַ ווינטיקן אָסיען־אָוונט איז איר פאָטער געקומען פון שול און מיט זיך געבראַכט דודן, האָט דאָס מיידל אַ געשריי געטון, אַז זי חלשט. זי האָט נישט געחלשט, נאָר מער ווי אַ שעה איז זי געווען ווי אַ צעטומלטע און נישט פאַר־שטאַנען וואָס מען רעדט צו איר.

דערנאָך האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דוד איז שוין די צווייטע וואָך אין אַמע־ריקע. געקומען קיין ניו־יאָרק איז ער אַליין. זיינע עלטערן זענען רוינירט געוואָרן פון אַ שרפה. דער פאָטער איז פון עגמת־נפש געשטאָרבן און די מוטער איז פאַר־בליבן אין שטעטל ביי זיין איין און איינציקע פאַרהייראַטע שוועסטער. ער האָט באַשלאָסן פאַרלאָזן רוסלאַנד. עס האָבן דאָרט אָנגעהויבן צו בלאָזן רעוואָלוציאָנערע ווינטן, וואָס זענען אים נישט געווען צום האַרצן און פרעמד. אָן אומרו איז אים באַפאַלן. האָט ער מיט אַ גרופּע אַנדערע עמיגראַנטן געגנבעט די גרענעץ, זיך אָפּגעוואָלגערט אַ פּאָר חדשים אין גאַליציע און דערנאָך זיך געזעצט אויף אַ שיף, וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין ניו־יאָרק.

דוד פלעגט אָפט קומען צו זיין לאַנדסמאַן דעם שמש. ער האָט זיך אין הויז געהאַלטן שטיל, פלעגט מערסטנס שווייגן און שמייכלען פאַרלוירן. דאָך האָט דאָס מיידל פאַרבראַכט מיט אים און דעם שטילן פאַרטראַכטן בחור אַלץ שטאַרקער ליב באַקומען. אויך דער פאָטער האָט זייער געוואָלט, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.

אַ ווייב וועט אים שוין אויסלערנען ווערן פּראַקטישער און מאַכן אַ לעבן. אַ קאָפּ האָט ער אַ גוטן און קען גוט לערנען. און עס האָט לאַנג נישט גענומען און מען האָט געשטעלט אַ היימישע חופה. עס האָבן געשפּילט אַ פליט, אַ פידל און אַ באַס. די פליט האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען. דערנאָך זענען זיי ביידע געקומען אין זייער קליינעם וווינונגל. און דאָ האָט זי זיך דאָס ערשטע מאָל איבערצייגט, אַז איר דוד איז עפּעס אַ מאָדנער. אמת, ער איז געווען אויסערגעוויינלעך פיין צו איר, נאָר די דאָזיקע פיינקייט און איידלקייט האָט איר אַ ביסל געשראָקן. עס איז געווען די צאַרטקייט פון אַ נישט־נאָרמאַלן מענטשן, פון איינעם וואָס איז גייסטיק צערודערט. זי איז געלעגן פאַר אים אין איר צויבערלעכער נאַקעטקייט, זיך געצויגן צו אים מיט יעדן גליד, אַז ער זאָל זי אַריינכעמען אין זיינע אָרעמס און ווערן איר מאַן, אָבער ער האָט נאָר געגלעט איר קאָפּ און מיט אַ זיסן ניגון אויסגעזונגען פאַר איר פּסוקים פון „שיר השירים”, אַז „איר ליבשאַפט איז בעסער פון ווייַן און אַז ווי אַ ליליע צווישן די דערנער, אַזוי איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער”. דאָך האָט איר גליק נישט געהאַט קיין שיעור און קיין גרענעץ און זי האָט געלאַכט און געוויינט פון פרייד און צער.

דוד האָט אָנגעהויבן אין שול לערנען מיט ייִדן און אַ ביסל פאַרדינען און זי איז אַלץ געגאַנגען אין שאַפּ אַרבעטן. די יונגע פרוי פלעגט מיט אַ וויטיקדיקער בענקשאַפט בענקען נאָך די נעכט. איצט האָט איר מאַן געברענט פון ליידנשאַפט מיט אַ פייער וואָס וויל דאַכט זיך נישט פאַרלאָשן ווערן. זי האָט געבעטן גאָט, אַז די נעכט זאָלן זיך ציִען וואָס לענגער.

אָבער עס איז נישט געווען קיין תכלית צו לערנען מיט ייִדן אין שול און וויניק פאַרדינען. זי האָט אים איינגערעדט גיין אַרבעטן. זי האָט פאַר אים געקראָגן אַ שטעלע אין אַ שאַפּ, נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אים פון דאָרט געהייסן גיין. ער איז צו שוואַך צו דער אַרבעט. דאָס זעלבע איז געווען שפּעטער אויך אין אַנדערע פלעצער. און פּלוצלינג איז ער גאָר פאַרשוווּנדן פון הויז. זי האָט זיך ענדלעך דערוווּסט, אַז ער געפינט זיך ערגעץ אויף דער איסט־סייד. זי האָט באַשלאָסן אים ברענגען צוריק צו זיך, וואָס עס זאָל נישט זיין. זיינע זיסע ניגונים און זיינע לאַסקעס זענען איר אַריין אין בלוט און נישט געגעבן קיין רו.

זי איז אַוועק צו אים. עס איז געווען אַ רעגנדיקער קאַלטער אָוונט, שפּעט אין אָסיען. זי האָט אים געטראָפן אין אַ פינצטערן חדרל. ער איז געלעגן אין זיין בעטל און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. דערזען זיין פרוי אויפן שוועל האָט ער זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און איר טרויעריק אָנגעקוקט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און אָנגעהויבן וויינען. זי האָט באַמערקט, אַז זיין פּנים איז געוואָרן נאָך דאַרער, צאַרטער און ווי דורכזיכטיקער, און די אויגן האָבן געלויכטן ווי ביי אַ הייליקן

מאַרטירער, ווי ביי אַ נביא. זיין אויסזען האָט אָפּגענומען ביי איר דאָס לשון און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

ער האָט געקוקט ערגעץ אָן אַ זייט. וואָס האָט זי געקענט טון מיט אים. זי האָט גענומען אים בעטן גיין מיט איר אַהיים. זאָל ער זיצן אין שול און לערנען מיט יידן און זי וועט אַליין אַרבעטן. און פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן פון הויז? איז זי דען נישט גוט צו אים? זי האָט אים דאָך אַזוי ליב. און זי האָט נאָך גערעדט צו אים, נאָר פון די רייד האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. ער איז פאַרבליבן אין זיין חדרל.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך פּלוצלינג באַוויזן. אין דער ערשטער רגע האָט זי נישט געקענט דערקענען איר מאַן, אַזוי האָט ער זיך געביטן. די אויגן האָבן געקוקט ווי ביי איינעם וואָס איז גערירט פון זינען. טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן. זי האָט אים אַרומגענומען און געקושט. נאָר ער האָט געזאָגט:

— גיב מיר צען דאָלאַר.

ער האָט איר נישט געוואָלט זאָגן אויף וואָס ער דאַרף די צען דאָלאַר. זי האָט אים געגעבן דאָס געלט און אַוועקגעפירט צו אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט נישט געפונען אין אים קיין פיזישן פעלער, נאָר ער איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט פון נישט שפּייזן זיך געבוג.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי ווידער אָנגעהויבן וויינען.

— מיין נשמה איז קראַנק און איך קען נישט לעבן אַזוי, — האָט ער שטיל געזאָגט. — עפּעס אַ שרעק פאַרפאָלגט מיך, אַ סמוטנער פּחד טליעט אין מיר. און איך קען נישט פאַרטראָגן דעם הו־האַ פון היגן פוסטן לעבן. גאָט, ווו זאָל איך געפינען רו?

זי האָט אים געבראַכט אַהיים. עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און ווידער האָבן זיך אַ צי־געטון פאַר דער יונגער פרוי גליקלעכע נעכט. ווידער האָבן אין דער פינצטערניש פון די נעכט זיך געהערט זיסע געזאַנגען פון „שיר השירים“ און אויסגעשרייען פון פרייד און צער, אַז ער האָט זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס. נאָר אין אַ חודש אַרום איז ער ווידער פאַרשוווּנדן און גאָר גיך האָט מען איר געלאָזט וויסן, אַז ער איז אין אַ שטאַטישן משוגעים־הויז. מען האָט אים אַהין צוגענומען פון גאַס. מען האָט איר אַריינגעפירט צו אים אין אַ זייטיקן צימער. דערנאָך איז אַריין אַ דאָקטאָר און אָנגעהויבן אים שטעלן פראַגן. ער האָט אויף אַלץ געענטפערט קלאָר און דייטלעך. דער דאָקטאָר האָט ביי איר געפרעגט צי זי וויל אים האַלטן ביי זיך, ווייל ער איז נאָר מעלאַנכאָליש. דאָס קען אַמאָל פאַריבער, כאָטש עס קען אויך ווערן ערגער. זי האָט אים גענומען אַהיים. פאָרנדיק מיט אים

אין מאַשין האָט זי זיך געסטאַרעט זיין פריילעך, געשפּאַסט. ער האָט איר דער־ציילט, אַז יינגלעך זענען אים נאָכגעלאָפן אין גאַס און אַ פּאָליסמאַן האָט אים אַרעסטירט, ווייל ער האָט זיך מיט אים נישט געקענט צוזאַמענרעדן. דערנאָך האָט מען אים געבראַכט אין דעם אַנשטאַלט. און פּלוצלינג האָט ער איר אָנגענומען פאַר אַ האַנט און שטיל אַ זאָג געטון:

— ווייסט וואָס, האַרציקע מיינע, פיר מיך צוריק אַהין, דאָרט איז מיין פּלאַץ.

זי האָט אים אָבער געבראַכט אַהיים. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן אַ נייעם אָנצוג. זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט. ער איז געווען רויק און אין איר האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן אַ האָפענונג, אַז ער וועט אפשר גאָר אין גיכן ווערן ווי אַלע נאָרמאַלע מענטשן. און אַזוי אויסערגעווייגלעך שיין איז ער געווען און מיט אַזאַ מערקווירדיקע ליכט האָבן געשטראַלט זיינע אויגן, אַז זי האָט זיך נישט געקענט אָנקוקן אין אים.

דריי נעכט האָט ער נישט געשלאָפן און אַלץ געזונגען פּסוקים פון „שיר־השירים" און אַרומגעגאַנגען איבערן חדרל. און זי איז געלעגן און געוויינט. דער־נאָך איז ער ווידער פאַרשוווּנדן און מען האָט איר געלאָזט וויסן פון משוגעים־הויז, אַז ער איז אַליין אַהין געקומען.

מער האָט זי אים פון דאָרט שוין נישט געקענט אַרויסנעמען און אין דריי חדשים אַרום איז ער געשטאָרבן פון טשעכאָטקע. ווען זי איז דאָס לעצטע מאָל געקומען אים זען, איז ער שוין געלעגן אין אַ פּראָסטע ווייסע טרונע און איין אויג האָט זיך נישט געוואָלט פאַרמאַכן און געקוקט אויף איר מיט קאַלטן שרעק — —

— —

פרוי פּאָלאַנסקי גיט ווידער אַ קוק אויף דאָס יאָרצייט־ליכטל און אירע אויגן ווערן פול מיט טרערן. אַ הייליקער געווען, אַ הייליקער, נישט פאַר דער וועלט. — שעפּטשען אירע ליפּן. אייביק וועט זי געדענקען זיינע זיסע ניגונים און זיינע לאַסקעס. און דאָס פלעמעלע פלאַטערט, באַוועגט קליינע שאָטנס אויף דער האַלב־טונקעלער פּאַליצע און דער פרוי דוכט זיך, אַז פון דעם ווינקל שווימט אַרויס דודס וווּנדערבאַרע געשטאַלט און קוקט אויף איר מיט דאַנקבאַרקייט, וואָס זי היט אָפּ זיין יאָרצייט, און די טרערן רינען נאָך מער פון אירע אויגן.

אין אַ וואַלד אין ארץ־ישראל

איך האָב פאַרבראַכט אין דער סטודיאָ פון מײַנעם אַן אַלטן פריינט, אַ ייִדישן מאָלער. ווי שטענדיק, די לעצטע צייט, האָבן מיר גערעדט וועגן ארץ־ישראל, ווייל אין אונדזער יוגנט האָבן מיר ביידע דאָרט פאַרבראַכט אייניקע יאָר און אַ סך פרייד און פּיין דורכגעמאַכט. דער מאָלער איז געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל און פאַרטראַכט געדרויכערט אַ ליולקע. עס האָט זיך אַנגערוקט אַ כמאַרנער ווינטערדיקער פאַרנאַכט. אין די „שעהן פון רחמים", ווי ביאַליק דריקט זיך אויס, איז ער געוועזן זייער ליריש און סענטימענטאַל געשטימט. איך האָב אונטער־געלייגט עטלעכע שייטלעך האָלץ אין קאַמין. דאָס פייער האָט העל אויפגעפלאַ־קערט און מיט אַ רויטלעכן שיין באַלויכטן, אַנטקעגן אויפן וואַנט, אַ גרויס בילד פון אַ גרופּע יונגע חלוצים און חלוצות, וואָס האָבן זיך געדרייט אין אַ התלה־בותדיקן קאַראַהאָד.

— איר ווייסט, —האָט געזאָגט דער מאָלער,— אַז תמיד ווען איך רעד נאָר וועגן ארץ־ישראל, דערמאָן איך זיך אָן אַ שפּאַניאָלישער מיידל, וועלכע האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט און געדאַרפט ווערן מיין פרוי. נאָר אַלץ האָט זיך אי־בערגעדרייט מיט אַמאָל און אָט בין איך שוין אַזוי לאַנג אין אַמעריקע.

איך איז באַקאַנט מיין אומגליקלעכער פאַמיליען־לעבן. איר קענט מיין פרוי און איר ווייסט אויך ווי אַזוי גלייכגילטיק מיינע קינדער באַציִען זיך צו מיינע קינסטלערישע אַרבעטן. נאָר לאָמיר עס אָפּלאָזן. איך וועל אייך בעסער דערציילן וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין חדרה, מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק. פאַר דער לאַנגער צייט האָט זיך ארץ־ישראל שטאַרק געביטן. דאָס וויסטע לאַנד האָבן די ייִדן אין אַ סך ערטער פאַרוואַנדלט אין אַ בליִענדיקן גאָרטן און דערפאַר באַ־צאָלט מען אונדז מיט מאָרדן. אָבער דאָס טוט מען מיט אונדז אַלע מאָל. דאָס איז אַפּנים אונדזער גורל אויף דער וועלט און אַזוי וועט עס אייביק זיין.

עס איז איצט גוט ביי מיר אין סטודיאָ. מ׳דאַרף נישט אָנצינדן די עלעק־טריק. דאָס פייער פון קאַמין איז גענוג.

איר קענט דאָך גוט די קאָלאָניע חדרה וואָס טוליעט זיך אין דעם גרויסן

עקאַליפּטוס־וואַלד ביים ברעג פון ים, מיט אירע ווייסע כאַטקעס, באַיאַרעס (אָראַנזשן־גערטנער) און כרמים. דערמאָנט זיך יענע צייט, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין ארץ־ישראל. מיר זענען געווען יונג און פול מיט האָפענונגען. עס איז גאָרנישט געווען קיין אַרבעט וואָס זאָל זיין פאַר אונדז שווער, אָדער אַ געפאַר, וועלכע האָט געקענט אָנשרעקן. און דאָס וויסטע לאַנד האָט איינגעהילט אין יענע דינע מעלאַנכאָלישע שטימונגען און האָט אַפילו די פאַרהאַרטעוועטע פון אונדז אָפּט געמאַכט סענטימענטאַל און ראָמאַנטיש, אַז מען פלעגט אַרומגיין מיט פאַרלוירענע קעפּ.

נו, דאָס איז געווען אין אָנהייב פון די רעגנס. אין אַ פריילעכן ציטער און זיסער מידקייט האָט געגרינט די הייליקע ערד. אין ווייסן צוויט האָבן זיך אָנגעטאָן די מאַנדל־ביימער און ווייט אַרום האָט זיך געפילט זייער שטאַרקער און געשמאַקער אַראָמאַט.

אין דער דאָזיקער צייט בין איך געקומען קיין חדרה. דער וואַלד האָט אויף מיר געמאַכט אַ ווונדערבאַרן איינדרוק. עמעצער האָט מיר נאָך דערציילט, אַז דער רוסישער קאָנסול קומט אַהער אויף יאַגד. הייסט עס, אַז אמתער וואַלד מיט אַלערליי חיות און פייגל, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער אויף גאָטס ערד, און דאָס האָט אַזוי געפרייט.

איך בין אָוועק בעטן אַרבעט ביי אַ קאָלאָניסט. דער אָוונט איז געווען אַ ליכטיקער. די לבנה איז אַרויס אויפן טיף־בלויען הימל. אין דער קליינער הילצערנער כאַטקע, צווישן די ביימער, ווו עס האָט זיך געפונען די אַרבעטער־קיך, האָט מען געזונגען נאָך וועטשערע. פאַרליבטע פאַרלעך זענען אַרומגעגאַנגען איבער די אַלייען. איך האָב זיך געפילט אַביסל איינזאַם אויפן נייעם פּלאַץ און דעם אמת געזאָגט, האָט געשראָקן דער געדאַנק, וואָס דאָ זענען שוין געפאַלן אַזוי פיל קרבנות פון געלן פיבער.

ביים קאָלאָניסט אין הויז איז געווען פינצטער. אָבער אויפן גאַניק איז געזעסן אַ מיידל, אָנגעטאָן אין אַ פאַרביקן קליידל און אַ ווייסער בלוזקע. איך האָב שוין געוווּסט, אַז אירע עלטערן זענען שפּאַניאָלישע ייִדן און האָבן זיך באַזעצט אין חדרה מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווּהין זיי זענען געקומען פון סיריע.

— וווּ איז דיין פאָטער? — האָב איך געפרעגט אין ייִדיש.

זי האָט מיר געענטפערט אין העברעיש, אַז ער וועט באַלד קומען און אויב איך וויל קען איך דאָ צוואַרטן אויף אים.

— קען איך זיך זעצן נעבן דיר אויפן גאַניק?

— פאַרוואָס נישט? — האָט זי מיך אַביסל פאַרוונדערט אָנגעקוקט מיט

אירע גרויסע אויגן. איר פּנים איז געווען טונקל־מאַט און זי האָט אויסגעזען צו זײַן נאָך גאָר יונג.

— ווי רופֿט מען דיך? — האָב איך געפֿרעגט און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ברעג פֿון גאַניק.

— שׂרה. און ווי איז דײַן נאָמען?

— קאַרנאָ.

מיר האָבן אַ ווײַלע גערעדט. איך האָב איר דערציילט, אַז איך בין שוין אין לאַנד אַ פּאָר חדשים און אַז איך וויל ווערן אַ פּראָסטער אַרבעטער, כאָטש פֿון באַרוף בין איך אַ קינסטלער, אַ מאָלער.

די לעצטע פּאָר ווערטער האָבן אויף איר געמאַכט אַן אײַנדרוק. זי האָט זיך אין מיר נײַגעריק אײַנגעקוקט און אַפּנים מײַן אויסזען איז איר געפֿעלן געוואָרן.

— וואַרט נאָך צו, — האָט זי געזאָגט. — מײַן פֿאָטער וועט זיכער באַלד קומען.

איך האָב נישט געהאַט ווהין זיך צו אײַלן. דאָס בילד, ווי איך זיץ מיט דעם מיידל אויפֿן גאַניק אין דער פֿאַנטאַסטישער לבֿנה־נאַכט, איז מיר געווען שטאַרק צום האַרץ. זאָל זיך דער קאָלאָניסט פֿאַרשפּעטיקן וואָס לענגער. איך קען קומען צו אים אויך מאָרגן גאַנץ פֿרי.

ערגעץ אין וואַלד האָט אַן ווערטער זיך צעזונגען אַן אַראַבישער וועכטער.

דאָס איז געווען אַ ווײַנענדיקער מאָנאָטאָנער און זייער טרויעריקער מאָטיוו, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אויף מיר אַן אומעט. איך האָב נישט ווילנדיק אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ.

— אַלי זינגט, — האָט געזאָגט דאָס מיידל. — ער האָט שוין געהאַט געגנוג געלט אָנגעקליבן צו קויפֿן זיך אַ כּלה, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט, נאָר זי איז פּלוצים געשטאָרבן אין פֿעלד ביי דער אַרבעט. אַלעמען דערציילט ער וועגן זײַן אומגליק.

די לבֿנה האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקנדל און איז ווידער אַרויסגע־שווומען און דער וואַלד האָט אויפֿסניי זיך געטונקען אין פּאַספּאַר־ליכט. אויפֿן וועג האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער מאַן, וואָס איז געגאַנגען אַביסל אײַנגעבויגן. דאָס איז געווען שׂרהס פֿאָטער. ביי זײַן זײַט, מאָדנע באַוועגנדיק זיך, איז געשוווּ־מען אַ שוואַרצער הויקערדיקער שאָטן.

— טאַטע, מ'וואַרט אויף דיר, — האָט געזאָגט שׂרה, און זיך אויפֿגעהויבן פֿון גאַניק.

דער אַלטער קאָלאָניסט האָט מיט מיר אַ ווײַלע גערעדט. ער האָט געוואָלט

וויסן ווי האָב איך שוין געאַרבעט און ווי לאַנג איך בין אין ארץ־ישראל. יאָ, און וואָס טוען מיינע עלטערן אין גלות, אין דעם „מאָסקאָבי"־לאַנד, ווי די אַראַ־בער רופן רוסלאַנד. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק: צי איך וועל זיך אויסטויגן צו זיין אַ טרעגער אין זיין באַיאַרע און מיין הויכער וווּקס מיט די ברייטע אַקסלען האָבן אַפּנים אויסגענומען ביי אים, ווייל ער האָט פריינט־לעך געשמייכלט און אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף מיין אַקסל. עס איז זייער גוט. איך קען קריגן ביי אים אַרבעט. אָדער אפשר האָט ער אַ טראַכט־געטון וועגן עפּעס אַנדערש? שרה איז שוין אַ דערוואַקסענע מיידל. נאָר איך וועל אייך דערציילן כסדר. עס איז אַ פאַרגעניגן זיך צו דערמאָנען יעדע איינצל־הייט פון יענע ווונדערבאַרע יאָרן.

שרה איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געשוויגן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי קוקט אויפן פאָטער און בעט זיך ביי אים אָן ווערטער, אַז ער זאָל מיר געבן אַרבעט. נאָר דערהערט די לעצטע ווערטער, אַז ער שטעלט מיך אָן, האָט זי עפּעס מיט פרייד אַרויסגערעדט אין שפּאַניאָליש. אָבער איך האָב נישט פאַר־שטאַנען וואָס.

— שלום, — האָב איך געזאָגט און באַדאַנקט דעם אַלטן.

— שלום, — האָבן ביידע געענטפערט און זענען אַריין אין הויז.

איך בין נאָך אַ וויילע אַרומגעגאַנגען איבערן וואַלד און געטראַכט וועגן קאָלאָניסטס טאָכטער. די נאַכט, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווערט אַלץ געהיימ־ניספולער און שענער. די לבנה איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל. מיט זיל־בערנע שטראָמען האָט זיך איבערגעגאָסן די קליינע אָזערע הינטער דעם „גאָל־דענעם באַרג" פון דער קאָלאָניע. באַלד איז אין וואַלד געוואָרן שטיל און נאָר דער וועכטער אַלי האָט אַלץ אויסגעזונגען זיין טיפן טרויער און זיך נישט געקענט באַרויקן.

די ערשטע נאַכט אין וואַלד בין איך געשלאָפן ביי מיינעם אַ לאַנדסמאַן. ער האָט מיר אָפּגעטראָטן זיין קליינינקן חדרל אויף אַ פּאָר טעג, ווייל איך בין נישט געווען זיכער ווי לאַנג איך וועל פאַרבלייבן דאָרט.

מיטן מאָרגן־רויט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער. פייגל האָבן געטשוויטשערט און דיביימער זענען געווען באַשפּריצט מיט אַ געדיכטן טוי. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט, מיט אַלע אירע לעבעדיקע באַשעפענישן, זינגט אַ פרימאָרגן־תפילה און פון די בלויע הימלען שמייכלט גאָט צו דער ערד.

— ווי גוט דאָ איז, — האָב איך געטראַכט און ווידער איינגעדרימלט.

נאָר אָט האָט מיר מיין לאַנדסמאַן אָנגעקלאַפּט אין טיר און איך האָב גע־דאַרפט אויפשטיין גיין צו דער אַרבעט.

אַ ווײַלע שפּעטער בין איך אַרויס פון הויז. פון ים האָט געבלאָזן אַ ווייכער זוינטל און געבראַכט מיט זיך שטראָמען אַראָמאַטן פון די אָראַנזשן־גערטנער, פון די לאַנקעס מיט ווילדע פאַרביקע בלומען הינטערן וואַלד. איך האָב זיך דערמאָנט אָן געלן פיבער, וואָס הערשט אין דעם שיינעם ווינקל, און עפּעס האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלייבן, אַז עס איז אמת. אָבער אין דער מינוט האָט זיך פון צווישן די ביימער באַוויזן שרה.

— שלום, — האָט זי מיך באַגריסט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— שלום, שלום, — האָב איך זיך דערפרייט און ביידע זענען מיר געבליבן שטיין.

זי איז טאַקע געווען אַ שיינע, אָט דאָס דאָזיקע שפּאַניאָלישע מיידל. די גרויסע אויגן טונקל־ברוין און דער קערפּער שלאַנק און שטאַרק געבויט. ליפּן האָט זי געהאַט פולע און ציין ווייסע, קליינינקע, אויסגעטאָקטע ווי פּערל.

— וווהין גייסטו איצט? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב ליב אַלע אינדערפרי נעמען אַ שפּאַציר איבערן וואַלד און קלייבן אָנעמאָנען, כאָטש די דאָזיקע בלומען שעדיקן די אויגן; נאָר איך האַלט זיי אין אַ וואַזע מיט וואַסער אויף מיין פענצטער. אָט האָב איך אויך געפונען אַ בלויע פּיאָלקע. גיב אַ קוק.

זי איז געשטאַנען פאַר מיר אַזאַ פרישע און אַ ריינע און אירע אויגן האָבן געשטראַלט און איר יוגנט איז געווען ווי דער פרימאָרגן אין וואַלד. איך האָב אַ שמייכל־געטון און זי אָנגענומען ביי אַ האַנט. זי האָט אַ לייכטן ציטער געטון און אַ רויטקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר מאַטעוון פּנים.

— דו ווייסט, — האָב איך געזאָגט, — איך בין איצט געגאַנגען און געטראַכט וועגן דיר.

זי האָט געשוויגן און די פּיאָלקע איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט. הויך איבער אונדז האָט זיך דורכגעטראָגן אַ סטאַיע פייגל.

— איך וועל שפּעטער קומען אין באַיאַרע און מיר וועלן צוזאַמען שניידן די אַפּעלסינען.

איך האָב איר געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר זי האָט אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ און איז פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער.

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, האָט זי גערעדט העברעיִש און איך האָב איר געענטפערט אין יידיש. איך האָב גוט פאַרשטאַנען העברעיִש, נאָר

רעדן איז מיר נאָך געווען שווער. איר ספּרדישע אויסשפּראַך האָט געקלונגען אין מיינע אויערן ווי געשמאַקע מוזיק.

— אָט, ווען אַזאַ מיידל האָט מיך ליב, — האָב איך אַ טראַכט געטון. עד, וואָס פאַר אַ פריידי דאָס וואָלט געווען פאַר מיר. קיין געליבטע האָב איך אין יענער צייט נאָך נישט געהאַט. איך בין געווען אַן ערנסטער יונגערמאַן און שטענדיק פאַרטון אין מיין קונסט. אמת, עס האָט זיך אין די נעכט אָפט שטאַרק געבענקט נאָך לאַסקעס פון אַ פרוי, אָבער דער „וועלט שמערץ" האָט דאָך אַרויס־געריסן אין מיין האַרץ מער געפילן, ווי די באַגעגענישן מיט מיידלעך. נאָר איך פאַרקריך אַלץ אַן אַ זייט.

דער אָראַנזשן־גאַרטן, וווהין איך בין געקומען אַרבעטן, איז געווען אַרומ־גערינגלט מיט ציפּרעסן־ביימער. ביים טויער איז אויף אַ שטיין געזעסן דער שומר, אַ יונגער געזונטער בחור מיט אַן אָפּגעבערענט פון דער זון פּנים.

— אַביסל צו פרי, — האָט אַ שמייכל געטון דער וועכטער. אָבער חנה און עליק זענען שוין דאָ.

חנה האָט זיך גערעכנט פאַר איינער פון די בעסטע אַרבעטערינס אין דער קאָלאָניע. זי איז געווען נישט קיין שיינע און דאָך האָט זי פאַרמאָגט אַ געוויסן רייץ אין איר מיאוסן פּנים. ניין, איך דריק זיך אויס נישט ריכטיק. מער פון אַלץ האָבן גערייצט די בחורים איר פלינקייט און פיזישע שטאַרקייט, די עלאַס־טישע גלידער אירע און דער אומרויִקער שיין פון אירע קעצישע גרינלעכע אויגן און די חוצפּה צו מאַכן אָפט חוזק פון אַלץ און פון אַלעמען, ווי איינער זאָגט: איך בין נישט קיין שיינע? איז ווועמען אַרט עס! וואַרט, איר וועט נאָך די כּפּרה ווערן פאַר מיר. און דער אמת איז געווען, אַז די מערסטע מענער האָבן געזוכט צו ווערן נאָענט מיט איר. זיי האָבן געבענקט נאָך איר אין די וונדער־באַרע ארץ־ישראל־נעכט און קיינער האָט נישט געוווסט וועמען זי וועט ליב באַקומען.

איך האָב זיך צוגעזעצט אויפן שטיין נעבן שומר.

— עס איז אומעטיק אין וואַלד, — האָט ער געזאָגט. — מען וואָלט גע־דאַרפט אוועקגיין ערגעץ וויַיט. ווי געפעלט דיר חנה?

— אַ געזונטע מויד.

— יאָ, יאָ, דאָס איז אמת. זי איז אָבער אויך אַ גוטער טייוול און גיי כאַפּ זי אַריין אין דיינע הענט. אין די לאַנגע נעכט, וואָס איך היט די באַיאַרע, בענקט זיך נאָך איר. אַלץ קריכט זי מיר פאַר די אויגן. אָט גייט זי מיר אַנטקעגן אין פעלד, אַ געזונטע און גליקלעכע מוטער, מיט אַ קינד אויפן האַנט. און איך שפּאַן אַ מידער פון דער אַרבעט מיט דער קאָסע אויפן אַקסל. זי איז שוין אַ פּאָר טריט

פון מיר און דאָס קינד שטרעקט אויס זיינע הענטלעך און שרייט: טאַטע! טאַטע! און אַרום וויגן זיך שטיל צייטיקע גאָלדענע זאַנגען און די זון פאַרגייט הינטער די אייגענע בערג.

אָט אַזוי האָט דער שומר גערעדט און צוזאַמענגעדריקט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט.

וועגן עליקן וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן. מיר זענען געוואָרן נאָענטע חברים.

ווען דער טוי האָט זיך אויסגעטריקנט אויף די אַפּעלסינען, האָבן מיר זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. איך און עליק זענען געגאַנגען מיט לייטערס און האָבן אַראָפּגענומען די אָראַנזשן פון די שפּיצןביימער. די מיידלעך האָבן געשניטן פון אונטן. נעבן אונדז, מיט קערב אויף די קעפּ, זענען געשטאַנען אַראַבערקעס, וועלכע פלעגן אַוועקטראָגן די אַפּעלסינען אין אַ גרויסן הילצערנעם סאַראַי, ווו מ׳האָט זיי סאָרטירט, געוויקלט אין גילזע־פּאַפּיר און געפּאַקט אין קעסטלעך.

אַ יונגע אלמנה, וועמענס מאַן עס איז געשטאָרבן פון געלן פיבער, האָט גע־אַרבעט שווייגנדיק. איך געדענק שוין נישט איר נאָמען. חנה האָט נאָכאַנאַנד געזונגען און געפּלאַפּלט מיט אַ שלאַנקער יונגער אַראַבערקע, וועלכע האָט גע־האַט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, אַזוי ווי קוילן און אַ טאַטויִרטן פּנים.

— חנה, לאָמיר זיך בייטן מיט די אַראַבערקעס, — האָט געשפּאַסט עליק. — דיינע איז אַ שיינע און מיינע קוקט אויס ווי אַן אַלטע מכשפה.

— זי וועט נישט גיין צו דיר, — האָט געזאָגט חנה. — און איך וועל צו דיר אויך נישט קומען.

— גאָר אַזוי. וועסט בעסער ווערן. פאַטמאַ, קום אַהער צו מיר!

— לא (ניין)! — האָט געענטפערט די אַראַבערקע און אַ שאָקל־געטון מיטן שוואַרצן קאָפּ האָר, אין וועלכע עס זענען געווען אַריינגעפלאָכטן קליינינקע זיל־בערנע מטבעות.

די זון האָט באַלויכטן די באַיאָרע מיט אירע וואַרעמע שטראַלן און צע־וואָרפן אוזאָרן און גאָלדענע פלעקן אין די שמאָלע אַלייען פון גאָרטן.

חנה האָט אָנגעהויבן זינגען עפּעס פון טשערניכאָווסקין. איך געדענק נאָר די ערשטע צוויי כטראָפן:

„אָ, לאָמיר זיך ביידע ליבן
און לידער לאָמיר זינגען, מיין פריינט!“

עליק האָט אונטערגעכאַפּט. ער האָט אָבער נישט פאַרמאָגט קיין שטימע. דערפאַר איז דאָס געווען אַ בחור מיט אַ פליגלדיקער פאַרביקער שפּראַך וועלכע ער האָט אויסגענוצט ביי יעדער געלעגנהייט.

— נו, ביי מיר גייט עס נישט מיטן האַלדז, — האָט ער זיך אַ וויצל־געטון.

— וועלן מיר פּרובירן מיטן צונג. קום אַהער, געליבטע מיינע, דאָ הערשט דער אייביקער פרילינג. לאָמיר געניסן פון לעבן ווי לאַנג מיר זענען נאָך יונג און נישט אויסגעלאָשן איז דאָס פייער אין אונדזער בלוט. די שטערן וועלן אונדז באַלייכטן מיט זייער שיין, די ביימער מיט אַ חופּה באַדעקן, און די גראָזן און בלומען וועלן צעגיסן אַרום אונדז זייער זיסן אַראָמאַט.

— וועמען מיינסטו עס? — האָט געפרעגט חנה. — מיך, פּאַטמאַן, אָדער דעם באַלעבאָס׳ טאָכטער, די שיינע שרהלע?

— נישט אַלץ איינס וועמען? אַלע מאַכט איר מיך דאָ משוגע.

אָנשטאָט אינדערפרי, ווי זי האָט מיר צוגעזאָגט, איז שרה געקומען אין באַיארע גאָר שפּעט נאָכמיטאָג. זי האָט גענומען אַ שער און זיך אַוועקגעשטעלט שניידן די אָראַנזשן נעבן חנהן.ביידע האָבן וועגן עפּעס גערעדט. אַז מיין אָראַ־בער האָט אַוועקגעטראָגן אַ קאָרב מיט אַפּעלסינען, בין איך צוגעגאַנגען צו זיי און אויך גענומען אָנטייל אין געשפּרעך. אַלע ווײַלע פלעגט זי מיך אָנרירן מיט איר יונגן שיינעם קערפּער און אַ זיסע מידקייט האָט אָנגעפילט מיין האַרץ.

פונדערוויטנס האָט געאַרבעט עליק און געשוויגן. און חנה איז עפּעס אויך פלוצים שטיל געוואָרן און אַ ביטער־פאַרטראַכטער אויסדרוק האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים מיט די קעצישע גרינלעכע אויגן.

שרה איז פאַרבליבן אין באַיארע ביז נאָך דער אַרבעט. מיר זענען צוזאַמען אַרויס פון גאָרטן. זי האָט מיר דערציילט אַז אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך געפילט אַביסל מאָדנע און אַלץ געטראַכט וועגן אונדזער באַגעגעניש אין דער פרי.

— וואָס האָסטו געטראַכט?

— איך קען עס דיר נישט זאָגן, — האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע ברוינע אויגן.

— פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט.

עליק האָט אונדז אָנגעיאָגט.

אין אָוונט, אין אַרבעטער־קיך, האָט חנה, מאָדנע שמייכלענדיק, אַ פרעג־געטון ביי מיר:

— פון ווען האָסטו זיך אַזוי באַפריינדעט מיט אונדזער באַלעבאָס׳ טאָכ־טער? זי איז אַ שיינע?

— זייער אַ שיינע, — האָב איך געענטפערט און בין אָפּגעטראָטן פון איר.

עס איז געווען אַ שטורעמדיקע נאַכט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן און דאָס רױשן פון ים האָט זיך געהערט ווײַט אַרום. איך בין געזעסן אין אַ ווינקל פון אַ קלײנעם חדרל, וווּ איך האָב שוין געוווינט מיט עליקן. ער איז געלעגן אויפן בעט, געקוקט אויף דער פאַררויכערטער סטעליע און איז געווען זײער שלעכט געשטימט.

— איך קען זיך נישט געפינען קײן אָרט, — האָט ער גערעדט מיט אַ פאַרדריסלעכער נאָטקע אין קול — אין אַזאַ נאַכט איז גוט צו זיצן מיט אַ געליבטער בײַ אַ וואַרעמען פײַער און חלומען וועגן פרילינג. און מיר... עס איז מיר קאַלט. אונדז אַלעמען איז דאָ קאַלט אָן ליבע. אונדז פעלן דאָ אויס מײדלעך. צו אײנער קען מען נישט צוקומען און די צווייטע איז מיאוס און איר קאָפּ איז פול מיט פראָגראַמען פון אַ צוואַנציק פאַרטײען. און לעבן האָט מען דאָ געקענט אין וואַלד... געווען אַמאָל אַ צײַט ווען אונדזערע מײדלעך האָבן געפאַשעט שאָף און געהיט ווײַנגערטנער. זײ האָבן געזוכט געליבטע אין די בערג, זינגענדיק „שיר השירים“. און איצט פירן זײ קלוגע געשפרעכן און זענען תמיד בלאַס און מיד. און מיר, ברודער, טויגן אויך נישט פאַר אַ געזונטן נײַעם לעבן. מיר קומען אַהער שוין צעבראָכענע, פאַרסמטע פון רעוואָלוציעס און בלוט.

מיר זענען שוין געווען באַקאַנט זײַנע שווערע שטימונגען. דאָס פלעגט אויף אים אָנפאַלן מיט אַמאָל. אָט־אָט וואַרפט ער אַלץ אַוועק און פאַרלאָזט ארץ־ישראל. נאָר לאַנג האָט עס נישט אָנגעהאַלטן. אינדערפרי גײט אויף אַ נײַע זון, דער וואַלד איז פול מיט פײגל־געזאַנג און עליק איז גאָר אַן אַנדערער.

— עך, קאַרנאָ, ווי גוט דאָ איז צו לעבן. די קאָלאָניע וואַקסט און מיר ווערן אַלץ שטאַרקער אין אונדזער לאַנד.

דערפאַר האָב איך איצט געשוויגן. זאָל ער זיך אַראָפרעדן פון האַרצן... דערצו האָב איך אין מײַן ווינקל געטראַכט וועגן שרהן. מיט אַ פאָר טעג צוריק האָט זי מיך אינדערפרי ווידער צופעליק געטראָפן אין וואַלד. מיר האָבן אַ ווײַלע גערעדט און דערנאָך האָט זי שטיל צוגעגעבן:

— קום אַרײַן צו אונדז אין אָוונט. מײַן פאָטער איז אַוועקגעפאָרן קײן יפו און וועט דאָרט פאַרבלײַבן אַ פאָר טעג. מײַן מאַמע איז שטענדיק קראַנק און לײגט זיך פרי שלאָפן. מיר וועלן קענען זיצן אויפן גאַניק און רעדן. קײנער וועט אונדז נישט שטערן.

מײַן האַרץ האָט גענומען קלאַפן שטאַרקער. זי רופט מיך צו זיך אַזוי פשוט, ווי מיר וואָלטן געווען אַלטע פרײַנט, אָדער חתן־כלה. אַ ווילדע פרײד האָט זיך צעזונגען אין מײַן בלוט. זי איז נישט גלײַכגילטיק צו מיר. דאָס איז זיכער. אַנדערש וואָלט זי דאָך מיר נישט געזאָגט, אַז איר פאָטער איז אַוועקגעפאָרן און

די מוטער לייגט זיך פרי אין בעט. יאָ, איך בין דאָן געווען יונג און זייער נאַיִוו. עס האָט מיך ממש גערירט ווי ליב דאָס איינפאַכע שפּאַניאָלישע מיידל האַלט זיך. דערנאָך האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער טאָג. אָט איז שוין די זון פאַרגאַנגען. אַ, דער וווּנדערבאַרער זון־אונטערגאַנג אין ארץ־ישראל. דאָס איז שווער אַפילו אײַ־בערצוגעבן אין פאַרבן. מ׳דאַרף אַרומגיין איינגעהילט אין ווייכער דעמערונג; זען ווי דער מערב ברענט, די קאָלירן בייטן זיך אַלע מינוט און אָט, אָט וועט מיט אַמאָל צופאַלן דער אָוונט.

אין יענעם טאָג, ווען מיר זענען געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט חנה צו מיר געזאָגט:

— קאַרנאַ, היינט וועט זיין אַ פינצטערע נאַכט. איך וועל שפּעטער קומען צו דיר, און אויב דו ווילסט, וועלן מיר כאַפּן אַ שפּאַציר צום ים. איך האָב ליב פינצטערע נעכט. מיר וועלן הויך זינגען און זיך נאַריש־מאַכן. גוט? — און אירע קעצישע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן.

— נישט היינט, — האָב איך געזאָגט.

— וואָס, ביסט פאַרנומען?

— יאָ, — האָב איך איר אָפנהאַרציק געענטפערט.

— וועמען דאַרפסטו זען?

— שרהן.

— גאָר אַזוי, — האָט זי זיך אַביסל אומנאַטירלעך צעלאַכט, — נו, וועל איך אַליין גיין. עס איז אַ פאַרגעניגן אַרומצובלאָנדזשען איבערן וואַלד אין אַ פינצטערער נאַכט.

נאָך וועטשערע האָב איך זיך איבערגעטאָן און בין אַוועק צו שרהן. איך האָב זי געטראָפן אויפן גאַניק. עס איז גוט וואָס איך בין געקומען, האָט זי מיט פרייד געזאָגט און דערציילט, אַז פאַרנאַכט איז זי געזעסן ביים אָפענעם פענצטער און געוואַרט עס זאָלן זיך אָנצינדן די ערשטע שטערן אין הימל. דערנאָך איז זי אַרויס אויפן גאַניק און זיך צוגעהערט ווי די אַרבעטער זינגען אין קיך. עס איז געוואָרן שטיל און דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן אין זייערע פענצטער. זי האָט אומרויִק געטראַכט: אפשר בין איך קראַנק געוואָרן. נאָר, ניין. אימיצער האָט זיך באַוויזן פון הינטער די ביימער און איז אַרויס אויפן וועג. זי האָט מיך דערקענט און זיך דערפרייט.

אַלץ קלייניקייטן וואָס זענען מיר אַזוי ליב צו דערמאָנען. איך שעם מיך אַפילו אַביסל צו שילדערן די סצענע וואָס איז צווישן אונדז פאָרגעקומען. אין מיינע יאָרן קלינגט עס סענטימענטאַל. אָבער אַזוי איז עס געווען און איך דער־צייל אייך דאָ וועגן מיין יוגנט און וועגן אַ ראָמאַנטישער שפּאַניאָלישער מיידל,

וואָס האָט נישט געהאַט קיין זאָרג און נישט געוווסט פון קיין נויט. און איר מוטער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך געפילט אומגליקלעך צוליב אַ פאַרבאָרגענער ליבע צו איר מאַנס אַ ברודער. אָבער זי האָט געוווסט וועגן דער טראַגעדיע און אפשר אויך אַליין שפּעטער איבערגעלעבט עפּעס ענלעכעס. דערצו האָט זיך שרה אויסגעהאָדעוועט אויף אַלטע פראַנצויזישע ראָמאַנען, וועלכע זי פלעגט אַ סך לייענען, ווען אירע עלטערן האָבן נאָך געוווינט אין ביירוט. נאָר הערט ווייטער.

— קום אַריין אין הויז, — האָט זי געזאָגט און אַלץ געהאַלטן מיין האַנט אין אירע ביידע הענט.

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין איר צימער. צוויי וואַזעס מיט רויטע אַנעמאָנען, און אויף אַ קליינעם טישעלע,ביים בעט, אין אַ גלאָז וואַסער עטלעכע בלויע פיאָלקעס. אַלץ ציכטיק, איינפאַך, און אין דער לופטן פילט זיך אַ דינער צאַרטער אַראָמאַט פון אַ ריינער געזונטער מיידל, וועמעס לייב האַלט אין איין בליען.

זי האָט מיך געבעטן זיצן און געעפנט דאָס פענצטער. אַרום הויז האָבן זיך געוויגט ציפּרעסן, ערגעץ ווייט אין וואַלד האָט געשריִען אַן איינזאַמער נאַכט-פויגל און שאַקאַלן האָבן געוויינט.

— מען הערט דאָ ווי דער ים רוישט, — האָט שטיל געזאָגט שרה. — מיר איז אומעטיק אין די אָוונטן. אָט איר אַרבעטער זינגט אַלע צוזאַמען אין קיך, ביי דער וועטשערע, און איך איז פריילעך. דער טאַטע פאָרט אָפּט אַוועק, די מאַמע איז קראַנק און איך זיץ אַליין ביים פענצטער. אַ גאַנצן טאָג איז נאָך ווי עס איז.

— פאַרוואָס קומסטו נישט אין קיך זינגען מיט אונדז?

זי האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט אירע ברוינע אויגן און אַביסל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ער לאָזט מיך נישט. זיי זענען נישט דיין גלייכן, זאָגט ער שטענדיק.

— נו, און אַז ער וועט זיך דערוויסן וועגן מיר?

— דו ביסט אַ מאָלער.

אַ פּאָר מינוט האָבן מיר ביידע געשוויגן. עס האָט זיך אַלץ געהערט ווי עס שרייט אין וואַלד דער נאַכט-פויגל און ווי די שאַקאַלן וויינען.

— נישט אין אַלץ דאַרפסטו דיין טאַטן הערן, — בין איך נאָענט צוגעגאַנגען צו איר. — דו ביסט שוין אַן אויסגעוואַקסענער מענטש. פאַרוואָס זאָלסטו נישט העלפן בויען אונדזער לאַנד? טרעף זיך אָפּטער מיט די אַרבעטער און דו וועסט אויפהערן צו בענקען אָן אַ פאַרוואָס. באַקען זיך נענטער מיט חנהן און מיט די אַנדערע אַרבעטערינס. זיי זענען ווילע אינטערעסאַנטע מיידלעך. דו

וויסט, אַז פילע פון זיי האָבן אין רוסלאַנד געלאָזן רייכע עלטערן און זענען געקומען אַהער פּראַצעווען פאַר עטלעכע בישליק אַ טאָג?

— איך ווייס עס, — האָט זי געזאָגט. — נאָר מיין טאַטע איז קעגן אַז איך זאָל גיין אין פעלד אַרבעטן.

— דו ביסט זעלטן שיין, שרה, — האָב איך פּלוצים געביטן דעם שמועס און זי אָנגענומען בייביידע הענט. זי האָט זיי נישט צוגענומען און איז געשטאַנען פאַר מיר אַ שטילע מיט אַן אויסדרוק אויפן פּנים וואָס האָט געזאָגט, אַז זי איז גרייט צו זיין מיר געהאָרכזאַם אַ גאַנצן לעבן; אָט־אַזוי ווי אַ פאַרקויפטע שקלאַפין. איך האָב זי צוגעצויגן צו זיך. זי איז צוגעפאַלן צו מיר און פאַרמאַכט די אויגן מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די ליפּן.

— טייערער, — האָט זי קוים צו הערן אַרויסגערעדט, — גוטער בחור מיינער.

איך האָב זי געגומען קושן. הינטערן פענצטער האָבן זיך געוויגט די ציפּרעסן...

דאָס איז געווען שבת. איך געדענק אַ כמאַרנעם טאָג. אין טיפע שוואַרצע מחשבות איז געשטאַנען פאַרזונקען דער עקאַליפּטוס־וואַלד. נידעריק איבערן גרויען ברויזנדיקן ים זענען געשוועוומען פאַרמלאָזע צעריסענע וואָלקנס און אַ געדיכטער נעפּל האָט באַדעקט די ווייטע גליל־בערג. נאָכמיטאָג האָבן זיך אייניקע אַרבעטער געקליבן ביי די זומפּן אויף געיעג נאָך ווילדע קאַטשקעס. נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו שפּריצן אַ רעגנדל, און זיי זענען זיך צעגאַנגען אַהיים. חנה, וואָס האָט אויך געוואָלט צושטיין צו דער חברה, איז אַוועק מיט מיר. איך האָב באַמערקט, אַז זי איז עפּעס זייער אומרויִק און דער נאַסער וועטער ווירקט אויף איר שלעכט. נאָך ביים עסן, אין דער אַרבעטער־קיך, איז זי געזעסן אַ פאַרטראַכטע און אומזיסט האָט דער וועכטער פון דער באַיאַרע, ווו מיר האָבן געאַרבעט, זיך באַמיט צו מאַכן זי פריילעך און אַלע ווילע אָנגעהויבן צו זינגען אַן אַנדער חסידישן ניגון, וואָס זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. נאָר חנה האָט אַלץ געשוויגן.

ווי איך דערמאָן זיך איצט, איז חנה דאַכט זיך געווען אַ מיידל מיט אַ קרענקלעכער נשמה און נישט קיין צופרידענע מיט זיך. מען האָט עפּעס גערעדט, אַז זי האָט אין רוסלאַנד איבערגעלעבט אַ שווערע דראַמע אין איר פאַמיליע און איז אַנטלאָפן קיין ארץ־ישראל פאַרגעסן אַן אַלץ. אמת, זי האָט ליב געהאַט זיין כלומרשט פריילעך און רייצן די בחורים, וואָס איך האָב שוין אייך פריִער באַמערקט. נאָר דאָס פלעגט צוגעבן אַ געוויסן חן איר נישט שיינעם פּנים און די

גרינלעכע קעצישע אויגן פלעגן זיך אָנציגדן. איז דאָס ביי איר געוואָרן אַ גויט־ווענדיקייט.

ווי זי האָט זיך באַצויגן צו מיר? עס איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ סוד ביז היינט־צו־טאָג, כאָטש מיין חבר עליק פלעגט אָפט מיר זאָגן, אַז איך בין אַ גליקלעכער בחור. דעם באַלעבאָס׳ טאָכטער רופט מיך צו זיך און אַז חנה איז צו מיר נישט גלייכגילטיק איז פאַר אים קלאָר ווי דער טאָג. נאָר איך האָב עס נישט געוווסט, אָדער פשוט נישט געוואָלט וויסן.

איך האָב זיך נאָך פון אינדערפרי געפילט נישט גוט. חנה האָט צוגעלייגט איר האַנט צו מיין שטערן און דערשראָקן געזאָגט:

— גיי, לייג זיך צו, קאַרנאַ. איך וועל שפּעטער קומען צו דיר.

דער רעגן האָט שטאַרקער גענומען גיסן. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אונטער אַ בוים.

— דו ווייסט, קאַרנאַ, —האָט זי געזאָגט,— אַז עליק האָט אַלץ טענות, אַז די טעכטער פון אונדזערע קאַפּיטאַליסטן גייען זיך אַרום פּוסט און פּאַס, אָדער פאָרן אַוועק קיין פּאַריז כלומרשט שטודירן, נאָר דער ציל איז צו געפינען אַ דאָקטאָר פאַר אַ מאַן. שרה וועט מסתמא אויך ערגעץ אַוועקפאָרן, אַ?

— דו רעדסט נאַרישקייטן, חנה, — האָב איך איר געענטפערט. — שרה איז אַ שטילע און אַ פיינע און רייסט זיך גיין אַרבעטן, נאָר דער פאָטער אירער לאָזט זי נישט. און אין אַלגעמיין מאַכט זי אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק.

חנה האָט פּלוצים אַ זאָג־געטון אַז זי וויל גיין צום ים און איז פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער. איך האָב איר אַ ווײַלע נאָכגעקוקט ווי זי שפּאַנט מיט גיכע, אַביסל מענערשע טריט.

— עפּעס אַ מאָדנע איז זי, — האָב איך געטראַכט.

עליק איז נישט געווען אין הויז. איך האָב זיך אויסגעטאָן, אַוועקגעלייגט מיין אַלטן מאַנטל אויף דער קאָלדרע און זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

דער כמאַרנער טאָג האָט מיט אַ בייזן אומעט אַריינגעקוקט אין פענצטער און אָנגעפילט דעם חדרל מיט טונקעלע שאָטנס וואָס זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין שווייגן. איך האָב פּלוצים באַקומען אַ הויכן פיבער און געפילט, אַז איך רעד פון היץ און דערמאָן אַלע ווײַלע שרהס נאָמען.

יאָ, איך האָב זי שוין געליבט, אָט דאָס שפּאַניאָלישע וואַלד־מיידל. וואָס פאַר אַ פייער זי האָט עס אָנגעצונדן אין מיר. מיין קינסטלערישע פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און איך האָב אין קאָפּ נאָכאַנאַנד געמאָלן פון איר קאָלירטע בילדער. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי איר יונג לייב שפּיגלט זיך אָפּ אין שטילע קלאָרע וואַסערן. אָט האָט זי מיך גערופן אין שאָטן פון אַלטע ביימער. און אָט זיצט זי

אין אָוונט ביים טיש און נייט עפּעס. דער לאָמפּ באַלייכט איר קאָפּ און דאָס פּנים איז האַלב אין שאָטן. אָבער די גאַנצע פיגור אָטעמט מיט דער וואַרעמקייט פון אַ יונגער, צאַרטער, געזונטער מוטער.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און איז אַריין. דאָס איז געווען חנה. זי איז שטיל צוגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון מיין בעט.

— דו שלאָפסט?

— ניין, עפּעס פלאָנטערט זיך מיר פון היץ. צינד אָן דעם לאָמפּ.

— לאָמיר אַזוי זיצן נאָך אַ פּאָר מינוט.

אין די שויבן פון פענצטער האָט אַ קלאַפּ-געטון דער רעגן. חנה האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, געמאַכט ליכטיק און אַוועקגעשטעלט אויף אַ שפּירט-מאַשינקע אַ טעפּל מיט וואַסער. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט צו מיר.

— פילסט בעסער?

זי האָט אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף מיין שטערן.

— דער פיבער איז, דאַכט זיך, אַראָפּ. יאָ, מיר איז בעסער.

— דאָס איז גוט, — האָט זי געזאָגט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי מיר דערלאַנגט אַ גלאָז טיי און דערציילט, אַז דער שומר פון דער באַיאַרע, וווּ מיר אַרבעטן, רופט זי קיין גליל. קום מיט מיר, טייערע, בעט ער זיך ביי איר. מיר וועלן זיך באַזעצן ערגעץ אויף אַ הויכן באַרג, פון וואַנען ווייט אַרום און אַרום וועלן מיר קענען זען אונדזער לאַנד. מיר וועלן זיך אויסבויען אַ קליינינקע שטיבעלע אין שאָטן פוןביימער. איך וועל זיין אַ פּאַסטוך און דו אַ פּאַסטושקע. נו, וואָס זאָגסטו אויף אים, אויף דעם בחורעץ? אַ גרויסער געזונטער יונגאַטש און פאַנטאַזירט ווי אַ יינגל. ער לאָזט מיך נישט אָפּ.

איך האָב געשמייכלט און זיך דערמאָנט מיינע אייגענע חלומות וועגן שרהן.

— ער געפעלט דיר?

— נאַרישקייטן. אויף פּסח קלייב איך זיך קיין ירושלים. און אַז איך וועל קומען צוריק וועל איך זען. אויף אַ באַרג זאָלן מיר זיך באַזעצן. אַזאַ טשיקאַווער בחור. איך וויל האָבן אַ הויז אין אַ קאָלאָניע און אַ שטיק ערד. דערצו איז ער נישט דער מענטש.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש.

ביינאַכט האָט זיך דער פיבער ביי מיר ווידער אויפגעהויבן. איך האָב ווידער גערעדט פון היץ און פאַנטאַזירט. נאָר אייגנטלעך האָב איך געוווּסט וואָס מיט מיר טוט זיך און אַליין נאָר געוואָלט אַרויסרופן שרהס געשטאַלט. מיר בלאָנדזשען

איבער די וויסטעניישן פון אונדזער לאַנד און מיר זענען אויסגעמאַטערט פון דורשט און הונגער. נאָר אָט האָבן מיר זיך אַרויפגעהויבן אויף אַ באַרג און דערזען, אַז אונטן אין טאָל האָט זיך צעשפּרייט אַ יידישע קאָלאָניע.

— ווו זענען מיר? — פרעגט שרה און טוליעט זיך צו מיר.

און ווי שטענדיק, אַז מען פיבערט און עס פּלאָנטערן זיך דיר חלומות, איז אַלץ אַזוי בונט און פאַרביק. אָט שטייט אַ ווייסער בית־המדרש באַדעקט מיט שטראָמען פון לבנה־שטראַלן. עס ציט זיך צום הימל אַ שלאַנקע פּאַלמע. איבער אַ פאַרגעסענעם קבר האָט זיך אויפגעהויבן אַ ציפּרעס־בוים. דער בענקנדיקער גייסט פון גאָט שוועבט אין דעם בלויען לאַזור. און אָט זענען מיר אין שול. עס איז פינצטערלעך. אויפן עמוד ברענט אַ ליכט און וואַרפט אַ שיין אויף אַ זקן, וועל־כער טוט שטיל תפילה. איך דערקען מיין פאָטער...

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געפיבערט און מיין חבר עליק האָט געדאַרפט עטלעכע מאָל אויפשטיין און מיר געבן אַ טרונק.

— נו, ברודער, איצט ביסטו אַן אונדזעריקער, אַן אמתער פּיאָנער, — האָט ער יעדעס מאָל ווידערהאָלט. — דער טייוול וועט דיך נישט נעמען. דאָס איז נישט דער געלער פיבער.

מיט שרהן פלעג איך זיך באַגעגענען כמעט אַלע אָוונט. אירע עלטערן האָבן שוין אויף מיר געקוקט ווי אויף אַן אייגענעם. מיר זענען אין דער שטיל געוואָרן חתן־כלה. עס איז איבעריק אייך צו דערציילן וואָס פאַר אַ גליקלעכע צייט איך האָב דאַן איבערגעלעבט. זי האָט מיר זייער ליב געהאַט און איז שטענדיק געווען אַזוי שטיל באַשיידן און איבערגעגעבן. איך האָב קיינמאָל נישט באַמערקט אַז זי זאָל וועלן זיין קאַפּריזנע, אָדער אומצופרידן מיט עפּעס. מיין וואָרט איז געווען הייליק ביי איר.

עס איז פאַרגעקומען עפּעס אַ יום־טוב אין חדרה. אין פיל פלעצער איז אין וואַלד געווען ליכטיק אין אָוונט פון די צעלייגטע פייערן, וואָס האָבן געוואָרפן פאַנטאַסטישע שאָטנס אויף די הויכע עקאַליפּטוס־ביימער. די יוגנט האָט געטאַנצט, געפירט קאַראַהאָדן, געזונגען, געשאָסן אין דער לופטן און געשטערט די שטיל־קייט פון דער נאַכט און דאָס שווייגן פון די אַרומיקע פעלדער.

איך מיט שרהן האָבן זיך אויך געלאָזט ווילגיין ביי די פייערן. זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר אויף אַ מינוט.

— קום צום ים, צום ים, — האָט זי מיך עטלעכע מאָל גערופן.

מיר זענען אומבאַמערקט פאַרשווונדן הינטער די ביימער און געפונען דעם וועג צום ים, וואָס האָט זיך געשלענגלט פאַרביי באַיאַרעס און וויינגערטנער. אין

דער דאָזיקער נאַכט האָבן נישט געווײנט די שאַקאַלן, אַנגעשראָקענע פון דעם טומל וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַרום און אויך די אַראַבישע וועכטער האָבן זיך נישט איבערגערופן און רויק געכאַפּט אַ דרעמל אין זייערע ביידלעך.

מיר זענען געגאַנגען פּאַמעלעך און זיך אַלע ווײלע אָפּגעשטעלט. דאָס געזאַנג פון דער יוגנט האָט אונדז דערגרייכט. איך האָב אַפילו דערקענט חנהס קול, וועלכע האָט געזונגען לײדנשאַפטלעכער און העכער פון אַלעמען:

„חבקיני נא,
נשקיני נא
על עין ועל פה".

מיר זענען צוגעגאַנגען צום ים און זענען געבליבן שטײן. שטיל. מיט אַ פאַרשלאָפענעם געמורמל, זענען זיך געשוווּמען די כוואַליעס צום ברעג, געקושט די זאַמדן און פאַרשוווּנדן, און גלײך זענען אַנגעלאָפן אַנדערע און אַזוי אָן אַ סוף.

— דאָ איז אַזוי גוט און שטיל, — האָט געזאָגט שרה, מיך אַרומגענומען און געלאָזט ליגן איר קאָפּ אויף מײן אַקסל.

— דו דאַרפסט קיין מורא נישט האָבן. מיר זענען נישט ווײט פון דער קאָ־לאָניע. און דו ביסט דאָך מיט מיר.

זי האָט אַרומגעכאַפּט מײן האַלדז און מיך געקושט. פון וואַלד האָט זיך ווידער דערטראָגן אַ קול און דאָס מאָל האָט געזונגען אַ מאַן:

„חבקיני נא,
נשקיני נא
על עין ועל פה".

— זאָג מיר, קאַרנאַ, איז דאָס אמת, אַז אין ים לעבן וואַסער־מײדלעך? — האָט שרה פלוצים אַ פרעג־געטון. — איך האָב געלײענט ערגעץ אין אַ פראַנצוי־זישן ראָמאַן, אַז אין לבנה־נעכט שווימען נימפען אַרויס אויפן פנים פון ים. מיט זילבערנע פעדים פאַרפלעכטן זײ זייערע גרינע, רויטע, בלויע האָר, וויקלען זיך אַרום מיט לבנה־שטראַלן און וועבן אַ פאַרכישופטן וועג צום שלאָס פון ים־קעניג. זײ שטיפן און לאַכן הויך, טונקען זיך אין וואַסער און שווימען ווידער אַרויף, און ווײזן די שטערן זייערע ווײסע ציין. איז דאָס אמת?

זי איז געווען נאָר ווי אַ קינד, דאָס שפּאַניאָלישע מײדל. איך האָב איר גע־זאָגט, אַז אין דעם גלייבן פּאָעטן, ווײל זײ שרײבן אַמאָל וועגן וואַסער־מײדלעך.

מיר האָבן זיך ווידער אַרומגענומען און געקושט.

— כלה מײנע, — האָב איך געשעפּטשעט אַ גליקלעכער.

און זי האָט מיר געענטפערט ווי אין שלאָף:

— דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן, אמת?

אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט אין וואַלד, האָט זיך שוין דער יום-טוב כמעט געענדיקט, ווייל די פייערן זענען שוין אויסגעלאָשן געוואָרן און נאָר איינצלנע פאַרלעך האָבן נאָך געזונגען און געטאַנצט. מיר האָבן באַמערקט חנהן מיטן וועכטער פון דער באַארע. איך האָב שרהן צוגעפירט צום הויז. איר פאָטער איז געזעסן אויפן גאַניק און קענטיק געוואַרט אויף איר. ער האָט נאָר באַמערקט:

— אַזוי שפּעט, קינדער!

מיר האָבן אַביסל פאַרשעמט געשוויגן.

חנה, דאָס מיידל מיט די קעציש-גרינלעכע אויגן, האָט באַוויזן וואָס זי קען. נאָר איך וועל נישט פאַרלויפן פאָרויס.

שרה האָט מיר שוין צוגעזאָגט, אַז זי וועט פאַרלאָזן איר פאָטערס הויז און אַוועקגיין מיט מיר אַרבעטן, אַלץ, אַלץ וועט זי טון. איך דאַרף איר נאָר זאָגן וואָס. און דערווייל האָט מיט מיר אויך געהאַט אַ שמועס איר פאָטער און לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז ער איז גרייט מיר אַוועקצוגעבן זיין טאָכטער. ער האָט מיר אפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז איך וועל קענען אַוועקפאָרן קיין ירושלים און אַריינטרעטן אין פּראָפעסאָר שאַצס קונסט-שולע, וואָס האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן. זיין טאָכטער האָט אים דערציילט וועגן מיינע מאָלערישע אַמביציעס. ער וואָלט געוואָלט אַ קוק טון אויף מיינע בילדער און צייכענונגען. אין זייער פאַמיליע איז געווען אַ גוטער סקולפּטאָר און געלעבט יאָרן אין פּאַריז (ער האָט מיר אָנגערופן דעם נאָמען פון קינסטלער, נאָר איך געדענק אים נישט). קורץ, אין קאָלאָניע האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז איך גיי ווערן אַ חתן פאַר שרהן, פאַר דער שיינער שפּאַניאָלישער מיידל, וואָס איר פאָטער פאַרמאָגט אַ גרויסע באַארע, מאַנדל-גערטנער, וויין-גערטנער און פעלדער. אין קיך האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן אויף מיר צו קוקן גאָר אַנדערש. דער חברה-מאַן איז אַריין קיין ארץ-ישראל מיטן רעכטן פוס. עליק האָט זיך מיט מיר אַלץ געוויצלט, אַז ווען איך וועל ווערן רייך זאָל איך אים האָבן אין זינען און מאַכן פאַר אַן אויפפאַסער אויף די אַראַבערקעס אין דער באַארע.

און חנה איז ווי אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און די גאַנצע געשיכטע האָט איר כלומרשט נישט אינטערעסירט. זי איז עפּעס ווי מיט אַמאָל מיר געוואָרן אַ פרעמדע און ווייניק גערעדט מיט מיר. דערפאַר אָבער האָט אויפגעשיינט דעם וועכטערס מזל און איך פלעג זיי טרעפן אַלץ אָפטער אַרומשפּאַצירנדיק צוזאַמען אין די אָוונטן אין וואַלד.

יאָ, אונדזערע שטילע לאַנגזאַמע שפּאַצירן צווישן די הויכע עקאַליפּטוס-

ביימער. וועגן וואָס פלעגן מיר רעדן? מסתמא וועגן אַלץ אין דער וועלט. אָבער פאַרבליבן איז אין מיר דער זיסער ציטער, וואָס פלעגט דורכנעמען מיין לייב יעדעס מאָל, ווען דאָס מיידל האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און מיר פלעגן אויף אַ מינוט-צוויי בלייבן שטיין אין דער געדיכטער פינצטערניש פון וואַלד אָדער פאַררייסן די קעפּ צום הימל און אָנהייבן ציילן די ווייטע-ווייטע גרויסע שיינענדיקע שטערן, וועלכע האָבן געפינטלט דאַכט זיך אַזוי פריינטלעך און נאָר ווי אונדז געזען אויף דער ערד. שוין אָפּגערעדט, אַז אלי, דער וועכטער פון דער קאָלאָניע, האָט זיך צעזונגען מיט זיין געשמאַקער פאַרבענקטער שטימע, וויינענדיק אַלץ נאָך זיין פאַרשטאָרבענער געליבטע.

און אָט קום איך אַ פרימאָרגן אין באיארע צו דער אַרבעט. איך גיי אַריין אין וועכטער־שטיבל, זוך אָפּ מיין שער, דערנאָך גיי איך אַרויס, נעם מיין לייטער און וואַרט, אַז איינע פון די אַראַבערקעס, וואָס שטייען אָן אַ זייט אין אַ גרופּקע און פּלאַפּלען הויך, זאָל מיטן קאָרב גיין נאָך מיר אין די אַפּעלסינען־אַלייען. איך רוף אָן אייניקע ביי די נעמען:

— כאַדיאַ, פאַטיאַ, לאַטיפאַ, יאַללאַ!

נאָר דאָ באַווייזט זיך דער אויפפּאַסער און גיט אַ געשריי:

— אַזיזאַ, גיי מיט דעם כאַוואַדזשאַ קאַרנאָ. דו וועסט היינט אַרבעטן מיט אים.

דער נאָמען האָט מיר אַ קלונג געטון באַקאַנט. און דאָ מוז איך אייך עפּעס דערציילן פון פריִער. ביי מיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל האָב איך געהאַט געגנוג געלט אויף צו לעבן אַ פּאָר חדשים, נאָר איך האָב עס גיך פאַרטאַכלעוועט מיט די אַרבעטער אין דער אָרעמער אכסניא, ווו איך בין איינגעשטאַנען אין יפו. מען האָט אַלע טאָג געמאַכט שמחהלעך, געזונגען און געטאַנצט הוראַס. דערנאָך בין איך אַוועק קיין רחובות. דאָס איז געווען זומער־צייט. איך האָב גלייך באַקומען אַרבעט. אַלע פאַרטאָג פלעג איך אַרויסגיין אין פעלד און ביז פאַרנאַכט רייניקן אַ פעלד פון די ווילדע וואָרצלען, וואָס שעדיקן די פלאַנצונגען. שעהן נאָכאַנאַנד פלעג איך שטיין איינגעבויגן און גראָבן מיטן פיאַש און אָפט פלעגט זיך אַזאַ וואָרצל פלוצלינג איבעררייסן און איך פלעג פאַרלירן זיין אָנהויב און נישט וויסן ווו צו גראָבן ווייטער.

אָפט פלעג איך שטאַרק בענקען נאָך אַ רעגן וואָס זאָל אָפּפרישן די ערד, ווייל די טעג זענען געשטאַנען זייער הייסע. אָבער אומזיסט האָב איך געקוקט אויפן הימל און די וואָלקנס, וואָס פלעגן זיך דאָ און דאָרט באַווייזן. באַלד־באַלד פלעגן זיי פאַרשווינדן און די זון האָט ווידער געבאַקט מיין קערפּער, וואָס פלעגט זיך אַלע ווײלע באַגיסן מיט נייע טראָפּנס שווייס.

קורץ, די אַרבעט אין פעלד האָט מיך אויסגעמאַטערט. איך האָב פלוצלינג

באַשלאָסן אַוועקגיין. מיין באַלעבאָס איז געלעגן אין שאָטן פון אַ בוים און זיך אָפּגערוט. איך האָב אים דערלאַנגט דעם פּיאַש און געזאָגט, אַז עס איז גענוג פאַר מיר.

— יאַללאַ, — האָט ער אַרויסגערעדט, ווי אײנער זאָגט: טראָג זיך אָפּ אָדער גיי זיך געזונטערהייד.

עטלעכע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען פריי און פלעג אַלץ קומען אין אַ הויף, וווּ אין שאָטן פון אַ צינקאָוון דאַך האָבן אַראַבקעס געשיילט מאַנדלען, וואָס מען האָט אָנגעבראַכט פון די גערטנער.

צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אָט די זעלבע אַזיזאַ, וואָס דער אויפפּאַסער פון באַיאַרע האָט געשיקט מיט מיר אַרבעטן. איר טונקל מאַטאָווער פּנים, מיט די עטוואָס לענגלעכע אויגן, האָבן שעלמיש געלויכטן, ווען איך פלעג זיך פאַר־קוקן אויף איר. איר קערפּער האָט געהאַט אַן איינגעבוירענע גראַציע און אירע פיס זענען געווען שלאַנק און קליין. זי האָט געמוזט זיין נאָך גאָר יונג און נישט אינגאַנצן אַנטוויקלט. זי האָט געטראָגן אַ ברוין לייוונט קלייד, מיט בלויע קווייטן אויף דער ברוסט און אַ רויטן גאַרטל. אין די שוואַרצע צעפּ זענען געווען איינ־געפלאָכטן אַ סך קלייניקע און עטלעכע גרויסע זילבערנע מטבעות און צוויי בראַסלעטן האָט זי געטראָגן אויף די הענט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויסגעצ־טאַקט פון טונקל־ברוינעם מאַרמאָר. מיט גיכע און פלינקע באַוועגונגען האָט זי געשיילט די מאַנדלען און זיי געוואָרפן אויף אַ ראַגאָזשע אַנטקעגן דער זון.

איך האָב געמאַכט פון איר אַ פּאָר צייכענונגען און זי האָט געלאַכט פון דעם „יאַהוד" וואָס איז אַזוי געוואָרן באַגייסטערט פון איר.

שפּעטער האָט מיר אימיצער דערציילט, אַז זי איז שוין דאָס דריטע יאָר פאַרהייראַט, נאָר איר מאַן זיצט אין תּפיסה און זי האַלט זיך ווידער אויף ביי איר פאָטער, וועלכער איז אַ שומר אויף אַ יידישן כּרם.

דערזעען מיך, האָט אַזיזאַ מיט פרייד אויסגעשריען:

— איך קען דיך, כאַוואַדזשאַ!

זי איז העכער אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַביסל פולער. אירע אויגן האָבן אַלץ שעלמיש געלויכטן.

דערנאָך, שטייענדיק נעבן אַפּעלסינען־בוים, מיטן קאָרב אויפן קאָפּ, ווײַזן איך האָב געהאַלטן אין איין אַריינוואַרפן די אָפּגעשניטענע אַראַנזשן, האָט אַזיזאַ נישט אויפגעהערט צו דערציילן וואָס זי האָט דורכגעמאַכט.

איך האָב נישט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט, נאָר פון אירע רייד איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן אין תּפיסה, און אַז זי האָט שוין

געאַרבעט אין דער דייטשער קאָלאָניע און איז קענטיק צעלאָזן געוואָרן. מיר האָט זי געזאָגט, אַז איך בין אַ שיינער און בלישטשענדיק מיט די מילך-ווייסע ציין, מיר אַ קניפּ געטון אין פוס.

— אינטי גוט, יאַכאַוואַדזשאַ!

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. נישט ווייט פון מיר האָט געאַרבעט חנה און די יונגע אלמנה וועמענס מאַן עס איז געשטאָרבן פון געלן פיבער. איך האָב באַלד דערהערט חנהס הילכיקן געלעכטער און נאָכדעם האָט זי זיך צעזונגען אויפן קול פון טשערניכאָווסקין:

„אָ, לאָמיר זיךביידע ליבן
און לידער לאָמיר זינגען, מיין פריינטו!"

איר פּלוצלינגער געלעכטער האָט געקלונגען נישט נאַטירלעך, מיט חוזק... נאָר וועמען אָרט עס און איך האָב רויִק ווייטער זיך צוגעהערט צו אַזיזאָס רייד, געשניטן די אַפּעלסינען און זיי געוואָרפן אין קאָרב, וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן קאָפּ.

מיטאָג-צייט האָט חנה ווי פאַרבייגייענדיק אַ פרעג געטון:

— קאַרנאַ, קענסט שוין לאַנג אַזיזאַן? מען זאָגט אַז נישט איין דערהרגעטער אַראַבער בענקט נאָך איר אין גן־עדן. צוליב איר זענען שוין געגנוג מענער אַוועק פון דער וועלט.

איך האָב חנהן דערציילט ווו איך האָב אַזיזאַן געטראָפן.

— פונדעסטוועגן לאָז זיך נישט קנייפּן פון איר, — און גלייך צוגעגעבן:

— נו, נו, איך מאַך שפּאַס, כאַ־כאַ־כאַ!

אָבער דאָס בלוט האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין פּנים. זי האָט עס טאַקע באַמערקט.

עס איז מיר שווער צו געפינען ווערטער איבערצוגעבן אייך דעם סוף, — האָט מיין פריינט ווייטער שטיל דערציילט, נאָכדעם ווי ער איז אַ ווילע געזעסן פאַרטראַכט. — אין אָוונט האָב איך ווידער פאַרבראַכט מיט שרהן. ס'האָט גערעגנט און מיר זענען פאַרבליבן אין הויז. מיר זענען געזעסן מיט אירע עלטערן ביים טיש און געטרונקען קאַווע. איך האָב גערעדט וועגן מיין היים אין רוסלאַנד. דערציילט וויציקע מעשהלעך וועגן אָרעמע יידן.

איר קראַנקע מוטער האָט מיך אַרומגענומען און אַ קוש געטון און שרה מיט איר פאָטער האָבן געלאַכט.

איך געדענק גוט יענעם לעצטן אָוונט (מער האָב איך שוין ביי איר נישט געקענט זיין), דעם גרויסן קעראָסין־לאָמפּ, וואָס האָט אַלץ באַלויכטן אַזוי אינ־טים, אַלט־היימיש, און די שוואַרצע, רעגנדיקע נאַכט הינטער די פענצטער. אַז איך בין אַוועק אַהיים, האָט מיך שרה באַגלייט צום אַרויסגאַנג. זי איז געווען איבערגליקלעך, וואָס איך געפעל אויך אַזוי שטאַרק איר מוטער.

אויף מאָרגן איז געווען אַ זוניקער, וווּנדערבאַרער טאָג. איך בין אַ פריי־לעכער געקומען צו דער אַרבעט און אַזיזאַ איז שוין געשטאַנען מיט איר קאָרב און געוואַרט אויף מיר. זי האָט מיך באַגריסט און פריינטלעך געשמייכלט. דער אויפפּאַסער האָט אונדז געהייסן גיין אין אַ זייטיקן ווינקל פון דער באַיאַרע און דאָרט שניידן די אַפּעלסינען. די זון האָט גיך אויסגעטריקנט דעם נאַכטיקן רעגן און דעם טוי און איך מיט אַזיזאַן זענען אַוועק אין דער שטילער אַלייע, ווו די זאַמדיקע ערד איז געווען ווי באַמאָלן מיט אוזאָרן פון די שאָטנס וואָס די נידע־ריקעביימער האָבן געוואָרפן פון זיך.

איך בין אַרויף אויפן לייטער און אַזיזאַ איז געשטאַנען נעבן מיר און דער־ציילט וווּנדער איבער וווּנדער, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען אין דער דייטשער קאָלאָניע. זי האָט גערעדט גיך און אַלע ווײַלע זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ הילכיקן קול, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער באַיאַרע.

צו אונדז איז צוגעקומען עליק און געמאַכט אַ וויץ, אַז מיר גייט פון אַלע זייטן. דערנאָך האָט ער געזאָגט אַזיזאַן אַז מאָרגן זאָל זי גיין אַרבעטן מיט אים.

— טאַיב, יאַכאַוואַדזשאַ (גוט, מיין הער), — האָט צוגעשטימט אַזיזאַ און צוגעוואָרפן אים אַ שעלמישן קוק מיט אירע עטוואָס לענגלעכע שוואַרצע אויגן.

אין אָוונט, ביי וועטשערע, אין אַרבעטער־קיך, האָט מיר עליק דערציילט, אַז נאָכמיטאָג איז דער באַלעבאָס מיט זיין טאָכטער געווען אין באַיאַרע. ער האָט, דאַכט זיך, געזען ווי שרה גייט צו מיר אין דער אַלייע, נאָר האָט זיך עפּעס גלייך אומגעקערט און איז אומבאַמערקט אַוועק. חנה האָט איר גערופן און שוין נישט געפונען.

איך האָב פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. פאַר מיר איז פּלוצלינג אַלץ גע־וואָרן קלאָר. אימיצער האָט דאָ אינטריגירט קעגן מיר און דערצו אויסגענוצט אַזיזאַן. אָט גיי און גיב אַ קוק ווי דיין געליבטער פאַרברענגט זיך פריילעך מיט דער צעלאָזענער אַראַבקע. נאָר ווער האָט עס געטון? חנה אָדער עליק? איך האָב שוין נישט געקענט ענדיקן דאָס עסן און בין אַרויס פון קיך. איך האָב באַשלאָסן גלייך זען שרהן און מיט איר זיך דורכרעדן. פאַרוואָס איז זי נישט צוגעגאַנגען צו מיר אין באַיאַרע? ווער האָט עס איר אָנגערעדט אויף מיר?

איך בין צוגעגאַנגען צו איר הויז און געבליבן שטיין נעבן די ציפּרעסן;

נאָר אַריינגיין האָב איך נישט געהאַט קיין מוט. אפשר וויל מען מיך מער נישט זען. דערצו האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן אַ כעס אויף שרהן און איך האָב אַ טראַכט געטון, אַז נאָך אַלעמען איז זי זייער אַ נאַזווע, פשוטע שפּאַניאַלישע מיידל, כאָטש זי האָט געלייענט אַ סך פראַנצויזישע ראָמאַנען. זי האָט דאָך גע־קענט מיך אַ רוף טון פון דער ווייטנס. וואָס אַזוינס האָט זי באַמערקט? אַזיזאַ האָט גערעדט און געלאַכט און איך האָב מיטגעלאַכט, וואַרפנדיק די אָראַפּגע־שניטענע אַפּעלסינען אין קאַרב, וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן קאָפּ. זאָל שרה זיין אַזוי קרענקלעך אייפערזיכטיק?

אין די פענצטער איז געווען ליכטיק. איך האָב אָנגעהויבן אַרומגיין אַרום הויז און וואַרטן. אפשר וועט זי זיך באַווייזן אויפן גאַניק. אַזוי איז אַוועק מער ווי אַ שעה. דערנאָך האָב איך באַמערקט ווי פון דער הינטערשטער טיר, פון קיך, באַווייזט זיך מיין באַלעבאָסטעס אַלטע יידישע דינסט. איך האָב איר אין דער שטיל געבעטן אַרויסרופן שרהן, נאָר זי האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס מיידל פילט זיך עפּעס נישט גוט און ליגט שוין אין בעט. זי קען עס נישט טון.

— וואָס איז איר? זי פיבערט?

— איך ווייס נישט. נאָר דער פאָטער האָט אויף איר געשריען און זי האָט געוויינט.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— איך ווייס נישט. נאָר מען האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט אייער נאָמען.

— מיין נאָמען!

— יאָ.

איך בין אַוועק איבערן וואַלד און אַרומגעבלאָנדזשעט ביז שפּעט אין אָוונט. בין פאַרקראָכן צום ים און זיך דערמאָנט ווי שרה איז מיט מיר דאָרט געווען, אָט נישט לאַנג צוריק, ווען עס איז פאָרגעקומען דער יום־טוב אין קאָלאָניע, ווי זי האָט גערעדט וועגן די נימפן, וואָס שטיפן אויפן פנים פון ים און פאַר־פלעכטן זייערע גרינע, רויטע, בלויע האָר מיט זילבערנע פעדים, ווי זי האָט מיך הייס געקושט און דאָס געזאַנג פון דערווייטנס:

„חבקיני נא
נשקיני נא
על עין ועל פה״.

מיר האָט זיך פאַרוואָלט שרייען פון אַ שרעקלעכן אומעט, וואָס איז מיר פלוצלינג באַפאַלן, פון אַ טיפער איינזאַמקייט, וואָס האָט צוזאַמענגעדריקט מיין האַרץ ביז ווייטיק. אַזוי נאַריש האַלט זיך אַלץ ביים איבעררייסן.

אַז איך בין געקומען אין מיין חדרל איז שוין עליק געשלאָפן. איך האָב זיך אויסגעטון, אַריינגעוואָרפן אין בעט און כמעט אַ גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. האָט אימיצער דאָ פאַרפירט אַ רכילות אָדער שרה אַליין איז געוואָרן אַנגעצונדן דערהערנדיק ווי איך פאַרברענג און לאַך מיט דער אַראַבערקע? דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר נישט געגעבן קיין רו.

נו, און אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מיר דער אויפפאַסער געזאָגט, אַז פאַר מיר איז מער נישטאָ קיין אַרבעט אין באיארע. ער האָט מיר באַצאָלט פאַר אַ גאַנצער וואָך, כאָטש דאָס איז געווען, ווי איך געדענק, דאָנערשטיק. איך האָב אים שווייגנדיק אַ וואָרף געטון צוריק די איבעריקע פאָר בישליקעס.

— קאַרנאָ, — האָט ער באַמערקט מיט אַ מיטלייד־נאָטקע אין טאָן. — עס איז נישט מיין שולד. דער באַלעבאָס האָט געהייסן דיך אָפזאָגן. דו ביסט געווען אַביסל נישט פאָרזיכטיק.

— מיט וואָס? — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי מיר.

— וואָס ווייס איך...

איך בין אַרויס פון באיארע און דער וואַלד האָט מיך פלוצלינג אָנגעהויבן צו שטיקן. מיר איז געוואָרן ענג און שווער. איך האָב אַפילו שוין נישט געוואָלט זען שרהן און מיט איר זיך דורכרעדן, באַווייזן אַז איך האָב זי נישט אָפגענאַרט. דאָס אַנטזאָגן מיר פון דער אַרבעט האָט אויף מיר שרעקלעך געווירקט, כאָטש איך האָב זיך פרובירט טרייסטן, אַז אין דעם קען נאָר זיין שולדיק איר פאָטער. דאָך האָב איך שרהן אָנגעשריבן אַ פאָר זיי־געזונט־ווערטער אין העברעיִש און עס איבערגעגעבן מיט דער דינסט. זי האָט מיר נישט געענטפערט. דאָס האָט מיך נאָך שטאַרקער באַליידיקט.

— מען דאַרף פאַרגעסן אָן אַלץ, — האָב איך געטראַכט. — ווי עס זעט אויס, וואָלטן מיר סיי ווי סיי נישט געווען קיין פּאָר.

איך האָב באַשלאָסן מאָרגן צו פאַרלאָזן דעם וואַלד. אָבער אין אָוונט, אַז איך בין אַליין געווען אין חדרל, איז צו מיר אַריינגעקומען חנה מיט אַ מאָדנעם שמייכל אויף איר נישט שיינעם און דאָך רייצנדיקן פּנים.

— וואָס ווילסטו? — האָב איך זי געפרעגט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון מיין בעט און מיך שאַרף אָנגעקוקט מיט אירע גרינלעכע און לויכטנדיקע קעצישע אויגן.

— גייסט אַוועק פון חדרה?

— יאָ, מאָרגן פאַרטאָג.

— האָסט טאַקע אויף אַן אמת ליב שרהן?

— און דו דאַרפסט אַלץ וויסן, כדי צו קענען טרייבן רכילות.

— און אַז יאָ, וואָס קענסטו מיר טון?
זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז נאָענט צוגעקומען צו מיר.
— לאָז מיך צורו.

אָבער מיט אַמאָל האָט זי אַרויפגעלייגט אירע ביידע הענט אויף מיינע אַקסלען. איר ברוסט האָט געאָטעמט שווער און דאָס פּנים אירס האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ זעלטענער שיינקייט, וואָס האָט מיר אַ בלענד געטון פאַר די אויגן ווי אַ צויבער־ליכט.

— בלייב דאָ, נאַרישער בחור, דו וועסט קריגן אַרבעט ביי אַן אַנדער קאָלאָניסט. צו וואָס דאַרפסטו די צעבאַלעוועטע רייכע שפּאַניאָלישע בת־יחידקע? גיי נישט אַוועק פון דאַנען, קאַרנאַ. מיר דאַרפן דאָ האָבן יונגע געזונטע בחורים וואָס זאָלן אויסטריקענען די פאַרבליבענע זומפּן אַרום וואַלד. און נאָך עפּעס וויל איך דיר זאָגן, אָבער שוויג, שוויג, און שטער מיר נישט עס אַרויסרעדן אָפן. איך האָב דיך ליב, קאַרנאַ! וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אויגן פון אַ פאַרבענקטער קו?! (איך געדענק גוט דעם דאָזיקן אויסדרוק) איך האָב דיך ליב. דו האָסט געוווּנען מיין האַרץ גלייך ווי איך האָב דיך דערזען אין אַרבעטער־קיך.

— געדענקסט, ווי איך האָב געטאַנצט יענעם אָוונט, אַז אַלע זענען ווילד געוואָרן פון באַגייסטערונג? — דאָס איז געווען פאַר דיר, נאַרישער בחור. איך האָב געוואָלט דו זאָלסט באַמערקן מיין קערפּער און דו האָסט טאַקע געשלונגען מיט די אויגן מיין יעדע באַוועגונג. — בלייב דאָ מיט מיר, קאַרנאַ, בלייב.

איך האָב זיך באַמיט איר צו באַרויִקן, כאָטש אַליין בין איך געוואָרן צעררודערט פון אירע רייד. נאָר פאַרבלייבן לענגער אין קאָלאָניע האָב איך נישט געוואָלט און נישט געקענט. דערצו האָט מיך געעקלט פון איר פּריִערדיקער האַנדלונג. אין אַלץ איז זי געווען שולדיק. איך האָב עס איר געגעבן צו פאַרשטיין. דאַן איז זי פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ און שטיל זיך, אַן אַ זיי־געזונט, אַרויסגעשאַרט פון מיין חדרל.

און איצט וויל איך נאָך עפּעס צוגעבן. וועגן שרהן האָב איך שפּעטער געהערט, אַז זי איז געשטאָרבן פון געלן פיבער און אירע עלטערן האָבן פאַרקויפט אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין חדרה און זענען צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ביירוט. און פון חנהן האָט מען מיר נישט לאַנג צוריק איבערגעגעבן אַ גרוס. זי האָט חתונה געהאַט מיטן וועכטער פון באַיאַרע און זיי זענען געוואָרן קאָלאָניסטן אין גליל. זי האָט אים געבוירן אַכט קינדער. פינף טעכטער און דריי זין און אַלע זענען זיי צוגעבונדן צו ארץ־ישראל. און אויב איך האָב אַמאָל אָפּגעטון אַ גרויסע נאַרישקייט

מײַן טאַטנס ניגון

אין מײַן לעבן — איז דאָס, וואָס איך האָב זי דאַן אָפּגעשטויסן. נו, און שרה איז ווי אַ מלאך פאַרבײַגעפלויגן.

מײַן פרײַנט איז אַנטשוויגן געוואָרן. דרויסן איז שוין געווען אײַנגעאַנצן פינצטער. איך האָב נאָך צוגעוואָרפן האָלץ אין קאַמין. דאָס פײַער האָט אויפגעפלאַקערט העלער און די חלוצים מיט די חלוצות אויפן בילד, אַנטקעגן אויפן וואַנט, זענען ווי ווילד געוואָרן אין זײער התלהבותדיקן קאַראַהאָד.

TALUSH (ISER MOUSSELEWITCH)

LA MELODIA DE MI PADRE

(NOVELAS)

★

Editorial "DER SPIGEL"
Buenos Aires, 1957